STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05617

VI ANDERSH

Ephraim Aysikowitchi

Permanent preservation of this book was made possible
by Joan & Michael Moriarty
in memory of
Nathaniel Fellows

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים איזיקאָוויטש

ווי אַנדערש

נעכטן און היינט

EPHRAIM AYSIKOWITCH

WI ANDERSH

Poly Publishing House
P.O.B. 705 Bnei Braq
Copyright by Author

אפרים אייזיקאָוויטש / ווי אַנדערש

פאַרלאַג „פולי״ ת.ד. 705 בני־ברק
כל הזכויות שמורות

©

נדפס בישראל 1967
Printed in Israel 1967

דפוס „אורלי״ תל־אביב, רח׳ יסוד המעלה 27, טל. 32062

פערעלען

ערשטע טייל

נעכטן

פראגמענטן פון ראָמאַן „ביים פרוט"

א

אָטעג שפרייט אויס זיינע פאָלעס ביים ברעג פון טייך פרוט. דער טייך גנבעט זיך אַפיר פון אונטער די קאַרפּאַטן־בערג און שלענגלט זיך אַזוי הונדערטער מיילן, גליעט די ברעגעס פון שטעטלעך און דערפער און שניידט זיך דורך אַ וועג צום ים אַריין. אַזוי אין זיין שטילן און צומאָל, בייזן גאַנג, נעמט ער מיט מיט זיך אַלץ, וואָס ער טרעפט אָן אויפן וועג: קרעכצן אויסגעהויכטע, ווייען דערשטיקטע, טרערן נישט דערוויינטע, שמוץ, וואָס ריטשקעס ברענגען אים פון די גרויסע הייזער... ער נעמט אויך מיט טרוימען, אויסגעחלומטע האָפענונגען, פאַרלוירענע ליבע־געזאַנגען פון יונגע הערצער, דעם פלאַם פון קושן... און וואָס נעמט ער ניט? אין די זומער־טעג נעמט ער מיט מיט זיך יונגע צאַפּלדיקע הערצער. ער איילט זיך און יאָגט זיך וואָס גיכער אַרויס פון זיינע ענגע ברעגעס, כדי אַריין אין די פרייע רחבותן פון ימען...

אויפן אָפּגעהאַקטן ברעג פונעם פרוט, האָט זיך דאָס שטעטל ניט צעשפּרייט אין דער ברייט, כדי נעמען אַ קיילעכדיקע פאָרעם. ס'איז גאָרניט שווער געווען פאַר בעסאַראַבער יידן, אַריבערצוּוואַרפן אַ בריקל איבערן פרוט און גיין ווייטער אויפן מערב, ווו מ'וועט געפינען אפשר אַ ביסעלע ליכט און וואַרעמקייט... דאָס הייסט לחלוטין ניט, אַז אין מזרח איז ניטאָ קיין זון. און נאָך וואָס פאַראַ זון! איז אָבער, די זון לייכט ניט פאַר אַ יעדן און וואַרעמט ניט אַ יעדן... און אַז דער סאָלדאַט, וואָס היט דעם רעכטן ברעג פונעם פרוט זאָגט: „שטיי", הייסט עס, אַז

ווייטער גיין טאָר מען ניט און אַז מען טאָר ניט, דאַרף מען ניט. אַקעגן אַ ביקסל שטעלט זיך ניט אַ ייד, פאַרקאַטשעט ער זיך די אַרבל און שטעלט אויף אַ דאַך איבערן קאָפּ אויפן לינקן ברעג פונעם פּרוט.

די שטיבלעך אין אָטעג זענען „צוגעקלעפּט" איינס צום אַנדערן און געטאָן האָט מען דאָס מיט אַ „חשבון": אַ בשותּפותדיקע וואַנט קאָסט ווייניקער און איז היימלעכער. ווער ווייסט, וואָס מיט אַ מענטשן קאָן זיך טרעפן — זאָגן יידן, מ׳ווערט פאַרשלאָפט פּלוצים אין מיטן נאַכט, צי איינעם פאַרגלוסט זיך אַוועקנעמען דיר דאָס ביסל אָרעמקייט און אַזוינע בעלנים זענען ברוך השם דאָ אומעטום אַרום און אַרום גענוג, איז גיסטו אַ קלאַפּ צום שכן אין דער וואַנט אַריין, הייסט עס, ביסטו זיכער, אַז ער וועט צו דיר אין איין רגע קומען צו הילף. פּאַר אַזאַ מין ענגשאַפט איז ביי אַ יעדן יידן פאַראַן אַן ענטפער אויף די ליפּן: „יידן פּשוטע דאַרפן לעבן ענג אינאיינעם". וואָס ס׳זאָל זיך דיר ניט טרעפן — איז גוט צווישן דייניקע, איז אַ שמחה פרייען מיר זיך אינאיינעם, איז חס וחלילה אַן אומגליק, איז אויך לייכטער אַריבערטראָגן". די גדולים, זיי נויטיקן זיך ניט אין אַ בשותּפותדיקער וואָרעמקייט. זיי וואַרעמט דאָס גאָלד און היט זיי אויס פון ביינאַכטיקע אָנפאַלן.

ביים אַראָפּלאָזן זיך פון באַרג אין שטעטל, עפנט זיך פאַר דיר אַ בילד, ווי דאָס שטעטל הילט זיך איין אין אַ וואַלד פוןביימער, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט דער אָרעמקייט און גלייכצייטיק פאַררייסן זיי זייערע געקרייזטע קעפּ איבער די הויכע הייזער, בלייבן די איינציקע אין שטעטל, וואָס קוקן פון אויבן אַראָפּ, און דערלאָזן ניט, זיי זאָלן ביי דיר אַוועקרויבן זייער חלק זון־שטראַלן און ליכט.

אַריינפאָרנדיק אין שטעטל, עפנט זיך פאַר דיר אַ ברייטע גאַס. אין הויז פונעם צווייטן — אַ מייל די ווייט. איינגעהילטע אין גערטנער. אין די הייף, לעבן די „בעסערע" די גרויסע גבירים. אָט די גרויסע הויפן, וואָס וואַרפן זיך דיר אין די אויגן פון דערווייטנס, מאַכנדיק אויף דיר אַן איינדרוק, אַז דו פאָרסט אַריין אין אַ מאָדערנער אייראָפּעאישער שטאָט, וועלכע האָט אַראָפּגעבראַכט דעם גן־עדן פונעם הימל אויף דער ערד און מענטשן לעבן דאָ אַ גליקלעך צופרידן לעבן.

אָבער ווען דו פאָרסט ווייטער, ווערט די גאַס אַלץ שמעלער און שמעלער, די הייזער אַלץ קלענער און קלענער — ביז גאָר קליינע און קליינטשיקע. בייכיקע ווענטלעך, איינגעבראָכענע דעכער, אויסגעהאַקטע שויבן, קרומע פאַרלאַטעטע טירן, אָן אַ גרעזל, אָן אַ בוימעלע אַרום זיי. און פאַר זיי. צוואָס פלאַנצן ביימער, פרוכט־ביימער? כדי צו פלאַנצן ביימער דאַרף מען דאָך גראָבן גריבער, היטן נאָכדעם די יונגע ביימעלעך פאַר בייזע ווינטן, זיי זאָלן נישט איינבייגן צי אַרויסרייסן און וואַרטן יאָרן, ביז זיי וועלן דיר ברענגען אַ פירה, בעת פאַר אַ פאָר גראָשן קויפסטו ביים פויער וואָס דו ווילסט: עפּל, באַרן, פלוימען וכדומה.

אויב ביים אָנהייב פון שטעטל אויף דער ברייטער גאַס ווילסטו אָפּגעבן אַ „גוט מאָרגן" דיין שכן, מוזסטו אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, ווייל הערן וועט ער דיך בשום אופן ניט, איז אויף די איבעריקע צענדליקער געסלעך קאָנסטו זיך גאַנץ שטיל דורכווערטלען מיטן ווייב, צי זיך בייזערן אויפן קינד צווישן דיינע פיר ווענט, וועט שוין דאָס גאַנצע שטעטל וויסן. ווען אַ יונגערמאַן נאָך דער חתונה רוימט אַריין אַ סוד אין אויער זיין יונג ווייבל, שמייכלט אונטער דער וואַנט זיין שכן און דאָס שמייכעלע שטעלט זיך אים אין האַלדז ביז ער פאַרהוסט זיך. איין שכן ווייסט, וואָס דער צווייטער עסט, ער פילט דעם ריח פונעם ראָסל־פלייש, הערט קלינגען די לעפל אין דער שיסל, בעת די אַכט לעפל שעפּן די יויך צו דעם באָרשטש ביים שכן. און פרייטיק צונאַכטס ווען מען זעצט זיך פּראַווען די סעודה און מען הייבט אָן מיט דעם קידוש, ווער איבער דער חלה און ווער איבער אַ גלעזל ראָזשינקע־ווייז, פאָרט ער אַריין, דער שכן אין קידוש אַריין מיט די זמירות.

די איינציקע הויפּטגאַס שניידט איבער דאָס שטעטל אין צווייען. דער מזרח־טייל איז פאַרנומען פון די „בעסערע", גרויסע און קלענערע בעלי־בתים, וועלכע האָבן זוכה געווען זיך צו באַזעצן אין שכנות מיט די סאַמע „גרויסע". דעם מערב האָט מען אָפּגעטיילט פאַר די בעלי־מלאכהס, האָרעשפּאַשניקעס און סתם פּשוטע קבצנים. די הויפּט־גאַס איז די גרענעץ צווישן „גדולי־הדור" און עמך. אויף דער צווייטער זייט גאַס אין מערב־זייט האָבן שוין אָנגעהויבן אויסוואַקן הויכע פּאַלאַצן צווישן

די מעוברתדיקע ווענט, אונטערגעהאַלטענע מיט סלופּעס, גרייטע אײַנגאַנצן זיך אָפּזאָגן צו האַלטן די נפשות צווישן זיך. אין די חורבות מיט זייערע שפּיציקע צעבראָכענע דעכער גראָבן זיך אַריין די גבירישע גאַווהדיקע פּאַלאַצן...

„ס'איז נישט באַשערט הנאה צו האָבן פונעם לעבן", טראַכטן זיך און זאָגן די „בעסערע", די גבירים. „אין בעסטן און שענסטן שבת צי יום־טוב, נאָכן עסן, ווען דו גייסט אַרויס פאַר דיין טיר, נעמען אַ ביסל פרישע לופט, כדי דער מאָגן זאָל לייכטער איבערקאָכן דאָס עסן, שיט זיך אַרויס אויף דער גאַס דאָס גאַנצע קבצנות פון שטעטל, נעמענדיק זיך קוקן אויף דיר. דער אמת איז, מען קוקט אויף דעם גביר אָבער ווי אַזוי קוקט מען? ווער מיט הכנעה, ווער מיט קינאה און ווער מיט אַ שמייכל. אַ חוזק־שמייכל שווימט אַרויס אויף די בליקן. און ווי זיי האָבן ניט פון וואַנען צו וויסן, ווי אַזוי מ'קוקט אויף זיי. איז דערפאַר ווילן זיי טאַקע ניט, אַז עמך זאָל מיט כל מיני בליקן זיי מעסטן פון קאָפּ ביז די פיס"...

„מען דאַרף" — זאָגט איינער צום צווייטן, „אָפּרייניקן די גאַס פון אָט די אָרעמע שלעפּערס! זאָלן זיי דאָרט אויף די הינטערגעסלעך זיך אויסקוקן די אויגן און שעפּן נחת איינס פונעם צווייטן".

„אויב דו ווילסט פון מיר פּטור ווערן און איך זאָל זיך איבערפּעקלען אויף דער אונטערשטער גאַס, וויל איך דווקא ניט".

מען לאָזט זיך אָבער ניט און ווען מיט גוטן (מ'גיט אַן איבעריק קערבל), פּרווט מען אָפּקויפן דאָס צעוואַלעטע שטיבל — אלא ניט, איז מיט בייזן: גייט מען אַוועק צום „גאַלאַוואַ" פון שטאָט (בירגערמייסטער) און מען זאָגט אים: אדוני פּריץ, לאָז דיר געבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז גאָר ניט שיין, אַז די הויפּטגאַס זאָל ווערן באַשמוצט פון אָט די קליינע צעבראָכענע חורבות. מיט אַזוינע דיבורים און מיט נאָך עפּעס... געלינגט אַרויסצושטופּן אַ פּאָר פון דער לינקער זייט גאַס, צעוואָרפט מען די קרומע האַרבאַטע ווענט און אויף זייער אָרט אַוועקשטעלן שיינע הויכע הייזער. געבויט האָט מען מיט אַ חשבון, כדי אין זינען צו האָבן אָט יענע, וועלכע פאַרעקשנטע ווילן בשום אופן ניט פאַרקויפן דאָס שטיבל דעם גביר. אָבער מען געפינט אַ מיטל: פון ביידע זייטן פּאַלאַט

לאָזט מען די רערן, וואָס טראָגן דאָס רעגן־וואַסער פונעם דאַך אַריין אין דר'ערד, די גריבער גראָבט מען פאַר די רערן מיט אַזאַ „חשבון", אַז דאָס וואַסער זאָל „גיין" אונטערן שכנס וואַנט. די שכנים זאָגט מען, אַז מען לאָזט אַריין דאָס וואַסער אין דר'ערד, כדי עס זאָל ניט מאַכן קיין בלאָטע פאַר דער שטוב. און ווען עס קומט אָן דער האַרבסט מיט זיינע פאַרוואָלקנטע הימלען און זיי לאָזן אַראָפּ אויפן שטעטל זייער גאַנצע שווערקייט, ווייקט דאָס וואַסער אונטער די אַזוי אויך שוין צעקרומטע ווענט, הייבן זיי אָן זינקען גאָר אויף אַן אַנדערן מין אופן, ווען דער ווינטער קלאַפּט אין דער טיר, אָנזאָגנדיק די גוטע בשורה, אַז ער קומט. אַ סך צייט דאַרף ניט פאַרגיין, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן זאָל פאַר די אויגן אַ בליץ טאָן דער הימל פון אונטער די וואָלקנס, ווי ער וואָלט געזאָגט: „איצט וועסטו זיך שוין פאַר מיר ניט אויסבאַהאַלטן"...

בחינם פאַרקויפט מען שוין דאָס שטיקל פּלאַץ און מען לויפט ווי די מייז, וואָס גיכער זיך אריבערפעקלען אין אן אונטער־געסל, איידער דער פראָסט גיט אַ שטאָך אין דער פּלייצע. אייניקע גייען אַרום, ברעכנדיק זיך די הענט, ווייגען און ווייסן ניט וואָס צו טאָן: „סטייטש". ער וואָלט דאָך געגעבן צוויי מאָל אַזויפיל, וויפל ער גיט אַצינד און וואָס וויטער טון מיטן צעוואַלגערטן בויד. פאַרוואָס — פרעגט מען ביי גאָט — „האָסטו מיך אַזוי ביטער געשטראָפט? מען קאָן בשום אופן ניט פאַרשטיין די סיבה, וואָס פלוצים האָט זיך אָנגעהויבן די וואַנט צו „זעצן" און צוואָס טויג עס דעם הימל, זיך אַריינציען צו אים אין שטוב? אויך דעם האַרבסט האָט אַ ביסל מער געריגנט ווי אין אלע יאָרן. אָבער ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז דאָס שטיבל, וואָס איז אים געבליבן בירושה פון זיין טאַטן, איז געווען אַן „אייזערנע", איז געשטאַנען אַזויפיל צענדליקער יאָרן פעסט אויפן באָדן ווי אַ „דעמב", איז פלוצים ערב ווינטער, האָט זי זיך באַרעכנט און גענומען „געלעגן ווערן".

ב

בערל שרה שיינדלס איז אַ שטיקל שניידער, דאָס הייסט, אויפנייען אַ פּאָר הויזן קען ער נישט, נאָר פאַרלאַטן אַ רעקל, צושניידן פאַר אַ קינד אַ פּאָר הייזלעך נעמט ער זיך נאָך אונטער. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט אים דאָס מזל אַ גראַבל געטאָן אין די אויגן. פּלוצים דערזעט ער אַ שטיק הימל ביי זיך אין שטוב. הויבט ער אָן רייבן די אויגן. לכתחילה האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער חלומט: „וואָס עפּעס, זאָגט ער זיך, טוט דער הימל ביי מיר אין שטוב?" עפנט ער ברייטער די צעשראָקענע אויגן און דאָס האַרץ צעיאָגט זיך און וויל אַרויס דורכן האַלדז. עס פעלט אים דער אָטעם. „ניין ניין, זאָגט ער זיך, די אויגן האָבן מיך נישט אָפּגענאַרט. יאָ, ווען דער ווינטער זעצט זיך שוין אויף דער נאָז, מ׳דאַרף פאַרקיטעווען די פענצטער, פאַרקלעבן די טירן, אַ שפּאַרינקעלע זאָל נישט בלייבן, גיט זיך אַ טייל־אָפּ די וואַנט פונעם דאַך און מאַכט מיר אַ לאָך אין האַרץ".

בערל שניידער ציט אַרויף די שטיוול, זוכט אַרויס אַ פּאָר שמאַטעס, פּרובט פאַרשטאָפּן דעם לאָך, אָבער עס גייט ניט. דער אשה זיינער זאָגט ער נישט קיין וואָרט, נאָר גנבעט זיך אַרויס שטיל פון שטוב און גייט גלייך צום שכן.

— גוט מאָרגן אייך רב שמואל — רייבט בערל שניידער איין האַנט אין דער צווייטער. — איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז איך האָב זיך באַרעכנט און וואָלט מסכים געווען אייך פאַרקויפן מיין דירה.

— בערעלע, האָסט פּאַרשפּעטיקט, — מאַכט רב שמואל שמייכלענדיק, — דער קאָפּ איז מיר איצט נישט דערביי, ווינטער־צייט קען מען זיך נישט גענעמען בויען.

רב שמואלס ענטפער האָט בערלען אין גאַנצן דערשלאָגן. אַ דער־צאַרנטער און פאַרביטערטער, געפינט ער נישט דעם געהעריקן טאָן, מיט וועלכן ער זאָל דאָך עפּעס פּועלן:

— סטייטש, איר האָט דאָך נישט לאַנג ערשט מיך געבעטן, אַז איצט זאָלט איר מאַכן מיט די אַקסלען?

— נו, האָסט באַדאַרפט וועלן דעמאָלט, ווען איך האָב געוואָלט. דיר האָט זיך דעמאָלט נישט געגלוסט, איצטערט גלוסט זיך מיר נישט. פאַרשטאַנען? וואָס־זשע ווילסטו איך זאָל נאַכגיין נאָך דיין קאָפּ. מיר דאַכט זיך, אַז... ער גייט איבער מיט די אויגן איבערן שיינעם, רייך־געצירטן מיט פּליושן מעבל־צימער ווי געזאָגט: „דו זעסט, וואָס מיין קאָפּ איז מסוגל אויפצוטאָן!“

בערל שניידער, געבויגן אין דרייען, מיט פייכטע אויגן און מיט אונטערגעהאַקטע פיס, שלעפּט קוים דעם קערפּער זיינעם אַרויס אויף דער גאַס, זוכענדיק וווּ צו געפינען אַ טרייסט. „אמת, טראַכט ער, איך בין נישט דער איינציקער, נאָך מיט עטלעכע שכנים האָט זיך אַזוינס געטראָפן, ווערט דען דערמיט מיר גרינגער? וווּהין וועל איך זיך אהינטאָן מיט מיין ווייב און קינדער אין ווינטער? און ווען ער קויפט שוין ביי מיר דאָס שטיקל פּלאַץ, איז סיי־ווי נישטאָ איצט ערגעץ־ווו אַ הינטער־געסל, ווו זיך קויפן אַ שטיבל. קיין אַרבעט איז נישטאָ, קיין הייצונג איז אויך נישטאָ איז וועט מען דאָס ביסל געלט אויפעסן און אויסהייצן.

אַזוי אַרום איז עס געלונגען די באַלעבאַטים אויסצורייניקן די לינקע זייט גאַס פון דער „שאַנד“ און אויפן פּלאַץ פון אַלטע חורבות איז אויסגע־וואַקסן אַ גאַנצע ריי שיינע הייזער. „עמך“ איז פאַרטריבן געוואָרן אין די אונטערגעסלעך, ווו נישט לאַנג אין די פּראַסטיקע ווינטער־נעכט פלעגן צו גאַסט קומען אויסגעהונגערטע וועלף זוכן אַ ביין.

פרילינג, ווען דער פּרוט צעגיסט זיך, פאַרטרענקענדיק דאָס גאַנצע

אָרעמקייט, מאַכט מען אַ בינטל פון אַ פּאָר צעריסענע גאַטיעס, פּאַרלאַטעטע הויזן, אַ קישעלע און מ׳גייט.

— וואָס האָט ער, וואָס באַדאַרף ער? האָבן, האָט ער טאַקע גאָרנישט, נאָר דאַרפן... עס טויג נישט צו רעדן פון אַזעלכע זאַכן און ס׳איז נישטאָ פּאָר וועמען, דערווייל, צו רעדן... מאַכט יענקל קיזשנער פּאָר אַ רעדל יידן, אָנשטופנדיק זיך די נאָז מיט טאַבעקע, זיי וואָלטן אונדז נאָך ווייטער אַרויסגעשטופּט, נאָר גיי, זיי דאַרפן דאָך אונדז...

— נו, צעוואָס? — מישט זיך אַריין אין שמועס משה־פּסחס, — דאָס הייסט שוין לשון־הרע, אפשר זענען מענטשן גאָרנישט אויף אַזויפיל שולדיק.

משה־פּסחס, אַן אויסגעדאַרט יידל, מיט אַ שפּיצעכיק נעזל און מיט צווי קליינע שאַרפע אויגעלעך, וועלכע זענען תמיד גרייט זיך אַריינרייסן אין דיר, אויב דו האָסט אַ כוונה אָנרירן דעם כבוד פון אַ פּאַרזאָרגער.

— לעמעשקע, — אַ בייזער צעשרייט זיך יענקל קירזשנער, — נישט שולדיק, נישט שולדיק, וער־זשע איז שולדיק, וואָס מענטשן גייען אַרום ווי הונגעריקע הונט, נאַקעטע און באָרוועסע און אַז אַ דאַך איבערן קאָפּ? זאָג! אָט די אַלע אַרבעטן דאָך ביי זיי...

*

אין האַרבסט, ווען בלייענע הימלען האָמעווען איין דאָס שטעטל, אויך אין פרילינג, ווען די ערשטע קאַרגע זון־שטראַלן דערבאַרעמען זיך אויף די איינגעפרוירענע געסלעך, פּאַרמישט זיך אַ בלאָטע, וואָס דערגרייכט צומאָל צו אַ האַלבן מעטער די טיף און איין פיס קען דעם צווייטן נישט אַרויסשלעפּן. דערפאַר זומער איז טרוקן, וואָס הייסט טרוקן, שוין צו טרוקן. ווען די קאַטיונעקעס ספּאַלאָשן זייערע פערדלעך און לויפן איבער די גאַסן מיט פולע זעק מיט ווייצן, גערשטן, פּאַפּשויער (קוקורוזע) זאָלן אָנלאָדן די באַרזשעס, הייבט זיך אויף אַ פּאַרעך, אַז דו זעסט נישט אַרויס דעם הימל און איינער דעם צווייטן דאַרף אָנטאַפּן מיט די הענט און אים פרעגן ווי ער הייסט.

תיכף נאָך פּסח הייבט מען שוין אַרויסקוקן אויפן ל״ג־בעומר, נישט אַזוי אויפן ל״ג־בעומר קוקט מען אַרויס, ווי אויף דער חתונה, וואָס דאַרף

זיין. אין יעדער שטוב רעדט מען פון חתן־כלה, פון די מחותנים. אַלע יידישע הערצער פילן זיך אָן מיט פרייד און רעשיק גייט מען אַקעגן דער שעה.

מיט פאַריסענע קעפּ צום הימל און מיט הערצער איבערגעפולטע מיט בטחון שלעפּט מען דאָס לעבן. אין שפּיץ פון דער מחנה גייען: די קלוגערע, אַ ביסל אויפגעקלערטע און נישט־געבעטענע... שולן „ברוך השם" זענען דאָ פּאָר צוויי מאָל אַזויפיל יידן, מ'דאַרף דאָך גייען אַהין צוויי מאָל אין טאָג אָפּטראָגן דעם „בורא־עולם" אַ הייסן לויב פאַר זיין שיינער וועלט. אַי, ער האָט נישט פון איר אַזאַ גרויסע הנאה, דאָס איז שוין ווי אַזוי „וועמענס מזל", געפינט ער דערויף אַ „טרייסט", איז מסתמא פאַר אים צוגעגרייט אַ שטיקל עולם הבאַ, על פּי יושר. גערעכטיקייט איז אַוודאי אין די „עולמות עליונים", אויב נישט דאָרט איז ווו דען? „די וועלט ווייזט אויס איז שוין פאַרטיילט פאַר אַנדערע, אוןביידע וועלטן וועט דער בורא נישט צוטיילן איינעם."

אין שול גייט ער נאָך, ווען עס זאַמלט זיך אָן אַ פּעקל צרות און ער פילט, ווי אַ שטיין ליגט אויפן האַרצן און דריקט אים, אָט, אָט לאָזט ער די נשמה, איז כאָטשבי זיך אָפּרעדן פון האַרץ. פאַר וועמען, אַז נישט פאַרן רבונו של עולם? וויינט ער זיך אויס אין שול די אויגן, אַרויסציענדיק ביי זיי אַזויפיל טרערן, אויף וויפל ער דאַרף, כדי דעם שטיין צעוויקן.

ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעוויינט, אַזוי הייבט ער זיך אָן פילן ווי ניי־געבוירן, אַ חוב באַצאָלט, איז מעג ער שוין ווידער, מיט אַ ריינעם געוויסן, שפּאַצירן אויף גאָטס וועלט ווי אַ פרייער פויגל אונטער זיינע הימלען מיט נייע האָפענונגען...

וואָס אין שטעטל איז נישט אַזוי „בסדר", דאָס איז די באָד, און נישט אַזוי די באָד, ווי די מקווה, דאָס הייסט, די באָד איז טאַקע אַ באָד, און די מקווה איז נאָך אַלץ אַ מקווה, אָבער דאָך נישט ווי ס'דאַרף צו זיין. ס'וואָלט אַוודאי געווען בעסער, ווען מ'מאַכט אַ שטיקל רעמאָנט, אַז נשים זאָלן נישט האָבן „טענות", אָפּקומענדיק מיט אָן אויסרייד און מיט כל מיני תירוצים. „ס'זאָלן, חס וחלילה זיך נישט אַריינגנבענען אַ פּאָר ממזרים אויף דער יידישער גאַס.

אין שטעטל זענען אויך דאָ אַ היפּש ביסל חדרים. חדרים פאַר אַזוינע קינדער און „אַזוינע", ווי מ'זאָגט ביי אונדז פון „בעסערע" עלטערן. אַ טייל מלמדים האָבן אַפילו באַקומען אַ באַפעל „נישט אויפנעמען פון די, אָדער פון יענע עלטערן", דאָס הייסט נישט „אויסמישן", זיי ווילן נישט, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך אָפּלערנען שלעכטע מידות.

מיטן רב פון שטעטל איז מען גאָר נישט אַזוי צופרידן. ער האָט גאָר אַ טבע, זיך אַריינמישן אין נישט זיינע געשעפטן. איז „פּני" האַלטן נישט דערפון. דערפאַר „עמד" לעקט זיך די פינגער. דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר זעט אין רב אַ גוטן פריינט, פּילט, ווי אין אים קלאַפּט דאָס האַרץ מער פאַרן פּשוטן, ווי פאַר זיך אַליין. איז טאַקע די סיבה, וואָס „פּני" דרייט מיט דער נאָז און פּרוּווט אַלץ רייצן דעם המון קעגן רב, אויסנוצנדיק דעם זון זיינעם, וועלכער האָט אי די פּאות, אי די באָרד אָפּגעשניטן. „אַ גאַנצער דייטש, שרייבט יידישע לידלעך, שפּעט פון מענטשן. אויף צעוואָס דאַרף מען אים? זאָל ער זיך גיין מיטן זונדל זיינעם."

דער רב מאַכט זיך נישט וויסנדיק און נישט הערנדיק. זיינע אויערן זענען אָפן פאַרן קליינעם, אָרעמען געסעלע אין אַזאַ מאָס, אַז פאַר אַלע טענות פון דער „גרויסער גאַס" בלייבן זיי פאַרמאַכט.

ר' אריה, דער ראָש פון די „פּני", האַלט זיך פאַר אַ תּלמיד־חכם. די באָרד איז ביי אים אַפילו שוין אַרומגעשוירן און די פּאות אויסגעגלייכט, דאָס הייסט, פאַרקירצט ביז נישט צום דערקענען, דאָך לעקן זיך די פינגער פון אים „פרומע יידן", טענהדיק, אַז ער איז „אַ ייד אַ בעל צדקה, זאָרגט פאַר אלמנות , יתומים און פאַר סתם אָרעמעלייט. און דאָס, וואָס אַ שטאָט מיט יידן לעבן אַרום אים. ווער העלפט יידן אין זייערע נויטן? נו, אַז ער נעמט אַ פּראָצענט איז וואָס? ווער דערלאָזט נישט, אַז מ'זאָל דיר די בעבעלעך אַרויסטראָגן פון שטוב, ווען מען קומט דיך פּלינען? ווער לייזט דיך אויס פון תּפיסה, אַז נישט ער, ר' אַריה?. נעמט ער ביי דיר אַ משכון, איז וואָס? טאַקע דעם גאַנצן צוטרוי האָבן צו קבצנים? און אומזוסט ווילסטו זאָל ער דיר דינען?"

ר' אריה האָט אַ טבע נישט צו ענטפערן אויף אַ „גוט־מאָרגן", אָבער אַ טייל טייטשן אויס זיין אויפפירן־זיך מיט מענטשן נישט צום שלעכטן.

„אַ מענטש, װאָס טראָגט דעם עול פון אַ גאַנצער שטאָט ייִדן אויפן קאָפּ, מעג אַ מאָל נישט ענטפערן אויף א„גוט־מאָרגן׳, װער װײסט פון װעמען. און אפשר טאַקע דעמאָלט געװען איז ער פאַרטיפט אין אַ װיכטיקן ענין לטובת הכלל״.

אָט די אַלע הייסע שבחים פאַר ר׳ אריה׳ן װערן פלוצלינג אָפּגעקילט, װען מ׳ברענגט אַרויס אַ פאָר חטאים זײַנע און מ׳שטעלט זיי אַװעק פאַר די נעזער פון די צעהיצטע חסידים. ייִדן שעפּן אַװדאי נחת, װען ביי די בעלי־שבחים פאַרפלאָנטערן זיך די צונגען אין די מײַלער און געפינען נישט קיין ענטפער אויף צונישט־צו־מאַכן די אַלע באַשולדיקונגען, װאָס װערן אַרויפגע־בראַכט אויף ר׳ אריהס געשוירענע באָרד און פאות. דערמאָנט מען זיך טאַקע אין רב זונס װערטלעך אויף ר׳ אריהס חשבון, װערט אַ געלעכטער, דערנאָך װערט אַ טומל, עס פּאָכען הענט, עס פינען מײַלער, גראָבע פינגער מאַרשירן אין רוים, צעציטערן זיך באָרד און פאות... אַ גליק, װאָס דער שמש קומט אויפן שכל, לויפט צו צום באַלעמער, גיט אַ קלאַפּ מיט דער האַנט און הויבט אָן זאָגן אַ רבנן־קדיש...

ג.

דער הימל איז באַדעקט מיט טונקעלע וואָלקנס און אַ מרה־שחורה הילט דיך איין. הייבסט אָן זיך פילן פרעמד אין דער נאַטור. די געקרויזטע שפּיצן פון אַקאַציעבוים געשמיסן פון נאַסן ווינט, קלאַפּן אָן אין פענצטערל פון שטיבל, ווי זיי וואָלטן זיך באַקלאָגט אויף זייער ביטערן גורל. פון די שוין פאַרגעלטע בלעטלעך קאַפּן אַראָפּ טראָפּן, ווי טרערעלעך, וואָס פאַלן פון טרויעריקע אויגן ביים געזעגענען זיך מיט אַלעמען און מיט אַלץ, וואָס איז געקומען מיט זיי אין באַריר. צאַפּעלדיקע, מיט אַ וויינענדיקן „טשירי־טשי" שפּרינגען אַ פּאָר פייגעלעך פון צווייגל צו צווייגל — זיי האָבן נישט באַוויזן צו דער צייט איבערצעציען זיך אונטער די דרומידקע וואַרעמע הימלען...

אין אַ זייטיק געסל, אַ קליין שטיבל אַליין, אָן שכנים, ווי אַן עלנט פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע קוקט מיט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן. אַזוי קומט פון די צוויי פענצטערלעך אַ מין בלאַסע, צאַנקנדיקע שיין. אין קליינעם פירעקעכיקן חדר זיצט הערש, ווי אַ קמצן אויפן קאַסטן, אין וועלכן עס ליגט זיין גאַנץ פאַרמעגן, מיט פאַרביילטע הענט און פון זיינע בייזע, פאַרצאָרנטע אויגן טיילן זיך אָפּ הייסע שטעכנדיקע בליקן. די, וועלכע שטיין אַרום אים און פרווון אים טרייסטן, געפונען זיך נישט קיין אָרט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען איבעריקע לעבן די שווער־געטראָפענע טאַטע־מאַמע...

— מיט וואָס איך לעב, — שעפּטשעט הערש שטיל. — ניין, ניין, איך וועל נישט געבן! גאָרנישט! איך האָב שוין אַלץ אָפּגעגעבן. וואָס נאָך? וואָס עפּעס מיך אויסגעקליבן? די נשמה אין מיר איז צעריסן, זאָל דער געדאַנק כאָטש בלייבן גאַנץ!

ער שטעלט אַריין דעם קאָפּ צווישן זיינע ציטערדיקע אויסגעביינערטע הענט, שפּאַרט זיך אָן אין קישן, אויף וועלכן עס ליגט אַ קראַנק קינד, דאָס איינציקע, וואָס איז אים פון פינף קינדער געבליבן.

הערש, גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַרן בית־דין של מעלה, עפּענענדיק זיין האַרץ און ווייזנדיק וויפל ווונדן עס זענען אין דעם אָנגעזאַמלט. אין שטוב אַ טויטע שטילקייט הערשט, אַלע אַרום שטיקן אין זיך אַ ווי און שלינגען אַ געזאַלצענע טרער. הערש טיילט זיך אָפּ פון קישן און אַ ים ווייען ברויזן אַרויס פון זיינע אויגן.

— יאָרן, יאָרן מיינע ביטערע, קומט איר כאָטש אַצינד מיר צו הילף! איך האָב דאָך איך אויסגעטראָגן מיט אַלע אייערע שבעה מדורי גיהנום, וואָס די „יושרדיקע וועלט" האָט פאַר מיר צוגעטראַכט. ביי אַלע ברעגעס פון שוואַרצן ים אַרומגעוואַלגערט.

זיין אָטעם האָט זיך איבערגעריסן אויף אַ רגע. זיינע בלייכע הענט האָבן זיך פיבערהאַפט געקלאַמערט אויף זיינע דאַרע שפּיצעכיקע קניען, איבערן מויל האָט אַ טרויער אַרומגעבלאָנדזשעט און זיינע ליפּן האָבן זיך קרענקלעך אַ דריי געטאָן:

— איר זאָגט, אַז איך בין נישט איינער... יאָ, יאָ, איך בין איינער פון אַזוי פיל!!

צוויי הייסע טרערן קאַטשען זיך אַראָפּ פון זיינע אויגן און פאַלן אויפן קילעמל, אויף וועלכן ער זיצט שבעה נאָך אברהמ׳לען און שלומה׳לען.

*

הערש זעט אויס עלטער פון זיינע עטלעכע און פערציק יאָר, דאָס פּנים איז גאַנץ פאַרגעלט און אויסגעדאַרט. צוויי שוואַרצע אויגן אונטערן זעקספּאַכיק־געקאָרטשעטן שטערן זאָגן אַלץ, וואָס זיי האָבן אין לעבן דורכגעמאַכט. זיינע אויגן האָבן קיינמאָל נישט געוויינט, ווייל דאָס האַרץ

זיינס האָט איינגעזאַפּט אַלע טרערן. בליקן קאַלטע, מידע, וואַרפן אַ שאָטן אויפן פאַרהאַרטעוועטן פּנים זיינעם. זיין פּנים איז געווען פרעמד פון אַ שמייכל, האָט עס אָבער אויך נישט געוויזן, וויפל סם ער שלינגט אַראָפּ. ער פלעגט נאָר אַ ביס טאָן די פאַרשמאַכטע ליפּ — דאָס האָט געוויזן, אַז ז'אָס האַרץ זיינס וויינט.

פאַר קיינעם האָט ער זיך נישט אָפּגערעדט פונעם האַרץ. טענות האָט ער געהאַט קודם צו זיך אַליין. קנאה איז געווען אים פרעמד... ספקות האָבן זיך אין דער נשמה זיינער איינגענעסטעט: „צי דער מענטש זוכט און וויל די גערעכטיקייט געפינען". הערש האָט נישט געוויינט, אָבער געלאַכט האָט ער אויך נישט. ער האָט נישט געקאָנט לאַכן, ער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי מען לאַכט. לאַכן לערנט מען זיך אויס אין די קינדער־יאָרן. האָבן אָבער זיינע קינדער־יאָרן זיך געוואַלגערט ביי די באַלעבאַטים, איז דערפאַר, ווען אַ פּעדעמל פרייד האָט זיך איינגעוועבט אין זיין האַרץ, האָט עס אַ בליץ געטאָן אין זיינע אייביק טרויעריקע בליקן.

אויפגעוואַקסן איז ער מיט אַ סך ברידערלעך און שוועסטערלעך. הערש דער עלסטער, ביי אַכט יאָר האָט ער שוין פאַר אַ ברויט אַוועקגעגעבן זיינע כוחות. דער טאַטע זיינער פלעג ברויט אַהיים ברענגען ביז צום מויל. די מאַמע זיינע איז מער אין בעט געלעגן, אַ קראַנקע געווען אַלע יאָרן.

— ליבסטו דאָס לעבן, דאַרפסטו ליב האָבן די אַרבעט, — פלעג ער פּרווון אויסרעדן די פריינט, ווען זיי פלעגן זיך פאַרקלאָגן אויף זייער גורל.

— נישט תמיד איז ווי דו זאָגסט, אַזאַ אַרבעט ווי מיינע, לאָזט זיך נישט מ'זאָל זי ליב האָבן און נאָך אַלעמען הייב איך זיך אויף מיט אַ ליידיקן מאָגן פון טיש.

— און אייניקע מיינען, אַז אויף אונדזער טיש איז דער אָנבייסן אַ זאַטער, — רופט זיך אָן איינער.

— מיר וועלן נאָך פאַר אונדזערן אָרעמען ברויט באַצאָלן און, ווי טייער באַצאָלן. און ווען? ווען מיר זענען אין דעם גאָר נישט שולדיק, אַ חוץ גאָט די נשמה...

— וויס איך, וואָס דו מיינסט מיט דעם צו זאָגן, — בייזלעך רופט זיך אָן סענדער חיה'קעס, — ס'איז אַ גאָט־זאַך, דערפאַר גייען די געגנדז באָרוועס?

אויף דעם שטייט די וועלט שוין טויזנטער יאָרן. ווער ס׳קען און ווער ס׳איז זוכה, דער לעקט אין לעבן אַ פעטערן ביין. נישט דערפאַר ליגן מיר אין דער אדמה, און... און...

אַלע ווילן סענדערן ענטפערן, מ׳איז נישט מסכים מיט אים, אַזוי צעצינדט זיך אַ הייסער שמועס צווישן די יידן, וועלכע כאַפּן אַ וואָרט אין מויל פאַרן דאַוו̇ענען.

סענדער חיהקעס, אַ הויכער ייד, אַ ביסל געבויגן, אין דעם איז ער שוין נישט שולדיק, וואָס דער עול האָט זיך שוין צו פיל אָנגעזעצט אויף זיינע פּלייצעס. די באָרד ביי אים איז אַ לאַנגע, שיין־צעקעמטע, נאָר אַ גרינע, מחמת די פאַרבן, מיט וועלכע ער פאַרבט די אַלטע אָפּגעבליאַקעוועטע רעקלעך, הויזן און ווייבערישע קליידער, פאַרבן אים אָפּ די האָר זיינע פון קאָפּ און פון דער באָרד אויף גרין. אין אָטעג האַלטן די יידן פונעם גרינעם קאָליר. אונטערן שטערן זיינעם לויפן אַרום צוויי איבערגעשראָקענע אויגן. רופט מען אים אָן אויפן נאָמען, אַזוי גיט עס מיט אים אַ וואָרף. ווען מ׳פרעגט אים, פאַרוואָס ער שרעקט זיך, מאַכט ער בזה הלשון: „חלילה, חלילה, נישט אמת, ס׳דאַכט זיך אייך, איך שרעק זיך נישט, פאַרוואָס, צי פאַר וועמען זאָל איך זיך שרעקן? נאָר פאַרן בורא עולם שרעק איך זיך.“

סענדער פאַרבער קאָן פון זיין מלאָכה קיין ברויט דעם ווייב און קינדער נישט געבן, טאָ מוז ער זיך אַן עצה געבן און ווערן אַ שטיקל שדכן, אַ בעל־שחרית אין שניידערישן שולעכל און ווען־נישט־ווען אַ שטיקל שמש.

— פאַרוואָס זאָל דער גוי ליב האָבן דעם יידן? — אין מיטן רעשיקן גע־פילדער, לאָזט זיך הערן הערשס קול, — ער אַרבעט אָפּ דעם גאַנצן זומער, ווי אַן אָקס, נעמט צונויף דאָס ביסל האַרעוואַניע זיינס און פירט עס אַוועק וועמען? ער גייט אַוועק מיט דעם, מיט וואָס מיר גייען אַוועק נאָך דער אַרבעט. ער פילט אין לעבן נישט קיין בעסערן טעם פון אונדז... דער פּריץ נעמט ביי אים אַראָפּ די סמעטענע, דער סוחר נעמט דעם קעז, איז מיט וואָס בלייבט ער? געפינט זיך שוין אַ מליץ־יושר, וואָס זאָל אים אויסטייטשן ווער ס׳איז דער שולדיקער און טראָגט אים אונטער אַ מיטל...

— שוויגן! שוויג שוין! איך קען נישט הערן דיינע אויסברייעכטסן,

אַן אויפגערעגטער הייבט אָן סענדער פּאַרבעך, טרייסלענדיק מיט זיין גרינער באָרד, לויט דיין שכל קומט אויס, אַז אין די פּאָגראָמען זענען אויך יידן שולדיק?

— איך האָב דאָס קיין מאָל נישט געזאָגט, — מאַכט הערש.

— און איך בין דווקא נאָענט צו דעם געדאַנק, — מאַכט ברוך קאָוועל, און זיין גוטווילליק שמייכל אויפן מויל ווענדט ער צו סענדער־חיה'קעס און נעמט אים דורך מיט זיינע קלוגע טיף־פאַרטראַכטע אויגן...

— פלי נישט מיטן קעפּעלע דיינעם צו הויך, — בייזערט זיך סענדער, — פאַרגעס נישט ווער מיר זיינען און אַלס אַזעלכע דאַרפן מיר זיך פאַרלאָזן... — אויפהויבנדיק די אויגן זיינע צום הימל.

— דעם „גאָט" דיינעם לאָז רוען דערווייל אויף יענער וועלט, — שמייכלענדיק מאַכט ברוך קאָוועל, — ווען מיר'ן קומען אַהין, דעמאָלט וועלן מיר אַ טראַכט טאָן... דער „גאָט" דיינער איז פאַר אונדז שוין צו אַלט און שמעקט מיט... .

— שווייג! — לאָזט סענדער ברוכן נישט דערזאָגן, — אין דיר רעדט אַ דיבוק, אַ נישט־גוטער, דו ביסט גאָר שוין פון זינען אַראָפּ. דערפאַר גייסטו מיטן דלות דיינעם אונדז אַלעמען אַריבער. דו משומד איינער, אויף וועלכע דרכים לאָזטו זיך?

— פאַרוואָס זאָלן מענטשן נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט זיי און אַרום זיי? — שוין ערנסטער מאַכט ברוך.

— אַפּיקורס, ווילסטו אַ תוהו־ובוהו ברענגען, און וואָס קען עפּעס גוטס אַרויסקומען, ווען מ'רייצט איינעם אַקעגן צווייטן?

קען נאָך זיין ביטערער? חכם מיינער, וואָס האָסטו צו פאַרלירן? וואָס פאַרמאָגסטו נאָך אַחוץ דעם דלות?

יידן אַרום הערן זיך איין אין שמועס צווישן סענדערן און ברוכ'ן. אַ טייל זענען מיט ברוכ'ן מסכים און שמייכלען אונטער אויף סענדערס חשבון. אייניקע קראַצן זיך אונטער די בערד — פאַר זיי איז דער גאַנצער ענין נאָך פאַרנעפּלט. ברוך, ווייסן זיי, איז אַן ערלעכער מענטש און זיי גלויבן נישט, אַז ער איז אַראָפּ פונעם דרך־הישר, בעת סענדערן קענען זיי פאַר אַ מה־יפית־ייד. ברוכס קנאַקנדיק קול לאָזט זיך הערן:

— ווייס, און זאָלן וויסן אַלע צו דיר גלייכע, אַז צו גוטס וועט אייך אייער גאָט נישט פירן, און נישט איין מאָל וועט איר זיך באַווייגען די יאָרן. זעסטו, אונדזער גאָט איז אַ גאָט פון אמת, אַ גאָט פון גערעכטיקייט און מיר אַליין דאַרפן אים זוכן, אויב מיר נייטיקן זיך אין אַזאַ גאָט!...

דאָ האָט זיך אויף דער שוועל ר׳ מענדל שוחט באַוויזן, האָבן זיך אַלע מיילער מיט אַ מאָל געשלאָסן. אין זיין אַנוועזנהייט וועט סענדער חיה׳קעס נישט פאַרבינדן אַזאַ שמועס. ווען אַ ייד קומט אַמאָל אויס צו שטעלן דעם שוחט אַ שאלה, נישט גראָד קיין פאַסיקע, גיט ער זיך אַ גלעט די באָרד און מיט אַ שטיל שמייכעלע ענטפערט ער: „מ׳דאַרף נישט פרעגן, דער רבונו של עולם ווייסט. וואָס ער טוט. פאַרלאָזט אייך אויף אים, ס׳איז דאָ אויף ׳זעמען!"

ד.

די זון האָט זיך צווישן די וואָלקנס אויסבאַהאַלטן און וויל איר צורה ניט ווייזן, ווי זי וואָלט זיך אַנגעברוגזט פאַר דער שלעכטער פאַרטיילונג פון איר ליכט און וואַרעמקייט. פאַר וואָס, טענהט זי, ניט אַלע זענען אין אַ גלייכער מאָס נהנה פון איר גוטסקייט? קיין געזאַנג, אַפילו אַ טרויעריקער זיפץ פון א פויגל קלינגט ניט אין דער געגנט. די ערד אין קלעם פונעם אומברחמנותדיקן פראָסט, איינגעהילט אין שניי ווי אין תכריכים האָט שוין לאַנג איר ווייַ אויסגעהויכט. דער פּרוט אונטער אַ שווערער אייזערנער דעק זעצט־פאַר זיין שטילן גאַנג צו די ברייטע ים־רחבותן. פאַריתומטע, עלנטע שטייען באַרזשעס צוגעשמידטע צו זיינע ברעגן און וואַרטן... די זון זאָל צום סוף שוין אין זיי זיך אויך דערמאָנען און כוח געבן דעם פּרוט, ער זאָל זיי אויפן רוקן זיינעם טראָגן צו זייערע פרייהייטן... די טויטע שטילקייט פאַרזייעט אַן אומרו אין האַרצן. ווי אויפן בית־הקברות. ווי מצבות איינגעהויקערטע, האָרבאַטע, צעבראָכענע — אזוי זעען אויס די שטיבלעך עלנטע מיט פאַרגליווערטע טרערן אויף זייערע פּנימער, ווי פאַרכישופטע אין דער אייביקער רואיקייט נאָך עפּעס טרוימען. פון אייניקע קוימענעס ציען זיך אין דער הויך דינע, גרויע, רויכן, ווי זיי וואָלטן תפילהדיק ביי די הימלען זיך געבעטן, זיי זאָלן כאָטשבי אויף איין שעה ארויסשיקן זייער זון פאַר די איינגעפרוירענע,

האַפּעגונגסלאָזע נשמות. דער אָרום, וואָס רינגלט אָרום דאָס שטעטל זעט אויס ווי אַ לאַנג פֿאַרלאָזטער בית־הקברות אין וועלכן דאָס לעבן האָט זיין תיקון אין טויט־שלאָף געפֿונען. די שוין צאַנקנדיקע ליכט הויבט אָן זיך מינען, ווי זי וואָלט געצאַפּלט מיט א געבעט פֿאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט, זי זאָל זיך ניט יאָגן אַזוי געשווינד און זי לאָזן נאָך אַ קוק טאָן אין די פֿענצטערלעך פֿון די קליינע שטיבלעך. די נאַכט אָבער? ווי קאָן חושך די ליכט ליידן? מיט אַ טיוולאָנישער גייציקייט שלינגט זי אויס ביזן לעצטן שטראַל, פֿאַרשפּרייטנדיק אַ שוואַרצן טוך אי־בערן קאָפּ אונטערגעזוימט מיט אַ ווייסן שנייענדיקן זוים.

חושך, נאַכט. אַ פֿאַרוואָלקנטער הימל לאָזט אַפֿילו ניט אַ שטערן אַ קוק טאָן אויף דער פֿאַרצאַרנטער ערד. פֿון ווייטנס, ווי ביי אַ טויטן צו־קאָפּנס, צאנקען ליכטלעך, וואָס גנבענען זיך אַרויס דורך קליינע שויבן פֿאַרהילטע אין שניי און אין אייז איינגעגלעזטע אין שטיבלעך, צעוואָרפֿענע ארום דעם שטעטל. אָט אָ די ליכטעלעך זאָגן אָן הערשן, אז ערגעץ אין איינע פֿון די עלנטע הייזלעך דרייען זיך ארום זיינע לייבלעכע, נאָך וועלכע זיין ציטערנדיקע נשמה גייט אויס פֿון גרויס בענקעניש. אַ שטיל פֿראָסטיק ווינטל צופּט און בראָט אויס דאָס פּנים, אונטער די פּיס קרעכצט דער שניי און דאָס האַרץ זיינס צעיאָגט זיך, בעת ער הויבט אויף דעם באַרג ווו דאָס שטעטל שפּארט זיך אָן.

ליפּע־הערש שניידט דורך אין שטילקייט די גאַסן, קוקט ניט אין קיינעמס זייט, כדי וואָס גיכער גרייכן צו זיינע: זיי דריקן צום אָנגע־ווייטיקטן האַרצן, הערן זייער קול, זען די לייבלעכע פּנימער, פֿילן זייער וואַרעמען אָטעם, זיך שפּיגלען אין זייערע בליקן און דערפֿילן דעם צאַפּל פֿון זייערע הערצער.

אָט שטייט זי די שטוב צווישן בערג שניי, אָט איז די טיר, דורך וועלכער ערשט מיט דריי חדשים צוריק האָט מען אויף איין ארון צוויי גופֿימלעך טויטע — זיינע קינדער — ארויסגעטראָגן. די נאָך ניט צונויפֿ־געצויגענע ווונדן הייבן אויפֿסניי אָן בלוטיקן, עפּעס ציט אים צום באָדן, ער ווישט אויס די אויגן, ווי ער וואָלט זיי דערזען ווי פֿלינק לויפֿן זיי צו צו אים מיט זייערע הענטעלעך אַריין אין זיינע קעשענעס זוכנדיק אַ צו־

קערקע, אַן עפּעלע, וואָס ער פלעגט זיי תמיד ברענגען קומענדיק אַהיים פון שטאָט. די אויגן אין אים גיסן זיך אָן מיט טרערן, דאָס האַרץ צעיאָגט זיך נאָך שטאַרקער און שרייט — זיך צו טוליען צו זייערע הערצער וויל עס. עס ווערט שווער, צו כאַפּן דעם אָטעם, עס שווינדלט פאַר די אויגן. ער שטעלט זיך אָפּ און שפּאַרט זיך אָן אין אַ בערגל שניי, וואָס פאַר דער שטוב. ער פילט ווי די פיס ווילן אים ניט האַלטן. ציט אין זיך אַריין די קאַלטע לופט און גראָבט טיף אײַן זיינע הענט אין דעם פּאַר־האַרטעוועטן שניי, זאַמלט צונויף אַלע זיינע כוחות, כדי זיך אויף די פיס האַלטן. ווי נאָר אַ שווייס איז אַרויס אויפן פּנים, הויבט ער זיך אָן פילן ווי עפּעס לייכטער, נעמט אַרויס די פאַטשיילע פון קעשענע באַווישט זיך דעם שווייס, ווישט אויס די אויגן, שאַרט אָפּ די שטיקלעך אייז פון די וואָנצעס און באָרד, טיילט זיך אָפּ פונעם בערגל שניי און דערנענטערט זיך צום שטיבל. ביים פענצטערל שטיין געבליבן. דאָס צאַנקענדיקע גאַז־לעמפּל וואַרפט שאָטנס אויף די ווענט, עמעצן זען איז אוממעגלעך, מחמת דאָס אייז און שניי אויף די שייבלעך לאָזן ניט עפּעס וואָס זען אין שטוב. ער הערט ווי דאָס קינד מאָנט עסן און רבקה, זיין ווייב, שטילט עס איין מיט ווייכע רייד: „דער טאַטע, זאָגט זי דעם קינד, וועט אהיים קומען, וועט ער מעל קויפן און די מאַמע וועט ברויט און בילקעלעך באַקן". רבקה האָדעוועט ווייטער דאָס קינד מיט מילך פון דער קו ווען זי וועט זיך קאַלבן, מיט פּוטער, וואָס וועט אויסשלאָגן פון איינגע־שטעלטער מילך, און זאָגט איר צו, אַז דער טאַטע וועט איר אַ קליידעלע אויף פסח קויפן און אַ פּאָר שיכעלעך אויך. ליפּע־הערש שטייט ביים פענצטער ווי ער וואָלט געוועז צוגעפרוירן צו אים, ווישט אויס אַן אויג, ראַנגלט זיך מיטן אָטעם, וואָס שטיקט אים און פּרוּווט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט עפענען די טיר.

מיטן קינד אויף די הענט גייט ליפּע־הערש איבערן צימער, קושט אויס דאָס בלויע נעזל, די געשוואָלענע בלויע הענטלעך, דריקט זי צום האַרצן, און לאָזט צוויי הייסע טרערן פאַלן אויפן קינדס בעקעלעך. שבעלע נעמט אריין איר טאַטנס פּנים אין אירע הענטעלעך, גלעט זיין באָרד, אַ פריילעכע שמייכלט זי און שפּרינגט אונטער אין זיינע הענט. רבקה מיט

ווי אנדערש

צוויי בלישטשנדיקע קינדערשע אויגן, וואָס פרייען זיך איבער אַ לאַנג געגאַרטער זאַך. זי זעצט זיך און שטעלט זיך אויף פונעם בענקל, קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען, לאַכט מיט טרערן און הערט זיך צו צו יעדעס וואָרט, וואָס ווערט פון הערשן אַרויסגעזאָגט און פרייט זיך, וואָס זי געפינט אַ פאַרבינדונג צווישן זיינע געדאַנקען. פרעגט אים אויס פון איר מאַמען, ביי וועלכער הערש איז געווען קאַרגע דריי חדשים, פון באַהאָשער צדיק, צו וועמען מען האָט אָפּגעפירט אים אויף אַ טיפּול. הערש פאַרגעסט ניט אויף אַלע אירע פראַגן געבן אַ דייטלעכן ענטפער און גלייכצייטיק צעבינדט ער דאָס זעקל, וואָס ער האָט געבראַכט אויף די פּלייצעס, נעמט אַרויס דעם טלית און תפילין, אַ ברויט, אָפּגעזאָטענע אייער, לייגט אוועק אויפן טיש:

— „עס מיידעלע מיינס! און דו רבקה, אַ הונגעריקע, פאַרוואָס שטייסטו? נעם עס!"

— „פאַרוואָס מיינסטו אַ הונגעריקע?", פרעגט רבקה.

— „וויפל טעג אָן ברויט געזעסן?"

— „ניט איינעם, מיט אַ שמייכל אַרום די ליפּן — ענטפערט רבקה. צוואָס אים ערגערן, טראַכט זי זיך, צרות אים צוטיילן. רבקה מיט אַ קינדערישן שמייכל, מער אַ געמאַכטן, לאָזט ניט זיך צורירן צו די רויע ווּנדן, אָבער אַ באַגעגעניש פון זייערע בליקן האָט דאָס פייער אין זייערע הערצער צעבלאָזן, ניט געפינענדיק קיין טרייסט־וואָרט איינער פאַרן צווייטן...

הערש האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אויוון האָט שוין לאַנג קיין פייער ניט געזען, אָבער געמאַכט זיך, אַז ער גלויבט איר און תיכף אַרויס פון שטוב, אַוועק צו זיינע באַלעבאַטים, ביי וועלכע ער האָט יאָרן שוין געאַרבעט.

הערש איז איינגעגאַנגען אויף אַלע תנאים, געחתמעט וועקסעלעך, באַקומען דעם רעשט נאָך דעם, וואָס מען האָט פאַרויס אָפּגערעכנט אַלע פּראָצענטן. זיינע פּרנסה־געבערס קענען אים פּאַר אָן אָרנטלעכן, ערלעכן מענטשן. אין ברען פון סעזאָן, ווען עס איז אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט, גייט הערש קודם אָפּאַרבעטן דעם חוב און פאַרשטענדלעך באַקומט ער העלפט

פונעם לוין ווי עס צאָלט זיך. תמיד לאָזט ער, אז זיינס זאָל איבערגיין, ווי ער האָט אַ טבע זאָגן, ביים אָפּרעכענען מיטן סוחר איז ער אַ מבין, ווי אַזוי ער באַנעמט אים, וויפל ער שטעלט צו צום חשבון געלטער, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט גענומען. הערש וויזט ניט קיין אומצופרידנקייט, נאָר ער שענקט אים אַ חוזק־שמייכל, וואָס צומאָל טרעפט ער גיכער ווי ער זאָל זאָגן „גנב ווערעמדיקער, עס וועט זיך דיר לייגן אויפן האַרצן מיין מי און שווייס״.

דער פרנסה־געבער בלייבט תמיד גערעכט, איז דען דאָ אַן אַנדערע ברירה? צו ווערמען זאָלסטו אים פאַרקלאָגן צום רבונו של עולם? ער איז דאָך פונקט אַזוי זיינער, ווי מיינער און וואָס פאַר אַ צדק קאָן מען זיך שוין פון אים דערוואַרטן? ביז עפּעס וואָס, שינדט ער הויטן... אויף יענער וועלט וועט ער זיך מיט אים אָפּרעכענען? „איך בין אים מוחל די טובות אינאיינעם מיט יענער וועלט?״, טראַכט זיך הערש אויפן וועג גייענדיק אַרויס פונעם באַלעבאָס, נאָך דעם וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונגען דאָס גאַנצע שאַכער־מאַכעריי. דעם כעס זיינעם באַהאַלט ער אויס אונטער געשלאָסענע ציינער. ניט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צאָלן אַפילו פּראָצענטן פאַר ניט־גענומענע געלטער. נאָר ווי זאָגט ער: „מיין שווייס און זייער הינטעשע נשמה״. „אפשר, ווער ווייסט, וועט אַ מאָל די זון פאַר אונדז אויך אַ שיין־טאָן!״...

נאָך אַ שעה צייט איז הערש שוין צוריק פון גאַס מיט אַ בינטל האָלץ אויף די פּלייצעס, שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ שקאַרמיץ מיט צוקער, אַ הערינג, אַן אכטל טיי פון הינטער דעם אָרעם נעמט ער אַפיר אַ פריש ברויט, נאָר וואָס פון אויוון און אַ שקאַרמיצל מיט צוקערקעס פאַרן קינד.

ווי ווייניק דאַרף דער הונגעריקער, אַז ער זאָל אויפן טרויער זיינעם אַרויפציען אַ בלאַס צופרידן שמייכעלע? דער אויוון האָט זיך דערוואַרעמט, דער זידנדיקער סאַמאָוואַר שטייט שוין אויפן טיש און לאָזט זיך הערן מיט זיינע טענער, וועלכע בייטן זיך, טאָ נעמט ער אַ הויכע אָקטאַווע, טאָ גייט ער אַריבער אויף אַ נידעריקער, זיי זענען אָפּהענגיק פון די קוילן, קילן זיך אויס די קוילן, ווערט שטילער און הייזעריקער זיין שטימע. „די

שויבן ווערן אויך געהאָלפן". „דער פראָסט לאָזט נאָך ביי אונדז אין שטוב", שמייכלט רבקה. „קוק, ווי די פענצטער שאַרן פון זיך אַראָפּ דעם שניי מיטן אייז, אַפילו זיי פילן, אַז דער באַלעבאָס איז שוין דאָ". די ווענט שוויצן אונטער און פאַרזיכערן טרוקן צו ווערן, אויב דער אויוון וועט אין זינען האָבן דאָס פייער זאָל אין אים ניט אויסגעלאָשן ווערן.

הערש, זיצנדיק מיטן וויב אַרום טיש, פּרוווט ניט איין מאָל פאַר־טרייבן מחשבות, וואָס לאָזן אים ניט רוען. די מחשבות רופן אַרויס אַן איבעריקן קלאַפּ אין ברוסט־קאַסטן. אַ פּאָר מאָל איז אים געקומען אויף דער צונג צו פרעגן רבקהן — פאַרוואָס שלאָפן שוין אברהמעלע און שלמהלע, פאַרוואָס זיצן זיי ניט ביים טיש. מיט צוויי בלישטשנדיקע אויגן ווענדעט זיך הערש צו רבקהן:

— „דו ווייסט, אין מיר האָבן אָנגעהויבן לעבן צוויי, וואָס איינער זאָגט, איז דער צווייטער דערווידער...

— נאָך אַ מאָל, אַ דערשראָקענע האָט זיך רבקה אַ וואָרף געטאָן.

— שרעק דיך ניט נאַרעלע! באַרואיקט זי הערש, איך בין ביי אַלע מיינע געדאַנקען, אויך דער צווייטער אין מיר איז ניט קיין קראַנקער, ער רעדט צו מיר צו דער זאַך, איך טרייב אים, אָבער ניין, ער לאָזט מיך ניט אָפּ. ווייסטו וואָס ער פרעגט מיך?

— „לאָז מיך צורו, בעט זיך ביי אים רבקה, איך וויל ניט הערן און וויל ניט וויסן, איך בעט דיך!"

— הער אויס נאַרעלע, ער פרעגט מיך פאַרוואָס, קום איך ניט מיט מיין אמת דאָ, ווו איך קען אים געפינען און ניט פאַר די זינלאָזע הימלען. ער זאָגט מיר אונטער עפּעס אַזוינס, וואָס לייגט זיך דווקא יאָ אויפן שכל, אָבער דער צווייטער אין מיר זאָגט:

— אויב דו וועסט דעם פונק פון דיין נשמה באַזייטיקן, וועסטו פאַר־לירן יעדן זין אין לעבן.

— „אַוודאי, ווי ווויל איז דעם מענטשן, וואָס גלויבט, ווי קען מען לעבן אָן דעם? ווען דאָס אויך ניט — איז קאָן נאָך זיין אַן ערגערע קללה ?!" מיט טרערן אין די אויגן לאָזט רבקה אַראָפּ דעם קאָפּ.

— „איז דאָס אַ קללה, ווייס איך ניט, אָבער פאַרפירן אויף אַ פרעמדן

וועג... איז דען דער איצטיקער וועג מיינער? ווער קען מיר דאָס זאָגן? איך בין אין ספק".

— שווייג שוין, שלאָגט אים איבער רבקה, איך קען דיך ניט הערן. אָט ווערסטו זען, אַז דער בורא עולם וועט אונדז העלפן און אומקערן דאָס פאַרלוירענע, דו גלויב נאָר! ווי גוט איז דעם מענטשן וואָס גלויבט!

ווי שטאַרק עס ווילט זיך אים אַרויסזאָגן די געדאַנקען, די שפּאָגל־נייע: ווי אַ שטייגער צוויי וועלטן זענען ניט געווען און וועלן קיין מאָל ניט זיין, ווי ער וואָלט צוגעלאָזט יענע וועלט די אַלע, וועלכע חומלען און פירן ביי דער נאָז, אָט אָ די לעמער וואָס גלויבן און מעקען פאַר אַ ביסל שטרוי... האָט ער דען ניט רעכט, אַז מיר גייען אַרום מיט פאַרמאַכטע אויגן און ווילן זיי ניט עפענען? מיר ווילן זיין בלינד, ווייל מען וויל אַזוי, עמעצער וויל אַזוי..."

— זינדיק ניט — רופט זיך אָן רבקה אָן אויפגערעגטע.

— פון וואנען ווייסטו וואָס איך טראַכט?

— איך לייען אין דיינע אויגן, איך פיל ווי דער בטחון אין בורא־עולם לעשט זיך אויס.

אַ שווערער זיפץ, וואָס האָט זיך פון הערש האַרץ אַרויסגעריסן האָט איינגעשטילט רבקהן. ער האָט פון בענקל זיך אויפגעהויבן, געוואָלט עפּעס איר זאָגן, נאָר אַראָפּגעשלונגען דאָס וואָרט, וואָס איז שוין געווען אויף דער צונג, זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער מזרח־וואַנט און אויף א שטיל קול אָנגעהויבן דאַווענען אַ מערבדיקע תפילה, כדי בארויקן רבקהן און אין זיין קול האָט זיך געלאָזט הערן אַ ניגון פון אַ באַליידיקטן, אָפּגענאַרטן און פארצווייפלטן, אין וועמענס האַרץ איז פאַרגעקומען א ריס...

ה.

— „איר האָט געהערט?", אַ צערעשטער מיטן היטל אויף אַ זייט קאָפּ דערנענטערט זיך בערל פּסחס צו אַ רעדל יידן, וואָס שטייען און כאַפּן אַ שמועס אויף איין פוס.

— „וואָס איז געשען, שטעלט הערש אַרויס אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן, אַז עס זאָל זיין פון וואָס צו הערן?"

— „עפּעס אַזוינס..."

— „נו, זאָג שוין!" אומגעדולדיק בייזערט זיך סענדער חיהקעס, „עס האַנדלט זיך אַוודאי וועגן משיחן, ווי מען האָט אים אָנגעכאַפּט ביים בערדל און מיט גוואַלד אים אַרויפגעזעצט אויפן ווייסן פערדל", צעשמייכלט זיך יענקל קאָוועל.

— „ער הייבט שוין אָן חוזקן, גלייכט בערל פּסחס אויס דאָס היטל אויפן קאָפּ, יידן ווילן אַ טראַכט טאָן איבער תכלית, ארץ־ישראל ביי טערקן אויסקויפן".

— „פון וואַנעט נעמסטו דאָס?" ווי אַלע וואָלטן דאָס געפרעגט.

— „אַליין געהערט מיט מיינע אויערן", אַרויפלייגנדיק די האַנט אויפן האַרצן, ווי ער וואָלט געשוווירן, זאָגט בערל פּסח.

— „בויען הייסט עס דעם דריטן בית המקדש", רייבט איין האַנט אין דער צווייטער סענדער חיהקעס, אַ צופרידענער.

— „פון וועלן ביז צו דער גאולה... הע... הע... ווייט! האָט הערש אַ זיפץ געטאָן, וויפל וואַסערן דער פּרוט וועט נאָך מיט זיך אָפּטראָגן. ווער ווייסט, וואָס עס וואַרט נאָך אויף אונדז?! ניט מיט איין ביסן וועלן מיר זיך נאָך וואַרגן און וויפל מאָל וועט דער לך־לך קלינגען אין די אויערן!?״

— „דאָס דאַרף זיין אַ גבירס שטיקל אַרבעט, נו וואָס דען, וואָס פעלט זיי? דאַרפן זיי עפּעס צוטראַכטן, די בעלי־בתים אונדזערע״.מאַכט יאַנקל קאָוועל אַן אויפגערעגטער.

— „ניט נאָר גבירים פון דעם דאַרפן טראַכטן און זאָרגן, נאָר אויך איך, דו און ער״, ווייזנדיק מיטן פינגער אויפן גאַנצן רעדל יידן, בייזערט זיך סענדער חיהקעס. „וואָס פעלט זיי? דאַרפן זיי עפּעס צוטראַכטן די פאַרזאָרגערס אונדזערע״, אַן אויפגערעגטער מאַכט יענקל קאָוועל.

„אונדזער אמת דאַרפן מיר זוכן דאָ״, פּרוּווט יענקל קאָוועל אויף אַ העכער קול איבערשרייען סענדערן. הערש, ביי דער זייט שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט מיט דעם, אַז ער איז אויך מסכים מיט יענקלען. דאָס גאַנצע רעדל יידן האָט אָנגעהויבן רעדן און מאַכן מיט די הענט, יעדער האָט געפּרוּווט זיך לאָזן הערן. בערל פּסחס לאָזט אַרויס זיין באַרי־טאָנישע געמבע און איבערשרייענדיק אַלע:

— „אפשר וואָלט שוין כדאי געווען, דעם אמת אונדזערן אַ זוך־טאָן דאָרט? וואָס וואָלט געווען, יענקעלע, מיר זאָלן זיי שוין צולאָזן זייער גוטע וועלט און זאָגן זיי אויף אמאָל אַ גוטן תמיד?!...״

— „וואָס קומסטו אַלע מאָל מיט „אונדזער אמת״, בייזערט זיך סענדער היהקעס אויף יענקלען, אונדזער אמת, זייער אמת, — איין אמת — אַ יידישער אמת.״

— „קוקט אים אָן איך בעט אייך,״, ווייזנדיק אויף סענדערן, „אַ בהמה מעלה־גרהט, לאָזט זיך מעלקען און דריגעט מיט די פיס. דווקא דאָרטן ווו מ׳דאַרף נישט. פון וועמען האָסטו געהערט דאָס נייעס, אוודאי פון דיין שמעלקען״, ווענדעט זיך יענקל צו בערלען.

— „געפעלט דיר שוין ווידער ניט ר׳ שמעלקע? מיט שום אויף די ליפּן וואַרפט זיך סענדער חיהקעס, אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ ייד דאָס איז. אַ קליניקייט: אַ ייד אַ למדן, אַ פרומער און גוט־האַרציקער. די

טירן פון זיין שטוב פאר אונדזערע קבצנים מאַכן זיך נישט צו. דו, יענקעלע, קודם כשר אויס זיך דאָס טריפה מויל דיינס, איידער דערמאָנסט זיין נאָמען!"

— "אָקס איינער, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעווילדעוועט!?" פרוווט יענקל באַרואיקן סענדערן.

— "וואָס איך האָב זיך צעווילדעוועט, פרעגסטו? אַז דו באַליידיקסט אַ מענטשן, וועלכער טראָגט דעם עול פון אונדזער קהילה אויף זיינע פּלייצעס, וואָס זאָרגט פאַר אַ שטאָט דלפונים, זאָל איך רואיק צוהערן ווי דו באַשפּייסט אים מיט בלאָטע?! ווילסטו אפשר, ער זאָל זיך בייטן מיט דיר — דו זאָלסט אַריבער אין זיין הויז און ער אין דיין כאַטע?! איך בין אַ מבין אויף דיר און ווייס גוט, אויף וואָס דו שאַרפסט די ציין, אומזיסט, נעם אַ שטעקעלע און טרייב דיר אַרויס די אַלע נאַרישקייטן פון דיין "קלוגן" קאָפּ".

שמעלקע לעווינזאָן — אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער, געשטרעקטער, שיינער ייד. די שוואַרצע אויסגעקעמטע באָרד הייבט זיך אָן פון אַ דינער ליפּ, וואָס הענגט אַראָפּ אַ ביסל און לאָזט פּלאַץ פאַר די פּאָר ציין, וואָס בלישטשן פון מויל אַרויס ווי פּערל. אויפן פּנים זיינעם שוועבט אַרום אַ צופרידן שמייכל. צוויי בלישטשענדיקע אויגן לויפן גניביש אַרום אונטער אַ ברייטן שטערן. ווען ער גייט אַריין אין שמועס מיט מענטשן, מאַכן זיי אַן אָנשטעל, אַז זיי פאַרטראַכטן זיך טיף. אַ שיינע געטאָקטע נאָז שטייט צווישן ראָזעווע בליענדיקע בעקעלעך. "אויף ר' שמעלקען רוט די שכינה", זאָגן יידן מיט יראת־הכבוד. "נישט קיין מענטש איז ער, נאָר ממש אַ מלאך". אַחוץ שקצים, עזות־פּנימער און עם־הארצים לייקנט קיינער ניט. שמעלקע לעווינזאָן לויט זיין טבע רעדט מיט פינטעלעך, מיט רמזים, קלויבט אויס ווערטער און קינצלט די זאַצן. ער האָט אויך ליב אַריינשטעלן אין שמועס שפּריכווערטער, באַנוצט זיך מיט אַפּאָריזמען, ברענגט פּסוקים פון דער גמרא, תנ"ך, ברענגט ביישפּילן, גלייכווערטער א. אַ. וו. שמעלקען איז אַלץ־איינס צי זיינע צוהערערס פאַרשטייען אים צי ניין, דער עיקר: זאָלן בלייבן מיט אַ מיינונג, אַז ער איז אַ גרויסער פילאָסאָף, וועלכן מ'דאַרף קאָנען פאַרשטיין. אויך מיט

פּשוטע מענטשן זוכט ער אַוועק אין ווייטע דרכים, אַז מען זאָל זיך פאַרקאַטשען דעם מוח, עפּענען מויל און אויערן און נאָכהער זאָל מען גיט וויסן וואָס ער האָט געברייעט. אין שטאָט, דאָס הייסט זיינע חסידים, האַלטן ר׳ שמעלקען פאַר אַ בעסערן לערנער פונעם רב — דאָס וואָס ער אַליין וויל און גיט אָנצוהערן זיינע נאָכטענצערס, אַז אַזוי דאַרף מען רעדן איבער אים. היינט ר׳ שמעלקעס שטאם. אַ זון פון אַ רייכן טאַטן, אַן איידעם פון אַ נאָך רייכערן שווער און אַליין אַ שטיק עושר.

אין מיטן הייסן שמועס, וואָס האָט ערשט געזאָלט זיך צעפלאַקערן צווישן די יידן — איינגעטיילטע אין קעמפּנדיקע גרופּן, ווער ווייסט צו וואָס דער שמועס וואָלט געווען דערפירט און מיט וואָס זיך פאַרענדיקט, ווען עס לויפט נישט אַן קיוועלע תם און נאָך אים אַ גאַנצע כאַפּטע ווייסע חברהניקעס מיט שטיינער און מיט שטעקנס. סענדער חיהקעס שטעלט זיך אַוועק צווישן קיוועלע תם און די ווייסע חברהניקעס, שרייט־אַן אויף זיי און פאַרטרייבט זיי, נעמט אים אָן ביי דער האַנט און גייט צו צום רעדל שרייערס זאָגנדיק:

— „קוקט אים אָן, אונדזער נחת! — סענדער, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און ברומט אַריין צו זיך אין באָרד אָפּגעהאַקטע ווערטער. מיט כעס באַפּעלט ער קיוועלען זיך באַווישן דאָס צען־האָריק (שפּראָצנדיק) רויטע בערדל פון סלינע, וואָס רינט אים תמיד פון מויל איבער דער גראָב־פליישיקער אַראָפּגעלאָזטער אונטערשטער ליפּ.

קיוועלע תם — אַ קליינוווקסיקער, פּעט־בייכיקער אַלטער בחור. פּעט איז ער אַ דאַנק די ווייבער, וואָס האַלטן פאַר אַ מצווה — דעם „נפש פון גאָט געשטראָפטן״ ווי זיי זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט, אים מכבד זיין ווער מיט וואָס מען האָט און קאָן. ווען פאַר קיוועלעס אויגן באַווייזט זיך אַ שיסל יויך און אין שיסל שווימען אַרום לאָקשן, אַזוי הילכט ער אַרויס אַ ווילדן פריידיקן געשריי, וואָס דערגרייכט ביז אין דער דריטער גאַס, פאַרקאַטשעט זיין קורץ־פאַריסענע אויבערשטע ליפּ, עפנט אַ גרויס מויל, וועלכעס ער האַלט על פּי טבע האַלב־אָפן און נעמט זיך שלינגען די לאָקשן. דערפאַר רופט מען אים אויך קיוועלע „לאָקש״.

קיוועלע קייעט ניט, טרוקן ברויט וואַרפּט ער איבער אַ פּאָר מאָל פון איין זייט מויל אין צווייטן און שלינגט עס אַראָפּ.

בערל פּסחס אַ זיפץ ברעכט איין די שטילקייט, וואָס האָט אויף אַ רגע זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בינטל יידן.

— „ניט פאַר אונדז געדאַכט, אַזאַ אומגליק אויפן קאָפּ. לויט מיין שכל איז ירחמיאל אַליין שולדיק אין זיין אומגליק", זאָגט בערל פּסחס.

— „ש... ש... שאַ", גיט סענדער חיהקעס בערלען אַ צי ביים אַרבל, „אָט גייט דער קרוב מיינער. וואָלט מען בעסער געווען גערעדט פון משיחן".

ירחמיאל וואַסערפירער באַגעגנט מען זעלטן אַ ניכטערנעם. ירחמיאל שטייט אויף פריער פאַר אַלע און גייט שלאָפן שפּעטער פון אַלע. ווי נאָר ער האָט געלייגט די האַנט אויף אַ גראָשן איז ויברח יעקב — מאַכט רש"י: אַנטלאָפן דער פויגל גלייך אין שענק אַריין. ווען שרהקע, זיין ווייב, מאָנט ביי אים אויף הוצאות, אַזוי שטעלט ער זיך, דער וואַסער־פירער, אַוועק פאַר איר מיט צוויי ווייכע שמייכלענדיקע אויגן און נאָך אַ פּאָר וואַקלעניש ענטפערט איר: — „שרהקעלע מיין ווייב, מען דאַרף ניט". נאָר טרעט ער אַריבער די שוועל פון אַ קרעטשמע, אַזוי ווערט ער שוין פריילעך. דער ריח אין קרעטשמע פון ווין און בראָנפן — פאַרדרייען אים דעם קאָפּ. נאָכן ערשטן פּערטעלע הייבן זיינע אויגן אָן לאַכן. דער שענקער ווייסט שוין, אויב ירחמיאל זיצט איבער אַ לײדיק פלעשל איז אַ סימן, אַז אין קעשענע איז דאָ מזומן אויף אַ צווייטס און אויף אַ דריטס אויך. ווען מען פרעגט אים, פאַרוואָס ער טרינקט, אַזוי קומט תיכף אַן ענטפער: „מ'דאַרף ניט פרעגן" שטויסט מען זיך שוין אָן „ניט פאַר תענוג". „מען דאַרף דעם ווי פאַרשיכורן, אין אַ גלאָז ווין דערטרינקען". זאָגט ער און גיט צו: „ווען איך קום אַ היים נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט און די צרות מיינע קומען מיר אַנטקעגן...". „אַ נו, זאָגט ער ווייטער, פּרוווט אויסהאַקן דאָס אייז אין פראָסט און אָנשעפּן אַ פּעסל וואַסער מיט צעקראַפּעטע, צעבלוטיקטע הענט, מיט בלוטן פאַרקילטע און מיט אַ נשמה, אַ פאַראייזטע, ווען ניט דאָס גלעזל ווין... הע... הע... הע... „וויפל דורות גראָזן וואָלטן פון מיינע ביינער אַרויסגעוואַקסן?!" „און נאָך

אַלַעמען", גיט ער צו „האָט דער רבונו של עולם מיך נמאס באַשטראָפט, פע, גאָר ניט שיין פון זיין זייט, אויסלאָזן דעם גאַנצן כעס זיינעם צו מיר, וואָס־זשע ווייניק רשעים דרייען זיך אַרום אויף זיין וועלט און שטעלן אים נאָך אַרויס אַ לאַנגן לעקער... זאָל ער מיר מוחל זיין, כ׳ווייס, אפשר טאָר מען ניט מיט אים אַזוי רעדן און פאַרקלאָגן זיך אַוודאי ניט, נאָר לויט מיין שכל — דעם אמת כאָטשבי מעג מען אים זאָגן, מ׳זאָגט דאָך, אַז ער איז אַ דיין אמת... זאָל ער וויסן, אַז מיר, אָט אָ די קליינע, זענען אויך אמאָל מבינים אויף אים און... אפשר וואָלט שוין כדאי געווען, זיך אָפּלאָזן פונעם מערעקען ווי... מען דאַרף ניט..."

ירחמיאל הייבט אויף די אויגן צום הימל מיט האַס און שנאה. בערל פּסחס גיט אים אַ שטילן טאָרע ביים אַקסל מיט אַ פרעג:

„שוין קידוש געמאַכט — האָסטו פאַרזוכט היינט דעם ביטערן טראָפּן?"

ירחמיאל שטרעקט זיך אויס אין זיין גאַנצער הויך, רוקט אַרויף דאָס היטל אויפן קאָפּ, נעמט מיט אַ גלייכגילטיקן בליק אַרום דאָס רעדל יידן, וואָס שטייען אַרום זיין זון קיוועלע לאָקש, מאַכט אַ פּאָר טריט צוריק, אַ באַליידיקטער הייבט ער אָן:

„קינדערלעך, איר מאַכט אויך חוזק? איר לאַכט אויך?! יאָ... אַוודאי בין איך אויף חוזק. הערש, דו קענסט דאָך מיך, אינאיינעם געוואַקסן". הערש דערנענטערט זיך צו ירחמיאלן, לייגט אַרויף זיין האַנט אויף ירחמיאלס אַקסל און ווי אַ טאַטע צו זיין קינד הייבט ער אָן:

„אמת, איך קען דיך גוט, אָבער איז דען דיין גורל ערגער פון אונדזערן? ניט די שענק איז דאָס הייל־פּלאַץ פאַר אונדזערע ווייען. צו־וואָס אַרויסרופן געלעכטער, אַ ייד אַ שיכור אין מיטן דער וואָך, לאַכן גויים און האָבן רעכט. ביסט אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער — ביסט מחויב טראַכטן און זאָרגן פאַר זיי. נעם דעם שענקער דיינעם, לערן דיך פון אים, ער מאַכט שוין חתונה די דריטע טאָכטער פון וואַנען, אַז ניט פון דיינע, פון מיין שוואָגערס און פון נאָך אַזעלכע, פערטעלעך?!"

סענדער חיהקעס רעדט ווי פאַר זיך מיט האַלבע ווערטער און שניידט

זיך איין מיט בייזע בליקן אין ירחמיאלס פּנים, אָבער ירחמיאל מאַכט זיך ווי ער הערט אים ניט, אָבער ווען סענדער האָט אויפגעהויבן זיין קול:

— „דו, דו ביסט שולדיק אין זיין אומגליק", ווייזנדיק אויף קװועלען.

— „אַזוי איז עס שוין, מיט אַ חוזק־שמייכעלע אין די ווינקלען פון מויל זיינעם, מיט אַ באַוועג פון דער האַנט, הייבט אָן ירחמיאל: „צוואָס מען געוויינט זיך אין דער יוגנט, ביי דעם בלייבט מען אויף דער עלטער". אויף אַ רגע האָט ער דעם קאָפּ צום הימל פאַריסן און ווען ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט איז דאָס שמייכל ארום דעם מויל ביי ירחמיאלן שוין ניטאָ, נאָר אויגן פול מיט טרויער האָבן זיך ווי ביי סענדערן געבעטן און תיכף זיי טיף אין באָדן איינגעגראָבן און מיט א מידן און גלייכגילטיקן טאָן האָט ער שטיל אָנגעהויבן: „יאָ, יאָ, יאָ... אמת... אַ שולדיקער דאַרף דאָך זיין, איז ווער, איך? הא? זוכן דעם שולדיקן? באַרישקייטן... און, אַז מען וועט אים געפינען, איז וואָס? גאָרניט! מען דאַרף ניט". ווי ער וואָלט זיך געבעטן, מען זאָל ניט אויפדעקן זיינע וווּנדן. ער גיט אַ מאַך מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַשטעטיקט אַ געדאַנק, וועלכער איז אים געקומען אין זין, האָט ער ברייט געעפנט צוויי גרויסע ניכטערע אויגן, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל שיכור אין לעבן ניט געווען און הויבט אָן ווידעראַמאָל:

„פון זייט דעם גרויסן צאָרן מיינעם — מיין חיהקעלע האָט באַדאַרפט אויפגעבונדן ווערן מיטן דריטן קינד — בין איך אויף לייטיש געלעכטער איבערגעקומען. דאָס קינד מיר געגעבן, אָבער אַליין!? ווייבער געבוירן אַכט און צען קינדער און גאָר ניט. ווען צו אירע געבורט־ווייען קומט ניט קיין סוף", זאָגט די באָבע, „רוף אַ דאָקטאָר. זי איז אין געפאַר. וווּ־זשע נעמט מען אַ דאָקטאָר? אויף חיהקעלעס מזל איז אין שטאָט קיין דאָקטאָר ניטאָ. געפאָרן אויף ווילטאָג קיין אָדעס. ברענגען אַ דאָקטאָר, צי פאָרן צו אים, דאַרף דאָך זיין מיט וואָס. איז צו וועמען לויפט מען? צו ר' שמעלקען. הערט ער מיך אויס, גיט מיר אָפּ גערעכטיקייט, אַפילו אַ לויב געטאָן מיין גוטן ווילן ראַטעווען אַ מאַמע פון צוויי קינדער און ברייעט אויס מיט פּסוקים פון דער תורה, אַז ראַטעווען אַ מענטשן איז די גרעסטע מצווה, נאָר איך, זאָגט ער, קען דיר מיט גאָרניט העלפן.

ס׳טייטש, בעט איך זיך ביי אים, ר׳ שמעלקע, וואָס רעדט איר, אַז ניט איר, איז ווער דען? דער ערשטער — גאָט, און דער צווייטער — איר... ביי אייך, זאָג איך, איר זענט דאָך דער ראש הקהל. ניין ירחמיאלקל, זאָגט ער, האָסט אַ טעות, איך בין נאָך ניט אין גאַנצן דער באַלעבאָס איבער קהלס געלטער. דו דאַרפסט וויסן, אַז מיט קהלס געלט דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, גוט באַרעכנען און באַטראַכטן איידער גייסט עמעצן געבן אַ קערבל, צי מאַכן אַנדערע מינים הוצאות, מיר, זאָגט ער, איז לייכטער דיר געבן פון מיין אייגענער קעשענע, איידער פון קהלס. נו, זאָג איך, ר׳ שמעלקע, איר זאָלט מאריך ימים זיין, פון קיין שלעכטס קיינמאָל ניט וויסן, דער גרויסער גאָט אין הימל זאָל אייך אויסהיטן פון אַלעס בייז, איך בעט אייך, זאָג איך אים, לייעט איר מיר אויס אַ פּאָר קערבלעך און ווען מ׳עט מיר דערלויבן...״ גיט ער אַ טראַכט, גלעטנדיק זיך די באָרד און פרעגט מיך: „וואָס וועל איך פון דעם האָבן?״ ציט זיך אַראָפּ פּראָצענטן, זאָג איך אים, וויפל איר פאַרשטייט. ער איז שוין ווי איינגעגאַנגען אויף מיין בקשה, גייט ער צו צו דער קאָסע, לייגט די האַנט אויף דער טיר, ער זאָל זי עפענען, גוט אַ טראַכט און ווי אַ ניט גוטער האָט אין אים אַ שלעכטע מחשבה אַריינגעבלאָזן, קערט ער זיך אום צוריק און זאָגט: „ירחמיאלקל, איך האָב זיך באַרעכנט, בעסער נעם פון דער קהילה. איך גלויב, זאָגט ער, אַז פאַר אַזאַ זאַך וועט מען דיר מער געבן, איך וועל אַ גוט וואָרט צולייגן פאַר דיינעט וועגן. גיי, זאָגט ער, צו ר׳ אריה און נעם ביי אים אַ קוויטל. לויף איך אַוועק צו ר׳ אריה, שרייט ער זיך אויס אויף מיר און שיקט מיך צו שמעלקען. איך וועל אייך מאַכן בקיצור — מ׳האָט מיך געטריבן איינער צום צווייטן און געהייסן קומען מאָרגן. וויפל מאָרגנס האָט מען באַדאַרפט? אַ שטיין ווען איך בעט אַזויפיל, וואָלט ער אויך... הע, וואָס זאָל איך רעדן? מען דאַרף ניט״.

ירחמיאל האָט זיך אַ קרעג געטאָן, ווי ער וואָלט עפּעס אַראָפּגעשלונגען און פאָרגעזעצט: „אָט איז שוין אַריבער דרייסיק יאָר, זייט איר קול גייט מיר ניט אַרויס פון מיינע אויערן. אירע ווייען!

אַ הייסע טרער קייקלט זיך אַרויס פון ירחמיאלס אויג און שטעלט

זיך אויף זיין באָרד. „ירחמיאל", אויקעט זי, „ראַטעווע! כ'וויל לעבן! העלף!... העלף!... האָב רחמנות! מיינע קינדער!"

ירחמיאל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרשוויגן געוואָרן. עס האָט געהערשט אַ שטילקייט ווי ביי אַ טויטן אין שטוב. זיפצן פון צייט צו צייט רייסן זיך אַרויס פון הערצער. ירחמיאלווישט זיך אויס די אויגן מיט זיין פאַרשמאַלצוועטער פאַטשיילע און מיט אַ ציטער אין קול זעצט ער פאָר: „מען דאַרף ניט! צוואָס חושד זיין? ווער? ווער אַחוץ מיר האָט געליטן און ליידט? אַזאַ גאָלדענע נשמה! ווי געטריי געווען מיר! פאַרלאָפן אַלע וועגן. אַ טרייסט מיר געווען! עס איז מיר אַזוי גוט געווען מיט איר! געוווסט פון אַ שבת, פון אַ יום־טוב, פון אַ חיר־שעה. געקומען אַן איבערגעפרוירענער פון דער אַרבעט: — מיך דערוואַרעמט, דאָס פערד אויסשפּאַנען און עסן און טרינקען געגעבן, און פאַרזאָרגט עס אויף ביינאַכט. און די קינדער?! זי פלעגט זיך די אויגן פאַר זיי אַרויסנעמען. און אַליין — אַזוי יונג געווען, צו די דריי און צוואַנציק יאָרן ניט צוגעצויגן. אָפּגעשניטן, אַזאַ טייערע נשמה! און איך בהמה דריי זיך דאָ אַרום — צוואָס, פאַרוואָס און פאַר וועמען?! דריי קינדער מיר געלאָזט, וואָס זאָל איך געווען טאָן? געשטעלט אַ חופּה מיט זיין מאַמען", ווייזנדיק מיט די אויגן אויף קיוועלע לאָקש, פון אַזאַ מאַמען, גייען אַרויס אַזוינע קינדער...

ירחמיאל האָט אויפגעהויבן זיינע העל־בלויע אויגן, אַ וואָרף געטאָן אַ פאַרצווייפלטן בליק אין די ווייטן, נאָכהער צונויפגעשנורעוועט די וויעס און ווי געוואָלט זיך אויסדרייען און פאַרלאָזן די גרופּע, אָבער פּלוצים האָט אַ בליץ געטאָן אַ פייערל פון גרויס בענקעניש און אויפסניי אָנגעהויבן: „מיט וואָס בין איך געבליבן? איז מיר געשטאָרבן אַ קינד אַ חודש נאָך איר פּטירה, נאָכהער דאָס צווייטע און צום יאָר דאָס דריטע. דער דריטער איז געווען אַ יינגאַטש! אַ שטיק גאָלד! מיט וויפל מעלות?! אַ קלוג קעפּל מיט צוויי ברילאַנטענע אויגן. דער מלמד פלעגט מיר תמיד זאָגן, אַז מיין שלמהלע האָט אַ שאַרפן קאָפּ און וועט ווייט אַוועקגיין. איז ער ווייט אַוועקגעגאַנגען!" אַ פאַרשפּעטיקטע טרער האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז, האָט ער זי אַראָפּגעשלונגען און ווי געוואָלט

אַוועקגיין, נאָר ווי ער מערקט די שטילקייט און די טרויעריקע פּנימער, וועלכע הערן אים, האָט ער אַ טיפן זיפץ געטאָן און זעצט פאָר: „ווי פיר קברים אויסגעגראָבן אין איין יאָר האָב איך שוין ניט געקאָנט בלייבן אין דעם פאַרשאָלטענעם מקום, בין איך אַוועק פון דאַנען. די קברים מיינע אָבער לאָזן מיך ניט רוען, געבענקט נאָך זיי, געפילט ווי כ'גיי אַראָפּ פון זינען. בין איך צוריק צו מיינע קברים געקומען. זאָגט, איז דאָ אַ טרייסט פאַר מיר?! כ'האָב געהאָפט און געמיינט, אַז די קינדער מיט שרהקען וועלן היילן מיינע ווונדן, זעט איר דאָך, וואַרפנדיק אַ בליק אויף קיוועלען, וואָס פאַר אַ קינדער זי האָט מיר געבראַכט, זיי יאטערן נאָך מער די ווונדן אין האַרצן מיינעם... ווי איר זעט מיך — שוין אַ פאַרפאַלענער... שפּעט, שפּעט ווערן אַ ניכטערער... און עס איז ניטאָ פאַרוואָס און פאַר וועמען... מיין איינציקער פריינט — איז דאָס גלאָז, וואָס מאַכט, איך זאָל זיך פאַרגעסן אויף אַ רגע... אָט קוקט אים אָן, ער ווייזט אויף קיוועלען, איר זעט ווי ער לאַכט מיך גאָר אויס, ווייסט ער דען פאַרוואָס? איז דערפאַר דאַרף איך פאַרשיכורן מיין וועלט!... אפשר, ווי זאָגסטו סענדער, בין איך שולדיק... חוזק. ווער האָט מיך אויף חוזק געבראַכט? געננוג, סיי ווי אומזיסט..."

ירחמיאל האָט זיך אַ שנאַץ געטאָן די נאָז, וואָס האָט זיך מיט טרערן אָנגעפילט, אַ וויש געטאָן די אויגן, דאָס היטל אַ שלעפּ געטאָן איבערן פּנים — געבליבן די שפּיץ נאָז מיט דער באָרד צו זען, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אָן אַ „גוטן טאָג" אַוועק, מיטשלעפּנדיק נאָך זיך קיוועלען. אויף פינף שפּאַן זיך דערווייטערט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום עולם און אַ פרעג געטאָן: „איז ווער אין מיין אומגליק שולדיק? ווער און וואָס האָט מיך אויס־מענטש געמאַכט? ווער האָט מיר אויף געלעכטער איבערגעגעבן? מען דאַרף ניט!..."

ירחמיאל וואַסער־פירער איז אַוועק. די געבליבענע זענען דערשטוינטע אָן לשון געשטאַנען און מיט טרויער באַגלייט ירחמיאלן. יענקל קאַוואַל האָט זיך מיט בייזע בליקן איינגעגראָבן אין סענדערן און הערש האָט מיט אַן איראָניש, ווייטיקלעכן בליק ווי אַ פרעג געטאָן די, וועלכע האָבן

זיך אַזוי אָװעקגעלייגט, מען זאָל חס וחלילה ניט אויסשמירן די קרוין פון די פאַרזאָרגערס.

ישראל, האַלטנדיק הערשס האַנט, האָט די גאַנצע צייט געפירט זיינע אויגן באַלד אויף ירחמיאלן, באַלד אויף זיין טאַטן — הערש איינגעהערט זיך אין שמועס און וואָס עס האָט אים באַאומרואיקט — זענען ירחמיאלס טרערן געווען, צום ערשטן מאָל קומט אים אויס זען, ווי אַ ייד ניט קיין יונגער מיט אַ גרויער באָרד וויינט, מיט טרערן. ירחמיאל וואַסער־פירער איז אין זיין זכרון אויפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן. פון דעמאָלט אָן, ווען ער פלעגט קיוועלען באַגעגענען אויף דער גאַס האָט זיך פאַר אים ירחמיאל באַוויזן און אין זיינע אויערן האָבן אָנגעהויבן קלינגען ירחמיאלס רייד. „מען דאַרף ניט. איז ווער שולדיק אין מיין חוזק ?!"

דריי באַגעגענישן

די ערשטע

היי־יאָר האָט זיך דער ווינטער, מער ווי אין די לעצטע יאָרן, אויסגעצייכנט מיט זיין אכזריותדיקייט און, גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן זיך צערעכנט מיט די אַלע, וועלכע האַלטן ניט פון אים. האָט ער געצופּט און געשטאָכן, האָט ער געסמאַליעט און געבראָטן טאַקע די, וועלכע געפינען זיך אין זיין רשות און צוואָס האָט מען זיי דעם ווינטער איבערגעגעבן, אַז ניט, פאַר זייער חוצפה און זיך נוקם זיין אין זיי, צו קוועטשן ווי נאָר עס געפעלט אים...

מ׳וויל יאָ, מ׳וויל ניט — מ׳מוז אַרויס אויף דער גאַס, עס טרייבט דאָך אַרויס פון די הייזער, איז וווהין לויפן קבצנים? אין קהילה, בעטן אַ ביסל שטרוי, צי אַ פאָר שפּיינער האָלץ — אָנוואַרעמען דעם אויוון פאַר די איבערגעפרוירענע קינדער. שטעלט מען אויף זיי אַרויס בייזע בליקן, ס׳טייטש, זיי מאַכן זיך אַזאַ געפּילדער. געפרוירענע, זאָגט מען זיי, האָט מען דערווייל אין שטעטל ניט געפינען, איז מה רעש? צוואָס קנייטשן גאָר די אַזוי שוין אויך צעקנייטשטע און זויערע פּנימער? און אַז דער היינטיקער ווינטער איז ניט אַזאַ וואַרעמער, אויף דערויף איז דאָך ווינטער, ער זאָל זיין אַ קאַלטער". — „שייך זאָגן אַ קאַלטער, מיגען זיך פּנימער, ווי פאַר ווען, אַוודאי ניט פאַר אַלע", לאָזן זיך הערן געשטיקטע זיפצן און קולות בייזערע און אַמאָל ווייכערע, אַממערסטן

הערט מען בעטנדיקע, וואָס מעגן שטיין פאַר די טירן פונעם ראש הקהל און זיינע אַדיוטאַנטן...

איז וויפל אויגן קוקן זיך אויס אויף אַ שטראַל? און ווען אַזאַ דערמאָנט זיך אין די בעטנדיקע אויגן — איז ווי גרויס די פרייד ביים באַגעגענען זי אויף די פליגלען פון אַ מזרח־ווינטל, וועלכעס מיט אַ מאַמעשער ליבע גלעט אויס דאָס בלויע, פון קעלטן אויסגענאָגטע קינדעריש פנימל! דער, אַ ביסל קאַרגער פאַרבלאָנדזשעטער שטראַל איז מחיה אַלע איינגעפרוירענע, גלייכט עטוואָס אויס פילצאַליקע איינגע־שרומפּענע רוקנס און הייבט אָן אַפילו אויסלעשן, אין פאַרחלומטע אויגן, דעם אומעט, וואָס האָט באַוויזן זיך איינצוניסטן אין לאַנגע, לאַנגע ווינטער־נעכט...

אויף פאַר ישראל לעווין איז דער ווינטער געווען מער, מער ווי אַ בייזער. האָט טאַקע דאָס ערשטע פרילינג־ווינטל אים — ווי אַ טרעסל געטאָן, דערפרישט און דערמוטיקט און אין אַ פלעמל צעבלאָזן אַ טליענדיקן פונק פון בענקעניש: נאָך דער היים, נאָכן קליינעם געסעלע, נאָכן שטילן לייבלעכן ווינקעלע — וווּ אַ האַרץ מיט ליבע איבערגעלאָדן לייזט אויף פון צייט צו צייט די שטילקייט מיט אַ טרער און, ווען די טרער ווערט אַראָפּגעשלונגען וויינען זיך אויס פרישע. אָט זעט ער זיין מאַמען, ווי זי לויפט אַרום אַ צעראַשטע, אַ צעטראָגענע מיט ציטערנדיקע הענט, טראָגט אים צו טיי מיט בוימל־בולקעס, איינגעמאַכטסן אָנגעפּרע־גלטע נאָך אין פאַריקן זומער און גייט אַלץ אַרום און פרעגט ביי זיך: „וואָס נאָך, וואָס נאָך זאָל זי אים אונטערטראָגן?" פון גרויס פרייד געפינט זי זיך ניט קיין אָרט. דער בן־יחיד אירער איז געקומען. אין די אויערן זיינע צעקלינגען זיך אירע טענות: „ס׳טייטש, ער קומט ניט ווי אַלע, ער קומט דעם לעצטן טאָג פאַר פסח." „כאָטש אַזויפיל", זאָגט זי, „זיך אָנקוקן מיט דיר! האָב איך דען אַנדערע פאַרגעניגנס אין לעבן?!" פרעגט זי און בעט זיך ביי אים. די ליידנדע טרער, וואָס קייקלט זיך אַרויס פון אויג האָט, ווי אַ קלעם געטאָן אים ביים האַרצן. נעמט ער אַ באַשלוס — טאַקע פאָרן, דעם פאַר־פסח אַרויספאָרן פריער ווי תמיד, אויב מיט דעם קאָן ער מחיה זיין איר עלנטקייט און פריצייטיקע עלטער.

ישראל — אַ געפּעשטשעטער ביי זיין מאַמען, נעמט ניט אין אַכט אירע איבערלעבונגען, ווען זי בעט זיך ביי אים, ער זאָל ניט ליגן שעהן־ווייז ביים פּרוט אין די זומער־טעג און, ווען עס טרעפט זיך נאָך אַן אומגליק — אַ דערטראָנקענער (אַזוינע פאַלן טרעפן זיך אָפט אין זומער), דעמאָלט לויפט זי, אַ פאַרסאָפּעטע מיטן האַרץ אין די הענט, צום טייך און טרעט ניט אָפּ, ביז ישראל גייט ניט מיט איר אַהיים. אַזוי אַלע טאָג הזרן זיך איבער אירע לויפענישן צום טייך. צי, ווען זי בעט זיך ביי אים ניט רויכערן, איז הערט ער זי דען, נאָר להיפוך, רויכערט ער דווקא.

נאָך מיטאָג, אַזאַ שטייגער ביי די סטודענטן, מיט וועלכע מען לעבט אין איין חדר, צעלייגט מען זיך אין די בעטן און מען רעדט און מען רעדט פון אַלעמען און פון אַלץ. מ׳פּרוווט, איבעראַנדערשן די וועלט. עס געפעלט זיי ניט... איז דען דאָ וואָס זאָל געפעלן? איז ליגט מען און מען זאָרגט פאַר „אירעט־וועגן”. פלוצים כאַפּט ישראל זיך אויף פונעם בעט און גיט אַ שפרונג, ווי אַ פייל אויסן בויגן, שאַרט אָפּיר דעם טשעמאָדאַן פון אונטערן בעט און נעמט זיך פּאַקעווען. די חברים, פיר סטודענטן זענען זיי, קוקן זיך איבער. — „וווהין, ישראל?” קומט אונטער אַ פראַגע.

— „אַהיים”, ענטפערט ער. — „וואָס איז געשען, פלוצים אַהיים, פאַרבענקט?”

— „יאָ, זיך פאַרבענקט, איז וואָס? שמייכלענדיק ענטפערט ישראל.

— „נאָך דיינע לעווער בלאָטעס אַוודאי?! — „אין לעווע זענען די בלאָטעס אין די גאַסן, פאַרגעסט ניט, בעת דאָ... שוין ערנסט זאָגט ישראל זיי אַריין אין די אויגן. — „ס׳איז דאָך געווען די רייד, אַז דעם קומענדיקן זונטיק וועסטו האַלטן אַ פאָרטראָג?! — „וועט זיין אַן אַ פאָרטראָג, זאָלן זיך אַלטע אויערן אויסרוען אַן אויפדערנאַכט, נערוועז ענטפערט ישראל, ניט קוקנדיק אין זייער זייט.

אַ גרופּע סטודענטן האָט זיך דערמאָנט, אַז די שטאָט איז ניט צונויפגעשטעלט נאָר פון גרויסע ריינע גאַסן און, אַז די צאָל קליינע, שמאָלע אומריינע איז פיל גרעסער — איז דאַרף מען עפּעס אַ ריר־טאָן, אַ זאָג־טאָן דער איינגעשלאָפענער אָרעמקייט... קלאַפּט מען אויף אַ שילדל „י. ל. פרץ־ביבליאָטעק”... מאכט מען פלענער. און ווי אַנדערש? פלענער פאַרן היינט און נאָך מער פאַרן מאָרגן... דאָס איז גאָר, מיינט

איר? האָט איר אַ טעות. אָט וועט איר זען, ווי עס ווערט פריילעך אויף דער יידישער אָרעמער גאַס... הערט מען, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ רעיון, וואָס זוכט מיטלען, ווי אַזוי אָנצוצינדן אַ ליכטל אין דער פינצטערניש. איז ווי קאָן מען בלייבן מיט פאַרלייגטע הענט און ניט אַ קוק־טאָן, אַ הער־טאָן און נאָכהער טאָקע אַ בלאָז־טאָן אויפן ליכטל?... איז פיקט זיך אויס נאָך אַ גרופּע — אָבער ניט קיין מישמאַש, נאָר „טאַטנס קינדער" — ריינע יוריסטן, וועלכע האָבן שוין אָנגעגרייט אַ פּאַרטיקן וועג... אויף וויפל עס טוט זיי וויי דאָס האַרץ פאַר ציון און נאָך מער פאַר יידן — איז שווער צו זאָגן, אָבער וואָס יאָ קלאָר איז: — די געבורט פון דער „י. ל. פּרץ"־גרופּע האָט זיך זיי אַוועקגעשטעלט אין גאָרגל... פאַרשטייט איר מיך — דער נוסח פון דער גרופּע קאָן ניט שמעקן „איידעלע נעזער" איז דערפאַר לייגט זי, די גרופּע מיין איך, זיך אַוועק אויף צאַרטע הערצער און דאָס איז ניט דערלאָזבאַר... און, והשנית וועט עס טאָקע זיין אַ שולעכל ווו יעדער וועט באַקומען מפטיר — און אַזוי אַרום וועט מען קאָנען זיך פּיקן די צונג, און ווי אַדוואָקאַטן דאַרפן קאָנען רעדן — וועט עס טאָקע ווערן אַ מקום, ווו מ'וועט האַלטן דערוויַיל דרשות פאַר יידן, זאָלן זיי נאָר קומען... און ווען זיי קומען, פּרוווט מען זיי אָנציען און מען צילט, אַז מען זאָל טרעפן אין דער סאַמער „נאַציאָנאַלער סטרונע", וועלכע איז סענסיטיווער פון דער סאָציאַלער... אַליין פאַרקאַטשען די אַרבל און גיין טוען דאָס, וואָס עצהנען אַנדערע, דאָס ניין, חלילה, זענען „זיידענע קינדער" ניט געבוירן, זייער שליחות איז גאָר אַן אַנדערע אַ „העכערע" — וועקערס זענען זיי און אויב ניט קיין גאַנצע, אָבער שטיקלעך זענען זיי. אַוודאי, איז דערפאַר טאָקע דאַרף מען, שאַרפער אויסשאַרפן די צונגען און צושלייפן די מוחות, אַז לייכטער זאָל אָנקומען זיך אַ קלעפּ־טאָן צו אַ גביר, אַ נגיד — אַ ביינדל לעקן און, אַז דאָס ביינדל זאָל ניט זיין קיין מאָגערס — דאָס איז שוין אַ גורל־זאַך און, ווי וועמענס מזל פירט, אָבער אַ גאָר וויכטיקער ענין — איז אויך געפינען אַ רייכן שווער, איז טאָקע דערפאַר דאַרף מען גרייכן צו אַזאַ מעלה: — ווערן אַ טריבון, אַ רעדנער.

ישראל בייזערט זיך אויף דער יוגנט. איר אויפפירונג איז אַ פאַר־דריסלעכע — זי קומט ניט אויף די אוּנטן, כאָטש די אוּנטן זענען פאַרשי־

דנאַרטיקע: ליטעראַרישע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און היסטאָריע פּעלט אויך ניט, אפשר וועט מען קאָנען צוציען זי צום פּאַרייק. „ווו זענען, פרעגט ער זיך, די אַלע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע אין געשעפטן, משרתים און לערן־ייִנגלעך ביי פאַרשידענע פאַכן, אָט די יוגנט פון דער יידישער אָרעמקייט? ווו פאַרלירן די אַלע זייערע פרייע שעהן? מילא, אויב אַ געוויסער גרופּע שמעקט ניט דער קרייז, איז נאָך פאַרשטענדלעך, אָבער דער אַרבעטער? עס זענען דאָך ביי אים דאָ אַזויפיל פראַגן, וועלכע בעטן אַן אויפקלערונג, אַן ענטפער זאָל מען אויף זיי געבן! אַן אויפגערעגטער, האָט ער דערפאַר באַשלאָסן פריער ווי תמיד אַ היים צו פאָרן און זיך באַגעגענען מיט דער קליינשטעטלדיקער יוגנט. זי איז גאָר ווייט פון דער שטאָטישער אויסגעהוילטער, נישטיקער, ליידיק־גייערישער און לאַנגווייליקער יוגנט. זיך טרעפן מיט בחורים און מיידלעך, וועלכע דורשטן נאָך אַן אמת, אַרומגייענדיק אים זוכן... אַלע באַמיאונגען צוציען צום קרייז יונגע מענטשן זענען ניט געקרוינט געוואָרן מיט גרויסע דערפאָלגן. און וויפל מי לייגט מען אַריין ביז די צוויי חדרים, וועלכע מען האָט מיט גרויסע שוועריקייטן אַרויסגעפועלט ביי די רעדלפירערס פון דער קהילה, זאָלן אויסזען ווי אַ ביבליאָטעק. ביכער זאַמלען, מוז מען זיך אַליין איינ־שפּאַנען אין וואָגן און אונטערשטויצן נישקשהדיק אין די פּראַסטיקע ווינטער־טעג.

*

די וואָרעמקייט אין וואָגן און דער צעוויג פון צוג שלעפערן איין ישראלן. ער באַוויזט ניט גוט צומאַכן די אויגן זיינע, ווי ער זעט זיך שוין אַרומגענומען מיט זיין מאַמען. ער פילט דעם ציטער פון איר גוף. ער נעמט איר קאָפּ אַריין אין זיינע הענט און אָנשטאָט געפינען אַ פריילעכן שטראַל אין אירע בליקן, דערזעט ער אַ רחמנותדיקן טרויער און פילט ווי אַ הייסע טרער טוט אַ ברי און מיט איר שאַרפקייט שניידט זי זיך אַריין אין האַרצן זיינעם. „פאַרוואָס, מאַמע", פרעגט ער זי, „טרערן אין דיינע אויגן?" ווי אַן ענטפער לייגט זי אַרויף איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און צעוויינט זיך אויף אַ קול, ווי אַ קינד אין זיין מאַמעס שויס: „אוי, אַ

מאַמעס האָרץ! ווו נעמט מען כוח אריבערטראָגן?!״ די ווערטער אירע דערמאָנען אים אין געיעג פון דער צעווילדעוועטער פּאָליציי נאָך חברים זיינע. פלוצים טיילט זי זיך אָפּ פון אים, ווישט אויס די אויגן אירע, מיט די טרערן ווישט זי אויך אויס דעם טרויער און אַ פריילעכע גוטסקייט פילט אָן די שטוב; כאַפּט דעם גרויען וואָלענעם שאַל, הילט זיך איין אים איין און שוין טאַקע אַרויס אויף דער גאַס. אַ פאַרחידושטער בלייבט ישראל, קוקט איר נאָך, דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער שוועסטער און פרעגט ביי איר: — „וווהין איז די מאַמע געלאָפן אין אַזאַ שלעכטן וועטער?״ — „וואָס־זשע, דו קענסט ניט דיין מאַמען?״ ענטפערט די שוועסטער, „היינט איז דאָך דאָנערשטיק, גייט זי פאַרזאָרגן די אָרעמע משפּחות אויף שבת, לויפט זי אַהין ווו ס׳איז דאָ צופיל, כאַפּט אַ פּאָר ברעקלעך און טראָגט זיי אַהין, ווו ס׳איז גאָר נישטאָ״. אַ שאַרף ליכט פון קאָנדוקטאָרס לעמפּל רייסט אויף ביי ישראלן די וויעס. אַ בייזער דערלאַנגט ער אים זיין בילעט, פאַרמאַכט ווידער די אויגן — צום חלום זיינעם זיך אומקערן וויל ער.

די נאַכט געווען איז אַ קאַלטע און דער פריער קאַיאַר — אַ פּראָסטיקער, האָט ער מכבד געווען מיט אַ בייזן ציפּ ישראלס צעפלאַמט פּנים און זיך אַדורכגעקאַטשעט אַ פּאָר מאָל איבער זיין לייב און נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט ניט אָנגעהויבן פאַר אים ציטערן. דאָס אָפּגעריבענע פאַלטאָלעכל אויף ישראלן האָט ווייניק וואָס געקענט זיך אַקעגנשטעלן דעם בייזן ציִענדיקן ווינט, מחמת ס׳איז שוין צו דורכזיכטיק, אַז ס׳זאָל בכוח זיין איינהאַלטן דאָס ביסל אָנגעזאַמלטע וואַרעמקייט אין וואַגאָן. מיט שטריקלעך אַרומגעבונדענעם טשעמאָדאַן אין אַ בלויער איבערגעפרוירענער האַנט איילט ער זיך, וואָס גיכער אַרויס פון באַנהויף און אַוועק אַהין, ווו עס וואַרטן די בריטשקעס, וואָס זאָלן דעם עולם אָפּפירן אין שטאָט. די בריטשקעס צעקאַטשען זייערע רעדער איבער די אויסגעשטיינערטע גאַסן און מאַכן אָן אַ רעש, אַז אַ טויטן פון שלאָף זענען זיי מסוגל אויפצוועקן.

אָט שטייט שוין ישראל פאַרן הויף, ווו די בעלי־עגלות שטעלן זיך אָפּ, און אַ זאָרג בלאָנדזשעט אַרום אין זיינע זוכנדיקע אויגן, אַ בעל־עגלה

זוכט ער. ס׳טרעפט זיך אָפּט, ווען זיי פּעלן אויס גראָד דעמאָלט ווען דו נייטיקסט זיך אין זיי און ווען אין קעשענע איז אַ גראָשן ניט צום געפּי־נען אויף אַ בייגל צו קויפן. נאָך אַ פּאָר רגעס צעבליצט זיך אַ פריידיקער שטראַל אין זיינע פּאַרטרויערטע אויגן — זיי האָבן דעם זוכנדיקן בעל־עגלה דערזען. „שלמהלע!" ווי זיין האַרץ וואָלט פּאַר פריידן אַ יעבץ געטאָן. שלמה׳לען איז גענוג זען איין מאָל, אַז ער זאָל פאַרבלייבן אין זכרון אויפן גאַנצן לעבן. שלמה׳לע בעל־עגלה איז אַ קליין אויסגעדאַרט יידל, אַ יידל, וואָס האָט ניט באַוויזן אויסצווואַקסן, מחמת אים איז באַ־שערט געווען אין די קינדער־יאָרן וואַקסן ביי אַ טאַטן אויף וועמענס נחלה ס׳האָט ניט גערעגנט, תמיד אַ טרוקעניש אויף זיין מזל און אין אַלע יאָרן. אויפן פּנים זיינעם האָט זיך, ווי אומיסטן, אַוועקגעשטעלט אַ נעזל — אַ קליין, דריבנע נעזעלע, ווי אַ פּאַסאַלקעלע, ער האָט ממש ניט וואָס אַריינ־צונעמען אין זיינע צוויי פינגער, ווען ער פּרוווט זי אַ שנייץ־טאָן און וואָס קריצן זיך טיף איין אין זכרון — זענען זיינע אויגן גרויסע מיט זייער תמיד פרעגנדיקן פּלעמל און פילזאָגנדיקן שמייכל, אַ שמייכל, וואָס דער־נענטערט דיך צו אים און מאַכט דיך היימיש אין זיין אַנוועזנהייט.

שלמה׳לע בעל־עגלה באַגעגנט ישראלן, ווי יעדן איינעם, מיט אַ פריינדלעך־גוטוויליקן האַרציקן שמייכעלע: — „דו ביסט", ווענדט ער זיך צו ישראל, „אויב איך בין זיך ניט טועה, רחל׳ס זון? ווי רופט מען דיך?" — „ישראל", קומט אונטער אַן ענטפער. — „יאָ, יאָ, איך דערמאָן זיך, דער קאָפּ איז גוט, נאָר אינגאַנצן נאָך ניט אויסגעטרוקנט, סראָליקל ביסטו. ווי ערשט נעכטן דיך אויף מיינע הענט געהאַלטן. לערנסט, דוכט זיך, ערגעץ ווו, אויב איך געדענק נאָך, אויף דאָקטער לערנסטו? איאָ? זעסט, ווי איך ווייס. אַ מענטש דאַרף וויסן, ווער מיט וואָס און מיט וועמען האָט צו טאָן, דאָס הייסט, אין וועלכע וועגן גייט ער, וויאַזוי שטעלט ער זיך אָפּ, ווען מ׳דאַרף, צי ווען ער לויפט און וווהין? און אין וועלכע הימלען ער פליט? ס׳איז גוט צו וויסן, וואָס־זשע סע קאָסט עפּעס געלט אַזאַ וויסן? און טאַקע אין איינוועגס, אויב עס געפעלט דיר, קאָנסטו נאָך גיין און אַפילו נאָך לויפן אויב ס׳איז אַ סגולה צו פּרנסה, צי ס׳זאָל ווערן ליכטיקער אין די אויגן איז שוין גאָר אפשר אַ ישועה. יאָ,

זאָג נאָר, איך בעט דיך, רעדסטו נאָך יידיש?״ — ״ווי דען״, שמייכלט ישראל. — ״כ׳ווייס, אַ דאָקטאָר זאָל רעדן אויף אונדזער לשון״.

— ״וואָס הייסט אונדזער לשון, אייער לשון?״ שטעלט ישראל אויף אים אַרויס אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן. — ״הם... אונדזער לשון״, שמייכלט שלמה׳לע זיך אַריין אין שיטערן גרויען בערדל, ״נו, וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט, וואָס־זשע, איך דאַרף דיר אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל? דיינע ציינדעלעך זונעניו, זענען צו שאַרף פאַר מיינע פינגער. עס איז אַ פּשוטע זאַך — אונדזער לשון איז ניט זייער לשון. סראַליקל, פאַרסטו, הייסט עס, אַ היים צו דער מאַמען?! שיין, זייער שיין! דאָס הייסט נחת״. ווי ער וואָלט זיך געזאָגט, פאַרטראַכט זיך אויף אַ רגע און דערנאָך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ישראלס אַקסל און אַ זאָג געטאָן: ״קום, יינגעלע,״, וויזנדיק מיט די אויגן אויפן דערנעבן איינגעהויקערטן הייזל, וואָס האָט שוין ניט קיין כוח זיך האַלטן אויף די אויסגעקרומטע אַלטע פיס, ״קום, וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן אין אָט דער קרעטשמע, דאָ וועלן מיר זיך מיט אַ גלאָז הייסן ווייַן די נשמות אונדזערע דערוואָרעמען. אויפן בלויען בעזל דיינעם זע איך, ווי דו ביסט נעבעך איבערגעפרוירן און אַחוץ אַלעמען פאַרט זיך מיט אַ גלעזל ווייַן בעסער און גיכער. יאָ, יאָ, הייסט עס, פאַרסט דערפרייען די אָרעמע מאַמע״.

שלמה׳לע בעל־עגלה׳ס איינלאַדונג אין קרעטשמע האָט זיך גאָר ניט אַזוי גוט געלייגט ישראלן אויפן האַרץ. ״לחיים״ טרונקען מיט שלמה׳לען דאַרף מען אויפן חשבון פון דער אייגענער קעשענע, אַזאַ מנהג איז שוין, און דאָ איז זי גאָר ביי אים, די קעשענע, אַ ליידיקע. — ״איך בין שוין דאָ צוויי מעת־לעת, בין איך״, וואָרטשעט אונטער שלמה׳לע, ״און זע ניט און הער ניט קיין לעבעדיקן נפש, וואָס זאָל זיך וועלן לאָזן פאָרן אין אונדזער ״אָרעם מקלט״. איך ווייס? אפשר מיר׳ן נאָך צוואָרטן ביז צוועלף? האַ? מיר׳ן פאָרן, יאָ, יאָ, מיר׳ן פאָרן און דו זאָרג ניט — קאַלט וועט דיר ניט זיין, כ׳האָב פאַר דיינעט וועגן אַ בורקע וועט מען מיט איר בלוי ניט ווערן אפילו אין סיביר. טרונק און זאָרג ניט!״.

ביים טיש פאָרן גלעזל מיט צוקער אויפגעזאָטענעם ווייַן האָט זיך אויף שלמה׳לעס מויל באַוויזן אַ שמייכל, וואָס שפּאַצירנדיק אַזוי אַרום פון

אין ווינקל צום צווייטן, האָט ער זיך אָפּט מאָל געביטן: אָט איז עס אומעטיק, אָט ווערט עס מיסטיש, אָט ציט עס אַרויף אַ פריילעכע ליכטי־קייט אויף זיינע שוין מידע בליקן, אָט ווערט עס טרויעריק און אָט פאַר־שווינדט עס גאָר אין גאַנצן, אַז ס׳זאָל זיך מיט אַ חוזק אויפּסניי באַווייזן אויפן מויל. די ענדערונגען אינעם שמייכל זענען אָפּהענגיק פון יענע, דערינערונגען, וואָס שווימען אַרויס, בעת ער רעדט זיך אָפּ פון האַרצן. ווי נאָר ער געפינט עמעצן, פאַר וועלכן ער זאָל קענען זיך אָפּרעדן אַלץ, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעזמאָלט אין משך פון צייטן, טוט ער דאָס מיטן גאַנצן האַרצן.

— „לחיים!״ מאַכט שלהמה׳לע בעל־עגלה מיט אַ ביסל איראָניע אין די ווינקלען פון מויל, זאָל כאָטש געזונט זיין, פאַר דער אָרעמקייט איז דאָ „ווער״ סע זאָרגט און פאַרן איבעריקן פאַרלאָז איך זיך אויפן רבונו של עולם, זאָל ער טראַכטן, וואָס־זשע ער האָט עפּעס אַן אַנדערע אַרבעט?״.

— „איר מיינט״, גיט צו ישראל, ער זאָל דעם דופק אַ טאַפּ טאָן, און שמייכלט אַריין שלמה׳לען אין די אויגן. — „נו, יאָ״, ענטפערט שלמה׳לע צו ישראלן מיט אַ שמייכל, זאָל ער אויך אַ קלער טאָן ווי אַזוי אַ יידן געבן פּרנסה״, איך פון מיין זייט האָב זיך ביז איצטער שוין צופיל דעם מוח מיינעם אויסגעגראַבלט מיט כל המיני טראַכטענישן. הייסט עס, ווו האַלטן מיר, זונעניו? מיר דוכט זיך, אַז כ׳האָב דיר שוין דערעסן מיט מיינע פּוסטע מעשיות און אַ קאָפּ דיר מיט זיי אָנגעדולט, אַז וועסט פאַרזאָגן אויף קינדס־קינדער, מער זיך ניט אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט אַ בעל־עגלה. יאָ, איך דערמאָן זיך, אַז דו רעדסט נאָך יידיש״.

— „מאַמע־לשון״, שמייכלט אונטער ישראל.

— „לאָך ניט, ייגנעלע, איך מיין, אַז ס׳איז שיין, זייער שיין פון דיין זייט. זעסטו, ביי אַנדערע אומות, נעם אַ שטייגער אַ רוס, אַ פּאָניע איז אויף וואָס פאַר אַ לשון ער זאָל רעדן, אַז ניט אויף רוסיש, ווי זיין טאַטע־מאַמע רעדן? צי נעם אַ מאָלדאַווער, רעדט ער זיך אויף זיין מאַמע־לשון, און אַ ציגיינער שעמט זיך דען פאַר עמעצן ער זאָל בקול רם זיך צעטענהן אויף זיין מאַמע־לשון? אָבער ביי אונדז יידן? אוי, ביי אונדז יידן!... איז

טאָקע שיין, זייער שיין, וואָס דו שעמסט זיך ניט מיט דיין מאַמעס און זיידנס לשון״.

— וואָס הייסט זיך שעמען?״ שטעלט ישראל אַריין מיט אַן ערנסטער מינע אַ שאלה און קוקט שלמה׳לען אַריין אין די אויגן, ווי ער וואָלט דאָס צום ערשטן מאָל געהערט, אַז אַ טייל שעמען זיך מיט יידיש לשון.

— „וואָס הייסט זיך שעמען? וואָס הייסט זיך שעמען, פרעגסטו,״ און אַ שמייכל, ווי ער וואָלט אַרויסגעשווימען פון אונטער שלמה׳לעס געלער, פּאַרוויכערטער וואָנצע. שלמה׳לע רוקט אַרויף די קוטשמע אויפן שטערן, נעמט אַרויס אַ ציגאַר־פּאַפּירל פונעם בוזעם־קעשענקעלע און פונעם צווייטן שלעפּט ער מיט צוויי פינגער אַרויס אַ ביסל גראָבלעך צעשניטענעם טוטין און מיט אַ בלאָנדזשענעם שמייכל אַרום מויל פּאַרדרייט ער אַ ציגאַר און, ווען ער האָט טיף אין זיינע פאַרוויכערטע לונגען אַריינגעצויגן דעם ערשטן רויך פון ציגאַר, האָבן די אויגן זיינע ווי אַנגעהויבן זוכן אין דער ווייטקייט און נאָך אַ רגע האָבן זיי אַ דין שמייכעלע אַראָפּגעלאָזט אין גלאָז אַריין, וואָס איז געשטאַנען לייידיק — פילט ער זי אָן און זעצט פאָר:

— „נעם אַ שטייגער משה חזיר׳ס זון, איז דען זיין מאַמע־לשון ניט געווען יידיש? איצט איז וואָס? און אַז ער איז אַ דאָקטער, זאָל ער זיין, ווערמען דאַרט דער קאָפּ דערפֿאַר? און אויב יאָ, איז אַרט מיך דען? צי זאָג מיר, איך בעט דיך, וועט לאָזט אים ניט רעדן אויף זיין לשון, וואָס ער קען בעסער פון אַלע די אויסגעליגענע ביי פרעמדע? צי ווער האָט אים געהייסן ווערן פון ברוכל — באָריס? נו, זאָל זיין באָריס, מיינסטו איז שוין? ניין, דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצן, נאָר אַ באָריס מיט אַ סמיטשיק — מיט אַ מיכאַיליטש. צעוואָס זיך נאָכקרומען פּאָניען? ס׳רופט אוודאי ביי אים אַרויס אַ פּאַרדראָס, און ווי זאָגסטו, דאָס וואָלט מיך אפשר אויך ניט באַדאַרפט אַרן, זאָל ער זיך רופן ווי ער וויל, ס׳איז עפּעס מיין באָבעס דאגה, נאָר וואָס עס רייצט מיך אויף, איז יידן זאָגן, האַ? וואָס יידן זאָגן ווילסטו וויסן? יידן זאָגן, אַז ער רעדט ניט און וויל ניט רעדן אַ יידיש וואָרט, אויס ביי אים מיט מאַמע־לשון, ער רעדט שוין נאָר „טאַטע־לשון...״

— „און איר, ר׳ שלמה, ווו גייט עס ביי אייך?״ פּרווווט ישראל שטילן זיין אויפגערעגטקייט מיט אַ פראַגע.

— „וואָס הייסט איך? יאָ, איך," ווי אַ געדאַנק האָט אַ בליץ געטאָן אין זיין מוח און אים אויף אַ רגע איינגעשטילט און תיכף אויפסניי אָנגעהויבן", ווי שטייט עס ערגעץ געשריבן אין אונדזער הייליקער תורה: מי במים ומי באש — ווער עס פאַרט און ווער עס שווימט און ווער עס גייט צופוס... מיינסטו אוודאי, אַז איך פאָר, אַ יאָ? אוי, נאַרעלע, ווי קען איך פאָרן, אַז איך זיץ נאָך אַלץ אויף דער קעלניע? איך טראָג זיך אַרום מיט מיין בעל־עגלהשקייט, ווי דער רבונו של עולם מיט זיין תורה. לאָך ניט, זונעניו, ס'איז ניט צום לאַכן, מיינסט מסתמא, אַז איך וואָלט ניט אַ בעלן געווען מאַכן אַ בייט מיט ר' לייב שאַפּיר, מיינסטו? ס'וואָלט מיר בפירוש אָנגעשטאַנען. מיין נישט, אַז אין מיין קאָפּ איז ווייניקער שטאָף ווי אין זיינעם און, וואָס איז נוגע יחוס, טאָ פאַרלאָז דיך אויף מיר, מיטן יחוס וואָלטן מיר זיך יאַקאָס אויסגעגלייכט. פאַרגעס ניט, אַז מיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען אַן ערלעכער, ליטישער ייד, ער קען דאָס ניט זאָגן אויף זיין טאַטן. העי, העי, העי," ער הייבט אויף די אויגן צו דער סטעליע, ער, ער דאַרף נאָר ווערן. נו, וואָס קען מען טוען, אַז ער וויל מיר ניט פאַרטרויען דאָס שטיקעלע מזל, איך ווייס, אפשר וועט ער זיך נאָר באַרעכענען. נו, זאָל זיין לחיים, זאָל כאָטש זיין געזונט, אַ ברויט אין מויל וועלן מיר יאַקאָס געפינען און ווו עס איז דאָ ברויט פאַרוואַלגערט זיך שוין אַ ציבעלע אויך, לאָך ניט, נאַרעלע, מיר געפינען מער טעם אין אַ ציבעלע אין בוימל, ווי דער גביר אין זיין פעטן ראָסל־פלייש. לחיים סראַליקל, מיין ניט, אַז איך זע די וועלט מיט אַנדערע אויגן. כ'זע זי ווי דו זעסט זי מיט דיינע יונגע: אַ שיינע, אַ רייכע, אַזאַ יאַר אויף מיר, אָבער דער מענטש, ווייזט אויס, איז זי נאָך ניט די ווערט, ער איז שלעכט און מאַכט זי מיאוס. דערפאַר זאָגט טאַקע דער פסוק: „אתה בחרתנו מכל העמים", מאַכט רש"י — דער ייד ליגט אין דר,ערד און באַקט בייגל".

— „איר האָט נאָר וואָס דערמאָנט לייב שאַפּיר", שלאָגט אים איבער ישראל, „איז ער ליגט אויך צווישן די יידן, וואָס באַקן בייגל?".

שלמה'לע בעל־עגלה האָט זיך ווי אַ בייזער געטאָן: — „אוודאי זענען דאָ אַזוינע אויך ביי אונדז. הער מיך אויס, זונעניו, ווייסטו וואָס איך מיין? איך מיין, אַז מ'דאַרף זיי גאָר ניט אויף אַזויפיל באַשולדיקן. ווען איך זאָל

אָנטרייבן מיט זיינע סוסים, מיינסטו וואָלט איך אַנדערש געהאַלטן די וואַשקעס? און ווי זאָגט מען עס ביי אונדז: אַז מען עסט זויערמילך, גלוסט זיך שוין אַ לעק־טאָן פון דער סמעטענע אויך... און אַ מענטש, מ׳שטיינס געזאָגט, איז דען מער פון אַ בשר ודם, און ווו ס׳איז בשר ודם דאָרטן איז דער יצר־הרע אַ מחותן, וואָס זאָל איך דיר בריינען, איז וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב פרנסה? און ווי זאָגסטו? — יידישע פרנסות זענען דאָך ווי טייבעלעך געבראָטענע, וואָס ווערן דיר צוגעטראָגן אויפן טעלערל... יאָ, וויל איך זאָגן, אַז ס׳איז טאָקע אָפּהענגיק, וואָס פאַר אַ פרנסה דער ייד האָט — איז דינט מען אַלע עבודה־זרה׳ס. וואָס פאַר אַ עבודה־זרה׳ס ווילסטו וויסן? אַז מ׳דאַרף, מסרט מען צו, און אַז מ׳מוז שמדט מען זיך אָפּ אויך אפילו, איך מיין די נשמה, מיין איך. נעם אַ שטייגער אונדזער משה־חזיר. מ׳זאָגט אין שטעטל, זאָגט מען, אַז ער מסרט צו צו ביסלעך, ס׳איז אַ מין טייל פון זיין חיונה. אַזוי דאַכט זיך אַ שטילער, לייטישער ייד, קוקט אַריין אַמאָל אין אַ ספר אין בית־המדרש. ער איז אַ ייד אַ מיטלמעסיקער — ניט קיין גרויסער למדן און ניט קיין קליינער עם־הארץ. אַ זון געמאַכט פאַר אַ דאָקטער און, אַזוי דרייט ער שטיל מיטן רעדל. יאָ, איך כאַפּ איין וואָרט פאַרן אַנדערן, אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ בן יחיד איז ניט קיין גרויסער למדן. אָט זע איך דיך, סראָליקל, האַלסטו דווקא יאָ פון אָט אַ דעם מאכל. ס׳דאַרף ניט זיין קיין שלעכטס. ווייסטו, וואָס איך מיין? איך מיין, אַז האָסט זיך אַוועקגעקאַטשעט אויף אַזאַ וועג, כדי זיך אַריינכאַפּן אַהין — אין די גרויסע פענצטער... האַ? ניט שלעכט, וואָלטן אַלע קליינע געקריגן דיין שכל און דיין חשק זיך נעמען אויף דיין וועג — זיך אַרויפּ־דראַפּען אַהין און אַ טרייב־טאָן די חזירים פון דאָרטן, אויסרייניקן דאָס שטיבל פונעם מיסט און צעעפענען ברייט די פענצטער... כ׳ווייס? אפשר וואָלט איך אַן אמתן ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן, האַ? ווי מיינסטו? איך האָב אויך אַ שטיקל קרוב, וואָס לערנט זיך ערגעץ אויף אַדוואָקאַט לערנט ער, דער טאַטע זיינער זאָגט זיך אָן, דאָס הייסט, האָט אַמאָל, איידער נאָך דער זון זיינער איז אַוועק אויף די קורסן, זיך געהאַלטן פאַר אַ קרוב. מיין קרובהשאַפט מיט אים פרעגסטו? זי איז גאָר ניט אַזאַ ווייטע: מיין זיידנס האָן האָט אין זיין באָבעס הויף אַריינגעקרייט. נו, וואָס קוקסטו מיך

אַזוי אָן? זיי זענען אויך אַמאָל יונג געווען... נאָר וואָס דען, ווען ער, דער קרוב מיינער, פלעגט גיין מיטן קויש אין די גאַסן און אויסשרייען אויף אַ קול „ה י י ס ע ב י י ג ע ל ע ך!‟, דעמאָלט בין איך, פאַרשטייסטו מיך, געווען דער יחוס, בין איך אים פאַר אַ קרוב אָנגעשטאַנען, אָבער איצט אַ קלייניקייט — אַן אַ ד ו ו אָ ק אַ ט ס טאַטע. איצטערט שטייט אים ניט אָן צו ריידן ניט נאָר מיט מיר, נאָר אפילו מיט זיך אַליין. ער מיינט, אַז ער האָט אָנגעכאַפּט דעם רבונו של עולם ביי דער באָרד, מיינט ער... נו, גענוג געפּלאַפּלט. ענדיק דאָס גלעזל און לאָמיר גיין פאָרן. ס'איז שוין צייט, אויב מיר ווילן אין דער נאַכט ניט פאַרפאָרן‟, געבנדיק דערביי אַ גענעץ, „אַזוי אַז מ'לייגט זיך ניט־געגעסן, שטייט מען אויף ניט־געשלאָפן. דאָך איז מיר נאָך בעסער פון וועלוולען, חיה־שרה'ס זון, געדענקסט אים נאָך, ער איז נעבעך אויף גרויסע צרות, אין אַ גרויסן אומגליק אַריין. אַן ערלעכער ייד, אין אַלע זיינע יאָרן שטיל געווען און גוט ווי אַ טויב, נעבעך געווען שול־דיק נאָר גאָט די נשמה. ער האָט געוואָלט ווערן אויס בעל־עגלה, ס'איז דאָך אַזאַ פרנסה, וואָס האָט די ווערט טאַקע זיך האַלטן אין איר, האָט ער זיך געלאָזט אָנרעדן פון איינעם און פאַרקלויצעט אַ קאַשע, נו, פרעג שוין ניט, איז ער אַריין אין דער אדמה ווי קורח. יידישע פרנסות, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיט וואַסיל שיקאַרניק, נו פרעג ניט, אַזוי איז שוין, ווען אַ לויז קריכט אַריין אין אַ פאַרד, ווייסט זיך דער פאַרד ניט ווו צו קראַצן. ליגט ער אין חד גדיה און עסט פיש מיט כריין‟.

שלמה'לע בעל־עגלה לאָזט אַראָפּ די אויגן, ווי ער וואָלט פאַרשטעלט די טרער, וואָס איז אַרויס. די צווייטע טרער האָט זיך אים געשטעלט אין גאָרגל און אַראָפּשלינגענדיק זי, האָט ער זיך געפּרוּווט אַ ריר־טאָן פון אָרט, אָבער עס גייט ניט, ווי ער וואָלט צום בענקל צוגענאָגלט געוואָרן...

*

אַ שעה איז מען געפאָרן גאַנץ נישקשהדיק. די מאָגערע פערדלעך זענען באַרג־אַראָפּ אַפילו אונטערגעלאָפן. דער הימל האָט אומגעריכט זיך גענומען אויסלייטערן און ווען אים איז געוואָרן קלאָר אין די אויגן, האָט אים שוין ניט געאַרט, אַז די זון זאָל זיך דערבאַרעמען מיט אַ פּאָר שטראַלן אויף דער

איינגעפרוירענער ערד און, אויב אַזוי שוין, האָבן די פאַרהאַרטעוועטע בלאָטעס אָנגעהויבן זיך נאָכגעבן, ווייכער ווערן און אַריינלאָזן צו זיך די רעדער פון וואָגן. די רעדער אָבער פאַרשטייען ניט קיין חכמות און האַלטן ניט פון קיין האַלבער אַרבעט. אויב מ׳מעג טיפער גיין, דאַרף מע גיין און טאַקע אָנגעהויבן אויף אַן אַנדער אופן זיך גראָבן אַלץ טיפער און טיפער. פונקט ווי אַ שאַרפער אַקראַייזן שניידט די געדערים פון דער ערד, אַזוי האָבן זיי זיך אַריינגעעשניטן אין דער קלעפּיקער בלאָטע. די פערדלעך הייבן אָן נעבעך סאָפּען, עס סטייעט ניט דער אָטעם צום שלעפּן די אייגענע פיס.

שלמה׳לע בעל־עגלה הויכט אויס פון האַרץ אַ שווערן זיפץ, קריכט אַראָפּ פון וואָגן און נעמט רייניקן די רעדער, וואָס האָבן זיך שוין פון דער בלאָטע ניט אַרויסגעזען. — „אַנשטאָט כ׳זאָל די בהמות מיינע שמייסן מיט האָבער, שמייס איך זיי מיט דער בייטש, איז גייען זיי טאַקע אַזוי״. אַזוי זאָגנדיק שפּאַנט ער זיך אײַן פאַרן דריטן, כדי צו העלפן די פערד אַ שלעפּ־טאָן דעם וואָגן, וואָס איז פאַרזונקען אין דער בלאָטע.

— „אַזוי בלייבט עס שוין לעולם ועד״ — מאַכט שלמה׳לע, „ווער ס׳איז איז דער יוגנט אַ בהמה, מוז אויף דער עלטער ווערן אַ פערד״.

ישראל זעענדיק שלמה׳לען אַן איינגעשפּאַנטן, שפּרינגט ער גיך אַראָפּ פון וואָגן און שטעלט אונטער אַן אַקסל.. שלמה׳לע בייזערט זיך, הלמאי ער טוט אים נאָך און גיט צו: „דו, ייִנגעלע, גיי, זיי מוחל, צוריק צו זיך אויפן וואָגן, איך וועל דאָ יאַקאָשע מיט מיינע פערדלעך זיך צונויפרעדן, גיי שוין גיי, גיי אַרויף אויפן וואָגן און טו מיר ניט קיין טובה, טו מיר ניט. דו ביסט דאָך, מ׳שטיינס געזאָגט, בלוט און זויערמילך, ווערט פאַרקילט דאָס בלוט רינט אויס די זויערמילך, טאָ וויאַזוי וועסטו גרייכן צו מנחה־מעריב מיט דיינע פאַנטאָפּעלעך אין די קאַלטע בלאָטעס? דאָ דאַרף מען שטיוול, און נאָך וואָס פאַר אַ שטיוול, נישט קיין פשוטע, זיי דאַרפן גרייכן ביזן פופיק און, לאָמיר זאָגן, למשל, אַז דו האָסט שוין אַזעלכע, טאָ ווּ וועסטו נעמען כוחות זיי מיטשלעפּן? נו, היי געגאַנגען, זעץ זיך אין וואָגן, נאָך דאָס קליינע בערגעלע און שוין קומט די גאולה. דער רוח זאָל עס נעמען. דאָ האָט זיך אויף מיר אַרויפגעזעצט דער האַלדז און נאָקן און לאָזט זיך הערן, ווייסטו כאָטש פאַרוואָס? ווייל איך בין די נאַכט געלעגן נידעריק צוקאָפּנס.

וועסטו פרעגן, פאַרוואָס בין איך געלעגן נידעריק צוקאָפּנס? עס איז אַ פּשוטע זאַך, ניט פאַר דיר געדאַכט, איך האָב סתם אַזוי אַן וועטשערע זיך געלייגט. וועסטו מסתמא מיר שטעלן אַ קשיה? האי נאַרעלע, ווייס, אַז די בעסטע קשיה אויף דער וועלט איז: קאַשע מיט יויך. רעדן, רעדט זיך, אָבער צום פאַרן קומט עס ניט. וואָס? וואָס וועט ווייטער זיין? כ'זע ניט, אַז די בלאָטעס זאָלן אונדז לאָזן אַהיימקומען. זאָג נאָר, די מאַמע דיינע ווייסט, אַז דו קומסט?"

ישראל האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ".

— „אויב אַזוי," זעצט שלמה'לע פאָר, וועט זי דיר שוין אָנגרייטן אַ וואַרעם געלעגער, אָבער וויאַזוי קומט מען צו דעם? זע נאָר, זע, ווי דער יונגערמאַנטשיק מיינער האָט זיך עס פּלוצים ספּאַלאָשעט? האי, האי, אַנו, וויֵא נאָר וואָס דו קענסט! האָב ניט קיין מורא. ראשית, קיינער וועט דיר קיין עין־הרע ניט געבן". אַ צופרידענער האָט שלמה'לע צעפּאַכעט די בייטש זיינע איבערן פערד. „והשנית, צו אַ שידוך קען עס דיר העלפן. אייל דיך צו, וועל איך דיך חתונה מאַכן. זעסט, סראַליקל, דאָס פערד, האַ? דוכט זיך אַ גוט פערד, ביי מיר איז ער דער בעסטער, דאָך דאַרף ער האָבן אַ בייטש, ווי די פרומסטע נקבה דאַרף אַ מאַן".

די אָנלויפנדיקע וואָלקנס גיבן זיך אַ נעם מיט גרויס געשווינדקייט איינשלינגען די שוין אַזוי אויך גוססדיקע שטראַלן. אָט צאַנקט שוין דאָס צאַפּלדיקע פאַרבלאָנדזשעטע שטראַלעכל און שוין, ווי די זון וואָלט אין דער געגנט קיין מאָל ניט געווען. שוין־זשע איז קיין זכר פונעם טאָג ניט געבליבן.

שלמהלע בעל־עגלה איז מיד שוין פון שלעפּן די פערדלעך זיינע ביי די קעפּ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אין איינעם מיט זיי זיך אַ ביסל אָפּ־אָטעמען, און אַז מ'שטייט שוין איז דאָך ניט קיין תכלית אומזיסט די צייט פאַרלירן, דרייט ער זיך אויס מיטן פּנים צו מזרח — מיט אַ מנחה צו דערקוויקן — ווי ער האָט אַ טבע צו זאָגן. הייבט אויף די אויגן זיינע צום הימל און נעמט זיך גאָר ערנסט צו דער „עבודה". קוקט זיך איין אין דער צופאַלנדיקער נאַכט, טראַכט זיך איין אין איר שטילקייט און הערט זיך צו צו די ווערטער, וואָס ער ברומט אַרויס און פאַרשטייט ניט די טייטש,

נאָר כדי הייסער מאַכן די תפילה זיינע — שאָקלט ער זיך צו און פון צייט צו צייט רייסט זיך פון האַרצן זיינעם אַרויס אַ זיפץ.

— „ר׳ שלמה, וואָס וואָרטשעט איר דאָרטן אַזוי שטיל, איך הער אייך ניט״, רופט זיך אָן ישראל פון וואָגן אַרויס, ווו ער זיצט אָן איינגעהויקערטער.

— „איך וואָרטשע, כ׳ווייס וואָס איך וואָרטשע, איך רייד זיך דורך מיט אים שטיל, כ׳זאָל עמעצן אין הימל ניט אויפוועקן.

— „מיט וועמען רעדט איר זיך דורך, מיטן פערד?״.

— „נײן מיטן רבונו של עולם רעד איך״.

— עפּעס פאַרשטיי איך ניט די שפּראַך אייערע?

— מיטן רבונו של עולם רעד איך לשון־קודש.

— און יידיש פאַרשטייט ער ניט? אויף יידיש וואָלט איר זיך פאַר אים בעסער פון האַרץ אָפּגערעדט.

— אַוודאי, אויף יידיש וואָלט איך אויך פאַרשטאַנען וואָס איך זאָג, כ׳ווייס עס גוט. ווייזט אויס, אַז ער איז אויך קעגן יידיש, ער איז אויך פון זייעריקע. יאָ, זאָג נאָר, כ׳בעט דיך, וויאַזוי רעדן די גויים מיט אים?

— די גויים האָבן אויך זייער לשון־קודש: אַ טייל רעדט צו אים אויף לאַטייניש, אַ טייל אויף אַלט־סלאַוויש, אָבער אַממערסטן זאָגן זיי אַרויס די תפילות אויף זייער מאַמע־לשון.

— הייסט עס, ער איז אַ מומחה אין אַלע לשונות, נאָר יידיש — לאָ, עס פידלט זיך ניט ביי אים אויף יידיש, און כ׳ווייס פאַר וואָס, זונעניו, ווייל יידיש איז אַ גלות־שפּראַך און ער, ברוך הוא, האַלט ניט פונעם גלות. עאַ, זאָל זיין שטיל! דו הערסט? אַ גלאָק, ווי איך בין אַ ייד, ס׳איז אַ קלינג פון אַ גלאָק. ווי דו זעסט, וועלן מיר דעם וואָגן פון דאַנען אַזוי גיך ניט רירן און דאָ פאַרט אַ גביר, אָדער אַ פּריץ. הער, ער לאָזט זיך הערן. ווי גוט וואָלט געווען ס׳זאָל זיין אַ ייד, וועט ער דיך אַוודאי מיטנעמען. איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן מיט מיינע פערדלעך ווי אַזוי זיך צושלעפּן צו דער נאָענטסטער קרעטשמע, צי אַפילו דאָ נעבן די פערד איבערנעכטיקן איז פאַר מיר אויך ניט קיין נאָווינע. דאָס איז מיין ברויט. אָבער דו, מיט דיר וואָס טוט מען? כאַפּט עס דער רוח. אַ פעלער געטאָן, באַדאַרפט תיכף

אַרויספאָרן און ניט וואַרטן אויפן נעכטיקן טאָג — איז זי מיר, די זון, אַרויס פון איר באַהעלטעניש מיט אירע צביעותדיקע אייגעלעך און אין אַזאַ בלאַטע פאַרפּירט. אויף תּשעה נייַנציק כפּרות וואָלט איך זי באַדאַרפט. יאָ, יאָ, דאָס איז ער, איך דערקען דעם קלאַנג פון די גלעקער, דערקען איך, ס'איז לייב שאַפּירס שפּאַן, איז עס. דו הערסט? — אַ הייס צופרידן שמייכעלע האָט באַשיינט זיין מיד אויסגעשוויצט פּנים. ער האָט אַרויפגערוקט די קוטשמע אויפן קאָפּ, אַ לעק געטאָן אַ פינגער און אַרויסגעצויגן אַ ציגאַר־פּאַפּירל צו פאַרדרייען אַ ציגאַר און ווייטער פאַרגעזעצט: — אַ נס, ממש אַ נס מן השמים! זעסט שוין אַפּיקורסל, אַז מיר יידן האָבן אַ גרויסן, מעכטיקן גאָט אין הימל? און נאָך וואָס פאַר אַ גאָט! אַ גאָט פון צדק און יושר, אַ גאָט פון חסד און רחמים, אַ גאָט, וואָס שיקט דיר צו די רפואה פאַר דער מכה, אַ גאָט, וואָס זאָגט נאַר, אָבער ער שטראָפט ניט, אַ גאָט, וואָס האַלט אונדז נאָר אויף ניסים, אַ גאָט, וואָס העלפט אַפילו אַפּיקורסים אויך. האַ? וואָס זאָגסטו, סראַליקל, דערויף? אַ חלום, האַ? אָבער וואָס פאַר אַ חלום? אַ שיינער, אַזאַ האָסטו עס אין דיין באָבעס קימפּעט ניט געזען. ווי כ'זע, איז דיר שוין באַשערט אַ וואַרעם געלעגער היינט אויף דער נאַכט און, ווי איך זע דיך אויסשטרעקן די איבערגעפרוירענע פיס דיינע אונטער אַ וואַרעמער קאַלדרע. יאָ, ער איז עס, נו, בר־מזל, קום נענטער צו, קום!

ביז שלמהלע בעל עגלה האָט באַוויזן די פיס זיינע פון דער קלעפּיקער בלאָטע אַרויסשלעפּן, איז דער גבירישער שפּאַן שוין געווען דערנעבן. שלמהלע הייבט אויף זיין האַנט קעגן קוטשער. די פערד זענען שטיין געבליבן. דער בעל־עגלה באַגריסט לייב שאַפּיר, אויפהייבנדיק די רעכטע האַנט צו זיין קוטשמע, ווי ער האָט אַ טבע אָפּטמאָל איבערחזרן. זאָל ער מיינען ,אַז איך וויל פאַר אים אַראָפּנעמען דאָס היטל. איך שלמה בעל־עגלה, זאָל ער זיין דער גרעסטער פּריץ, איז אַ קרענק אים אין די זייטן, נאָר דאָס היטל פון קאָפּ אַראָפּנעמען, ניין, דאָס וועט ער ביי מיר ניט פּועלן, אַז איך נעם ניט אַראָפּ דאָס היטל פאַרן בורא עולם, וועל איך פאַר אַ פּשוטן בשר ודם דאָס טאָן?".

לייב שאַפּיר האָט אויסגעהערט דעם בעל־עגלהס בקשה, אַדורכגע־

גאַנגען מיט זײַנע צופרידענע שמייכלענדיקע בליקן ישׂראלן פון קאָפּ ביז די פיס און דערנאָך באַפוילן דעם קוטשער ווייטער צו פאָרן. ווען די פערד האָבן היציק אַ ריס געטאָן דעם פאַעטאָן, האָבן זײַנע הינטערשטע רעדער שלמהן און ישׂראלן באַשפּריצט מיט בלאָטע. שטייען זיי ביידע מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן און שעמען זיך צו קוקן אין זייערע פאַרבלאָטיקטע פנימער.

נאָך אַ פּאָר רגעס האָט שלמהלע געבראָכן די שטילקייט, וואָס לייב שאַפּיר האָט נאָך זיך געלאָזט, און אַ פאַרביטערטער אָנגעהויבן:

— דאָס זענען זיי, די גרויסע, האַ? ס׳וואָלט אפשר שוין כדאי געווען מאַכן פון זיי קליינע?! — אַ רגע האָט שלמהלע זיך ווי צוגע־שאָקלט און אַריינגעקוקט ישׂראלן אין די אויגן. — אָבער מ׳דאַרף דאָך גרויסע אויך, טאָ וויאַזוי מאַכט מען פון קליינע גרויסע?

די צווייטע

אין קלײנעם, פון גורל פאַרוואָרפענעם, פון גאָט פאַרגעסענעם און פון מזל פאַרלאָזענעם מקומל, לעבן מענטשן גערודפטע, אַוודאי ניט אַלע, דאָ מוז געזאָגט ווערן, וואָס וואָלטן ווי צייטוויײליק זיך אָפּגערוט ביי די ברעגעס פון פּרוט און מיט אַ לייכטן דרימל אויף האַלב־פאַרמאַכטע אויגן קוקן זיי זיך אַריין אין דער וועלט, זאַמלענדיק שטילערהייט, אונטערוועגנס, כוחות אָן פאַר אַן אַנדערן מאָרגן... וואָס זיי גלייבן, אַז אַזאַ דאַרף קומען... אוודאי דאַרף מען עפּעס טוען און ניט סתם זיצן און וואַרטן אויף אים...

עטלעכע און זעכציק סטודענטן ציילן זיך אין שטעטל. דאָס איז אַ צאָל, מיט וועלכער יידן גרויסן זיך, אויך אין דעם זין אַוודאי ניט אַלע... אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, וועמענס שכנס, צי קרובס זינדל, צי טעכטערל, געפינט זיך אין דער מחנה, זוכט תמיד אַ געלעגנהייט וויאַזוי צו באַפרידיקן זיין נייגעריקייט — איז אין שול פאַרן דאַווענען, ווען יידן נעמען אַ וואָרט אין מויל, צי אויף דער גאַס זאַמלט זיך אָן אַ רעדל, בעת איינער דערציילט און אַרום ציען זיך אויס אויערן און כאַפּן אויף אַ נייעסל פון דער גרויסער וועלט, צי ביי אַ יידן אויף אַ שמחה — פון איין „לחיים" צו אַ צווייטן כאַפּט מען אַריין אַ שמועס איבער די געשעענישן פון טאָג, פון שטעטל, פון דער וועלט און אויך ווילט זיך מיט גרויס חשק, אַזוי פּשוט אַדורכשמועסן אויפן חשבון פון אָט אָ די סטודענטלעך, וועלכע הייבן אָן אין אוניווערסיטעט און ענדיקן אין דער תפיסה. זיי ווילן זיך דערגרינטעווען דעם סוד און באַנעמען דעם שכל — „וואָס ווילן די סטודענטן און פאַרוואָס ווילן ניט די פּאָליציסטן און דערפאַר פאַרמאַכט מען זיי אין „חד גדיא" ?"

פֿאַר די לעצטע יאָרן האָבן זיך שוין אויף דער גאַס באַוויזן יונגע לייט מיט אונטערגעשוירענע בערדלעך, וועלכע פּרוּוון אויסטייטשן די נאָגנדיקע שאלה, ביי יידן, מיט פּשוטע ווערטער, כּדי דערנענטערן די פֿרעגנדיקע צו אַ שטיקל אמת און געבן זיי אָנצוהערן: „אַז זייער אמת, איז אויך אייער אמת". איז מוז געזאָגט ווערן, צום וויפֿלטן מאָל? אַז דער אמת אָבער האָט נאָך פֿון קדמונים און אומעטום, און אין אַלע צייטן שוין אַזאַ מזל: מ'פֿאַרשרייט אים, מ'פֿאַרשפּאַרט אים טיף, ביין איילן אין דער אדמה, אַזוי אַז די אויסטייטשער מוזן אָפּטרעטן, אויב זיי ווילן ניט טיילן דאָס ברויט מיט די סטודענטן אין די קעלערס. מוז אַזאַ אמת פֿאַרבלייבן אַ פֿאַרנעפּלטער און די שאלות בלייבן הענגען אין דער לופֿטן, ניט קיין פֿאַרענטפֿערטע: — פֿאַרוואָס אַ בחורל, וואָס גייט זיך לערנען אויף די קורסן, מוז האָבן צו טאָן מיט דער פּאָליציי און פֿאַרוואָס ניט אַלע בחורים ליגן אין די קעלערס, און פֿאַרוואָס געפֿינט די פּאָליציי פֿאַרשפּאַרן אונטער אירע גראַטעס דווקא לייטישע קינדער, קינדער פֿון ערלעכע טאַטע־מאַמע, בעת אומלייטן, געמיינע גנבים, גזלנים לאָזן זיי אַרומגיין פֿראַנק און פֿריי?!"
אַ טייל יידן אין שטעטל קוקן אויף די סטודענטן מיט בטול, ווי אויף מענטשן, וועלכע זענען ניט ביי די קלאָרע געדאַנקען. „צו וואָס, טענהן זיי, גאָר שיקן קינדער זאָלן אויפֿנעמען אַ תורה, וואָס צעשרויפֿט זיי די מוחות אין אַזאַ מאָס, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן אויף קידוש השם. און אַ טייל זאָגן: „ניט אויף קידוש השם" גייען זיי, נאָר קייקלען זיך אַראָפּ פֿונעם דרך הישר. און אַנדערע הערן זיך צו, גיבן אַ קרעכץ און זאָגן אין זיך: „זאָל זיי דער בורא אין הימל שומר ומציל זיין פֿון שלעכטע הענט". אַ טייל פֿינטלען מיט די אויגן און הייבן מיט די אַקסלען, און קערן זיך אום ווידער אַמאָל צו דער שאלה: „דאָך, קראַצן זיי זיך אין קאָפּ, וועלכער איז דער שכל? סתם פּשוט גייט מען דאָך ניט זיך וואַלגערן אין די קאַלטע קעלערס, וואָס־זשע, זיי האָבן דען ניט קיין בעסערע מאכלים צו עסן?"
אַ טייל אויף דער פֿראַגע שמייכלען און אַ טייל בייסן זיך די ליפּן... און ווען מ'זאָגט זיי, אַז צווישן די פֿאַרשפּאַרטע זיינען אויך דאָ באַלד אויסגעצייטיקטע דאָקטוירים, שטרעקן זיי אויך אויס גרויסע פֿאַרחידושטע אויגן. מיט זיי גייט דאָך דער מלאך רפאל, כּדי טיילן געזונט צווישן

די קראַנקע. „זיי זיינען דאָך ניט קיין פּשוטע בשר ודמ׳ס, אויב זיי זיינען אַ שמעלקע מיטן רבונו של עולמ׳ס שליחים, איז פאַרוואָס?!?“...

פאַר פּסח, ווען די הימלען לייטערן זיך אויס און די זון ווייזט איר גאָלדענע צורה צום ערשטן מאָל און מיט אירע טויזנט חנען, רופט זי אַרויס שמייכלדיקע פרייד אין אויסגעטרוימטע אויגן. די וואַרעמע שטראַלן דערוואַרעמען די פּלייצעס, וועלכע זענען שוין מיד אַלץ טראָגנדיק ווינ־טערדיקע פּעלצן. וואַרפט מען אַראָפּ אַ פּעלץ — ווערט לייכטער דער גוף און נאָך לייכטער אויף דער נשמה, ווען דאָס פעדעמל וואַרעמע ליכט טראָגט אונטער דעם אויער אַ זמרל פון באַקאַנטן פייגעלע, וואָס לויפט אָן, ווער ווייסט פון וועלכע וואַרעמע מקומות. קוקוסטערקעס ביי זייער אָנקום געבן צו וויסן מיט זייערע שאַרפע קנאַקנדיקע שנאָבלען, אויך זיי שאַלן אויס פרייד ביי זייער צוריקקער אַהיים, מאַכן קודם הקפות עטלעכע, זוכנדיק זייערע נעסטן, וועלכע זיי האָבן אין האַרבסט פאַרלאָזן. עס ווערט אומעטיק, ווען די זון הייבט אָן זיך געזעגענען און לאָזט זיך אַרונטער אינטערן באַרג, ס׳האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אָנזעטיקן די אָרעמע גאַס מיט דער וואַרעמקייט און מיטן ליכט, דער הימל אָבער פאַרלאָזט ניט, שיקט ער אַרויס דערפאַר די לבנה .אויך די לבנה איז אַ גרויסער גאַסט אין שטעטל. מיט איר כישוף הילט זי איין די שטיבלעך און רופט אַרויס די יוגנט אין פעלד, העט־ווייט אונטערן שטעטל רייצט זי אָן: — זאָלן אירע סודות פאַר איר אַנטדעקן און פאַרטרויען זייערע הייסע בענקענישן מיט וועלכע זי טראָגט זיך אַרום... אַזוי אין די ערשטע פרילינג־טעג פרירן אויף הערצער איבערפולטע מיט ליבע, הערצער וואָס דורשטן נאָך ליבע און שמאַכטן נאָך אַ באַריר צו זייערע אָנגעהיצטע בלוטן...

*

נאָך עטלעכע באַראַטונגען געלונגט ישראלן גרינדן אַ „סטודענטן־קרייז“. די אויפגאַבע פון דעם קרייז איז אַ פּשוטע: — אָפּווישן די מחיצות צווישן יידישע און ניט־יידישע סטודענטן. די גרענעץ איז אַן אויסגע־קינצלטע געווען פון אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַליסטישע נפשות, בכדי אָפּ־פרעמדן יידן פון ניט־יידן. חברשאַפט ביי די טיילן שמעקט עמעצן ניט...

מיט שוים אויף די מיילער שטורעמט מען אויף די גאַסן און שוין־זשע טיילט זיך דאָס שטעטל איין אין דריי טיילן: אַ טייל — פּאָר, אַ טייל — קעגן און אַ דריטע — נייטראַל. און גאַסן און געסלעך גייען אויף רעדער. „וויאַזוי קען אַ ייד שטיין גלייכגילטיק פאַר אַזוינע האַרבע פּראָבלעמען און זיך ניט אַריינמישן?" און טענות: „וואָס ווילן זיי, אַט די יידישע אַנטי־סעמיטן? איז גוט, וואָס מ'האַלט זיי פאַרשפּאַרט!". „שווייג, בהמה, ווייסט ניט פון דייך חיות, קיי דיר דייך שטרוי און לויב דעם רבונו של עולם". „וואָס פאַר אַ יד־אחת? וואָס פאַר אַ שמעלקע?". „לעמעשקע, פאַרמאַך דעם שפּייער דיינעם, אלא ניט, וועל איך אים קאַליע מאַכן!" „גאָט אין הימל, זע נאָר וואָס דאָ טוט זיך, מ'וויל אונדז שוין אָפּשמדן". „אַט האָט איר אַ נייעם אתה־בחרתוניק, ווישט אייך קודם אָפּ די באָרד, איר האָט זי פאַרסלינעט"!" איניקע גייען אַרום מיט אויסגעשפּיצטע אויערן, עס געפעלט זיי ,עס איז פריילעך אויף דער יידישער גאַס: — ס'איז דאָ וואָס צו הערן, און אפשר וועט זיין טאַקע, וואָס צו זען... אַ טייל גייען אַרום און ציען מיט די אַקסלען, זיי זיינען פאַרעוועו, ניט מילכיקע און ניט פליי־שיקע. „סטייטש", שרייען צעהיצטע, „מיר זאָלן אַליין נאָך געבן געלט די וועלכע ווילן זיך אויסלערנען אַ תורה, דער רוח ווייסט, פאַר וועמען, אָבער זיכער ווי אַזוי אָוועקנעמען ביי יידן זייער האָב און גאָב און זיי אַרויסשטופּן פון זייערע, פון דורות איינגעזעסענע ערטער". מ'האָט אין זינען דראָען: „אויב איר וועט ניט אויפלעזן אייער שולכל און ניט צעטרייבן אייערע שיקסעס און שקאָצים, טאָ זאָלט איר וויסן זיין, אַז מ'עט אייך איבערהאַקן די פּיס, ווען איר וועט קומען אויף דער שוועל פונעם יידישן סטודענטן־הויז, איז כדאי אויך באַצייטנס אין זינען האָבן, זיך פאַרזאָרגן מיט אַ געלעגער אויף דער גאַס און, והשנית, וועלן מיר ניט דולדן, אַז אַזוינע אויסוואָרפן זאָלן זיך פריי אַרומשפּאַצירן אויף די גאַסן. לאָזן לייטישע גוים וויסן, אַז מיר האָבן אייך אויסגעשפּיגן פון אונדזער משפחה"... די אַלע דראָונגען האָבן אָבער וויניק וואָס געווירקט און די גרופּע איז זיך גע־גאַנגען מיט זייער אָנגעצייכנטן וועג: — אַ סוף צו מאַכן צו אַ שענדלעכער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס באַליידיקט דעם אייגענעם געוויסן.

די גרופּע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַקטיוו. לעקציעס און פאַר־

טראָגן, וועלכע מ׳האָט יעדן אָוונט געגעבן פאַר דער יוגנט, וועלכע האָט זיך ווי אַ הונגעריקער אַ וואָרף געטאָן צום ברויט, האָבן צוגעצויגן אויך אַ גרויסע צאָל דערוואַקסענע און עלטערע. מ׳טראַכט אויך וועגן תכלית, אגב דער דערפאָלג אַליין איז שוין גענוג און אפילו גאָר אַ סך, נאָר די מטבע האָט נאָך אַ זייט, מ׳דאַרף צופרידנשטעלן דעם מאָגן אין אַ קליינער מאָס, דאָך עפּעס זאָרגן, שאַפן אַ פאָנד פאַר חברים, וועלכע נייטיקן זיך אין הילף, פאַר דעם צוועק דאַרף מען מאָביליזירן אייגענע כוחות, ווי אויך פון דער אָרטיקער אינטעליגענץ, וועלכע וואַרט אויף אַזאַ ווענדונג צו איר.

דער בייטראַג אין דער ליטעראַריש-קינסטלערישער טייל מצד דער אינטעליגענץ האָט אַרויסגעוויזן זיין אַ באַדייטנדיקער. די פרויען, וועלכע שטייען נאָענט צו דער סטודענטישער יוגנט אויך ווי אַ טייל פון דער אינטעליגענץ, האָבן געוואָלט וויזן, אַז זיי איז געפעלן דער אויפטו — באַזייטיקן די מחיצות וועלכע האָבן עקזיסטירט צווישן די צוויי צואַזאַמענ־לעבנדיקע פעלקער, האָבן אויפגענומען מיטן גאַנצן ברען און טוען אַלץ פאַר אַ מאָראַלן און מאַטעריעלן דערפאָלג פון דעם אָוונט. קודם שטעלן זיי צוזאַמען אַ רייכן בופעט, וואָס זאָל קיין קאָפּיקע ניט קאָסטן, גייען פאַר־טיילן אַריינטריט-קאַרטן צו יידן און ניט-יידן און צווינגען זיי אַריינלייגן די הענט אין די קעשענעס. אויפן צווייטן טאָג פאַרמירן זיי קאָמיסיעס און גייען טאַקע תיכף אַריין אין דער אַרבעט. צו יעדער קאָמיסיע ווערט צוגעשטעלט אַ סטודענט פון דער גרופּע. אויף ישראלס גורל איז אויס־געפאַלן גיין מיט אַ קאָמיסיע, וועלכע דאַרף באַזוכן די גדולים, די פּני העיר. דווקא צו די מיוחסים גיין האָט ער גאָר קיין חשק ניט געהאַט, ער האָט זיי ניט געזען גערן אַפילו פון דער ווייט. נאָר זאָגן „ניין״ ווי קען ער, ווי מעג ער? ער איז דאָך געווען דער מורד. אַלס דער איניציאַטאָר און פאַרקלויצער פון דער קאַשע, האָט ער ניט נאָר ניט געטאָרט זיך אָפּזאָגן פון זאַכן, וועלכע געפעלן אים ניט, נאָר אפילו זיך ניט אַ קרום-טאָן, ווייל די פרויען, וועלכע האָבן אויף זיך פרייוויליק גענומען אַזאַ אַרבעט, זענען מערסטנטייל פון די פּני העיר.

די פרויען אין די קאָמיסיעס האָבן זיך גאָר ערנסט גענומען צו דער אַרבעט. פאַרקאַטשעט גאָר הויך די אַרבל, כדי טיפער שטופן זייערע

צאַרטע הענטעלעך אין די נגידישע קעשענעס. ווייזן זיי טאַקע אַרויס אַן איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט גאָר אויף אַן אַנדער־מין אופן. זיי טויגן זיך גאַנץ נישקשהדיק אויס צו אַזאַ אַרבעט — שלעפּן געלט פון גבירישע קעשענעס איז גאָר ניט קיין לייכט שטיקל אַרבעט. פאַר נגידישע טעכטער פּאַסט אַזאַ אַרבעט. זיי וועט קיינער ניט חושד זיין אין לייגן אין אייגענע קעשענעס, זיי וועט מען ניט אָפּזאָגן: ווער עס שעמט זיך, ווער פאַר דרך־ארץ, ווער וויל זיך אַרויסשטעלן — אַז עס שפּילט ניט קיין ראָלע ביי אים קיין געלט און אַ טייל פּשוט פאַר מורא, וועלן ניט אָפּזאָגן, ווייל עס קען שאַטן צו פּרנסה, אַזוי, אַז יידן און ניט־יידן האָבן ברייט געעפנט זייערע קעשענעס, ווילנדיק צי ניט־ווילנדיק האָבן זיי געגעבן און אַפילו די, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן אָפּן קעגן דער פאַרמירטער גרופּע אין וועלכע האָבן אין זיי געזען פּערזענלעכע שונאים. און, אַז ס׳האָט פּלוצים אַ רעגנדל זיך פאַרגלוסט אַרומשפּאַצירן איבערן שטעטל און צעווייקן די אַ ביסל צוגעטרוקנטע בלאָטעס, שרעקט מען זיך ניט איבער און צוויי סוסים ווי אָדלערס ווערן איינגעשפּאַנט אין אַ שיין־אויסגעפּוצטן פאַעטאָן און מ׳פאַרט פאַרקויפן בילעטן. דער אַרויספאָר איבער די גאַסן האָט נאָך מער אויפגערודערט דאָס שטעטל, און דער עולם ווערט אויפגערייצט און מיטגעכאַפּט, אַזוי, אַז מ׳שטעלט אָפּ די קאָמיסיעס אויף די גאַסן און מ׳בעט ביי זיי בילעטן. אַ טייל מאַכן פאַרוואָרפן די קאָמיסיעס, פאַרוואָס מ׳מיידט זיי אויס. אַזוי אַז נאָך אַכט און פערציק שעה זיינען אויספאַרקויפט געוואָרן אַלע בילעטן. אַזוי ווי דער נאָכפרעג נאָך בילעטן איז אומגעהייער גרויס, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ הודעה, אַז דער אָונט וועט ווערן איבערגעחזרט.

צום סוף איז מען אָנגעקומען צום גרעסטן פון די גאָר גרויסע גבירים — לייב שאַפּיר. די שפּחה האָט זיך גאָר וויניק געאײַלט די טיר פאַר דער קאָמיסיע עפענען, נאָר להיפך — זי האָט דעם שליסל פון דער טיר איבערגעדרייט פאַר דער נאָז. זי דאַרף, זאָגט זי, ביים בעל־הבית אַ פרעג טאָן: „בעלת־בית לעבן, זיי זענען דאָ אוודאי געקומען שנאָרן, זאָל איך עפענען, צי ניין?״ און אַז דער רעגן וואַשט די פּנימער, דאַרף עס דען עמעצן אַרן? „גיי, עפן זיי, לאָמיר הערן וואָס ווילן זיי״, באַפעלט לייב שאַפּיר דער שפּחה זיינער, שמייכלענדיק. ווען דער קאָמיסיע איז שוין

נמאס געוואָרן צו שטיין ביי דער טיר אונטערן רעגן און זיך אַ לאָז געטאָן צום פּאַטעטאָן, האָט זיך געלאָזט הערן דאָס גראָבע קול פון דער שפחה, אַז דער בעל־הבית לאָד זיי אַריין אין שטוב. די שפחה, אַ ברוגזע, האָט פון הינטער אירע פּאַרבליבענע אין מויל דריי ציין אָפּירגעשאַרט: „געפינען אַ צייט, ווען צו גיין איבער די הייזער. ווישט אָפּ די שיך אייערע, איר וועט די גאַנצע בלאָטע פון דרויסן מיר אין שטוב אַריינטראָגן. קוקט נאָר, איך בעט אייך, וויפל בלאָטע זיי האָבן אַריינגעבראַכט".

דער נגיד האָט שמייכלענדיק אויסגעהערט די קורצע דרשה פון איינער אַ פּרוי פון דער קאָמיסיע, אַ טאַכטער פון אַן אָנגעזעענעם גביר אין שטאָט. נאָכהער האָט ער דעם שמייכל זיינעם ישראלן אַוועקגעשענקט, פאַרביסן די הינטערשטע ליפּ, זיך אַ קרעק געטאָן, ווי ס'וואָלט זיך אים עפּעס אין גאָרגל געשטעלט, זיך אויסגעהוסט און אָנגעהויבן בזה הלשון:

— „איר ווייסט, קינדער, וואָס איך מיין?"

די פרויען אָטעמען לייכט אָפּ, שאַרפן אויס זייערע שמייכלענדיקע בליקן, כדי אויפנעמען אַן עצה ניט פון קיין פשוטן און ניט פון אַבי וועמען, נאָר פון ר' לייב שאַפּיר — ראש הקהל, גרעסטער מנהיג און זייערע אויגן, ווי וואָלטן זיך געבעטן: זאָגט, הער שאַפּיר, מיר הערן אייך מיט גרויס אַכטונג, ווי עס הערן אייך אונדזערע טאַטעס און מענער, אייער וואָרט איז פּאַר אונדז, ווי פּאַר יעדן, שווערער פון גאָלד". „איך מיין, געבנדיק זיך דערביי אַ גלעט דאָס קורץ אונטערגעשוירענע ווייסע בערדל און וועגנדיק די בליקן זיינע צו ישראלן, אַז אַ קבצן, אַן עני ואביון, דאַרף בכלל ניט לערנען. ווי שטייט עס ערגעץ דען געשריבן, אַז בני דלפונים דאַרפן זיין געלערנטע? וואָס האָט די תורה צו זוכן אין אָרעמע הייזער? דאָס וואָלט מען געקענט זאָגן — פשוט זי פאַרשעמען און מיר זאָלן נאָך אַליין מיטהעלפן זי איבערגעבן אין אַזוינע גראָבע הענט? דאָס איז געגליכן צו חילול השם. לערנען דאַרפן יענע, וועלכע האָבן מיט וואָס און פאַרוואָס. איך גלויב ניט, אַז די תורה זאָל זיך קלעפּן צו אַזוינע בריות, צו אַזוינע עם־הארצים. ניין, ניין, אַז ס'איז ניטאָ מיט וואָס, לערנט מען ניט!..."

די קאָמיסיע — פון יונגע, שיינע ווייבלעך און אויך פון רייכע עלטערן

און מענער, פון זיי געוועזענע סטודענטקעס, אַ טייל האָבן געטרוימט ווערן סטודענטקעס, נאָר דער רייכער חתן האָט פאַרביטן דעם אוניווערסיטעט, באַגייסטערטע פון גרויסע מאַטעריעלע און מאָראַלישע דערפאָלגן, ווייל אַחוץ גרויסע געלטער, וואָס זיי האָבן געגומען, האָבן זיי נאָך איינקאַסירט קאָמפּלימענטן פון יונגעלייט, זיינען צום אדיר אַריין פריילעכע און אַרויס אָפּגעבריטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער, צעשויבערטע, צעטראָגענע, ווי אָפּגעשלאָגענע הושענות און האָבן זיך געשעמט קוקן איינע דער צווייטער אין די אויגן. צווישן די יונגע ווייבלעך איז אויך געווען אַ פּלימעניצע זיינע, אַזוי, אַז מ׳האָט נאָך ניט געוואַגט זאָגן אין איר אָנוועזנהייט אַ שלעכט וואָרט אויף איר פעטערס חשבון.

אין פּאַלאַץ, אַ צופרידענער, האָט לייב שאַפּיר זיך געגלעט זיין היפּש קיילעכיק בייכל און שמייכלענדיק זיך געשפּיגלט אין מלך׳ס צורה פון דער גאָלדענער מטבע. לייב שאַפּיר איז אַ באַוווּסטזיניקער אָנהענגער און אַן איבערגעגעבענער מיט לייב און לעבן, דער קרוין. זי אויסהיטן כדי ניט אַריינפאַלן אין אָרעמע בייזוויליקע פאַרעטערישע הענט...

די דריטע

אַלע הייזער און הייזלעך האָבן זיך אויסגעליידיקט און אַרויס זענען אויף דער גאַס גרויס און קליין, יונג און אַלט, אָרעם און רייך. האָט מען אַרומגערינגלט דאָס גרויסע הויז, ווו דעם מת ווערן געמאַכט זיינע רעכט. שטייט מען און מ׳שושקעט זיך און אַוודאי ניט אַלע גלייך: ווער צום גוטן און ווער צום שלעכטן. „קען דאָך אַ ייד ניט צופרידן שטעלן אַ וועלט, אַפילו אַ גוטער ייד, זענען אַלע יידן דען זיינע חסידים? יעדער צדיק מיט זיין „יראת שמים״. אַ טייל זאָגן, מיט זיין „אתה בחרתניזם״. אַ טייל ציען אַרויף אויף זיך אַ טרויעריקע מינע און מ׳גיט אַפילו אַ וויש אַ טרוקן אויג אויך, ווער עס דאַרף.

רעדלעך גרעסערע און קלענערע, צענדליקער לויטן ראַנג און ייחוס פילן אָן די גאַס. רעדט מען אַוודאי פונעם נפטר, פון זיין „גרויס יידיש האַרץ״, ווי ס׳האָט „נעבעך געוויטיקט פאַרן כלל.״ רעכנט מען אויס זיינע „מעשים טובים״ אָנגעזאַמלטע אין משך פון זיין לעבן.

— אַזוי איז זי, די וועלט, ווי אַ לייטער, לאָזט זיך הערן אין אַ רעדל, אַראָפּ גייט איינער, אַרויף גייט אַ צווייטער.

— דאָגה ניט, באַקומט ער אַן ענטפער, ניט איך און ניט דו וועלן זיין דער „צווייטער״, מיר מעגן ווייטער זאָגן „פריי דיך קישקע, וועסט עסן קדחת.״

— ווען דו הייבסט אָן זיך חכמענען, דערמאָן איך זיך אין אונדזער בעל־חלומות, ער פעלט דאָ אויס, ער וואָלט שוין אַוועקגעלייגט אויף זיין

חשבון יענעם מענה־לשון, ווייזנדיק מיט די בליקן זיינע אויפן הויז, ווו דער מת ליגט.

— דעם יידן גייט אויך, ווי דעם רשע אויף יענער וועלט, גיט צו איינער, אין אַן אמתן, ווער הייסט אים שטופּן די נאָז אין פרעמדע זאַכן און פּלאַפּלען לשון הרע?

— ניט ריכטיק, קומט אַן ענטפער, ס׳איז גאָר ניט קיין פרעמדע בפירוש אונדזערע אייגענע און נישט געפּלאַפּלט האָט ער לשון הרע, נאָר אַרויסגעזאָגט אַן אמת.

— דערפאַר מיינסטו ליגט ער אין חד־גדיא? שווער צו גלויבן.

— דו האָסט אויך נישט געגוי אָנגעטאַפּט דעם דופק, רופט זיך אָן איינער, אַז אַן אומגליק דאַרף איינעם טרעפן, טרעפט עס אים שוין מיט אַ פאַרמאַכט מויל, און אויפן גלייכן וועג. נאָר זאָג דאָס, אַז עס איז וועמען באַשערט געפינט עס אים אונטער דער קאָלדרע. איך מיין, ווען אַפילו ער וואָלט געווען אויף דער פריי, וואָלט ער אויך נישט אַהער געקומען.

עס פאַרגרעסערט זיך דאָס רעדל מיט נאָך אַ יידן, וועלכער גלעט זיך די לאַנגע באָרד זיינע, אַ ייד אַ שטיקל שדכן, אַ בעל תפילה אין שניידערישן שולעכל, ווענדעט ער זיך צו איינעם:

— הם... צו דיר האָב איך היינט געטראַכט, ווי, הייסט עס, האָלסטו מיט דיינע פּלענער, כ׳מיין דאָס „קרומע וועלטל", ווי דו זאָגסט אַ גלייך טאָן? דו ביסט דאָך אַ שטיקל מומחה אין דעם פאַך, איז ווי אַזוי מיינסטו דאָס דורכפירן? ווייזנדיק מיט די אויגן אויף די אָנגעקומענע גבירים, וועלכע פאַרצאַרנטע האַלטן, נאָר אין אַזוינע פאַלן, אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ.

— דער אַדיר האָט שוין נישט געוואַרט, אַז ער זאָל אַריינפאַלן אין דיינע הענט, האָט ער זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן, גיט צו איינער.

— פאַרלאָזט אייך אויף אים, ער וועט שוין די קינדער זיינע דעם חשבון מאַכן, זיי די בנים זיינע, וועלן שוין באַצאָלן דעם טאַטנס חובות אויך.

יעדער פונעם רעדל יידן, זאָגט זיך אַרויס „היינט, טראַכטן זיי, מעג מען שוין אַ וואָרט זאָגן". און אַלע, ווי פאַר זיך זאָגן: „דער קבר וועט אים שוין קלעקן, ס׳וועט אים שוין גענוג זיין." אַ צווייטער: „ס׳איז אים געווען

אַלץ וויניק. דאָס אויג, דאָס קליינע לעבל זיינס, האָט געוואָלט איינשלינגען די גאַנצע וועלט". אַ דריטער דערמאָנט זיך אין די פּראָצענטן, וואָס מ'פלעג אים צאָלן איצטער זאָגט ער: „וועלן זיי זיך אים לייגן צוקאָפּנס". „און מיינע, גיט צו איינער, וועלן אים דאָרטן וואַרעמען".

— שווייגט שוין, שווייגט, בייזערט זיך דער שטיקל בעל תפילה אין שניידערישן שולעכל, כל־זמן דער מת ליגט אין שטוב, טאָר מען וועגן זיינע חסרונות נישט רעדן.

— ווּעמען קען עס שוין שאַטן? מיר נישט, איך האָב מיינס כשר באַצאָלט און אים, וואָס? וואָס קען עס שוין קאַליע מאַכן? און פאַריכטן אוודאי נישט.

דער שטיקל בעל תפילה פּרוּווט אויספירן, אַז דער נפטר איז געווען אַ ייד אַ חכם, אַפילו אַ תלמיד חכם, און איינער פון די גרעסטע קאָפּ־דרייערס און אין ענין מסחר, איז נישט צום געפינען צו אים אַ גלייכן. יידן, אָבער לאָזן זיך נישט און געבן צו, אַז „אַ גרויסער סוחר איז אויך אַ גרויסער"... מאָנט דער בעל תפילה, מ'זאָל זיך קלאָר אַרויסזאָגן די געדאַנקען: „ווייל עס האַנדלט זיך, זאָגט ער, וועגן אַ ייד אַ יחסן. אַ ייד מיט אַ ייחוס־בריוו און אַ ייחוס עצמו — איז עפּעס, נישט מיט דער האַנט אָוועקצומאַכן!".

— אמת, גיט צו איינער, זיין טאַטע נאָך איז געזעסן נעבעך יומם־ולילה.

— צוואָס־זשע, בייזערט זיך דער ייד מיט דער לאַנגער באָרד, דאַרפן מיר האָבן דעם „נעבעך"? אוודאי איז ער געזעסן איבער אַ בלאַט משניות.

— ווען ס'וואָלט געווען אַזוי, וואָלט איך אים דעם „נעבעך" נישט צוגעגעבן, ווייל ער האָט אים כשר פאַרדינט... ער איז שוין דווקא געזעסן נישט פאַר אונדז געדאַכט...

דעם יידן מיט דער לאַנגער באָרד עקלט דער שמועס, פּרוּווט ער אַלע איבערשרייען:

— דיר קומט גאָר, חיימעלע, אַ מזל־טוב. קינדער מגדל צו זיין מוז מען האָבן קורחס עשירות און שמשון הגיבורס גבורה.

— ווי אַמאָל, ענטפערט דער ייד, אַ שטייגער צו גוטע קינדער דאַרף

מען ביידע נישט. ווי איר זעט, ווי ווייט איך בין פון ביידע און דאָך שטופּ איך זיך דורך צווישן די שווערע רעדער מיט אַ די הענט, ווייזנדיק די גרויסע מאַזאָליעס אויף אַלע פינגער.

דער עולם קערט זיך אום צום נפטר. אַלע הייבן אָן רעדן: „ער איז געווען אַ געמיינע בריה‟. „פּאַרקריכטס מיטן ייחוס זיינעם צו תרח אבינו‟, „אַ תלמיד חכם‟, „ער איז געווען אַ‟... „וואָס וואָלט געווען„ רופט זיך אָן איינער, „מיר זאָלן רעדן שטילער און נישט אַלע אויף אַ מאָל?‟.

— וואָס זאָגט איר דערויף, ווי אַן אויסכאַפּעניש איז אויף אים גע־קומען? ער איז גאָר נישט אַפילו קראַנק געווען.

— ווייזט אויס, זאָגט אַ צווייטער, אַז גוטס כאַפּט מען, אויך דאָרטן, איז אויף אַ גוט שטיקל סחורה דאַ בעלנים...

די אויגן ביים עולם ווילן שמייכלען, נאָר ווי מעג מען עס טוען? ציט מען אויף זיך אַרויף אַן ערנסטע מינע.

— פאַרוואָס־זשע האָט מען אים ביז איצט נישט אויסגעכאַפּט?

— ווען ער אײלט זיך נישט, וואָלט ער אַוודאי משיחן דערלעבט.

— ווו דען, משיח דאַרף אים האָבן, סיידן אויף כפרות, און קוקט, דרינגענדיק, דעם יידן מיט דער לאַנגער באָרד אַריין אין די אויגן. ער האָט דווקא געהאַט בדעה לעבן לעולם ועד. און פאַרוואָס נישט? וואָס האָט אים געפעלט?

— דו רעד, וואָס דו ווילסט, רופט זיך אָן איינער, איך ווייס, אַז אַ ביסל גרעסערע פון דיר האָבן דווקא יאָ געהאַלטן פון אים, אַ שטייגער דער רבי, פלעג זיך פאַר אים אויף שטעלן און אים דעם „גוט מאָרגן‟ צו טראָגן.

— דער רבי? אַוודאי האַלט ער פון גבירים, וואָס־זשע ווילסטו, פון דיר זאָל ער האַלטן? וואָס קען אַרויספאַלן פון אַ קבצנס האַנט?

— לאָז מיך אָפּ, דו מזיק איינער, דו קומסט תמיד מיט פאַרקערטע געדאַנקען, דערפאַר פירן זיי דיך טאַקע אַהין, ווו ביסט שוין אַ פּאָר מאָל געווען, מיר אָבער גרייכן זיי אין דער לינקער פּאה, פאַרוואָס לאַכסטו ווען מ׳דערמאָנט משיחן? פאַרוואָס מיינסטו פילאָסאָף מיינער, אַז מיר זענען נישט זוכה צו דערלעבן אַזאַ טאָג?

— לעמעשקע, איך זאָג אויך, אַז דו ביסט גערעכט. אַז אַברהם אָבינו האָט זוכה געווען זיך דורכשמועסן מיטן רבונו של עולם, איז פאַרוואָס־זשע זאָל זיין אייניקל נישט זוכה זיין האָבן אַ באַגעגעניש מיט משיחן. וואָס איז דיינס, וועט ביי דיר קיינער נישט אַוועקנעמען, אָבער הער נאָך עפּעס, וואָס געהערט דיר: ווייס, אַז דער רבי דיינער, ער אַליין גלויבט נישט אין דער בבה־מעשה מיט אַ משיחס קומען. און ער גלויבט נישט, ווייל ער איז אַ ייד אַ חכם, און אויב ער איז אַזאַ חכם ווי דו, טאָ זאָג אים פון מיין נאָמען, אַז ווען משיח וועט קומען,וועט ער מוזן גיין אין וואַלד האַלץ האַקן, די בהמות זיינע וועלן שוין נישט מעלה־גרהן, און ער וועט פאַרשפּאָרן זיין זייער מליץ־יושר...

— פאַרוואָס רעדט איר לשון־הרע, בייזערט זיך דער ייד מיט דער לאַנגער באָרד, וואָס האָט איר מיטן רבין? נישט דורך אים ביסטו געלעגן אין תפיסה.

— ר׳ ייד, אויב איר זענט אַ חכם, מיינט איר, אַז דער רבי אייערער וועט אויפגעבן דאָס רבנות און פרייוויליק גיין אין וואַלד האַקן האַלץ?

מ׳טראָגט דעם ארון אַרויס פון שטוב און מ׳לאָזט זיך צו דער גרויסער שול. דאָס משונהדיקע קול פון איינעם פון דער חברה קדישא: „צדקה תציל ממוות״, האָט אַראָפּגעלאָזט אַן אימה אויפן עולם. אַלע מיט קעפּ געבויגענע באַוועגן זיך שטיל, דער ארון הונקעט אונטער, וויזט אויס, די אַקסלען, וועלכע האָבן אים געטראָגן זענען נישט קיין גלייכע. שווערע מחשבות האַלטן אין קלעם דעם עולם. ווי אַזוי ווערט מען פון זיי פטור? אַלץ דער נפטר העלפט צו — איבער אים אַ וואָרט זאָגן, אַזוי האָט שטיל די כוואַלנדיקע לוויה אָנגעהויבן מורמלען. יעדער האָט ווי גערעדט פאַר זיך, נישט קוקנדיק איינער דעם צווייטן אין פּנים אַריין.

— פלוצים נעמען און אַוועקגיין אַ באָרוועסער פון דער וועלט, דערויף דאַרף מען זיין אַ בעלן, זאָגט איינער זיך אַריין אין דער באָרד.

— איז אפשר שוין גלייכער שטאַרבן יונגערהייט, איז עס אויף דער עלטער ווי געפונען.

— ער וועט שוין נישט עסן קיין איינגעהאַקטע לעבערלעך, ס׳זאָל זיך אים דאַרטן גרינג שלוקערצן.

— דו וועסט די לעבערלעך אויך נישט עסן, זאָרג ניט, ס׳וועט זיך שוין געפינען ווער אָן דיר אויך.

— שאַט, הערט בעסער, וואָס מ׳גיט אים נאָך אויף יענער וועלט.

— אפשר די לעבערלעך?

— אָ דאָס איז דאָס לעבן, ווי אַ שמונה־עשרה: מען שטייט און מען שטייט, ביז מען גייט אויס. אַ פאַרביטערטער קראַצט זיך איינער אין קאָפּ, מ׳הערט אויף זיין זיכער מיטן לעבן. מען ציט אויס די פיס און מ׳איז דיר מוחל, צוואָס האָב איך דאָס אינגאַנצן באַדאַרפט?

— האָב טענות צו חוהן.

און ס׳לאָזן זיך הערן שבחים, ווי איינער זאָגט „אויסגעזויגענע פונעם פינגער", ווערן אַ טייל אויפגערעגט, באַקומען זיי אָן ענטפער: „אַחרי מות קדושים"...

— קוקט אים אָן, רופט זיך אָן דער „מזיק", זיין צונאָמען אין שטאָט, אַ קאָפּ מיט גרויע האָר און מיט גרינעם שכל. און קוקט אָן יענעם, אויפן בעל תפילה אונדזערן, ווי ער קוויקט זיך מיט פאַלשע רייד, ווי דער אייזל מיטן קוקעריקו. און דו לעמעשקע, בומקעסט נאָך מיטן קאָפּ, ביי דיר איז אויך ניחה דער פאַרשימלטער פסוק — „אַחרי מות קדושים".

— לאָז אָפּ, ער איז שוין אויפן עולם האמת.

— איז מיט דעם די טומאה געהייליקט געוואָרן? ווי קען די ערד גאָר אַזאַ נבלה אין זיך אַריינעמען? זעט נאָר יענעם, ווי ער מעלה־גרהט, כשר, כשר בהמה. קוקט אָן דעם, ווי ער פאַרגייט זיך, פאַרמאַכט די אויגן, ווי אַ האָן בשעת ער קרייעט. מיר ווייסן, אַז קענסט אויף אויסנווייניק, ווי קוקט אַ בהמה אַריין אין סידור?

— פאַרוואָס טאַקע אַזוי? ער האָט דאָך געהאַט מיט וואָס צו זיין אַ גוטער!

— פאַרוואָס, און פאַרוואָס? פאַרוואָס דאַוונט די באָבע ניט פאַרן עמוד, ווייל זי האָט ניט קיין באָרד, דער האָט קיין האַרץ, אַ מענטשלעך האַרץ ניט געהאַט.

— נאָך איין פאַרוואָס. פאַרוואָס גייסטו נאָך זיין לוויה?

— האָסט בפירוש רעכט, און אפשר טאַקע גיי איך, כדי אים נאָך געבן אַ שבח...

איינער, אַן אויפגערעגטער, האָט מיט בייזע בליקן דורכגעשטאָכן דעם טאָן־געבער, ביז דער האָט זיך אַ בייזער געטאָן:

— קוקט נאָר אָן דעם פאַרזשאַווערטן יידן מיט דער אָפּגעבליאַקעוועטער באָרד, ווי ער דרייט זיך פאַר די פיס, ווי אַ פּלוני אין יקום פורקן. אַ נו, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, אויב עס שמעקט אייך ניט אונדזער אמת. גייט, גייט בעט מחילה ביי אים, וואָס איר האָט אַ העמד פאַרהאַלטן פאַר זיך, גייט חכם איינער!

— אַלס ראש־הקהל אויף זיין אָרט ווער וועט קומען? פּרוּווט איינער איבערפירן דעם שמועס.

— זאָרג ניט, מ׳עט דיך ניט פרעגן און מיך אַוודאי ניט. פאַרלאָז זיך אויף זיי, יאַקאָש וועלן זיי שוין געפונען אַ „לייטישן" נגיד מיט אַ „גרויס האַרץ", וואָס ווייטיקט פאַר אָרעמע לייט. מ׳שמועסט, זיין זון.

— ניין, זיין זון קען ניט קומען, צעשמייכלט זיך איינער, פאַר אַ פשוטער זאַך: אַ פאַרך טאָר קיין ראש־הקהל ניט זיין, ער האָט אָן דעם געננג אויף זיין קאָפּ.

— און ער אַליין האָט דען וואָס געהאַט אויפן קאָפּ?

איינער פון דער גרופּע, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, כאָטש די צונג האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דער שכל האָלט זי איין, קומט אָבער אונטער דער געוויסן. אַ קעגן געוויסן קען אפרים ריווקין, זיך ניט קעגנשטעלן. צו אפרימען הערט מען זיך צו. אפרים איז אַ זייעריקער, פון „עמך" איז ער, מ׳האַלט אים פאַר אַן ערלעכן. אפרים איז אַן אויטאָדידאַקט, אַן אָנגעלייענטער, אַ יודע־ספר און „עמך" האַלטן אים פאַר אַ בקי בכל חדרי תורה. אַ צייט איז ער געווען אַ סוחר, האָט אָבער דאָס שלים־מזל אים צוריקגעקערט צו דער מלאכה, הייסט ער אַן אָפּגעקומענער סוחר". אַ גביר איז ער קיין מאָל ניט געווען און אַפילו קיין השגות ניט געהאַט צו ווערן. גייט ניט אין מיסחר, דאַרף מען ניט, גייט ער צוריק צו דער מלאכה און בייגט איין דעם רוקן ווי אַלע פון זיין גאַס. איידער ער עפנט דאָס מויל,

גלייכט ער זיך אויס, טראָגט צו אַ פּאָר פינגער צו די ליפּן, גייט איבער מיט דער האַנט דאָס, שוין פאַרקירצטע בערדל און הייבט־אָן:

— ס'וואָלט געוועזן נישט שיין רעדן לשון־הרע איבער אַ בר־מינן...

— נו, יאָ, דער מלאך־המוות האָט זיך שוין אין אים פּאָר אַלע נוקם געווען, שטעלט אַריין אַ ייד אַ וואָרט.

— זעט איר, ווענדעט זיך אפרים צום יידן, דאָ האָט איר ניט רעכט, ווייל דער מלאך־המוות נעמט די נשמה ביי אַ גוטן מענטשן אויך, אי דאָס מער מאָל פאַר דער צייט, איז וואָס?

— און איר האָט זיך שוין אויך גענומען צו גאָטס וועלט? פאַרפאָרט אַפרימען, מיט אַ פּאָר ווילדע בליקן דער מיט דער לאַנגער באָרד.

— איך, מיט מיין חשבון צו גאָט, וועל ניט קומען דאָ פאַר אייך ר' ייד אַ ביסל אויפגערעגט מאַכט אפרים, און ניט איר דאַרפט זיך אַננעמען זיין קריוודע, ער קען זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין. וואָס איר זענט שוין אַריין אין אַ פּאָר שטיוול און האָט בדעה צו ווערן זיין קאָזאַק?

זיינע לעצטע ווערטער האָבן אַ שמייכל אַרויסגערופן ביים עולם און אפרים האָט זיך גענומען פאַרבינדן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם:

— איז לאָזט זיך הערן פון ערגעץ ווו אַ קול, וואָס זאָל אַ ציטער־טאָן מיט אָט די אַלע, וועלכע פאַרפּאַסקודעווען דאָס לעבן? בעלי־טובות זענען אַוודאי דאָ, וועלכע זוכן כלומרשט דעם אמת, אָבער דער אמת איז, אַז מ'וויל אים ניט געפונען...

אין זכרון מיינעם האָט זיך איינגעקריצט אַ באַגעגעניש צווישן נפטר און אַ זון פון אונדזערע. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין באַגאַנגען, אין דמיון, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסן פעלער. ווי איר קענט מיך, בין איך אַ ייד, וועלכער איז פון דער אַלטער וועלט אָפּגעשטאַנען און צו דער נייער ניט צוגעשטאַנען. איך פיל ווי איך בין אַן איבעריקער, ווי אַן אָרעמאַן אויף אַ גבירישער חתונה — ניט מיין שמחה, ניט מיינע קלעזמער. אַ פאַלשע, אַ פאַרקריפּלטע און דערצו אויך אַ מיאוסע וועלט אַרום. איר מעגט מיר זאָגן, וואָס איר ווילט, איך איינער בלייב ביי מיינעם. אַ שמעק טאַבעקע האָט זי ביי מיר ניט דער ווערט.

— ווי פאַר ווער, קומט אונטער מיט אַ באַמערקונג איינער, דאָ

בין איך מיט איך ניט מסכים. מיינט ניט, אַז שוין — אויס מיטלען, מיט וועלכע מ׳זאָל קענען אויסרייניקן דאָס מיאוסע און אומריינע... אַוודאי זענען דאָ אַזוינע, וועלכע דאַרפן דאָס האָבן, זיי פּרווון אַראָפּפירן דעם מענטשן פונעם דרך־הישר, שאַפן באַדינגונגען פאַר אים, כדי ער זאָל זייערע געמיינע טאָטן ניט זען. זיי ווייסן די שפּיל, איר מעגט זיך אויף זיי פאַרלאָזן, זענען אָבער דאָ אויך אַזוינע, וועלכע ווייסן פון אַ מיטל ווי אַזוי רייניקן...

— ווייל איז דעם מענטשן, וואָס גלויבט... ווייטער וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט, הויבט אָן אויפּסניי אפרים, און מיין ניט, אַז איך בין דיך ניט מקנא, אָבער איך וויל גלויבן, אַז דו ווייסט, נאָך אַלעמען, זיך דערמאָנען אין מיינע ווערטער און אָנהייבן זען די וועלט מיט מיינע אויגן... אָט איז שוין אַריבער אַ היפּש שטיקל צייט, זעצט פאָרט אפרים, זייט עס ליגט אַ שטיין אויפן האַרץ, און דריקט נאָר צו דערשטיקן מיך... יאָ, „אַחרי מות קדושים״, איז שיין... אָבער „אמת״ איז נאָך שענער... מ׳דאַרף האָבן כוח די געמיינע מעשים פון מענטשן צוזען און אַראָפּשלינגען! געווען איז דאָס אין אַ פאַר־שבועות. טעג מחיהדיקע, די אַקאַציע־צווייטן פאַרשיכורן דיך ממש מיט זייערע בשמים, פאַר איך צו אַ פריינט מיינעם זיך מישב זיין מיט אים. אויפן האַרצן געגנוג קאַלעמוטנע, פאַר וווילטאָג פאָרט דאָך ניט אַזאַ ייד ווי איך. אַז אַלץ האָט אָנגעהויבן גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ, איז פון אַזאַ גייעניש הייבט אָן דער קאָפּ שווינדלען און פינצטער ווערט אין די אויגן. דאָס ווייב מאָנט, די קינדער דאַרפן און דו שטייסט האָפּענונגסלאָז...

— זיצנדיק אַזוי אין וואָקזאַל מיט מיינע געדאַנקען, זעצט פאָרט אפרים, ווער מיינט איר קומט אַריין? — אפרים הויבט אויף דעם קאָפּ און ווייזט אָן מיט די אויגן אויפן בר־מינן, — לייב שאפער קומט אַריין און נאָך אים אַ טרעגער מיט צוויי אָנגעשוואָלענע טשעמאָדאַנעס. אין די בעדער פאָרט ער. איז וועמענס עסק? אַז אַ ייד פאָרט אין די בעדער, מסתמא דאַרף ער פאָרן, און ווי דען? ווער זאָל פאָרן? עמעצער דאַרף דאָך פאָרן אין די בעדער אויך, און פאַר וועמען זענען די בעדער? — טראַכט איך זיך — פאָרט געזונטערהייט. וואָס־זשע, ער נעמט עפּעס ביי מיר, צי ביי וועמען? ער פאָרט דאָך אויף זיין אייגענעם חשבון... האָב איך זיך, פאַרשטייט זיך,

אויפגעהויבן, אָפּגעגעבן אים אַ „גוט־מאָרגן", ווי אויך מיין פּלאַץ. און ווי אַנדערש? ער איז דאָך ניט אַבי ווער. דאָס מאָל, ווייזט אויס, איז ער געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט ער מיר דווקא יאָ געענטפערט אויף מיין „גוט־מאָרגן", אַפילו מיט אַן ערנסטער מינע, דאָך געענטפערט, וואָס טרעפט זיך זעלטן ביי אים. איידער ער האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט ער זיך אַרומגעקוקט ניט ווי אַ שטאָט־בעל־הבית, נאָר ווי עפּעס גרעסערס, מיט אַ שטעל. אַ שטעל האָט ער געהאַט ניט קיין פּשוטן. הלמאי זאָל איך זאָגן, אַז עס האָט אים אָנגעשטאָנען זיצן אין איין ריי מיט מיר? ניין, דאָס קען איך ניט. איך מיין, אַז ער האָט אַוודאי זיך געבייזערט, פאַרוואָס עס איז ניטאָ קיין חדר־מיוחד פאַר אַזוינע ווי ער. ער האָט אין אַלגעמיין אַזאַ טבע געהאַט: וויניק קוקן אויף מענטשן און נאָך וויניקער מיט זיי רעדן. און דאָ מוז ער גאָר זיצן און זיך שפּיגלען אין זייערע פּנימער. דאָס וואָלט געקענט הייסן אַ שטיקל שטראָף פאַר אים. האָט ער דען אַ ברירה געהאַט? אַמאָל מוז מען זיך אויסמישן מיטן פּשוטן עולם אויך. נאָך אַ צען מינוט בערך, עפנט זיך די טיר און אויף דער שוועל באַווייזט זיך אַ יונגערמאַנטשיק, אויסגעפּוצט פון קאָפּ ביז די פיס, אין אַ בלויען אַנצוג, נאָר וואָס פון דער נאָדל אַרויס. אַ פּריש־אָפּגעבאַקענער דאָקטאָר, ערשט פונעם אויוון אַרויס, אַן אונדזערער בן־עיר. גייט ער דורך, דער דאָקטאָר הייסט עס, מיט אַ שמייכלדיקן בליק דעם עולם און זעצט זיך אַ קעגן לייבן אַזוי וואָזשנע, אַז מ'האָט געקענט מיינען מי אַני גדול, ווער איז ער און ווער זיין טאַטע איז, פון אַ וועלכן הויכן שטאַם ער שפּראָצט אַרויס. נו, דאָס בין איך איך מוחל, נאָר איר זאָלט געווען זען, מיט וויפל חוזק אין שמייכלדיקע בליקן ער האָט אויף לייבן געקוקט. איך האָב עס געהאַלטן, ווי שוין צופיל חוצפה — קוקן אַ מענטשן אין די אויגן און אים אַ „גוט־מאָרגן" ניט זאָגן?

— ווער איז ער? אַ געזונט אין זיינע ביינער, פרעגט איינער און גיט צו — עס איז פּשוט אַ מחיה צו הערן.

— ישראל, רחל־הערשס זון.

— האַ, סראָליקל, אַן אונדזעריקער, מיר האָבן זיך ניט מיט אים וואָס צו שעמען.

— ר׳ לייב האָט זיך ווי געמינעט, ער האָט אים אַוודאי דערקענט און געוואָרט אויף זיין „גוט־מאָרגן״. אַן אויפגערעגטער כאַפּט ער אַרויס אַ פּאַפּיראָס, פאַררייכערט, פאַר כעס האָט ער אָנגעהויבן ציטערן, אַ כהן איז ער דאָך, נו, פרעגט שוין ניט, ווי עס האָט אין אים געזאָטן. מיך האָט ער, דווקא, אויפגעזוכט און מיט אַ שמייכל מיר אָפּגעגעבן אַ וואַרעמען „גוט־מאָרגן״.

קאַלט האָב איך אים געענטפערט ס׳האָט מיך געאַרט, כ׳האָב געפונען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער. נו, איז ער אַ דאָקטאָר איז וואָס? איז דאַרף מען אַזוי הויך פאַררייסן די נאָז?

אַחוץ אַ פּאָר יידן, האָט מען געקענט, ביים רוב עולם מערקן אַן אומצופרידנקייט צו אפרימס שטעלונג צום „באַרוואָס אויסגעבאַקענעם דאָקטערל״. זיי האָבן געפונען, אַז דער דאָקטאָר האָט, ווי זיך אָנגענומען זייער קריווּדע, ווייל זיי וואָלטן ניט געוואָגט אַזוי זיך באַגיין מיט אַזאַ יחסן. איינער האָט אַפילו געפּרווט אַריינשטעלן אַ וואָרט, וואָס זאָל ווייזן אפרימען, אַז מ׳איז מיט אים ניט מסכים, און די טענות זיינע צום דאָקטאָר זענען ניט קיין ריכטיקע...

— עס האָט מיך פאַרדראָסן, איך מוז דעם אמת זאָגן, שטאַרק פאַרדראָסן. איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן, ווי עס האָט זיך מיר געוואָלט צוגיין צו אים און אים אַריינזאָגן, ניט נאָר ווי אין פּסוק שטייט, נאָר דעם פּסוק באַזאַלצן און באַפּעפערן אין אַזאַ מאָס, אַז ער זאָל דעם נאָמען „דאָקטאָר״ פאַרגעסן. איך קען דאָך אים גוט, ווען ער איז נאָך אַ באָרוועסער מיטן העמדל איבער די הויזן אַרומגעלאָפן און נישט איין פּעטשל איבערן הינטן פון מיר באַקומען. איר וואָלט באַדאַרפט זען, ווי אַלע פּאָר רגעס נעמט ער אָפּיר די ממזרישע אויגן זיינע פון אונטער אַ צייטונג, וואָס ער האַלט אין הענט, און מיט אַ חוזק־שמייכעלע קוקט ער אַריין לייבן אין פנים. לייב שאַפער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, איך פיל, ווי עס טריפט דאָס בלוט פון אים. אַזוי האָט ער זיך מיט אים געשפּילט, ביז ער האָט אים פשוט פונעם אָרט זיינעם פאַרטריבן.

ביי דער גרויסער שול, ווען דער הספד־מאַכער האָט אויפגעהויבן די אויגן זיינע צום הימל, האָט אפרים געמוזט איבעררייסן די מעשה. געשוויגן

האָט ער ביז צום סוף, ווען דער חזן האָט אויך דעם „אל מלא רחמים" אויסגעוויינט.

די לוויה האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום בית הקברות. אַ גרויסע טייל יידן זענען אַרונטער געבליבן און יוצא געווען מיט דעם, וואָס האָבן נאָך געקוקט נאָך דער לוויה, ביז זי האָט זיך דערווייטערט. יידן האָבן זיך אויסגעזיפצט און זיך אומגעקערט אין שטעטל.

— אָנגעקומען זענען מיר אין דער סטאַנציע קראַסנע, דאָ האָבן מיר באַדאַרפט וואַרטן אַ דריי־פערטל שעה אויף אַ צווייטן צוג. זעצט פּאָר אפרים, זאָלט איר געווען זען דעם דאָקטאָר, ווי ער וואָלט געווען גראַף פּאָטאָצקיס זונדל, אַריין אין רעסטאָראַן, אַ ווונק געטאָן צום קעלנער און באַשטעלט: אַ געבראָטן הינדל, אַ פלאַש ביר, שווייצער־קעז, פּירות און אַ קאַווע. ווי געפעלט איך עפּעס דער מעניו? אַנדערש איז ער דאָך ביי זיין טאָטן ניט געוווינט, נאָר אויף אַזוינע מאכלים. זעט איר לייב שאַפער האָט זיך דווקא ביי אַ טישל ניט געזעצט, געבראָטענע הינדלעך ניט באַשטעלט, קאַלטן ביר, שווייצער־קעז און פּירות אַוודאי ניט, נאָר צוגעגאַנגען צום בופעט, געמאָנט אַ פּשוט גלאָז סאָדע־וואַסער. איז דערפאַר, טראַכט איך, האָט ער פון וואַנען צו פאָרן אין די בעדער, ווייל ער וואַרפט ניט מיטן געלט. נאָר וואָס איז, בעת ער טרינקט די סאָדע־וואַסער ביים בופעט, פּלאַצט אַ סיפאָן און אַ שטיק גלאָז רייסט זיך אַריין לייבן אין האַלדז. פרעגט שוין ניט, וואָס כ'האָב געזען: ווי מ'וואָלט אים מיטן חלף דעם האַלדז איבערגעשניטן. דאָס בלוט האָט געשפּריצט ווי פון אַ געקוילעטן אָקס. דאָ איז געשען אַזוינס, וואָס מ'קען ניט פאַרגעסן: אונדזער דאָקטאָר האָט זיך אַ לאָז־געטאָן, צום פאַרוווּנדעטן, אַוועקגעלייגט אים אויף אַ באַנק. דאָס בלוט רינט ריטשקעס. פונעם טאַש זיינעם נעמט ער אַרויס אַלץ וואָס מ'דאַרף און בינדט אים איבער. פּשוט אַ נס — קיין טראָפּן בלוט זעט מען שוין ניט. לייב קומט צו זיך, אַפילו אַ פריילעכע מינע האָט מען שוין געקענט זען אויף זיין געלן איבערגעשראָקענעם פּנים. דער דאָקטאָר — גאָר ניט, ווי ס'וואָלט גאָר ניט געשען, און אַ וואָרט, כאָטש איין וואָרט זאָל ער געווען אים זאָגן, ניין... אַריין איז ער אין קיך פון רעסטאָראַן, זיך די הענט פונעם בלוט אָפּגעוואַשן און זיך אומגעקערט צו זיין מאָלצייט. איך

שטיי פון וויטנס און שעפּטשע שטיל: „ס׳זאָל דיר ווייל באַקומען ייִנגעלע טייערער, דו מעגסט טאַקע זיין גרויס ביי זיך, האָסט כשר פאַרדינט דעם שטעל דיינעם, דו ביסט העכער מיט אַ קאָפּ, ווייל איז דער מאַמען, וועלכע האָט אַזאַ זון אויסגעוואַקסן, אָבער וואָס האָסטו מיט לייבן?" בשום אופן ניט געקוקט אין זיין זייט, ער האָט דאָך דעם מלאך־המוות פון אים פאַרטריבן, דאָס לעבן אים געשענקט און זיין פּרצוף וויל ער ניט זען.

א צופרידן שמייכל האָט זיך דורכגעכוואַלעט אויף אַלע פּנימער, וועלכע האָבן זיך איינגעהערט אין אפרימס מעשה. אַ טייל האָבן אַפילו געפּרוּווט אַ גוט וואָרט צולייגן צום דאָקטאָרס חשבון, אָבער אפרים האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געזאָגט: וואַרט, איך בין נאָך ניט פאַרטיק און זעצט פאָר:

— לייב, אַן אומרואיקער, קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, גייט צו צום דאָקטאָר און בעט זיך ביי אים, ער זאָל אויפסניי די ווונד אים איבער־בינדן. אים דאַכט, טענהט ער, אַז ווייניק יאָד דער ווונד האָט ער געגעבן. ווי דער דאָקטאָר זאָל אים ניט געבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳טאָר איצט צו דער ווונד זיך ניט צורירן, ווייל מ׳קען ניט וויסן צי צום צווייטן מאָל וועט געלונגען איינשטילן די בלוטונג און צוגעגעבן, אַז אויף דער ערשטער סטאַנציע זאָל ער אַראָפּגיין, צופאָרן אין שפּיטאָל, איבערגעבן דאָס בריוועלע דעם כירורג, אַן אָפּעראַציע דאַרף ער דורכגיין, וועלכע איז זייער נויטיק — „דעם איבערגעריסענעם אָדער, זאָגט ער, דאַרף מען פאַרנייען". לייב לאָזט אָבער ניט, איז ער אַוועק צום סטאַנציע־שעף, אויסגעבעטלט ביי אים אַ פלעשעלע יאָד און אַליין זיך די ווונד צעבינדן. פרעגט שוין ניט, וואָס עס איז אויפסניי געשען. ווי ער האָט נאָר אָפּגעטיילט די מאַרלע פונעם האַלדז האָט דאָס בלוט אַ בליוכע געטאָן, נו, דער דאָקטאָר איז ווידער צו צו אים, אָבער דאָס מאָל איז געשען, ווי ער האָט פאָרויס געזאָגט...

— דער צוג איז שוין דאָ. וואָס טוט מען? „נעמט, זאָגט ער מיר, מיינע זאַכן און לאָמיר אַריין אין צוג". ער אַליין מיט ביידע הענט אין לייבס האַלדז גייט ער מיט אים אַרויף. מיר הייסט ער גיין אויפזוכן דעם דאָקטאָר פון צוג. איך וועל אייך מאַכן בקיצור: ביידע דאָקטוירים האָבן זיך געביטן, איינער האָט דאָס בלוט פאַרהאַלטן, בעת דער צווייטער האָט זיך די הענט

געוואַשן, אַזוי ביז מיר זענען אין אַ סטאַנציע אָנגעקומען. איך בין אַוועק ברענגען אַ מאַשין און אונדזער דאָקטאָר האָט פון לייבס האַלדז ניט אָפּגעטרעטן ביז מ׳האָט אים אַרויפגעלייגט אויפן טיש און דער כירורג האָט זיך גענומען אים אָפּערירן...

— אויפן צוג, וואָס דאַרף אונדז פירן ווייטער, זעצט פאָר אפרים, האָבן מיר באַדאַרפט צוואַרטן ביז האַלבער נאַכט, זענען מיר פאַרפאָרן אין אַ האָטעל. לייב אַ פריילעכער, וואָס איז ניצול געוואָרן פונעם טויט, באַשטעלט אַ צימער פאַר אַלע דריי, זיכער אויף זיין חשבון. דער דאָקטאָר אונדזערער האָט אָבער ניט געוואָלט פון דעם הערן און איבערהויפּט ניט געוואָלט מיט אים רעדן — ניט געענטפערט אַפילו אויף אַלע זיינע ווענ־דונגען. אַ צימער האָט ער זיך אַ באַזונדערס באַשטעלט. ביי דער טיר, ווען דער דאָקטאָר איז געשטאַנען אין זיין חדר, האָט לייב שאַפער בכבודו ובעצמו, איר זאָלט געווען זען דעם פּריץ, ווי הכנעהדיק האָט זיך צו אים געווענדעט: „הער דאָקטאָר, איר האָט מיך פון טויט אָפּגעראַטעוועט, איז וויפל בין איך אייך שולדיק?״ דער דאָקטאָר האָט אויף אים אַ קוק־געטאָן, אַריינגעשמייכלט אים אין די אויגן און געענטפערט: „און דווקא אַן עני ואביונס אַ זון!״ דאָס איז געווען זיין ענטפער, אַריין צו זיך אין חדר און איבערגעדרייט דעם שליסל פון דער טיר.

אַ פּאָר האָבן זיך פאַרקרומט ,אָבער די מערסטע טייל האָט געשמייכלט. זיי איז געפעלן דער שטאָלצער ענטפער, וואָס איז פון דאָקטאָר געקומען, ווי ער וואָלט אַ שפּיי געטאָן אויף זיין געלט.

— לייבן האָט איר געמעגט דעמאָלט זען, האָט זיך אפרים צעשמייכלט און ווייטער דערציילט, איר וואָלט אַוודאי הנאה געהאַט. ער איז געלאָפן איבערן חדר, ווי אַ ווילדע צערייצטע חיה אין איר שטייג. געראויכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן, געבראָמט און געפּינעט מיטן מויל. עס האָט מיט אים געמאָרדעוועט, געמאַכט מיט די הענט, וואָרפן מיטן קאָפּ איז אים געווען אוממעגלעך, ווייל עס האָט אים ווי־געטאָן די ווונד, דאָך האָט ער גע־פּרוווט. איך בין געשטאַנען אין אַ זייט אַ צעשראָקענער, ווי פּאַר איינעם, וואָס איז אַראָפּ פון זין. מיר איז געקומען אַ געדאַנק: „מאַכן אַ ויברח״ און ווי איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט צו דער קלאַמקע פון דער טיר,

אַזוי גיט ער אַ געשריי: „פּרויקע, וויפל מיינסטו קומט אָט דעם דאָקטאָר דיינעם פאַר זיין אַרבעט? איך ווייס, זאָג איך, ס׳איז דען צום באַצאָלן? ער...

כ׳ווייס, צעשרייעט ער זיך, ווילסט זאָגן, אַז ער האָט מיך פון טויט געראַטעוועט, איך האָב עס שוין צען מאָל געהערט פון דיר. נו, גיי, טראָג אים אַריין צוויי טויזנטער!״.

— וואָס־זשע, איך האָב דען געוואָגט אים זאָגן, אַז עס איז ווייניק? ווען איך בין אַריין צום דאָקטאָר, איז ער אין בעט געלעגן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. איר זאָלט געווען זען מיט וויפל עקל ער האָט אַ קוק־געטאָן אויף מיין האַנט אין וועלכער עס זענען די טויזנטער געלעגן, אַז איך אַליין האָב אָנגעהויבן זיך פאַר אים שעמען און געקלערט זיך פאַר־ענטפערן, ער האָט אָבער מיך ניט געוואָלט הערן און געזאָגט: „גיט איבער דעם גביר אייערן, אַז איך נעם ניט זיין געלט, ער ווייסט שוין פאַרוואָס, און אויב ער געדענקט ניט, טאָ זאָל ער זיך דערמאָנען. זאָגט אים ער זאָל דאָס געלט אַריינטראָגן אין קהילה פאַר די אביונים פון אונדזער שטעטל, אָבער ניט פון זיין נאָמען, נאָר פון מיינעם״.

— זאָגט דעם אמת, רופט זיך אָן איינער פון די צוהערער, איר האָט די מעשה פון אַ בוך אויסגעלייענט, צי וואָס?

— דאָס איז גאָר? זענען עטלעכע צוגעשטאָנען, אַ כשרע נשמה, דעם דאָקטאָר שיין באַצאָלט. איר קראַצט אויס אַ שיינע מעלה. די נשמה זיינע איז געווען שוין אין גיהנום, איידער נאָך ער האָט די פיס זיינע אויסגעצויגן!

— שאַט, שאַ! וואָס האָט איר אַלע אויף מיר אַזוינע גרויסע פּיסקעס געעפנט? אומרואיק און ווי אַ באַליידיקטער הייבט־אָן אפרים, זאָרגט ניט, איך עפן נאָך ניט די טיר פון גן־עדן פאַר זיינעטוועגן, אַז איר לאָזט ניט כ׳זאָל דעם געדאַנק מיינעם אַרויסזאָגן. יאָ, בין איך אַ בעלן געווען זיך דערגרונטעווען אַן „אמת״ און אַ פרעג געטאָן דעם קאַסירער אונדזערן פון דער קהילה — וויפל געלט האָט לייב שאַפער, ווען ער האָט זיך פון די בעדער אומגעקערט, אַריינגעטראָגן פאַר אָרעמע לייט אין דאָקטאָרס נאָמען...

ביי אַלע ארום, האָבן זיך די אויגן אָנגעפילט מיט אַ נייגעריקייט און

געעפנט די מיילער. אפרים האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שעמענדיק זיך, געזאָגט:

— אָנשטאָט צוויי טויזנט, האָט ער אַריינגעטראָגן אין קהילה פאַר אָרעמע לייט אין דאָקטאָרס נאָמען, צוויי, צוויי צענערלעך...

צווייטע טייל

היינט

געמלט

אַ היפּש ביסל צייט האָט ד״ר לעווין געמוזט גיין און גיין. וווהין, פרעגט איר? וווהין גייט אַן עולה חדש, אַז ניט אין דער סוכנות? און אויב ער איז נאָך דערצו אַ דאָקטאָר אויך, ווי זאָגט איר, שטייט דאָך די קופּת־חולים און קוקט זיך אויף אים אויס די אויגן און וואַרט מיט ברייט צעשפּרייטע אָרעמס, אַז זאָל אים אַרומנעמען מיט אַ פּייערדיקן ברוך הבא... נו, איז ער געגאַנגען און האָט אָפּגעקלאַפּט די שוועלן ביי דער סוכנות, ביי דער קופּת־חולים און אַז מען דאַרף איז נאָך אַמאָל סוכנות און ווידער אַ מאָל קופּת־חולים. צום וויפלטן מאָל ווילט איר וויסן? ווער קאָן עס געדענקען די צאָל, מ׳דאַרף דאָך אויף דערויף האָבן אַ מיניסטער־קאָפּ, דערפאַר מיניסטער־קעפּ זיצן אין דער סוכנות, אין קופּת־חולים און.... און ווו זיצן זיי דען ניט? אומעטום זיצן זיי — ווו מ׳דאַרף און ווו מ׳דאַרף ניט, און אַפילו ווו זיי ווילן ניט, מוזן זיי אויך זיצן... אויב די אינטערעסן פון דער מדינה פאָדערן דאָס... זיי, די אַלע זיצערס זענען אין זייער צייט, זאָגן זיי, אויך געגאַנגען איבער שוועלן — וואָס פאַר אַ נפקא־מינה איבער וועלכע, שוועלן זענען שוועלן... מיינט איר אפשר, אַז דאָס איז שוין גאָר? האָט איר אַ טעות, וואָס־זשע חוץ דער סוכנות און קופּת־חולים זענען ביי אונדז מער קיין שוועלן ניטאָ? פאַרגעסט ניט, אַז מענטשן זיצן און וואַרטן מען זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט אַ מצווה זיך קויפן... דאָס גליק איז, וואָס דער דאָקטאָר מיינער איז גאָר ניט פון די פוילע — איז ער געגאַנגען. און וואָס זאָל איך אייך ברייען, אַז אַ ייד טוט אַלץ צוליב פרנסה? צוליב דעם זינדיקן מויל! אין חוץ לארץ איז

ער געווען אַ ייד אַ בעל גאווה, אַן אוהב כבוד, דאָ אָבער האָט ער אויף די קומענדיקע שוועלן באקומען אַזוינע קאַלטע דושן, אַז ער האָט ניט נאָר פאַרגעסן, וואָס און ווער ער איז געווען אַמאָל, נאָר געווען ביי אים מאָמענטן, ווען ער האָט דעם אייגענעם נאָמען פאַרגעסן און אַליין אָנגעהויבן צווייפלען, צי איז ער אין דער אמתן אַ דאָקטאָר גאָר. אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט ביטערע פילן שלינגען, אויב ער האָט זיך דערביי פאַרקרומט אַפילו, האָט ער אויך געזוכט, מ׳זאָל עס ניט זען... געוואָרן פלייסיק ווי קיין מאָל ניט. פיס, וועלכע שטייען שוואַך אויפן באָדן — גייען... איז ער געגאַנגען, ווי זיין עלטער־זיידע... וואָס הייסט ירושה אין בלוטן פון זיינע אבות! איז ווי זאָגט איר — האָט ער גענומען די פיס אויף די פלייצעס און געגאַנגען. אויף איין אָרט הייסט מען אים קומען חול־המועד פורים, אויף אַ צווייטן — לאַדט מען אים איין אויף אַן אנדערן חול־המועד. וואָס־זשע, ער האָט אַן אַנדערע ברירה? זאָל זיין חול־המועד־פורים, זאָל זיין אַן אַנדער חול־המועד, זאָל זיין אַ קאַץ, אַן אינדיק, אַבי ברענגען שוין אַ מאָל אַן עוף דעם ווייב אויף שבת. עס איז נאָך אַ גליק, וואָס עס זענען דאָ אַזעלכע טעג אויך אין יאָר. ער נעמט אויף באהבה אַלע צוזאָגעכצער, אַבי ווערן שוין אויך א מאָל אַ שטיקל מחותן אויף דער חתונה: זיך דרייען אויף אַ פרעמדער חתונה — דעם טעם זאָל פילן נאָר אַ שונא־ישראל. גייט ער אַזוי אויס אַלע חול־המועדן און זוכט דעם נעכטיקן ווינט, וואָלט ער כאַטש אַ ווינטל געפינען אין א חמסין־טאָג — איז דאָס אויך ניט. אַזוי איז ער זיך אָפּגעגאַנגען די פיס אין זוכענישן. וועמען זוכט ער? ווער וואַרט אויף אים? צי ווער דאַרף אים? אַ חוץ דאָס ווייב און קינדער אפשר. ער הייבט אָן זיך פילן פאַר אַן איבעריקן. אָבער זוכן דאַרף מען, כדי געפינען דאָס פאַרלוירענע, און ווער ווייסט, אפשר יאָ, דער מענטש איז דאָך פאַרט געבוירן — ער זאָל זוכן... ווי זאָגט מען עס: אַז מ׳זוכט געפינט מען... וואָס געפינט מען? דאָס איז שוין אַ פראַגע פאַר זיך, ווי וועמענס מזל איז, אויב דיר איז באַשערט אַ שטיקעלע גן עדן: — איז אין ארץ־ישראל, ווי נאָר האָסט אַריינגעכאַפּט אין האַנט אַ שטיקעלע פרנסה — האָסטו אים, דאָס הייסט: עס עפנט זיך פאַר דיר אַ טיר אין גן עדן.

ס׳מוז דאָך קומען אַ מאָל אַ סוף אויך — איז ער אין אַ גוטער שעה געקומען. אַ סוף צו זיינע גייענישן. ברוך השם, אָנגעבידעוועט האָט ער זיך אַ היפּש שטיקל צייט. אָט, אָט ציט ער אויס די פיס. נאָך וויפל חדשים ווילט איר וויסן? דאָס נישט — דאָס וועל איך אייך ניט זאָגן. עס איז אַ סוד. ער האָט מיך געבעטן, קיינעם ניט זאָגן. ער שעמט זיך, פאַר וועמען שעמט ער זיך? פאַר זיי. נו, זאָל זיין אַ סוד, כאָטש עס איז שוין כמו ווי קיין סוד ניט. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? ס׳איז דאָך אַ פּשוטער חשבון, רעכנט אויס, איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ער איז אויסגעגאַנגען אַלע חול-המועדן, אַריינרעכנדיק דעם פּורימדיקן, דעם שבועותדיקן און דעם סוכותדיקן...

סוף, סוף האָט די גאולה אַ קאַרגן בליטש געטאָן פאַרן אויג... אוי, די גאולה, ווי שווער זי לאָזט אויף זיך וואַרטן. וואָס־זשע צוויי טויזנט יאָר וואַרטן איז וויניק? עס דאַכט זיך, ווי זי וואָלט אַ קוק געטאָן אויף דיר, אי דאָס ניט מיט אַ גאַנצן אויג. נו, זאָל זיין כאָטש אַ ברעקעלע, ווי אַ כזית, ווי אַ לונג און לעבער פון אַ פלוי. אַזאַ טבע ביי איר, גאָר ניט קיין פויגלדיקע; — קודם ציט זי פון דיר אַרויס ס׳גאַנצע חיות און ווען זי זעט שוין די נשמה הענגען אויף דער שפּיץ נאָז, דעמאָלט פאַרגינט זי זיך מיט אַ קאָלט שמייכעלע זיך דערבאַרעמען, אי דאָס מיט אַ תנאי: — זאָלסט זי מיט טויזנט אויגן זוכן און מיט גרויס כוונה זיי אויסקוקן... איז, אַז מען דאַרף זי זוכן — גייט מען און מ׳גייט, און מ׳גייט ביז מען דערגייט... און, אַז מ׳טרעפט שוין אָן אָפענע טיר, וואָס זאָג איך, אָן אָפענע טיר, וואָס־זשע טירן ביי אונדז זענען דען פאַרמאַכטע? חס וחלילה, דאָס וואָלט שוין פּשוט געווען אַ בלבול, אַזוי אַז טירן זענען ביי אונדז דאָ אַלע, פאַר אַלע, אָפענע, אָבער וואָס? הערצער, אוי הערצער... איר מיינט אָוודאי יידישע הערצער? נו, יאָ, אויב איר ווילט... חידושט אייך ניט, אַז אין אָט אָ די אָפענע טירן דאַרף מען דווקא קלאַפּן און נאָך ווי אַזוי קלאַפּן, קלאַפּן דאַרף מען מיטביידע קולאַקעס, אי דאָס די קולאַקעס זאָלן ניט זיין פון פליש און ביין, ווייל עס איז אַ שאָד זיי צעברעכן און פּשוט עס לוינט זיך ניט, איז קלאַפּן דאַרף מען מיט עפּעס שטאַרקערס...

ווען פיס ווערן געשוואָלן פון צופיל גייענישן און קאָנען ניט, צי ווילן

שוין ניט מער דיך פירן אויף פרעמדע שוועלן... און פון מידקייט לאָזן זיך שוין הענט אויך אַראָפּ, דעמאָלט און אויך ווי אַ מאָל, אויב דאָס מזל דיינס האָט זיך אין דיר דערמאָנט, צי דו האָסט גאָר אַזאַ, אויב יאָ, טאָ עפנט זיך אַ טירעלע אין קליין־איינגעשרומפּענעם הערצעלע און מאַיעס־טעטיש, די גאולה הייסט עס, שטרעקט דיר אויס דאָס קליינע פינגערל פון איר קאַרגן הענטעלע... אַז מ׳זאָל זוכה זיין צו באַקומען פון איר נאָך אַ פינגער, טאָרסטו ניט אַריבערגיין די דרייסיקער יאָרן... „קרימט אייך ניט, איך בעט אייך, לאָזט אָפּ, מיר ווייסן וואָס מיר טוען, זאָגן זיי, און וואָס מיר דאַרפן און ווען מיר דאַרפן, איז אויך אונדזער זאַך".

אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה, ד״ר לעווין, נאָך דעם, וואָס ער האָט אויסגעשוויצט אַ פּאָר חמסינים אַפילו אין די ניט חמסיניקע טעג, אַלץ זוכנדיק, האָט דאָך געפונען דאָס שליסעלע צום פאַרכישופטן טויער פון גן־עדן... ער גייט אויף אַ צייטווייליקער אַרבעט. וואָס הייסט ער גייט? וואָס זאָג איך, ער גייט, ער פאָרט, ביי אונדז גייט מען ניט, ביי אונדז פאָרט מען, גייען ליידיקגייערס. שאַ, שעמט אייך ניט, ביי אונדז ליידיקגייערס פאָרן ערשט, גייען, גייען נאָר יידן זוכן פרנסה און יידן, וועלכע גייען נאָך שבת אין שול אַריין, דאָס איבעריקע — פאָרט. וווינסטו אין חיפה, טאָ פאָר אַרבעטן אין תל־אביב און, אויב דיין וווין־אָרט איז אין תל־אביב, טאָ זיי־זשע מוחל און האָב קיין פאַריבל ניט און נעם אויף אַרבעט אין ירושלים. אַזוי טוישט מען זיך: ירושלים פאָרט אַרבעטן קיין תל־אביב, תל־אביב לויפט באַאַרבעטן חיפה, חיפה באַרגט אויס מענטשן קיין באר־שבע און אַזוי פאָרט אַרויס אין שטעטל אין צווייטן, ווי: בני־ברק לויפט קיין פתח־תקוה, רמת־גן שפּאַצירט זיך דורך קיין אור יהודה א. אַ. וו. און פאָרן פאָרט מען ווער מיטן אויטאָבוס, ווער מיט אַ שירות, ווער מיט אַ ספּעישל און ווער מיט אַן אייגענער מאַשין. הייסט עס, עס איז קיילעכיק און פריילעך, דאָס גאַנצע לאַנד גייט אויף רעדער, אַלע רעדער דרייען זיך, ווו ווער אַהין, דאָס הייסט ניט, אַז עס איז ניטאָ קיין פוסגייער, די וואָס גייען אין אַנגסטן, קלאַפּן אָפּ שוועלן ביי די פרנסה־געבערס, ביי די שיכון־געבערס, ביי די עצה־געבערס און ביי די, וואָס מכלומרשט ווילן העלפן.

ווען דאָס מזל גייט דיר נאָך הינטער דער פּלייצע, ווערסטו אַ בעל זכות און אַלס אַזעלכער — מיעט זיך פאַר דיר. די „עלטער־באָבע", אַז עמעצער זאָל פאַר דיר אַ קוועטש געבן אין אַ געוויסער קנאַפּקע, עס זאָל דיר ליכטיק ווערן פאַר די אויגן, אַנדערש גייט עס ניט ביי אונדז, סיידן די טאַטע־מאַמע זאָלן האָבן דיך אַרויסגעשיקט אויף גאַטס וועלטל מיט שאַרפע, אויסגעשפּיצטע עלנבויגנס, דעמאָלט באַקומסטו אי אַרבעט, אי אַ דירה און אַז מען דאַרף טראָגט מען דיר אַנטקעגן אַפילו אַ הלוואה. זאָלסט האָבן מיט וואָס אַריין אין דער דירה און אויב ביסט אַ ביסל געוויסנלאָז, צי מאכסט זיך תמעטוואַטע, צי לאָזט זיך דרייען אַן איבעריק רעדעלע און מוחל דיינעם — איז ביים אָנקומען אין לאַנד שטעלסטו צו אַ לאַנגע רשימה פון זאַכן, וועלכע האָסט קיין מאָל ניט געהאַט אין דיין געוועזענער היים און זענען דיר אַפילו צו חלום ניט געקומען, איז דאַרפסטו פאַר די אַלע זאַכן קיין מכס ניט צאָלן און, עס געפינען זיך שוין דאָ לייטישע יידן, אַוודאי ניט אומזיסט, וואָס קריגן אויף דיר רחמנות און אין אַ קורצער צייט שטייט פאַר דיין טיר שוין אַ פריש שפּאָגל־נייע מאַשין, אין שטוב — אַ פריזשידער, אַ טעלעוויזאָר און נאָך, און נאָך עלעקטרישע מכשירים, וועלכע דאַרפסט און דאַרפסט ניט, איז דערפאַר דאַרפן זיי אַנדערע יידן, בלייבט דיר איין זאַך: — מאַכן דערצו נאָך אַ קערבל מיט אַ פּערטעלע און ערשט אויף צו געדענקען, אַז ביסט געקומען אין לאַנד אויף דער סוכנות־הוצאות... אַזוי ווערסטו מיט „לייטישע מענטשן" גלייך און, ווי יענע ווערסטו אויך אַ קנאַקער, זעצסט זיך רייטנדיק אויף דער גאווה, וועלכע באַרגסט אויס ביי לייטן און ווערסט אַ פּריץ... און פּריצים, ווייסט איר דאָך, ווי קליין זיי זאָלן ניט זיך — גייען זיי ניט צו פוס... און אויב אין קאָפּ דיינעם איז דאָ אַזוי פיל שכל, וויפל ביים כעלעמער חזנס ציג, איז קריכסטו טיף אין דער אדמה, אַז דו זאָלסט זיך באַגעגענען מיט דיין עלטער־זיידן, כדי ער זאָל דיך אונטערלערנען באַקן בייגל.

ד״ר לעווין פאַרט אויף דער אַרבעט מיטן אויטאָבוס 56. די ערשטע באַגעגעניש מיט אַן אמתן ותיק איז אוודאי מיטן נהג. דער נהג, ווי נאָר אַ נייע צורה דערזעט, גיט ער זי אַ מעסט אָפּ פון קאָפּ ביז צו די פיס.

דער נהג זיינע יידעלעך קען שוין גוט, ער פירט זיי דאָך אַלע קאַיאַר אַרויס פונעם שכון און פירן פירט ער זיי ניט אַזוי פשוט, ער מוז מיט זיי לויפן, ווי אַ רוח מיט אַ מלמד, צום מרכז, אַז דאָרטן זאָל ער זיי איבערגעבן אַנדערע אויטאָבוסן, זיי זאָלן דערגאַנצן זיין אַרבעט און זיי אָפּפירן אין יענע שטעט און שטעטלעך ווו מען האָט זיי פאַרזאָרגט מיט פרנסה. ער דערקענט שוין זיינע יידן לויט די בערד: — זייער גערעדיכטקייט, לענג, פאַרב און געקראַזקייט. נו, און פּיאות זאָגן דען ווייניק? ביי וועמען פאַרדרייטע, ביי וועמען פאַרשאַרטע אונטער די אויערן און ביי וועמען, ווי צעפּעלעך פריש אויסגעצוואָגענע הענגען אַראָפּ און גלעטן דאָס קעלנערל פונעם אויבערראָק און ווי זיי וואָלטן זיך געבייזערט דערויף — פאַרוואָס עס לאָזט זיי ניט צו צום באַלעבאָס האַלדז, זיי זאָלן אים אַ קיצל־טאָן. דער נהג קען זיי אַלע אויפן נאָמען און אַפילו דעם צונאָמען, אַזוי אַרום ביי זייער אַריינקומען אין מאַשין באַגעגנט ער זיי מיט אַ שיינעם ברייטן שלום עליכם און צומאָל באַפּוצט ער אים, דעם „אורח״ זיינעם מיט אַ זמרל.

ד״ר לעווין האָט אין נהגס בליקן איבערגעלייענט אַ פראַגע, אָבער ער לאָזט זי אָן אַן ענטפער. אַ ייד איז נייגעריק, טראַכט ער זיך, זאָל ער זיין. אַזוי פיר מאָל דורכן טאָג באַגעגנט ער זיך מיטן נהגס פראַגע און ער לאָזט אים דווקא אָן אַן ענטפער. דער נהג איז דאָך ניט מער ווי אַ בשר ודם, איז ווי קאָן מען אויסהאַלטן אַזאַ עקשנות פון אַ מענטשן? אויפן דריטן טאָג האָט דער נהג באַשלאָסן אָנגרייפן דעם דאָקטאָר מיינעם, אָבער שטיל, מיט אַ געבעט אין קול זיפט ער אַפיר פון אונטער זיינע דינע ליי־פעלעך אַ לאַנג־מוטשנדע שאלה:

— „אדוני, ווער, ווער זענט איר?״

— „אַ ייד בין איך״, ענטפערט שטיל ד״ר לעווין.

אַ בייז שמייכעלע גנבעט זיך אַרויס אויף די ליפּעלעך ביים נהג ווי עס וואָלט געזאָגט — אַז זיין באַלעבאָס איז מיט דעם ענטפער ניט צופרידן. דער נהג שלינגט דעם ניט־געוווּנטשענעם ענטפער אַראָפּ, גיט בייזלעך אַ קוועטש אויף דער קנאָפּקע פון אויטאָמאַט — די טירן זאָלן זיך פאַרמאַכן, נאָכהער אַ דריק אויפן פעדאַל און די רעדער פון אויטאָבוס צעקאַטשען

זיך איבערן כביש. נאָך אַ פּאָר רגעס, ווען פאַר דער מאַשין האָט זיך פאַנאַנדעגעוויקלט, ווי אַ טעפּיך, אַ ריינער וועג, אָן אַנטקעגנקומענדיקע מאַשינען, דרייט ער אויס דעם קאָפּ צום דאָקטאָר און הכנעהדיק פרעגט ער:

— „אדוני, פון וואַנען זענט איר?"

— „אַ היגער", ענטפערט ד"ר לעווין דאָס מאָל מיט אַ שמייכל אונטער די ברעמען און זעצט פאָר אים אַריינשמייכלען אין פּנים, בעת ביים נהג, ווי עס וואָלטן זיך געבעטן די אויגן. „נו, מוטשעט ניט און זאָגט שוין!"

— „וואָס טוט איר דאָ אין שיכון?", פרעגט ווידער דער נהג.

— „קיינעם קיין שלעכטס ניט", ענטפערט ד"ר לעווין.

דעם ענטפער שלינגט דער נהג ווידער אַראָפּ ווי אַ ביטערע פּיל, און אַ בייסיק שמייכעלע שווימט אַרום אויף זיין אויסגעמאָגערטן פּנים, בעת אין זיינע געדאַנקען פלעכט זיך אַריין איינער: „איז דאָס אַ ייד אַ פאַרהאַרטעוועטער, יענער פויגל דאַרף ער זיין".

— „ניין", זעצט פאָר דער נהג, „ניט דאָס האָב איך געמיינט, איך פרעג, וואָס אַרבעט איר?"

— „אויף מיין פּאַך", ענטפערט ד"ר לעווין און מיט די בליקן, ווי זיי וואָלטן דערזאָגט. „נו, טרעף, אויב דו ביסט אַ ייד אַ חכם און ווילסט אַזוי שטאַרק וויסן".

אויף דער צווייטער תחנה קומט אַריין אין אויטאָבוס אַ הויך־געשטרעקטער, ברייטפּלייציקער יונגערמאַן, באַקומט זיין בילעט פון נהג און ווי נאָר צעוואָרפן ער האָט זיינע בליקן איבער דער מאַשין — אַ פלאַץ זיך אויפזוכן, אַזוי שרייט ער אויס אויף רוסיש: — „ווע מען זע איך?! ד"ר לעווין! ווי עס פרייט מיך! פון זינט זייט איר שוין אין לאַנד? אָט איז שוין אַדורך אַ צוועלף יאָר, זינט מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל באַגעגנט."

דער נהג, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו ד"ר לעווינען, האָט ווי געוואָלט אויסשרייען זיין צופרידנקייט, וואָס ער האָט סוף כל סוף זיך דערוווּסט ווער און וואָס ער איז, אָבער ער האָט דאָס פאַרביטן מיט אַ פריילעך

שמייכעלע. ער קוועלט־אָן, ממש די נשמה איז אים געקומען אויפן אָרט און ווי אויך צו זיין נייגעריקייט אַ סוף... עס איז אים קלאָר געוואָרן שוין דער גאַנצער סוד, וואָס דער ייד האָט געוואָלט זיך אין אים פאַרהילן, וועלכער האָט אים אַ צייט געעגבערט. צוויי גרויסע מעלות ביים יידן: אַ רוסישער ייד איז אים נאָענט צום האַרצן און דערצו אַ דאָקטאָר. אַ קליניקייט — דרייען זיך דעם מוח, כדי זיך דערוויסן, וואָס איז מיט דעם יידן. וואָס, פלעג ער זיך זאָגן, טוט ער דאָ? לויט זיין אויסזען, דאַרף ער אַוודאי זיין אַן אַקטיאָר, איז וואָס פאַר אַן אַרבעט, ווי ער אַליין זאָגט — אויף זיין פאַך — קען ער דורכפירן אין נוה אחיעזר? אָן אַ היטל, אָן אַ יאַרמעלקע. אַ קאָפּ מיט גרויסע האָר, וואָס פאַר אַ גוטער יאָר האָט אים פאַרוואָרפן אין נוה אַחיעזר?

דער נהג איז אין אַ גוטער שטימונג, אַ פריילעכער, ווי ער וואָלט געוואונען דאָס גרויסע געווינס, צעקאַטשעט ער די רעדער פון מאַשין גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן און עס זינגען אין אים אַלע קעמערלעך פון האַרצן זיינעם, וואָס ברענגט אַרויס דורך אַ זמרל אויף זיינע פריילעך־שמייכלנדיקע ליפּן. אויף דער סטאַנציע זכרון מאיר, עפענענדיק די טיר, שרייט ער אויס אַ צופרידענער: — „בבקשה ר' משה!" נאָך אַ רגע דראַפּעט זיך אַרויף אויף דער מאַשין „ר' משה". איז דער ר' משה אַ יידעלע מיט אַ קאַשקעטל אויפן קליינעם קעפּעלע, ביי די זייטן לאָזן זיך אראָפּ צוויי לאַנגע פּאהלעך, וועלכע ציטערן אונטער און גלעטן אויס דאָס קליינע פינף־יעריקע העלדזעלע. די מאַמע זיינע האָט געפּרוווט אים די פּאהלעך פאַרקרייזלען, דערפאַר טאַנצן זיי אונטער ווי אַ „גאַרמאָשקע", די צוויי טונקעלע, קלוגע און דורכדרינגענדיקע פריילעכע אויגעלעך, וועלכע קוקן אַפיר פון הינטערן דאַשעק, רופן אַרויס דיין אויפמערק־זאַמקייט און אַ כוואַליע ליבע ברויזט אַרויס פון האַרצן דיינעם און הילט דאָס קינד אַרום. אין איין הענטל האַלט עס אַ סידורל מיט אַ העפטל און אין צווייטן — אַ בינטעלע עסן. „ר' משה!". לויט זיין הויך קאָן מען אים געבן דריי יאָר, אַלט איז ער אָבער שוין פינף און פאַרט אַלע טאָג אַליין, אָן אַ באַגלייטער, אין חדר — אין שיכון נוה אחיעזר. „ר' משה" דראַפּעט זיך מיט אַלע פיר אַרויף אויף אַ זעסל נעבן נהג און בעת ער שטרעקט אויס

דאָס קליינע ווייסע הענטעלע מיט די פינף מיט אַ האַלבן פּיאַסטער פאַרן בילעט פרעגט ער דעם נהג:

— „אברהמלע, ביסט נעכטן געווען ביים רבין אויף דער חתונה?"

— „אַוודאי", ענטפערט דער נהג, „נו, און דו, משהלע?"

— „איך אויך", מאַכט משהלע. אַזוי פאַרבינדט ער אַ שמועס מיטן נהג.

אַ יונגע פרוי אַן אַ שייטל און אַן א טיכל אויפן קאָפּ, פּרוּווט אַ פּאָר מאָל אַריין, אין אַ שמועס מיט „ר' משהן". אָבער דאָס קינד מאַכט זיך ניט הערנדיק, ווי ניט אים מיינט זי. די פרוי נעמט אין איר האַנט אַריין דאָס קליינע פּנימל און שטעלט אים צום ווייפלטן מאָל איר פראַגע, אָבער משהלע רייסט זיך אַרויס פון איר האַנט, אַן דעם, ער זאָל אַ וואָרט זאָגן און זעצט פאָר זיין שמועס מיטן נהג. אויף דער צווייטער סטאַנציע, ווען די פרוי האָט שוין דאָס לעצטע טרעפּל פון דער מאַשין פאַרלאָזט, מאַכט משהלע צום נהג:

— „אברהמלע, זי ווייסט ניט", ווייזנדיק מיט זיינע קלוגע אויגעלעך אויף דער אָפּשטייגנדיקער פרוי, „אַז איך רעד ניט מיט קיין פּרוצות".

*

ווייסנדיק שוין, אַז דער ייד איז א דאָקטאָר און דערצו נאָך אַ רוסישער — איז שוין גאָר אַן אמתע רינג פון דער גאָלדענער קייט, דער יידישער יחוס, האָט דער נהג אָנגעהויבן אים אויפנעמען מיט אַ גאַנץ הייסן שלום עליכם און דערביי הכנעהדיק צוגעשמייכלט און שטרענג באַפוילן די קינדער אויפשטיין און אָפּטרעטן אַ פּלאַץ דעם דאָקטאָר.

ביי אונדז איז שוין אַזאַ מנהג: ווען אַן עלטערער שטייט אין אויטאָ־בוס אויף די פיס, וועט אַ קינד חס וחלילה זיך ניט אויפהייבן און פאַר־לייגן זיין פּלאַץ. און אויב דו פּרוּווסט פרעגן, „פאַרוואָס איז ביי אונדז אַזוי?" איז קודם כל שטעלט מען אַן אויף דיר בייזע אויגן און נאָכהער קומט דער ענטפער, זייער אַ פּשוטער: „אונדזערע קינדער זענען סאַברעס און סאַברעס וואַקסן און דאַרפן וואַקסן ווי אַזוי זיי ווילן". נו, און זיבן יאָר? איז דער ענטפער ווידער אַ פּשוטער: „זיבן יאָר? פרעגט איר,

זיבן יאָר — שמעקט מיט גלות, דערפאַר לערנען מיר זיי ניט אַזוינע פוילע שטיק, מיר ווילן ניט אַריינברענגען דעם גלות אין לאַנד והשנית אַ סאַברע דאַרף מען ניט לערנען". יאָ, אפשר האָבן זיי רעכט, אַז אַ סאַברע דאַרף מען ניט לערנען, ווייל די אייגנאַרטיקייט פון אַ סאַברע איז, וואָס ער ווערט געבוירן מיט דער תורה. אַ סאַברע מעג טאָן, וואָס עס וויל זיך אים... און זאָגן וואָס ער וויל. ווען אַ סאַברעלע פון דריי יאָר זאָגט דעם טאַטן זיינעם „חמור", ווערט אַ גדולה אין שטוב און אַלע קוועלן אַז פון דער גרויסער חכמה; און ווען א סאַברעלע שטעקט אַריין זיינע שאַרפע ציינדעלעך אין דער מאַמעס האַנט ביזן בלוט און פון גרויסע ווייען, בייסט די מאַמע זיינע זיך איין די ליפּן און בעט זיך ביים סאַברעלע: „מותיק, מותיק, כואב לי" (עס טוט מיר וויי), איז אויב עס טוט וויי, זאָלן די ציינדלעך טיפער זיך אַריינשניידן אין דער מאַמעס פלייש. ווי אַזוי־זשע קאָן מען מאָנען ביי סאַברעס, זיי זאָלן זיך שעמען פאַר אַ פרעמדן, זאָלן כבוד אָפּגעבן אַן עלטערן, זאָלן אויפשטיין פאַר אַן עלטערן און דערצו נאָך אָפּטרעטן דעם פּלאַץ? „וואָס זשע זיי צאָלן דען ניט פאַרן פלאַץ?"... העפ־לעכקייט, אכטונג, רעספּעקט ווילט איר? מיט אַזעלכע מידות קאָן מען נאָך חלילה פאַרשמירן די מדינה...

עס האָט ניט געדויערט קיין סך צייט און דער נהג פאַרבינדט אַ וואַרעמע פריינטשאַפט מיטן ד"ר לעווין און אויב מען איז שוין גוטע ברידער, איז ווי קאָן מען גראָב זיין און ניט זיך אָפּרעדן פון האַרץ, און פאַר אַ דאָקטאָר וואָס קאָן מען אָפּיר־שאַרן פון אַן אָנגעווייטיקט האַרץ? אַז ניט די אַלע אָנגעזאַמלטע קרענק — קלענערע און גרעסערע, לייכטערע און שווערערע אין משך פון יאָרן? ד"ר לעווין האָט זיך געגרן צו אים צו־געהערט און אים אויפגעקלערט די סיבות, וועלכע רופן אַרויס אַנאָרמאַלע דערשיינונגען אין מענטשלעכן קערפּער, אים געעצהט ווי אַזוי אויסמיידן און באַזייטיקן זיי און אויך כלערליי רפואות אויסגעשריבן. אַזוי זענען זיי געוואָרן צווישן זיך היימיש, ווי זיי וואָלטן זיך שוין יאָרן באַגעגנט פיר מאָל דורכן טאָג. אברהמלע נהג האָט ניט נאָר געמאַכט די ערשטע טריט צו דער פריינטשאַפט, נאָר אויך געטאָן אַלץ, כדי ענגער פאַרבינדן זי. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער פלעגט דעם דאָקטאָר פשוט צופירן

מיט דער מאַשין ביז צו זיין הויז, ניט נעמענדיק אין אַכט, אַז די סטאַנציע איז גאָר ניט אין דער ריכטונג, לויט זיין מאַרשרוט.

די לעצטע תחנה פונעם זעקס און פופציקער אין נוה אחיעזר איז איבערן וועג פון דער פּאָסט. צען מינוט פאַר צוועלף (דער אויטאָבוס גייט אַרויס פון דער סטאַנציע אַלע האַלבע שעה) דערנענטערט זיך ד״ר לעווין צו דער מאַשין. — „אברהמלע״, מאַכט ד״ר לעווין, „ביז צוועלף איז נאָך דאָ צען מינוט, איך גיי אַריבער אין פּאָסט אויפגעבן אַ פּאַקעטל, אַזוי, אַז איך מיין, וועסט ניט דאַרפן וואַרטן, דאָך וויל איך זאָלסט וויסן אַז איך וויל פאָרן אין שטאָט״.

— „דאָקטאָר״, אַן אויפגערעגטער הייבט אָן אברהמל נהג, „וואָס זענט איר אייגנטלעך? נעכטן האָב איך אייך געהערט רעדן רומעניש מיט אַ פרוי אין אויטאָבוס. טאָ וואָס־זשע זענט איר?״

— „איך בין געמלט״, ענטפערט מיט אַ שמייכל ד״ר לעווין.

— „לאָזט אָפּ מיט אייערע חכמות״, בייזערט זיך אברהמל נהג, „אַראַבער זענען אויך געמלטע, איז וואָס? זאָגט: אַרוס, צי אַ רומענער, צי וואָס?״

— „איר הערט דאָך, וואָס מען זאָגט אייך, איך בין געמלט...״ לאַכט דער דאָקטאָר אים אַרײַן אין די אויגן און גייט אַריבער אין פּאָסט.

— „וואָס פאַר אַ רומענער איז ער, רופט זיך אָן אַ ווייבל, וועלכע זיצט ביי דער זייט און הערט זיך צו צום שמועס, ער רעדט דאָך רוסיש ווי אַן אמתער איוואַן״.

— „לאָזט געמאַך״, בייזערט זיך אברהמל נהג, „ער דאַרף זיין פון די רומענער, וועלכע רעדן רוסיש.״

ד״ר לעווין האָט זיך פאַרזאַמט אין פּאָסט פיר מינוט. אויף דער תחנה איז ער געווען זעקס מינוט פאַר צוועלף, אָבער אברהמעלע נהג מיט זיין מאשין איז אויף דער תחנה שוין ניט געווען...

אַ טאָג אין קופּת חולים

מער ווי אין אַנדערע יאָרן האָבן אונדזערע יידעלעך באַגעגנט דאָס יאָר תשכ״א מיט מורא און גרויס פּחד אין די הערצער. איז מען געלאָפן אין די שולן אויף אַלע וועגן און אויף גאָר אַן אַנדער מין אופן. יום־כיפּור האָט מען די שול אַפילו אויף אַ רגע ניט פאַרלאָזט און נאָך נעילה, אַנשטאָט מ׳זאָל גיין גלייך צום טיש אויפפאַסטן, איז מען אַוועק קודם אַריינקלאַפּן דעם ערשטן פּלאָקן פאַר דער סוכה. די ממשלה בכבודה ובעצמה איז דאָס יאָר, מער ווי אין אַלע יאָרן, אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג אין שול און זיך געשאָקלט פאַרן רבונו של עולם, און אָן אויפהער געקלאַפּט זיך על חטא פאַר אַלע אירע „מעשים טובים״ מיט וועלכע זי האָט באַגליקט די מדינה אין פאַרגאַנגענעם יאָר. אייניקע מיניסטאָרן אין זייערע אָפּטע נסיעות איבער דער וועלט, און ווי ניט אַלע, און ניט אומעטום האָבן נושא חן געווען, און מן־הסתם ערגעץ־ווו צוגעזינדיקט, האָבן אַוודאי באַדאַרפט תשובה טאָן... און אויסטרעסן, חס וחלילה ניט די הערצער, נאָר, די קעשענעס פון אַ היפּש ביסל חטאים... איז וואָס־זשע זאָל נאָך געווען טאָן אַ פּשוטער ייד, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס איז נעבעך איינגעטונקען אין חובות און אין חטאים אַוודאי און אַוודאי? און צווישן אונדז רעדנדיק, זאָגט מיר איך בעט אייך, וועלכער בשר ודם זינדיקט ניט? און פאַרוואָס זאָל ער ניט זינדיקן, אַז גאָט ברוך הוא האָט ניט געקאַרגט און מיט אַ פולער האַנט אים אין קאָפּ אַריינגעשטעלט, קיין עין־הרע, צוויי גרויסע אויגן, און וואָס פאַראַ אויגן? אויגן גלוסטנדיקע, אַז וואָס ער זאָל ניט זען — זאָל ער באַדאַרפן און, וויפל ער זאָל ניט האָבן, זאָל אים זיין ווייניק,

זאָל אים אַלץ ניט קלעקן און תמיד זיין ניטצופרידן, און וועלן דווקא נאָך, און נאָך. האָט ער אַ צוויי־צימער וואוינונג וויל ער א דריי. האָט ער שוין דריי, וויל ער אַ ווילע, איז שוין מיינט איר? האָט איר אַ טעות. נו, פּערסאַנישע טעפּיכער דאַרף ער ניט? אַן אויטאָ זאָל שטיין פאַר זיין טיר קומט אים ניט? און ביז וועגן אַלץ פאַרן אין בית הבראה? ס׳איז שוין כדאי און אוודאי יושרדיק וואָלט געוועג זיך אָפּרוען אין „השרון" צי אין „אַקאַדיע", און זיך אַדורכלופטערן אין אויסלאַנד פּאַסט אים ניט? וואָס־זשע מיט וואָס איז ער ווייניקער מיוחס פון אַנדערע, וועלכע פאַרברענגען די זומער־חדשים אין דער שווייץ און פון צייט צו צייט כאַפּן זיי זיך אַריין אין מאָנטע־קאַרלאָ? !...

פאַר כמה וכמה סיבות, זענען יידן געזעסן אין די שולן... זייערע ווייבער וועלן דאָך ניט בלייבן אַרונטער און צי מעגן זיי, און צי ווילן זיי דען בלייבן אַרונטער, און פאַרוואָס טאַקע ניט אויסנוצן די ימים נוראים ווו מ׳קען כאַטש איין מאָל אין יאָר, זיך אויסווייינען די אויגן און אין איינוועגס עפּעס אויסבעטן? און בעטן איז דאָך אויף אַזויפיל דאָ. אויב אַ יידענע קען ניט דאַווענען, ציילט זי כאָטש די לעמפּ, די שויבן, די ליכט אין שול. איז דאָס אויך אַ תפילה, אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין שול איז צוליב זיין „גרויסן נאָמען"... אַ מיטל ווי אַזוי זיך דורכצושמועסן מיטן רבונו של עולם". אָבער רעדן אַ גאַנצן טאָג מיטן „בורא עולם", איז גאָר ניט אַזוי לייכט, ווי אייך דאַכט זיך. דאָך זיצן אַזוי סתם און ניט נעמען אַ וואָרט אין מויל, איז נאָך שווערער און, באמת ווי קען מען אויסהאַלטן, בעת פאַר דיר זיצן לעבעדיקע מענטשן מיט אָפענע אויערן, וואָס קענען און ווילן דיך הערן, זאָלסטו שווייגן? און אַז מ׳וויל, איז רעדט מען שטיל, איז דען דאָ אַזאַ כוח, ער זאָל דיר דאָס מויל פאַרמאַכן? איז שושקעט מען זיך, אַז מ׳זאָל ניט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מצד פון די גאָר פרומע ווייבער, וועלכע טרעטן ניט אויף אַ ווערעמל און זייערע טרערן רייסן ביי משיחן אויף די אויגן, און וועקן אים אַלץ פון שלאָף, איז ווי זאָגט מען עס: שווער איז דער אָנהייב, דערנאָך גייט עס שוין ווי אויף אָנגעשמירטע רעדער. קודם נעמט מען זיך צו שכנים. ביי וועמען איז ניטאָ קיין „גוטע" שכנים? רעדט מען זיך אָפּ פון הארץ, דערנאָך דערציילט

מען עפּעס פון זיך, נאָכהער צעוויקלט מען די מעלות און חסרונות פון נאָענטע און ווייטע פריינט, נאָכהער קומט אַ פּרשה מאכלים, נו איבער קליידונג איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו רעדן? און ווען בעתן שמועס גיט ערגעץ־וווּ אַשטאָך אין אַ גליד, דעמאָלט עפנט זיך ערשט אַ פריי פעלד ווו מ׳קען זיך אַדורכשפּאַצירן אַ פּאָר שעה אַן שטערונגען און מיט אַלע איינצלהייטן גיט מען אַ רעכן אויס אַלע געליטענע קרענק פון פאַרגאַנגענעם יאָר: אַ ברעכעניש און אַ שטעכעניש אין הענט, פיס און רוקן, און בויכ־ווייטאָג, און קאַפּווייטאָג זענען קיין קרענק ניט? און כוואַליעס היץ אין פּנים זענען ליבע־גלעטן? און פלוצים פיבער, אָן אַ פאַרוואָס, איז מיט דער האַנט אַוועק צו מאַכן? און ווען ביי די קינדערלעך צעשפּילן זיך אַ פּאָר מאָל דורכן יאָר די מאַנדלען, איז עפּעס אַ נחת? און מאַזלען זאָגן שוין גאָר ניט? און שקאַרלאַטינע פאַרשאַפט דיר תענוג? און די „געלע־זאַך" איז אַ קוש אין פּנים? און אַ לונג־אַנצינדונג, אַ לויז מעגעלע און סתם הוסטן נאָגן ווייניק חייתן אַרויס ביי דיר? און אַז מ׳איז שוין אַריין אין דער וועלט פון קראַנקייטן, איז ווי־זשע קאָן מען אַזוי גראָב זיין און זיך ניט דערמאָנען אין דאָקטאָר מיט זיינע מעלות און אַלע זיינע חסרונות? הייבט זיך אָן אַ „פּרשה" דאָקטאָר; צעבראָקט מען אים אויף גאָר דריבנע שטיקעלעך. אַזוי צעגליט זיך דער שמועס, ממש ווי הייסע קוילן און מ׳לייגט אַוועק דעם דאָקטאָר אויף זיי, ער זאָל זיך גוט אַדורכבראָטן. און ווי דער דאָקטאָר איז אַ שמעלקע מיטן קופּת חולים, איז ווי אַזוי גייט מען דורך אַזאַ אַנשיקעניש אויפן קאָפּ און מ׳קלעפּט אים ניט צו אַ פּאָר קיילעכיקע ברכות? ביי אונדז פון צען יידן זענען זיבן פון זיי חברים אין קופּת חולים. און אַז מ׳רעדט שוין, זאָל מען טאַקע שוין זיך פון הארץ אָפּריידן... אַ קלייניקייט, וויפל סם דער ק. ח. קאָפּעט אָן אויפן האַרץ אין משך פון אַ יאָר. „פאַרברענט זאָל ער ווערן דער קופּת חולים, נאָר אַזוי וועלן מיר פון אים פּטור ווערן". כאָטש אין די טעג פון ימים נוראים איז ניט כדאי צו שעלטן, נאָר דעם ק. ח. מעג מען. „בישקשה, ער מעג דערפּילן אַמאָל אונדזער טעם, מיר פילן געגנוג אַ גאַנץ יאָר". דאָס זאָגן זיי זיצנדיק אין שול נאָך דעם, וואָס האָבן זיך אַ פּאָר מאָל די אויגן אויסגעווישט און מיינען — שוין — געפּועלט... דאָך גרויסע בעלנים, אַז זאָלן גלויבן אין אַלע אויסגעווײנטע

תפילות, זענען זיי אויך ניט; און אַפילו די גאָר הייסע חסידים זענען אין ספק צי דער רבי זייערער קען ווערן אין אַ גויט זייער מליץ יושר און אַרויספועלן די רפואה שלימה ביים בורא... ווען מ'זאָגט זיי: נעם־זשע שוועסטער לעבן און גיב אַ שפּיי אויף דעם, פון דיר „פאַרשאָלטענעם ק. ח." און קום ניט מער אין זיינע ד' אמות, אי ער וועט דיך ניט, ווי דו זאָגסט, קראַנק מאַכן, אי ער וועט דיר איינשפּאָרן די פּאָר פּיאַסטערס, וועלכע וועלן דיר צונוצקומען. ניין דאָס ניט, דאָס וועט זי ניט טאָן, ווייל ווהין וועט זי אַהינטאָן אירע שעהן, און אַזוינע זענען דאָ שוין צופיל ביי איר, און ווו וועט זי נעמען אַ דאָקטאָר זאָל צו אים קומען אַלע דריי טעג דרייען אים אַ קאָפּ מיט אירע אַנצאַליקע שאלות? איז ווי זאָגן זיי, ווען מ'שטעלט זיי פּאַר אַ ברירה? „ניט תמיד, זאָגן זיי, אַמאָל העלפט ער יאָ דער גרעאַטענער קופּת חולים, פאַרקאַטשען דערביי די אויגן צום הימל און הכנעהדיק, גאָטעניו, הער מיך דאָרט ווו דו ביסט ערגעץ, היט מיך אויס און מיין מאַן און קינדער מיר זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צום וויסטן קופּת חולים!".

אַזוי טראַכט מען אין טאָג פון יום־כיפּור, ווען מ'שטייט פּנים אל פּנים מיטן בורא, מיינט מען שוין — מ'איז פּטור געוואָרן פונעם דאָקטאָר, פונעם קופּת חולים, פון אַלעמען... נאָר ווי קען מען אָן זיי אָטעמען? ווי קען מען אָן זיי אַ ביסן נעמען אין מויל? ביי אונדז קופּת חולים עסט מען מיט ברויט, ד. ה. זיינע רפואות — שלינגט מען כדורים פאַרן עסן, צווישן עסן און נאָכן עסן.. שרייבט דער דאָקטאָר אויס פּילן, אַזוי פרעגט מען אים: „דאָס איז גאָר? און עפּעס טרונקען גיסטו מיר ניט? אפשר אַ צעפּל, אַ זריקה. איך מיין, אַז איך באַדאַרף אַזאַ מין רפואה, האַ? אַוודאי דאַרף איך, אַ יאָ?..."

אויפן צווייטן טאָג נאָך יום־כיפּור, ווען דער ק. ח. עפנט זיינע טירן, גיבן זיך אַ לאָז ווייבער, קינדער און עלטערע (זיי וואָלטן אַלע געקומען, אַ גליק, וואָס אַלע קענען ניט אַריין) און עס הויבט זיך אָן אַ קריגעריי — איינער וויל צונעמען ביים צווייטן דעם תור. מיינט איר אפשר, אַז אַלע נויטיקן זיך אין מעדיציניש‌ער הילף, האָט איר אַ טעות, ניינציק פּראָצענט פון זיי זענען געזונט און שטאַרק. אַ טייל שיקן די מענער, אַ טייל שיקן די קינדער זייערע: „גיי, זאָגט זי, זאָל ער דיך באַטראַכטן, אפשר וועט

ער עפּעס ביי דיר געפינען, וואָס־זשע, ער זאָל זיצן דאָרט און געגעצן, ער באַקומט דאָך געהאַלט, זאָל ער אַרבעטן און אין איינוועגס הייס דיר אויסשרייבן אַ מאָזש פאַר מיין עקזעמע, עפּעס קעגן בייסעניש פאַר חיימלען, אויגן־טראָפּן פאַרן טאַטן, נאָז־טראָפּן, טאַבלעטן פאַר קאָפּ־ווייטיק, און וואָס ער וויל דאָרט פאַר בויכווייטאָג, אַ שטיקעלע וואַטע, אַ בינד, בלויען און רויטן יאָד, אַ פּלאַסטער, מערלע און פאַרגעס ניט אַ קאַפּערל פאַר די אויגן־טראָפּן. נישקשה ניט, זאָלן זיי געבן, מיר צאָלן געגוג, ניט צום באַדאַרפן, אין שטוב דאַרף זיך געפונען; און מיט דיר ווייס איך אויך ניט וואָס מ׳טוט — זע נאָר ווי זי זעט אויס: כולו הויט און ביין, זאָל ער דיר עפּעס געבן און, פאַרגעס ניט מאָנען אַ צעטל צום נאָז־דאָקטאָר, צו דעם פּרויען־דאָקטאָר און צום כירורג״.

מיינען ווילן זיי, אַז די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע רפואות וועט מען ניט באַדאַרפן, ווי אַנדערש — ערשט נעכטן איז מען דאָך אַוועק מיט פולן בטחון, אַז מ׳האָט ביים „בורא״ אַלץ געפּועלט, נאָר וואָס דען, מ׳דאַרף זיין פאָרזיכטיק און „ווי זאָגט גאָט ברוך הוא — היט דיך, וועל איך דיר העלפן״.

מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן אַריבערטרעטן די שוועל פון דער מרפּאה, ווי עס דערנענטערט זיך אַ פרוי צום דאָקטאָר, אַ פאַרזאָרגטע, אַ דערשלאָ־געגע, קוים וואָס לאָזט אַרויס אַ וואָרט פונעם מויל:

— דאָקטאָר, קומט תיכף צו מיין מאַן, ער איז שווער קראַנק.

— אויף וואָס קלאָגט ער זיך?

— איך הייב ניט אָן פון וואַנעט צו וויסן ער האָט מיר געזאָגט: „גיי רוף מיר אַ דאָקטאָר, אָבער שוין אין דער רגע״.

— איר האָט רעכט ,ער האָט אייך געשיקט, זענט איר געגאַנגען, אָבער איך דאַרף דאָך וויסן, צי מוז איך שוין גיין, צי מעג איך אָפּלייגן דעם וויזיט אויף נאָך צוועלף. איר זעט דאָך וויפל מענטשן וואַרטן דאָ. אפשר גברת אסתר וואָלט דער מאַן אייערער געקומען אַהער? אַוודאי זיך איבער־געגעסן נאָכן תענית? גייט און ברענגט אים צו מיר!

— וועט איר אים געבן עטלעכע טעג חופש?

— מיר׳ן זען נאָכן באַהאַנדלען, אויב עס וועט אים קומען, אַוודאי.

נאָך אַ וואָך צייט איז די גברת אסתר ר. ביים דאָקטאָר, זי איז געקומען זיך קלאָגן אויף קאָפּ־ווייטיק, וואָס האָט מיט אַ טאָג צוריק געליטן. אויפן דאָקטאָרס שאלה „וואָס איז געוואָרן מיט אייער מאַן ?" אַ בייזע האָט זי אַ מאַך געטאָן : „אַזוי איז ביי אונדז, ווען מ'דאַרף אַ דאָקטאָר, דעמאָלט וויל ער ניט גיין, וואָס זאָל ער געווען טאָן ? אַז איר האָט נישט געוואָלט קומען, איז ער געגאַנגען אויף דער אַרבעט. פאַרוואָס טאַקע איז דער דאָקטאָר ניט געקומען ? מיר צאָלן ווייניק ?

— שלום, שטיל, קוים וואָס האָט ס'מויל געעפנט און ווי אַ באַעוולטער זעצט זיך אויפן בענקל מר' דוד ס. „דאָקטאָר, איך בין קראַנק, געפּערלעך.

— לאָמיר זאָגן, אַז איר זענט ניט אַזוי „געפּערלעך".

— אָן חכמות דאָקטאָר, אַ נו נעמט אַרויס מיין כרטיס און שטודירט אים דורך. איך מאָן דאָס ביי אייך !

— הייסט עס, דעם כרטיס ווילט איר זאָל איך שטודירן, ניט אייך ?

— אייך דאָקטאָר, איז גוט. מיר אָבער איז זייער שלעכט. איך וויל איר זאָלט אים גוט אַדורכלייענען. איך קען זיצן ביי אייך אַפּילו אַ שעה, אַבי איר זאָלט...

— קיין שעה קאָנט איר ביי מיר דאָ ניט זיצן, שלאָגט אים איבער דער דאָקטאָר, ווייל די וואָס שטייען פון יענער זייט טיר וועלן אי מיינע, אי אייערע ביינער צעברעכן.

— וואָס הייסט ? איך בין אַ חבר, צי ניין ? איך צאָל, צי איך צאָל ניט ? איז מאָן איך מיינע רעכטן זאָלן ניט באַשעדיקט ווערן ! דאָקטאָר, רעגט מיך ניט אויף און נעמט אייך שטודירן מיין כרטיס, נעמט !

אין כרטיס קיין שום דיאַגנאָזן איז ניט צום געפינען, אַחוץ קלאָרע סיבות, פאַרוואָס ער ווערט פון צייט צו צייט באַפרייט פון דער אַרבעט : „סימולאַנט", „שאַנטאַזשיסט" און נאָך, און נאָך וכדומה, און בכדי אויסמיידן סקאַנדאַלן און פון אים פּטור ווערן. דער דאָקטאָר הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אים אָן, לאָזט אַראָפּ די אויגן אָן דעם ער זאָל אַ וואָרט אים זאָגן, שרייבט אים אויס אַ רעצעפּט. מר' דוד ס. רירט זיך ניט פון אָרט, גרייט ווידער אָנגרייפן. „איך האָב אייך אַלץ געגעבן", מאַכט דער דאָקטאָר. „וואָס הייסט

אַלץ? איך פאַרשטיי איך ניט, איר זייט אַ דאָקטאָר, צי וואָס? זעט איר דען ניט, אַז איך בין היינט ניט געגאַנגען אויף דער אַרבעט?״

— צוואָס־זשע האָט איר באַדאַרפט מאַכן אַזאַ לאַנגע הקדמה?

— דאָקטאָר, דענערווירט מיך ניט! פילט אויס אייער חוב!

אויפן דאָקטאָרס ליפן האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן און אַזוי אַרומגע־בלאָנדזשעט ביז מר׳ דוד ס. איז פון קאַבינעט אַרויס.

— גוט מאָרגן הער דאָקטאָר, אַ צופרידענע איז שיינדל. א. אַרייך, היינט וועל איך אייך נאָר איין רגע אויפהאַלטן. אַ פאָר ווערטער פאַרן רב דאַרף איך, אַז איך האָב ניט געטאָרט פאַסטן דעם יום כיפור...

אַ פאַרסאַפעטע, קוים, וואָס ציט אין זיך דעם אָטעם גברת, פ. ח. אַריינקומענדיק אין קאַבינעט. עס איז איר אַוודאי שווער — אַ קינד טראָגט זי אין בויך שוין אַן אַכט חדשים, דאָס צווייטע טראָגט זי אויפן בויך און אַ דריטס שלעפט זי נאָך נאָך זיך ביים הענטל.

— איך וויל איר זאָלט מיר באַטראַכטן דאָס קינד.

— איך נעם ניט אויף קינדער יינגערע פון פיר יאָר.

— איך קום איצט פונעם קינדער־דאָקטאָר, אָבער איך קען מיט אים ניט מסכים זיין: ער האַלט אַז ס׳קינד איז געזונט, בעת איך זע, אַז ס׳איז קראַנק.

— שלום, אַ באַשיידענע מיט גוטוויליקע בליקן, אַפילו שמייכלט צו די פרוי רחל ח. איך פיל זיך אַ ביסל בעסער, כ׳ווייס, אפשר רעדט איך זיך איין. כ׳וויל זיין געזונט. און פאַרוואָס טאָקע ניט?

די פרוי רחל ח. הויבט אָן אויסרעכענען מיט אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי יעדער אבר אַרבעט אין איר: וואָס איז מיטן אויבערשטן מאָגן, ווי אַזוי דינט איר דער הינטערשטער מאָגן, וואָס זאָגט איר אונטער דאָס האַרץ, ווי די לעבער גיט איר אָנצוהערן און די מילץ.

— איך האָב אַ מילץ, האָב איך הער דאָקטאָר.

— אַוודאי האָט איר אַ מילץ, שמייכלט דער דאָקטאָר.

— אָבער איין זאַך פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס זייט איר צו מיר ניט אַזוי גוט, ווי איר זייט צו אַנדערע? אַלע העלפט איר, נאָר מיר ניט. אָט זיצנדיק דאָ אַ פאָר שעה, וואַרטנדיק אויף מיין תור, האָב איך זיך אָנגעהערט,

וואָס איר ווילט יאָ און, וואָס איר ווילט ניט. איינע האָט געזאָגט, אַז זי איז פון אייך געהאָלפן געוואָרן אחת, שתיים, אַ צווייטע האָט געטענהט, אַז איר האָט ווי מיט דער האַנט ביי איר אַוועקגענומען די קרענק, אַ דריטע און אַ פערטע, אַלע, אַלע האָבן גאָר זיך ניט געקענט אָפּלויבן. נאָר איך קען דאָס ניט זאָגן, נאָר מיר ווילט איר ניט העלפן. איך ווייס. איך ווייס שוין ניט, וואָס נאָך זאָל איך זאָגן. אפשר מאַכן בדיקות?

— איר האָט שוין אַלע אַנאַליזן און צילומים געמאַכט, אָט ליגן זיי דאָ פאַר אייך. אַלע זענען גוטע.

— וואָס־זשע האָב איך? ווייסט איר כאָטשבי וואָס איך האָב? אין אַ פרייער צייט גיט אַ טראַכט איבער מיינע קרענק, איך האָב דאָך אַזויפיל פון זיי.

אין קאַבינעט קומט אַריין אַ בחור, אַ צוואַנציק־יעריקער ס. פּ. אָן אַ „שלום”, און אָנגעהויבן האָט ער בזה הלשון: „הער, מאַך מיר די בדיקה כניסה.

— ניט דיין כרטיס, ניט די אַנאַליזן, זענען ביי מיר ניטאָ. הייסט עס, אַז דאַרפסט נאָך ניט מאַכן די בדיקה כניסה, וואָס מאָנסטו.

ס. פּ. שטרעקט אויס אויפן דאָקטאָר אַ פּאָר קעלבערנע אויגן און ווי ער וואָלט פון זיך אַרויסגעשפּיגן: „וואָס דולסטו מיר אַ קאָפּ, וואָס? מאַך די בדיקה, דו הערסט!?” די חוצפה האָט דער דאָקטאָר שוין אַראָפּשלינגען ניט געקאָנט און מיט דער גאַנצער איינגעהאַלטנקייט זיינער האָט ער געעפנט די טיר און אים אַרויסגעטריבן און דערצו אים נאָך געשיקט אַ פּאָר שאַרפע פסוקים אויף זיין מאַמע לשון...

אַ רעשיקע איז אין קאַבינעט אַריין די חברטע רבקה ג. רבקהלע, ווי דער דאָקטאָר רופט זי, פילט זיך פריי און היימיש אין דאָקטאָרס אַנוועזנ־הייט. זי איז גערן אים זען, אַפילו צוויי מאָל דורכן טאָג. אַלע טאָג קומט זי מיט שאלות און ווען זי קומט שוין מיט אַ נומער, וויל זי כאָטש זיצן ביים דאָקטאָר אַ שעה, ווייל זי דאַרף דאָך אָפּזיצן די צייט, וואָס איז געשטאַנען אַ שעה און אַמאָל צוויי אין תור, כדי באַקומען דעם נומער. דאָס מאָל זענען אירע טענות מער ווייכערע און הויבט אָן: „איר הערט דאָקטאָר, וואָס איך מיין? איך מיין, אַז כ׳דאַרף אָנהויבן נעמען קרומיטשין”. דער דאָקטאָר שמיי־

כלט, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און קוקט איר אַריין אין אירע שוין אָפּגע־וועלקטע אויגן, זאָגנדיק: „און וואָס נאָך רבקהלע ווילט איר, דאָס איז גאָר? ביים האַלדז־דאָקטאָר געווען?" „געווען, אַוודאי געווען, אָן ערנסטע מאַכט רבקה, שוין יענער דאָקטאָר איז ער, איך בין אויף אים אַ מבין. איך זאָג אים: דאָקטאָר, איך לייד אויף סלוניטאַ (סינוזיטיס מיינט זי) און ער קוקט און קוקט, קוועטשט איינמאָל און נאָך אַמאָל, דרייט מיט דער נאָז, אַ נאָז האָט ער — אַ פּאַסאַליע גאָר, כ'ווייס ניט, ווי אַזוי דרייט מיט איר און שיקט מיך מאַכן אַ פאָטאָגראַפיע, איר ווייסט אַוודאי, וואָס דאָס איז? שוין. צום סוף זאָגט ער מיר, אַז איך האָב ניט קיין סלוניטאַ. נו, זאָגט איר שוין אַליין מיט אייער מויל, ווייסט ער פון זיין חיות? און איר אויך, זייט אַ יאָר זינט איך בעט אייך אַלץ מיר געבן פּעצילין און איר ניט איר גיט און ניט איר העלפט מיט אַן אַנדער מיטל איך זאָל פון מיין סלוניטאַ פּטור ווערן. איר לאַכט מיך נאָך אויס. לאַכן קענט איר. איצטער מאָן איך ביי אייך איר זאָלט מיר געבן קרומיטשין.

— רבקהלע, איך וועלן ניט העלפן ניט פּעניצילין, ניט אַקראָמיצין...

— איך ווייס שוין, וואָס איר ווילט זאָגן „וועקסל־יאָרן", איך בלייב ביי מיינעם, איר וועט פון מיר ניט פּטור ווערן.

דאָס בין איך אייך מבטיח און איך בין זיכער, אַז איר וועט זיך נאָך איבערלייגן און סוף כל סוף מיר געבן קרומיטשין.

מיט אַ ברוגזן „שלום" קומט אַריין די פרוי מרים א. אַ שמייכל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דאָקטאָרס אויגן און ווי עס וואָלט ניט געוווסט בלייבן אַרום מויל, צי פאַרשווונדן. נעכטן, אין יום־כיפור, האָט אירע אַ שוועסטער אים אַרויסגערופן צו איר: „זי גייט חלשן". ווען ער האָט דער שוועסטער אירער געהייסן אָנקלינגען דעם תורן־דאָקטאָר, האָט זי געענטפערט: „היינט איז יום־כיפור, וועל איך ניט קלינגען, ווייל מ'טאָר ניט". „נו, וועל איך מאַכן דעם נומער און איר וועט אים איינלאַדן". „ניין, רעדן אויפן טעלעפאָן טאָר מען אויך ניט".

— נו, ווי פילט איר זיך פרוי מרים, נאָכן נעכטיקן תענית?

— איך בין ברוגז אויף אייך, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ברומט זי

אונטער, איר האָט נאָך קיינעם ביז מיר ניט געהייסן פאַסטן, ווער עס האָט נאָר זיך צו אייך געווענדעט.

— הערט מיך אויס, שמייכלענדיק קוקט דער דאָקטאָר איר אין די אויגן, כ׳האָב געענוג מיינע אייגענע „חטאים״, איז פאַר וואָס זאָל איך פאַר אייך זינדיקן?... פּלוצים אַ הילכיקער קלאַפּ אין טיר און אויף דער שוועל וואַקסן אויס צוויי ווילדע, בייזע אויגן, וועלכע צעגייען זיך אין אַלע זייטן און מיט שוים אַרום מויל אויף אַ קול:

— איך צאָל דיר משכורת און דו שפּילסט זיך דאָ!

— ווער ביסטו? אַן איבערגעגעלטער פרעגט דער דאָקטאָר, וואָס זעט אים צום ערשטן מאָל.

— אַ נוה־אחיעזר, שרייט ער אויף אַ קול.

— דאָס זע איך, אָבער ווי רופט מען דיך?

— ווי מ׳האָט מיר אַ נאָמען געגעבן.

— וואָס־זשע ווילסטו פון מיר? אין קול פילט זיך אַ געפּאַלנקייט.

— זאָלסט מיר געזונט מאַכן מיין קינד! מיט פערציק גראַד פיבער ליגט עס און דו שפּילסט זיך דאָ.

— איך בין דאָך צוריק מיט צוויי שעהן געווען ביי דיין קינד.

— נו, ביסטו געווען איז וואָס? דאָס פיבער איז אַלץ הויך. וואָס האָסטו אים געגעבן? כדורים? פון כדורים ווילסטו זאָל די פיבער פאַלן? איך צאָל דיר משכורת ניט דערפאַר, זאָלסט מיך האָדעווען מיט געדולד און דאָס קינד מיינס מיט כדורים.

ווי די טיר איז שוין געווען אָפן, האָבן זיך אַריינגעשיט אין קאַבינעט יידן, ווייבער און קינדער, קומענדיק מיט שאלות. איינער קומט נאָך אַ תשובה פון זיינער אַ בדיקה, כאָטש ער איז שוין געזונט געוואָרן און ער פילט זיך גוט, אַ צווייטע מאָנט אַ מאַזש, אַ דריטע מאָנט אַ צעטל צום פּרויען־דאָקטאָר, ביי איינעם איז טרוקן אין דער נאָז, ביי אַן אַנדערן איז צי נאַס, איינער מיט פאַרגלעזטע אויגן צום רבונו של עולם הויבט־אָן בזה הלשון: „דאָקטאָר, איך פאַרשטיי אייך ניט, איך וויל וויסן, וואָס טוט איר דאָ? ס׳האָט זיך נאָך ניט געהערט אויף אַ וועלט, אַז דורך אַן איינשפּריץ זאָל מען שיקן אַ מענטשן אין שפּיטאָל. ווייסט איר כאָטש

וויפל איך האָב פאַרלוירן פאַר דער צייט זינט זי ליגט דאָרט? מער פון פינף הונדערט לירות, מער. ווייסט איר דען ניט, אַז ס'איז אין סאַמע ברען, פאַר יום טוב איז!" דער דאָקטאָר האָט קוים אַראָפּגעשלונגען די חוצפּה פון דער געמיינער בריאה, דאָך האָט ער אַרויסגערופן אַלע זיינע כוחות, רואיק זיין און אים ענטפערן:

— הערט נאָר אַדוני, ניט איך האָב געגעבן אייער פרוי די איינ־שפּריצן, נאָר דער משרד הבריאות, ביי דער קיריה. ווייסט איר, אַז אַ קאַץ האָט איר אַ ביס געטאָן? ווייסט איר, אַז די איינשפּריצן האָט זי באַקומען אין דער קיריה? ווייסט איר ר' ייד, אַז צו מיר איז זי געקומען מיט פיבער, אַלערגישן אויסשלאָג און אין אַ שווערן מצב? איר אַליין זאָגט דאָך, אַז אין שפּיטאָל ווו זי ליגט, וויל מען זי ניט אַרויסלאָזן, ווייל איר מצב איז אַן ערנסטער. צווואָס קומט איר מיר דערציילן, אַז איר האָט אין דעם פאַר יום טוב פאַרלוירן פינף הונדערט לירות? איר באַ־וויינט אייערע פאַרלוירענע רווחים און ס'גייט אייך ניט אָן, וואָס די מאַמע פון אייערע קינדער ראַנגלט זיך דאָרטן מיטן מלאך המות? מיינט איר ניט מאָנען ביי מיר פּיצויים, ר' ייד?

דער עולם האָט אָנגעהויבן שמייכלען און צוגעטראָטן צו שאלות. „וואָס האָב איך", אַלע ווילן וויסן, וואָס זיי האָבן, ד. ה. פון וואָס זיי ליידן. איינער שרייבט ער אויס פּילן, וויל זי ניט, וויל דווקא אַ טרונקעכטס, אַ צייטע וויל נאָר פּילן. אַ טייל גייען אַרויס פון קאַבינעט מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער, ניט צופרידן, אַ טייל לויפן אַרויס פריילעכע, דאַנקען און וויג־ט־שעווען. אויף דער שוועל באַווייזט זיך יוסף מ. צווישן די ציין זיפּט ער דורך אַ „שלום".

— יוספל, פאַרוואָס ביסטו היינט מער ברוגז ווי תמיד?

— איר האָט באַקומען אַ בריוו פון בילינסון?

— באַקומען, נעמענדיק אַפיר דעם בריוו פון אונטער דער מאַפּע, זעסט יוספל, צוויי יאָר זייט איך קנעל אין מיט דיר, אַז דיין האַרץ איז געזונט און דו נייץ און נייץ, ווילסט ניט. אָט זע וואָס דער דאָקטאָר שרייבט: „גיט אים צו פאַרשטיין, אַז זיין האַרץ פעלט גאָר ניט און עס געפינט זיך אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד".

יוסף שטייט אַ דערשלאָגענער, ווי מ׳וואָלט אים אַרויסגעטראָגן אַ טויט־שטראָף. די ליפּן באַוועגן זיך בײַ אים, אָן דעם, ער זאָל עפּעס זאָגן און די אויגן זײַנע גראָבן זיך טיף אײַן אין דיל, ווי זיי וואָלטן פֿאַר זיך געזען אַן אָפֿענעם גרוב.

פֿרוי חנה ש. מיט שטילע טריט, קוים וואָס טרעט אַריבער די שוועל, פֿאַרבויגט זיך אַ פּאָר מאָל, דער „גוט מאָרגן" בײַ איר איז אַ דערשטיקטער.

— איך וויל אײַך בעטן איר זאָלט באַהאַנדלען מײַן מאַן. איך ווייס ניט, וואָס עס וועט ווערן פֿון דעם מענטשן. אַ קראַנקער, זייער אַ קראַנקער מענטש.

— גוט, זאָל ער אַרײַנקומען.

— נײן, מיט אַ בעטנדיק פּנים מאַכט די פֿרוי, ער איז קראַנק, ער וועט צו אײַך ניט קענען קומען.

— אַזוי ווייט איז דען, איר ווינט דאָך די דריטע שטוב. נו גוט, גייט און שרײַבט אים אויס אַ ביקור בית.

אַ צופֿרידענע איז די פֿרוי אַרויס פֿון קאַבינעט און תּיכּף זיך אַ קער געטאָן צוריק: „ווען וועט איר קומען?".

— נאָך זעקס.

פּלוצים האָט זיך אויסגעלאָשן די צופֿרידנקייט אין אירע אויגן און אַ טרויער האָט אַ בליץ געטאָן. אַ פֿאַרשעמטע פּרוווט זי אַ פּאָר מאָל עפֿענען דאָס מויל, אָבער ווי עפּעס ווערגט זי און קען ניט אַרויסברענגען דאָס וואָרט, וואָס וויל זאָגן. „זײַט מיר מוחל דאָקטאָר, אין דער צײַט איז מײַן מאַן אין שול בײַ מינחה מעריב".

די טיר האָט זיך נאָך ניט באַוויזן פֿאַרמאַכן נאָך דער פֿרוי חנה ש. ווי זי איז ווידער אָפֿן און עס לויפֿט אַרײַן די גבֿרת, אַזוי זאָגט זי אַליין הייסט זי: גבֿרת שׂרה הפּ. מיט אַ האַלב אָפֿן מויל זאָגט זי „שלום" און ברייט צעעפֿנטע, נײַגעריקע אויגן שטעלט זי אַרויס:

— איך וואָלט געוואָלט וויסן ווי אַזוי זענען מײַנע אַנאַליזן?

— ניט קיין שלעכטע, מ׳קען זאָגן גוטע.

— אָבער איך פֿיל זיך ניט גוט. אָט אָ דאָ אָ, פֿירנדיק אַרום איר

האָנט איבערן בויך און ברוסט־קאַסטן, בעת אַ שמייכל בלאָנדזשעט אַרום אויף איר פּנים, די שכנים מיינע זאָגן מיר, אַז ביי מיר דאַרף ס׳האַרץ ניט זיין בסדר.

— דאָס זאָגן די שכנים און וואָס זאָגט דער מאַן אייערער? און איר אַליין, וואָס זאָגט?

— איך? וואָס זאָל איך זאָגן? איך זאָג, אַז איך בין סכנות נפשות.

— לאָמיר זאָגן אַן „סכנות״, שמייכלט דער דאָקטאָר איר אַריין אין די אויגן.

— יאָ, יאָ דאָקטאָר, אַז איך זאָג אייך סכנות נפשות מעגט איר מיר גלויבן. איך מיין אַז ס׳האַרץ אין מיר קלאַפּט און דער דופק לויפט שוין צו גיך. איך צייל אַן ביי די זעכציק, איז דאָס אַ גוטער דופק?!

— וואָס זאָגן די שכנים אייערע אויפן דופק?

— ווער די שכנים? די שכנים זאָגן, אַז איך דאַרף אַ קאַרדיאָן.

— איך מיין אויך אַזוי, וועט איר פאַרגעסן טאַפּן און ציילן אַ גאַנצן טאָג דעם דופק אייערן, אָבער וואָס וועלן זאָגן די שכנים אייערע, וועלן זיי זיך ניט בייזערן? וועלן זיי צופרידן זיין מיט אייער קאַרדיאָן? נו, און ווי איז קינה?

— וואָס רעדט איר דאָקטאָר, איך האָב זייער לייטישע שכנים. גיט מ׳יר אַקאַרדיאָן. (זי מיינט אַן עלעקטראָ־קאַרדיאָגראַמע).

—אַ קאַרדיאָן אָבער קאָסט דריי הונדערט פינף און זיבעציק לירות, גברת שרה, קוקנדיק ערנסט איר אַרייך אין די אויגן.

— וואָס הייסט הונדערטער לירות? מיר האָבן אַלץ אומזיסט. איר האָט אַ טעות, מיר צאָלן אַלע חודש.

— אַזויפיל קאָסט אַ קאַרדיאָן. דאָס גיט מען ניט אומזיסט. איך האָב מיין אייניקל געקויפט אַ קאַרדיאָן און אויסגעציילט מזומן דריי הונדערט פינף און זיבעציק לירות.

— פאַרוואָס־זשע האָט איר מיין שכן געגעבן מאַכן קאַרדיאָן אָן געלט? אַ פאַרחידושטע און אַן אומצופרידענע לאָזט זי אַראָפּ אירע אויגן.

— ווייל אייער שכן האָט זיך אין דעם גענויטיקט...

די גברת שרה הפּ. האָט געלאָזט פאַלן אַן אומפאַרשטענדלעכן בליק

אויפן דאָקטאָר. „ער אַליין פאַרן קאַרדיאַן האָט באַצאָלט מיט מזומן געלט, דעם שכן האָט ער געגעבן אַ קאַרדיאַן אָן געלט. וואָס זאָל דאָס הייסן?" טראַכט זי זיך, גייענדיק אַ היים מיט אירע פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען. זי וועט שוין מוזן צוּוואַרטן ביז דער מאַן אירער וועט פון דער אַרבעט קומען, אַז ער זאָל איר אויסטייטשן דאָס רעטעניש מיטן קאַרדיאַן.

פרעגט ניט, וואָס דער דאָקטאָר האָט איבערגעטראַכט נאָך דעם אַרבעטס־טאָג און אויב איך האָב אַפילו יאָ אויפגעכאַפּט אַ פּאָר פון זיינע געדאַנקען, וועל איך אייך סיי ווי ניט זאָגן. איך ווייס? אפשר, אפשר אַן אַנדערשט מאָל...

צו אַ פריינט

באָריס קעלפנערן

מילא, יידן פאָרן קיין טבריה, זאָלן זיי פאָרן געזונטערהייט. מאַכן זיי זיך בעדער דאָרט — זאָל זיי וווּיל באַקומען. נעמען זיי טאָג איין טאָג אויס דעם אויטאָבוס ער זאָל זיי פירן אין „לחמי טבריה" — זאָל זיי דער בורא אין הימל שומר ומציל זיין און ס'זאָל, חס וחלילה, זיך ניט טרעפן, וואָס ביי אונדז טרעפט זיך אַזוי אָפט; ס'איז שוין געוואָרן אַ מין „מוז": אַז איין מאַשין מוז אַריינפאָרן אין די געדערים פון אַ צווייטער מאַשין. איז דאַנק איך טאַקע דעם „בורא עולם" פאַר אַלע זיינע מעשים טובים און פאַר זיין גרויסן חסד, וואָס ער „ברוך הוא", האָט געזאָרגט און זיי געגעבן אַ גוטע שטימונג, די פריינט מיינע, כדי זאָלן הנאה האָבן, בעת זיי באָדן זיך אין די לעבעדיקע וואַסערן, בעדער מיין איך. איך וויל אויך האָפן, אַז אייער מי איז ניט געווען אומזיסט און איר האָט אָפּגעשווענקט אַ פאַר צענדליק יאָר פון אייערע נאָך גלייכע פּלייצעס... און אויב יאָ — האָט איר זיך אפשר דערמאָנט אין די יונגע יאָרן... קען אַ נס אַזאַ אויך געשען אין הייליקן לאַנד והשנית — האָט איר זיך אַוודאי אַריינגעטראַכט אין אונדזער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אויב איר האָט צייט געהאַט, זיך אַ שפּיגל־טאָן אין שטילשווייגנדיקן כנרת, וואָס האָט אַזויפיל צו דערציילן, אָבער ער געפינט ניט קיין בעלנים, פאַר וועלכע ער זאָל קענען עפענען זיינע סודות. און אחרון, אחרון — דאַנק איך נאָך דעם „בורא עולם", וואָס ער האָט זיי, מיינע גוטע פריינט, אַ היים געבראַכט געזונט און שטאַרק אַזוי, ווי זיי זענען געווען, איידער זיי האָבן זיך איבערגעגעבן דעם כישוף פון יענע הייליקע קוואַלן, וועלכע קומען אין באַרירונג מיטן „קבר" פון רב מאיר בעל הנס...

איין זאַך, וואָס לייגט זיך ניט אויפן שכל איז: פאַרוואָס שווייגן זיי? פאַרוואָס לאָזן זיי זיך ניט הערן? טאַקע אייך, אייך מיין איך. אייער שווייגעניש רופט אַרויס אַ היפש ביסל געדאַנקען. אין דער אמתן איך פרעג זיך, וואָס איז געשען? לאָמיר זאָגן, אַז די וואַסערן האָבן מיטגע־נומען אַ פּאָר קנייטשן פון אייערע העלדזער און די אייביקע פרישקייט זייערע האָט זיך פאַרהאַלטן אין אייערע בלוטן — זענט איר געוואָרן יינגער, איז וואָס? דאַרפט איר זיך אָפּזונדערן, צי פאַרייסן אייערע נעזער ביזן הימל? כ׳ווייס? גאָר ניט קיין גוטע געדאַנקען קומען אין קאָפּ, אפשר האָבן די וואַסערן גאָר אָפּגעוואַשן אַ טייל פונעם געזונט אייערן? וואָס עס קאָן זיך טרעפן אין היינטיקע צייטן... מ׳קומט אַמאָל פון טבריה מיט גרויסע ווייטיקן אין די פיס, אין די הענט און אַפילו אין אַזוינע טיילן פון קערפּער, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל ניט געבונטעוועט...

מיר מיט אונדזער יוגנט שטייען ניט פיל ערגער פון אייך. וואָס אמת איז אמת — אַז די עלטער קלאַפּט אין אונדזער טיר, קענען מיר זיך אַלץ ניט צוגעוווינען און קלאַפּן קלאַפּט זי, ממש מיטביידע קוליקעס, נאָר מיר מאַכן זיך ניט־הערנדיק, מיר פּרוּוון זיך אַן עצה געבן... פאַרגעסט ניט, אַז מיר ציען אונדזער פאָדעם פון אברהם אבינו, מ׳קען זאָגן, מיט אַ ריינעם געוויסן, ניט אַזוי פון אברהמען ווי פון שרהן. ווי איר ווייסט איז אונדזער מוטער שרה געווען אַ גרויסע קראַסאַוויצע, אברהם האָט געוווּסט ווּעמען זיך אויסקלויבן פאַר אַ ווייב, דערפאַר טאַקע, אַ דאַנק איר, באַגעגענען מיר אויף יעדן טריט און שריט שיינע מיידלעך און נאָך שענערע ווייבלעך. ווען אברהמען איז אויסגעקומען גיין קיין מצרים נאָך אַ שטיקל ברויט, איז ווי קומט מען מיט אַזאַ קראַסאַוויצע צו די מצרים? זיי וועלן דאָך אים אַוועקהרגענען, איז אָבער אונדזער זיידע, ווייזט אויס, ניט געווען קיין נאַר און זי פאַרגעשטעלט פאַר זיינע אַ שוועסטער... איז ווי זאָגט איר, זענען ביידע צדדים אַרויס צופרידן... און ווער האָט פאַר־דינט ביי דעם געשעפט, אַוודאי אונדזער זיידעניו אברהם: — די שיינע שרה איז אים ווייטער זיין ווייב פאַרבליבן און מתנות פון די מצרים גאַנץ פיינע אויך באַקומען... איז ווי איר זעט, זענען מיר דאָך ניט פון די פשוטע „פאַרעכעס“ מיר זאָלן זיך לאָזן שפייען אין דער קאַשע און ניט

וויסן, ווי אַזוי זיך אַרויסדרייען פון ניט אַזאַ פויגלדיק געשעפט... יאָ, גערעדט האָבן מיר איבער דער עלטער, זי מוז דאָך קומען, איז קומט זי. אַמאָל מיט שטילע טריט און אַמאָל... אוי אַמאָל לייגט זי זיך אַרויף מיט איר גאַנצער שווערקייט און בייגט דיך איין אינדרייען. ניין חביבי, איין מאָל ניין, דאָס ניט — פאַר דער נבילה, די עלטער מיין איך, האָב איך פאַרהאַקט טיר און טויער אויף טויזנטער שלעסער און גיי לאָד מיך צום „רבונו של עולם״. ניין, איך לאָז זי ניט אַריין אין שטוב, זאָל זי שטיין פון יענער זייט טיר ביז משיח וועט קומען. דעמאָלט האָב איך שוין פאַר איר ניט קיין מורא, אויב אַזוי, איז די סיבה פאַלט אַוועק און, אַז די עלטער האָבן מיר פאַרזאָרגט — איז שוין ווידער גוט — האָבן מיר זיך שוין ניט מיט וואָס צו שעמען. יאָ, וועט איר מסתמא קומען מיט אייערע אַלטע טענות: „סטייטש ווי אַזוי ציט אַ ייד ניט אַריין אין שטוב אַ טעלעפאָן? סטייטש, ווי אַזוי גיט ניט אַ ייד אַ טעלעפאָן און סטייטש און ווי אַזוי... מוז איך אייך זאָגן ביים אָנהויב־אָן (איך האָב שוין לאַנג זיך געבעטן ביים „בורא עולם״ ער זאָל עפּעס טאָן, אַז ס׳זאָל בלייבן אין זכרון אייערן), אַז נאָך צוריק מיט פיר יאָר, זייט איר האָט מיך געקרוינט מיטן נייעם נאָמען „עולה חדש״, האָב איך אויך געוואָלט ווערן אַ שטיקל פריץ און אַוועקשטעלן אויפן טיש מיינעם אַ טעלעפאָן. זאָגט דער שכן מיינער: „אומזיסט אדון ברוך זעליג, שאַרפט איר זיך די ציינער אייערע, איר וועט אַ טעלעפאָן ניט באַקומען. איך, זאָגט ער, בין אפשר אויך אַזאַ מיוחס. מ׳זאָגט, אַז ס׳איז דאָ ערגעץ אַ חוק אין די הויכע פענצטער וואָס זאָגט: אַז אַ דאָקטאָר דאַרף מען תיכף געבן אַ טעלעפאָן און אָט זעט איר, איז שוין אַוועק פיר יאָר און איך וואַרט, זאָגט ער, און ווען איך וועל זיך דערוואַרטן, וועל איך אייך צווויסן געבן. איך, זאָגט ער, נעם אויף קראַנקע, וואָס זאָג איך קראַנקע, זאָגט ער, איך וויל זאָגן, אַז איך נעם אויף קראַנקע אויך, דאָס הייסט אין מערסטנטייל זענען זיי לאַ עליכמדיק מיטן מוח. עס זענען דאָ אַזוינע, זאָגט ער, וואָס ווילן דווקא זיין קראַנק, ווי זאָלסט ניט וועלן זיי איבערצייגן, אַז זיי זענען געזונט — איז, ניין און ניין, זיי ווילן נאָר א קרענק, אי דאָס מעג זיין אַפילו ניט קיין לייכטע, זעט איר, זאָגט ער, פון אַ ראַק און פון אַ בלוט־אויסגוס אין

האַרצן — האַלטן זיי ניט, ווייל דאָס שמעקט מיט אויסציען די פּיס, די איבעריקע מעגן זיין, אַלע מיינען, זאָגט ער, אַז פון אַנדערע קרענק שטאַרבט מען ניט. הייסט עס, ווי האַלט איך", פרעגט ער מיך? איר האַלט, זאָג איך, ביי דער קרענק. „יאָ, זאָגט ער, איינער וויל אַ קרענק, כדי פאַרשפּאָרן גייען אויף דער אַרבעט, אַ צווייטער דאַרף אַ קרענק, כדי ניט גיין אויף מילואים. אַ דריטער פּעלט אַ קרענק, כדי אויספּועלן עפּעס ביי איר מאַן... אַ פערטער דאַכט זיך, אַז ס'איז ניט אַריסטאָקראַ־טיש, אויב זי באַקומט ניט קיין טיפּול, אַ פינפטע וויל באַצייטן מאַכן זריקות, כדי עס זאָלן איר צונוצקומען אויף דער עלטער... אייניקע קומען, זאָגט ער, באַרואיקן דעם געוויסן — וואָס הייסט צאָלן אין קופּת־חולים און ניט אַ זאָרג טאָן פאַרן גוף, „מ'דאַרף, זאָגן זיי — דאָך אַמאָל יוצא זיין פאַר אים אויך". טאָ ווהין בין איך פאַרקראָכן? תמיד מאַכט זיך מיר כ'זאָל פאַרקריכן מיטן דישעל אין אַ פרעמדן וואָגן יאָ, איבער וואָס איז געווען די רייד? איך דערמאָן זיך: — עס איז געווען נאָך צוריק מיט פיר יאָר, ווען עס איז געבוירן געוואָרן ביי מיר די פּרשה טעלעפאָן, זאָגט מען מיר: „ר' ייד, ביי אונדז איז אַ מנהג אַזאַ — ווילסטו פאָרן, טאָ זיי מוחל און גיב אַ שמיר דאָס רעדל"... אָט, זעט איר אַזאַ מנהג הרגעט מיך אַוועק. איך טויג ניט, איך קען קיין רעדלעך ניט שמירן און ניט נאָר דאָ, כ'האָב ערגעץ אַנדערש אויך ניט געקענט. וואָס־זשע קומט מיר דערפאַר? איך מוז אָנערקענען, אַז איך בין אַ טויגעניכטס — איך קען ניט שמירן, איז דערפאַר, זאָגן זיי וועט איר קיין טעלעפאָן ניט האָבן. איך זע, אַז די יידן דאָ זענען נאָך גרעסערע חכמים ווי אין חוץ־לאָרץ. זעט איר, איך האָב געמיינט, אַז דער גערעכטער וועל איך אַרויס. און ווי אַנדערש? ביי אונדז אויף דער ארץ הקדושה גייען די רעדלעך אַליין, אָן דעם מ'זאָל זיי שמירן. ווייס איך וואָס, כ'האָב זיך ביטער, ביטער אָפּגענאַרט און ס'זאָל איך קיין בושה ניט זיין — כ'האָב פאַרשפּילט. איר מיינט אַוודאי, אַז עס איז דאָ נאָר איין „פּרשה לבון", אָט האָט איר אַ „פּרשה טעלעפאָן" גאָר ניט קיין שיינע. כ'וואָלט געזאָגט אַפילו — אַ מיאוסע, אויב אַזוי, איז וויפל פּרשות צייטיקן זיך צווישן פיר ווענט און וואַרטן, זאָלן אַרויס אויף דער גאַס און איך אָפּגעבן אַ ברייטן שלום עלי־

כּם? די פון דער „פּרשה טעלעפאָן" וועלן ניט האָבן לבונס מזל, ווייל לבונס פּרשה האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערן נוסח והשנית — לבון איז אַן ערלעכער ייד, — ווען ניט וואָלט מען אים געוועז ביטער אונטערגע־טונקען. מ'פּרוווט אונדז פאַרשרייען מיט אַנדערע „פּרשות", וואָס שפּילן זיך אָפּ אויף דער גרויסער וועלט און נאָך מיאוסערע „פּרשות". מען שמועסט... יידן שמועסן, יידן האָבן ניט וואָס צו טאָן און זוכן פאַרזאָרגן אַ וועלט, זאָלן זיי ניט וועלן פאַרזאָרגן זייער אייגן וועלטעלע? איז לאָמיר זיי לאָזן רעדן, וואָס זיי דאַרפן און דאַרפן ניט און מיר וועלן זיך אומקערן צו אונדזער ענין. איז איבער וואָס האָבן מיר גערעדט? יאָ, כ'ווייס שוין: אַז לייטישע פּריינט דאַרפן זיך לאָזן הערן. איך ווייס? אפשר וואָלט איך מוותר געווען מיינע טענות צו אייך?! ס'קען זיין, איר זאָלט האָבן רעכט, ווייל זיך לאָזן הערן הייסט: אַז מ'דאַרף אויפזוכן פּאַפּיר, טינט און פעדער, נאָכהער זיך אַוועקזעצן ביים שרייב־טיש, אויב אַזאַ מין טיש איז דאָ און אויב ניט? איז ווי אַזוי קען מען שרייבן? וואָס פאַר אַ טעם וועט האָבן דאָס שרייבעכץ, אַז עס וועט ווערן אָנגעשריבן אויף אַ פּשוטן טיש ווו עס ליגן ציבעלעס מיט קנאָבל? ס'וועט אַוודאי האָבן זייער ריח! נו, לאָמיר זאָגן, אַז ס'איז דאָ שוין אַ שרייב־טיש, ווייל, ווען ניט, ווו־זשע וואָלט געשטאַנען דער טעלעפאָן אייערער און צוואָס וואָלט איר אים באַדאַרפט אָן אַ שרייב־טיש? מיר ווייסן: אַז אַ מענטש וואָס האָלט פון זיך, שרייבט ניט אויף אַ פּשוטן טיש. דער טיש אָבער שרייבט ניט אַליין, איז דאַרף מען עפּעס צוטראַכטן אַזוינס, כדי אָנדולן אַ קאָפּ, ווי, למשל, איך דיל אייך איצטער אָן אַ ספּאָדיק און נאָכהער נעמען דאָס ביסל אָנגעשריבענע „הע־רעכטס" און אַריינלייגן אין אַ קאָנווערט און גיין זוכן אַ פּאָסט־קעסטעלע, איך זאָג פּאָסט־קעסטעלע, ווייל זיי זענען ביי אונדז נעבעך גאָר ניט אויסגעוואַקסן. קליינינקע און דאָס חידושט מיך: — אין חוץ־לארץ אין אונדזערע געוועזענע היימען ווו פון הונדערט מענטשן האָבן געשריבן אַנדערטהאַלבן. האָט מען פאַר זיי אַוועקגעשטעלט גרויסע קאַסטנס און ווו פון הונדערט שרייבן זיבן און זיבעציק, האָט מען צוגעגרייט אַזוינע קליינע קעסטעלעך? זענען זיי טאַקע שווער צו געפינען, אי דאָס הענגען זיי ערגעץ פאַרשטופּט אין אַ זייט, ווי מ'וואָלט זיך געשעמט מיט זיי.

מאַכט זיך טאָקע אַ סך מאָל, ווען לויפסט אַרום איבער די גאַסן און זוכסט און זוכסט — אַ נעכטיקער טאָג, קיין פּאָסט־קעסטעלע ניט צום געפינען, איז צעוואָס־זשע דאַרף מען שרייבן? הייסט עס, לאָמער זיך איינפאַרשטיין „הערן" דאָס הייסט — זיך לאָזן הערן איז שוין געוואָרן ביי אונדז ניט פון די לייכטע פּראָבלעמען. אויב אַזוי מוז איך אייך שוין מוחל זיין. ווי אויף צולהכעיס קומט איר אַרויס דער גערעכטער. ווערט איר מסתמא מיר ניט בלייבן שולדיק און אוודאי זאָגן: מיט וואָס בין איך יוצא? איר האָט רעכט. איך בין דען בעסער פון אייך. וואָס טוט מען, ווען תשעה באב איז ניטאָ קיין פּליי איז מען יוצא מיט וואָנצען, אָבער מיר רעדן זיך ניט פון יוצא זיין, מיר רעדן — פאַרוואָס לאָזט איר זיך ניט זען? וואָס, וויפל צייט דאַרף עס ביי אייך אַוועקנעמען? שטעט, איך זאָג אייך שוין: אַ דריי מיט צוויי פינגער, אַ קוועטש מיטן לינקן פוס און נאָכהער אַ ריר־טאָן לייכט דעם רעכטן פּעדאַל — הויבט־אָן דאָס רעדל זיך דרייען, די צווייטע העלפט אייערע, וואָס זיצט אין דער רעכטער זייט פאַררויכערט אַ ציגאַר און לייגט אים אַריין אייך אין מויל, און איר האָט נאָך ניט באַוויזן אויסרויכערן אַ האַלבן ציגאַר ווי איר זענט שוין ביי מיר אין שטוב און קענט זיך ברייט צעלייגן אין מיין צעבראָכענעם פאָטעל. יאָ, ס'איז באַשערט אים שוין בלייבן צעבראָכן ביז איך וועל געפינען אַ ריין אָרט פאַר אים. וואָס זאָל איך טאָן? נאָך אַ חודש האָט זיך אַ פוס צעבראָכן און קען צו זיך נישט קומען, איך האָב שוין אָנגעמיט אַ פאַר מומחעס און זיי הייבן מיט די אַקסלען. און איר? וואָס־זשע, נאָך ניטאָ די מאַשין? ס'איז דאָך געוועזן די רייד, אַז איר קויפט, שוין פון אַ יאָר, אַ מאַשין. איך פאַרשטיי אייך נישט, וואָס פאַר אַ ייד זענט איר? אַ ייד מיט אַזויפיל מעלות, אַ ייד אַ גביר איז דאָך שוין סיי־ווי אַ מיוחס און אַזויפיל פלוסן: אַ ותיק פון כמה יאָרן, אַ שטיקל מנהיג, און וואָס ניט? איז וויאַזוי אין היינטיקע צייטן זעצט זיך אַ ייד אַוועק אויפן קניפּל און וויל עס ניט אויסבייטן אויף אַ מאַשין. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ „פּאָקער", אַז מ'דאַרף נאָך האַלבער נאַכט גיין זוכן אַ טעקסי, זי זאָל אָפּפירן דאָס אויסגעמוטשעטע בינטלביינער, זיי זאָלן זיך אויסרוען? נעמט אַ שטייגער אַ שכן מיינעם — איז ער אַ שוסטער, פאַרריכט אַלטע שקראַבעס, אמת, דאָס ווייב זיינס איז גאָר ניט אויף אַוועק

צו מאַכן און אין דער ריי פון די פּוילישע קען מען זי אויך ניט שטעלן — איז גייט זי מאַכן ספּאַנזשעס. האָבן זיי געלעגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן און האָבן נאָך אַרויסגעצויגן אַ שטיקל געווינסביים מפעל־הפּיס, איז גייט מען און מ׳קויפט אַ מאַשין? זאָגט ער: „אַ מאַשין קען ניט שאַטן צום מאָגן״. זאָג איך, ווי אַמאָל... זאָגט ער, להיפך. והשנית, זאָגט ער, אויב מ׳וויל זיך טרעפן מיט בעסערע מענטשן, דאַרף מען האָבן אַ שטיקל מאַשין. אַט אַ שטייגער, זעצט פאַר דער שוסטער מיינער, נאָך דער אַרבעט נעם איך מיין פרוי און פאָר אַרויס אויף אַ שפּאַציר קיין תל־אביב. און דאָרטן כאַפּן מיר זיך אַריין אין אַ קאַפּע אויף דיזענגאָף און, אַט זיצן מיר צווישן בעסערע מענטשן. אַזוי מאַכן מיר דאָ באַקאַנטשאַפט און צערעדן זיך. זיי דערציילן אונדז די מעלות און חסרונות פון זייער מאַשין און מיר דערציילן זיי פון אונדזער מאַשין. אַזוי אַ וואָרט און אַ וואָרט ביז מ׳באַפריינדעט זיך, איז לאַדן מיר זיי איין אויף אַ „פּאַקער״ צו אונדז און זיי לאַדן אונדז איין צו זיך. נו, זעט איר שוין, זאָגט דער שוסטער, „אַז ס׳האָט די ווערט האָבן אַ מאַשין?!״

— ווי איר זעט — האָט דער סנדלר מיך איינגעביסן און איך האָב שוין אָנגעהויבן טראַכטן ווי ער. — איז טאַקע אַ שאָד, וואָס אַזאַ ייִד ווי איר מיט אַ נאָמען, זאָל גיין צופוס...

פון זיך וואָלט איך געהאַט אָנצודערציילן אַ פולין זאַק, ווען דאָס פאַרטראַכטע וואָלט דורכגעגאַנגען גלאַט, נאָר גיי שריי חי וקים, עס ווייזט אויס, אונדזערע תפילות, וואָס מיר האָבן געשיקט נאָך פון אַ צייט דעם רבונו של עולם, האָבן ניט געפּועלט. אפשר האָט מען זיי נאָך ניט צוגע־לאָזט צום כסא הכבוד, בלאָנדזשען זיי נעבעך אַרום פאַרוואָגלטע, ווער ווייסט, אין וועלכע תהומען באַגיסן זיך מיט בלוטיקע טרערן און לייטערן זיך דאָרטן... געטאָן האָבן מיר אַלץ, אַז אונדזערע תפילות זאָלן זוכה זיין קומען פאַרן בורא עולם... אונדזער כוונה איז געווען אַ ריינע און אַ פּשוטע. עס ווייזט אויס, אַז ס׳האָט אַ פליי־געטאָן פאַלשע תפילות, האָבן זיך די טויערן פאַר זיי געשלאָסן, קומען שוין אָפּ ריינע, געלייטערטע... פאַרפאַלן. ווי זאָגט איר — פאַרפאַלן די קו מיטן שטריקל.

איך וויל אייך אָנזאָגן אַ בשורה: מיינע קינדער האָבן מקיים געווען די מצווה און געקויפט שוין אַן אַלט פערדל, איך מיין אַ מאַשין נאָך פון

כמעלניצקיס צייטן, וואָס צומאָל, איך זאָג צו מאָל, צעהיצט זיך עס און שפּרינגט אונטער, נאָר אַיין זאַך האָבן זיי געפּועלט ביי דער „קליאַטשע״ — זי רירט זיך אַליין פונעם אָרט, מ׳דאַרף זי ניט אַזוי אָפּט אונטערשטופּן...

ווי אַזוי איר זאָלט ניט זיין מיט אַלע אייערע אויסגערעכנטע מעלות און חסרונות און מיט דער געקויפטער צי ניט געקויפטער מאַשין, ווינטש איך אייך אַ כשרן פּסח און הנאה האָבן פון די ארבע כוסות! דאָס זענען מיינע און מיין יידענעס בעסטע ווונטשן.

אייער ברוך זעליג מיט זיין פלוניתטע.

פּאָסט־סקריפּטום:

און ווי איך אַליין בין ערשט אַ מעת לעת נאָך גרויס פיבער (אַן אַזיאַ־טישע גריפּע האָט מיך געלאָזט גריסן), גלוסט זיך מיר אייך אַ שמייכל טאָן אין די אויגן. נו, ווילט איר? זאָגט, יאָ צי ניין? אפשר געפעלן אייך נישט מיינע אויגן? זיי פלעגן אַמאָל דווקא יאָ געפעלן. ווייסט איר כאָטש פאַר־וואָס? ווייל זיי זענען געווען — בלויע, און נישט נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען געווען בלויע, נאָר אויך דערפאַר ווייל די האָר אויפן קאָפּ זענען געווען (דאָס איז אינגאַנצן געריעדט פון אַמאָל) שוואַרצע, פלעגן זאָגן מיידלעך, אַוודאי, אַז שוואַרצע האָר מיט בלויע אויגן איז נישט אויף אַרויסצוּוואַרפן, דווקא איז געפעלן זיי די קאָמבינאַציע (פון דאַנען איז צו זען, אַז מיין טאַטע עליו השלום איז געווען נישט קיין שלעכטער מאָלער) איצטער אָבער אוי, איצטער! איצטער האָבן זיי ביידע פאַרלוירן זייערע קאָלירן: — די האָר פון שוואַרץ זענען זיי אַריבער אויף אַש־קאָליר און די אויגן, זיי זענען דאַכט זיך שוין אַן אַ קאָליר... נו, אַז איר וועט אַריינ־קומען, וועט איר מיר שוין זאָגן אייער מיינונג. איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, כ׳זע איר זייט אַ מומחה און פאַרשטייט זיך אייך אין פאַרבן, דאָס האָב איך געביטן די מיינונג מיינע איבער אייך, לויטן נייעם בילד, וואָס איר האָט אַ מציאה איינגעקויפט און, ווי איר האָט מיר געפּרוווט אויסטייטשן: „אַז דאָס וויכטיקע וואָס מ׳דאַרף זוכן אין מאָלעריי — איז ניט דער אינ־האַלט, ניט די אידייע, נאָר די פאַרב״. איז וויל איך טאַקע וויסן צי איר קענט נאָך געפינען אַ פאַרב אין מיינע אויגן...

אויס גלות

חיים־בער, ווי איר זעט, נאָר צוויי נעמען: דער ערשטער נאָכן זיידן מצד דער מאַמען, דער צווייטער נאָכן זיידן מצד דעם טאַטן. די מאַמע רופט אים חיים, דערפאַר רופט דער טאַטע אים: בער. די פאַמיליע זיינע? אייזל־אויערן, אָבער ער האָט ווייניק וואָס מיט איר זיך באַנוצט — ווייל, ווי דער זיידע, אַזוי דער טאַטע און ער אַליין זענען געווען בעלי־עגלות, האָט מען אים פשוט גערופן חיים־בער בעל עגלה. דאָ האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם צווייטן נאָמען, אויסגעביטן, אייזלאויערן אויף לביא און אָנגעהויבן קוואַקען אויף עפּעס „גרעסערס".

היינט רופט ער זיך חיים לביא. ווי קומט אייזל־אויערן צו לביא, פרעגט איר? דאָס האָט ער ניט פון וואַנען צו וויסן, איין גאָט אין הימל אפשר ווייסט, ער האָט געהערט, אַז „גרויסע" האָבן זיך העברעאיזירט די פאַמי־ליעס און ווי ער וויל אויך אַריין אין זייערע רייען, און ווען מ'האָט אים פאָרגעלייגט פאַמיליעס: אבי, לביא, רפיא, קפיא — איז אים געפעלן געוואָרן — לביא.

חיים לביא, אויב ביסט זיך טועה און רופסט אים אָן אויפן אַלטן נאָמען, אַזוי שטעכט ער דיך דורך מיט זיינע בליקן. און, באמת, פאַרוואָס אים דערביטערן? וואָס זאָל מען טאָן, אַז אַזאַ מאָדע איז, אויב ווילסט ווערן העכער מיט אַ קאָפּ, דאַרפסטו נאָכטאָן די „גרויסע" — זיי זענען דאָך די וועגווייזער... שאַט, שאַט, לאַכט ניט און מאַכט ניט אַוועק מיט דער האַנט. וואָס איז אמת, איז אמת — אַ נו, גייט אַרויס אויף דיזענגאָף וועט איר זען ווער סע באַשיינט די מדינה... „וואָס־זשע ווילט איר די אויס־

געשמירטע, פאַרשוויצטע פּנימער, ווי דער קיבוצניק, דער מושבניק, צי דער וואָס לעגט אַ ציגל אויף אַ ציגל, צי דער וואָס שנײַדט וועגן איבער דער מדינה, צי דער וואָס ליגט אויס זײַנע טעג און נעכט אין פאַבריק, צי ווייס איך ווו ער וואַלגערט זיך — זאָלן זיין די קרוין פון דער מדינה?" איז טאַקע גוט, וואָס מ'זעט זי ניט דאָרטן ווו עס ברויזן אַרויס קאָלירנדיקע שטראַלן פון אויסגערוטע פּנימער און מיט זייער קאָקעטישן אויסזען מאַכן דעם געהעריקן עפעקט אויף דער וועלט... און וואָס פאַר אַ קולטורעלער ניווּאָ איז דערפאַר ביי אונדז... און ווען מ'זאָגט זיי: יאָ, טייערינקע, ווער גרייט און טראָגט אייך צו געשמאַקע בולקעלעך, געברעאַטענע פולקעלעך, ווײַנען, ליקיאָרן, געבעקסטן, פּיינע פּוטער, כל המיני קעזן, פיש, גרינסן, פּירות און... לוקסאָזע דירות, און מאַשינען פאַר אייערע טירן און וואָס ניט? אַפילו דאָס טעלערל פון הימל ברענגען זיי אייך אַראָפּ אָט אַ די אויסגעשמירטע, פאַר־שוויצטע פּנימער. מיינט איר, אַז זיי פאַרטראַכטן זיך, צי פאַרשעמען זיך? נאַרישקייטן! זיי ווערן נאָך בייז און הייבן אָן: „וואָס־זשע, זיי טוען עמעצן אַ טובה? דאָס אַלץ טוען זיי פאַר זיך. ווו, טענהן זיי, וועלן זיי נעמען חיונה?" און ווען מ'ווייזט זיי, אַז אַ גרויסער טייל האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל נישט צוליב דער חיונה, מיינט איר זיי בלייבן שולדיק מיט אַן ענטפער, ווייס איך וואָס. „חלומות, זאָגן זיי, דאָס וועט איר דערציילן די לעמער, זאָלן זיי אייך צומעקן. מיר, זאָגן זיי, ווייסן — אויב זיי וועלן נישט אַרבעטן, וועלן זיי הונגערן. ווער מיר, וואָס מיר אידעאַל, איר גלויבט אין אַזוינע נאַרישקייטן? אויב איר ווילט, דאָס איז אייער זאַך — איז האַלט־זשע עס פאַר אייך, מיר האָבן אונדזערע אידעאַלן"...

חיים לביא, כ'זע אַ שמייכל שפּאַצירט אַרום אויף אייער אויבערשטער ליפּ און איר חידושט זיך אוודאי, ווי כ'האָב זיך צוגעוווינט צו זיין נייעם נאָמען. וואָס איז? אַ מענטש וויל אַריין אין די גרויסע פענצטער, דאַרף עס אייך אַרן? איז געזונטערהייט. זאָל ער זיך איבעראַנדערשן: דאָס הייסט, אַוועקוואַרפן די אַלטע מלאכה, אויב זי איז ניט קיין פּאַסיקע, אָפּמעקן אַלץ, וואָס דער נעכטן האָט אָפּגעשטעמפּלט, בייטן די דירה אויף אַ גרעסערע, נעמען אין האַנט אַ תהילימל און זיך אַריינטראַכטן אין אַ רעמי, צי אין אַן אַנדערן „לדוד מזמור", די פרוי זײַנע מוז זיך אויסלערנען, וויאַזוי האַלטן

אַ ציגאַרעטל צווישן די פינגער אויף דער גאַס און פון צייט צו צייט זיך פּאַרציען מיטן רועד, אַרויספּאָרן קיין אויסלאַנד און נאָך און נאָך, וואָס סע פּאַסט ניט, אַרויסטראָגן אויף דער גאַס פאַר לייטן...

חיים לביא נהג, ווי איך הער, איר ווילט מיר אונטערזאָגן — חיים־בער בעל עגלה — ס'וואָלט ניט געווען דזשענטעלמעניש פון מיין זייט. און ער קען נאָך דערהערן, און זיך בייזערן. צעוואָס, צעוואָס דאַרף איך דאָס ? און, צווישן אונדז געזאָגט — פאַרוואָס ניט צוליב־טאָן אַ יידן, ווען ער וויל אַזוי ווערן אַן „עפּעס". קען עס מיר שאַטן ? סע וואָלט געווען ניט יושרדיק. נו, זאָגט איר שוין אַליין, ווי קומט אַ בעל עגלה צו אַ נהג ? ס'רעדט זיך ניט אַזוי ווי מ'וויל. כ'זע, ווי איר ווילט שלעכט אויסטייטשן דעם ענין, איז אפשר כדאי אַריינברענגען אַ ביסל קלאָרקייט, טאָ לאָזט אייך דינען. כ'וויל איר זאָלט וויסן, אַז לויט אַלע סיבות איז ער שוין ניט ווי אַמאָל. ניין, חס וחלילה! פון יידישקייט האָט ער גאָר ניט פאַרלוירן — נאָך אַלץ אַ ייד, טאָמער אָן אַ באָרד, איז וואָס ? „בעסער אַ ייד אָן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָן אַ ייד". די באָרד זיינע האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ קורצער ביז ס'איז פון איר גאָר ניט געבליבן, איז דאַרף מען ניט. האָסטו געזען אַזאַ אומגליק, זאָל קיין גרעסערער ניט זיין, מיר האָבן נאָך געגוג בערד מיט יידן און בערד אָן יידן... אַ פּאָר סימנים אויפן קאָפּ, וואָס זאָגן, אַז ניט דאָ געדאַכט, ער האָט געהאַט אין די קינדער־יאָרן אַ שטיקל פאָרעך, איז דערפאַר אפשר האָבן זיך זיינע עלנבויגנס אויסגעשאַרפט איז אַוודאי גוט, ווייל אין היינטיקע צייטן אָן אַזעלכע ליגט מען אין דער אדמה. צופיל ווילט איר זאָגן ? מ'קען פון דער שאַרפקייט איינטיילן אַ מנין יידן גלייבט איר ? אויב אַזוי וויל איך וויסן — וועלכער ייד האָט שטימפּיקע עלנבויגנס ? עס איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך: — חיים לביא איז שוין ניט דער פון אַמאָל, ער איז שוין אַ שטיקל פריץ. קוקט אייך צו, בעת ער זיצט אין פּאָטעל, ניט ווי נעבעכן, ווי אַ בעל־עגלה אויף דער קעלנע זאָל רעדן דעם גאַנצן וועג „עברי"־לשון מיט זיינע אויסגעמאַטערטע קליאַטשעס, אויסשיטן די גאַנצע תוכחה אויף זייערע קעפּ, אָבער איצטערט ? קוקט, ווי שטיל ער איז, ווי אַ טויב, שאַ, עפנט ניט ס'מויל, רעדט ניט מיט קיינעם, קוקט ניט אויף קיינעם, סיידן עס קומט אַריין אין מאַשין עפּעס גאָר אַזוינס ווי אַזעלכעס —

אַ יפיפיה, וואָס אפילו ביי אַ טויטן עפענען זיך די אויגן פאַר אירעט וועגן, היינט נאָך ביי חיימען, וואָס ער זאָל ניט וועלן זיין, צי קען ער זיין, דאָס איז אַ באַזונדערע פרשה, אָבער אַ בשר ודם איז ער? אָט זעט, ווי ער וואַרפט אויגן אויף יענער שיינער נקבה.

חיים לביא איז אַ ייד, וועלכער היילט זיך ניט, נאָר דאָך איז ער שוין אַריבער די מיטעלע יאָרן און מיט אַ פעלער פאַרבליבן: קוקן אויף שיינע ווייבלעך און פאַרטשעפּען מיט זיי אַ שמועס. האָט אים טאַקע פאַר־כאַפּט אַ יונג ווייבל און ניט אַזוי זי, ווי דאָס שמייכעלע אירס און אירע העל־בלויע אויגן. דערפילנדיק אַ דראָענדיקן בליק פון אַ חסיד, וואָס איז געזעסן דערנעבן, איז אויף דער ערשטער סטאַציע רופט זיך אָן חיים: „איר הערט, בעסער רעדן מיט אַן אשה און טראַכטן וועגן גאָט, איידער רעדן מיט גאָט און טראַכטן וועגן אַן אשה".

חיים לביאן איז שווער זיך אָפּגעוווינען פון אַ אַלטער טבע: — נעמען אַ וואָרט אין מויל, איז צומאָל פאַררעדט ער זיך און בעת ער רעדט, פילט זיך אין זיין קול עפּעס אַזאַ גרויסקייט, ווי ביי אַ שטאָט־בעל־הבית, ניט נאָר די מאַשין, נאָר דער כביש איז אויך זיינער. פאַר אַזעלכן זענען אוודאי ניטאָ קיין געזעצן אין פאַרקער, וויאַזוי ער וויל, פאָרט ער. און ער איז טאַקע אַ „גרויסער פאַרשוין", און פון זיין שווערקייט איז דאָך אָפּגערעדט. און אַז ער צעקוועטשט אַמאָל אַ מאַשינדל ווי אַ וואַנץ, איז וואָס? ס׳טרעפן זיך אַזוינע פאַלן ביי גרעסערע פריצים אויך, זאָלן זיי זיך ניט שטיפן אין זיינע געדערים און אים גראַבלען די נערוון. דער כביש איז טאַקע פאַר אַלע, און ווי איר זעט, ניט תמיד, אוודאי איז ער בילעכער, ער איז דאָך דער פיפיק פון דער וועלט, ווען ער קומט אָן, דאַרפן די קליינע זיך פאַר אים באַהאַלטן. ס׳איז ניט אַזוי פשוט, אַ נהג איז אַ קאַליבער און דאָס איז חיים לביא. מ׳דאַרף זיך צו אים באַציען מיט כבוד, און פאַרוואָס ניט? וואָס וואָלט מען געטאָן מיטן ניט זיצפלייש? דערפאַר איז ער אַ „יש" און מעג זיין אַ בעל גאווה...

עס איז מיר אויסגעקומען מיט אים זיך טרעפן ביי אים אין שטוב. וואָס פלוצים? כ׳האָב געזאָלט קויפן זיין דירה. ער, חיים לביא, איז שוין דער־גאַנגען צו אַ פיר־צימער וווינונג, און ניט אַזוי די גרויסע דירה, ווי דער

סאַלאָן, ווי קען דאָס אייבערשטע פון שטייסל זיין אַן אַ סאַלאָן? האָט ער אַריבערגעכאַפּט די מאָס אין דער פּרייז. אויף מיינעם אַ „פּאַרוואָס", אַלס ענטפער הייבט ער אויף אַ בענקל און גיט עס אַ שליידער אויפן דיל, זאָגנדיק: „איר זעט אדוני, דאָס אַליין האָט דעוועדט דאָס געלט, וואָס איר קענט דעם שכן אונטער אייך קלאַפּן אַ קאָפּ, ווען ביי טאָג און ווען ביי נאַכט, בעת אייך קען קיינער ניט דערקוטשען". וויאַזוי? פּשוט, די דירה איז געווען אונטערן בוידעם. איז צו זען: דאָרט ווו ס'איז דאָ תורה איז דאָ חכמה, און ווו ס'איז דאָ תורה און חכמה מוז זיין איידלקייט, ווייטער וואָלט די וועלט קיין קיום ניט געהאַט...

חיים לביא איז אַ ייד אַ מיטלמעסיקער און אויב ער קען ניט ליידן די קליינע אויתיותלעך, איז ניט דערפאַר, ווייל ער האָט זיי ניט ליב, חלילה, נאָר ווייל זיי זענען אים פרעמד, דערפאַר איז ער אָנגעשטאָפּט מיט „מעלות" ווי אַ מילגרוים. מ'טאָר ניט שילדערן אַ יידישע נשמה און סתם אַוועק מאַכן מיט דער האַנט. אַ שטייגער למשל: — ער איז כמו ווי אַ חסיד, אַ צינזיוועער חסיד. אַ נהג — אַ חסיד וווּנדערט איר זיך? און ווי קומט ער צום צינזיוועער רבין? ס'איז גאָר ניט אַזוי שווער אויסצוגעפינען, וויאַזוי ווערט אַ ייד אַ חסיד. פון אַ צייט, זייט ער פירט חסידים פון שכון אין שטאָט און צוריק, האָט ער זיך אָנגעשטעקט פון זיי מיט חסידות. פּשוט אַזוי געוואָרן אַ חסיד. שלעכטע זאַכן פון חסידים קען מען זיך ניט אָפּ־לערנען, להיפוך — זיי זענען שטילע, באַשיידענע, בכבודיקע, ערלעכע האָרעפּאַשניקעס, אַרבעטן שווער און כדי זיי זאָלן מפרנס זיין זייערע גרויסע משפּחות, מוזן זיי אַרבעטן איבער־שעהן און נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, אַזוי ווי זיי זענען מידע, צעבראָכענע, עפענען זיי אויך אַ ספר: אַ גמרא, אַ משניות און אפילו אַ יידיש ביכל איז שוין ביי זיי ניט פּסול, מ'האַלט עס טאַקע אָפּגעשיידט פון די הייליקע ספרים, נאָר מ'קוקט אָפּט דערין אַריין. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן, כ'וויל זאָגן, אַז חיים לביא טראָגט אַ היטל אויפן קאָפּ, ניט ווי די אַפּיקורסים — מיט הוילע קעפּ, ווייזן דער וועלט זייערע פּאַרעכעס מ'זאָל זיך אין זיי שפּיגלען. אין דעם זין, אָפּט מאָל, נעמט חיים לביא זיך אָן גאַטס קריוודע. דאָס אַליין, וואָס זאָגט וועט איר אוודאי זאָגן, אַז אַ היטל טראָגן זאָגט נאָך ניט, אַז ער איז שוין

אַ חסיד, ווײַל איך מוזן שוין אַלע זײַנע מעלות אַרויפֿלעגן אויפֿן טעלער פֿאַר דער גאַרער וועלט...

חיים לביא — רײַסט זיך צו ווערן אַן „עפּעס" און כּדי שוין זײַן טאַקע „מאה אחוז כּמו שכּתוב בתורה" אין די „הויכע פֿענצטער" מוז ער רעדן רק עבֿרית און אויב ניט — הרגעט עס אים אַוועק און ער שטייט צו פֿאַרלירן ביידע וועלטן, און אַז ער קען ניט, מוז ער... זאָל ער זיך איבער־ברעכן אַלע ציינער אין מויל און זיך פֿאַרהאַלטן איינעם אויף צײַן־ווייטאָג, אַבי רעדן עבֿרית. פֿאַרוואָס, פֿרעגט איר? חיים לביא ווייסט אַליין ניט געגנוי, עס איז בײַ אים עפּעס אַ שטיקל פּלאָנטער אין קאָפּ — ער האָט געהערט, אַז די תּורה האָט מען געגעבן אויפֿן הר סיני און ניט אין טשער־נאָוויץ, און נאָך עפּעס האָט ער אויפֿגעכאַפּט: אַז אַ ייד, וואָס האַלט פֿון זיך, דאַרף האָבן איין גאָט, איין פֿאָלק, איין לאַנד, איין לשון און איין ווײַב. יאָ, וועט איר מסתּמא זאָגן, פֿאַרוואָס האָבן די תּימנער צוויי ווײַבער? פֿאַרוואָס די פֿון „הויכע פֿענצטער" רעדן שוין רק ענגליש? און לויפֿן אַרום איבער אַלע לענדער און קומען אַ היים נאָר אַ קוק־טאָן און פֿאָרן ווײַטער? און דעם „איין גאָט" האָבן זיי אין נאַפֿטאַלין פֿאַרפּאַקעוועט? און וויפֿל נאָך „פֿאַרוואָסן", וועלכע איז ניט כּדאַי דאָ אויסרעכענען? חיים לביא פֿאַרשטעט דאָס ניט און איז ניט מחויבֿ זיך אין אַזוינע ענינים אַרײַנ־טראַכטן, ווײַל די וועגווײַזער פֿון די „הויכע פֿענצטער" ווייסן וואָס זיי טוען. ער האָט אויך ניט פֿון וואַנען צו וויסן אין וועמענס גאָרגל האָט זיך עפּעס געשטעלט פּאָפּערעק...

חיים לביא האָט געמוזט ברעכן דעם פּאַראָל און אויפֿסנייַ זיך פֿאַר־גלוסטן די נשמה זײַנע, איז זעט מען בפּירוש אין זײַנע אויגן ווי דער ייד שעמט זיך און ליידט נעבעך דערפֿון... אַז מ'טאָר ניט נעמען קיין יידישע צײַטונג אין דער האַנט איז פֿון וואַנען זאָל ער וויסן, אַז די וועגווײַזער האָבן שוין נאָך געלאָזט דאָס שטריקל אויפֿן האַלדז... און מ'מעג שוין... אַ שטיי־גער אין יגור קען מען הערן סאַבּרעס זינגען געטאָ־לידער אין יידיש. חיים אָבער לאָזט זיך ניט, ווי נאָר ער כאַפּט אַ העבּרעאיש וואָרט אין מויל, גיט ער זיך אַ ספּאַלאָשע, ווערט אים דער כּבֿיכול ניט דעריאָגן און פֿון אייך איז שוין אָפּגערעדט, איר זאָלט צו אים גרייכן. בשעת ער לויפֿט, קוקט ער

יעדן אין די אויגן „זאָל מען זען און הערן, טראַכט ער זיך, אַז איך בין ניט דער בעל עגלה פון נעכטן". אַ ייד אַ חסיד איז מסוגל מיט איין וואָרט אים אָפּשטעלן. חסידים רעדן רק יידיש, לשון קודש זיי נאָר מיטן רבונו של עולם. כ'מוז אייך זאָגן, אַז ניט אַזוי גרינג איז אים אָנגעקומען דאָס קענען אַזוי לויפן. ניט איין מאָל האָט ער זיך דעם קאָפּ געבראָכן ביז ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַזאַ וועג — ער זאָל קענען אַזוי זיך צעלויפן. פאַרגעסט ניט, אַז חיים איז, הייסט עס, — אַ וותיק און אַלס אַזעלכער איז ער אַ שטיקל מיוחס און ווי אַלע האָט ער אַ חלק אין „אויבן־אָן". אין זאַך באַדויערט ער: וואָס ער איז ניט בייגעווען ביים הר סיני אין יענע הייליקע רגעס, ווען דער רב בכבודו ובעצמו האָט שופר געבלאָזן. אַ שאָד — ניט זוכה זיין אָנטייל צו נעמען אין אַזאַ לייכטן שפּאַציר און פאַרלירן אַזאַ געלעגנהייט — ווערן אַ גיבור אָן דעם ס'זאָל אים געוועזן קאָסטן אַ טראָפּן בלוט. „די יאָרן", בייזערט ער זיך, זיי האָבן זיך אים אַוועקגעשטעלט אין וועג...

חיים לביא איז אַן אָפטער גאַסט ביים רבין. גייט צום טיש, קריכט אין דער שיסל נאָך שיריים און פירט זיך אויף מיט אַלע פּיטשעווקעס... צעהיצט זיך פּאַוואָלעטשקע, ביז עס צינדט זיך אין אים אָן די יראת־שמים, ווערט ער פּלוצים הייליק, כאַטש נעם און שטעל אים אַריין אין ארון־קודש, איז ווי זאָגט מען עס ביי אונדז: יראת־שמים און בויכווייטאָג זענען צוויי זאַכן וואָס מען דאַרף גלייבן אויפן וואָרט. כ'זע ווי עס בלאָנדזשעט אַרום אַ נישט גלויבנדיקער שמייכל אויף אייערע מיילער — „אַ חסיד אָן אַ באָרד" איז אויב איר ווייסט ניט, זאָלט איר וויסן: אַז חסידות דאַרף מען אין האַרצן טראָגן, ניט אין דער באָרד. „פאַרוואָס חסידות אָן ווייסע זאָקן און אָן אַ שטראַמל?" דרייט איר מיט אייערע נעזער. וואָס־זשע ווילט איר מיין חיימען שוין אינגאַנצן אונטערטונקען? וועלכער חסיד איז זיכער מיט זיין עולם הבא? מיינט איר, ס'איז כדאי אויסבייטן אַזאַ פּעטן עולם הזה אויף אַ מאָגערן — אויף אַ חסידס? דאָ דאַרף מען שוין ניט זיין ביי אַלע געדאַנקען...

זיין רעדן מיט אַ מענטשן איז פּשוט אַ מחיה צו הערן. ווען מ'פרעגט אים: „חיים אין וויפל צייט וועט איר זיין צוריק?" ענטפערט ער בזה הלשון:

„אם ירצה השם, בלי נדר, אַז גאָט וועט וועלן"... און זאָל תיכף אַ צווייטער אים שטעלן די זעלבע פראַגע, וועט ער נאָך אַמאָל איבערחזרן: „אם ירצה השם, בלי נדר, אַז גאָט ברוך הוא וועט שענקען ס'לעבן, וועל איך אין צען מינוט זיין צוריק". איר הערט וואָס פאַר אַ פּערל עס גייען אַרויס פון זיין מויל? וואַרט, כאַפּט ניט, אַט הערט נאָך אַ מעלה: — ער נעמט ניט קיין יידישע צייטונג אין האַנט אַריין, כאָטש מ'האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען האַלטן אַ העברעאישע, און אַ יידיש ביכל איז שוין גאָר חילול־השם... ווי מעג מען אַזאַ טומאה נעמען אין האַנט, צי האַלטן אין אַ יידישער שטוב?! „איך, זאָגט ער, לייען ניט קיין זשאַרגאָן"... און ווען מ'פרעגט אים, וואָס הייסט ביי איך זשאַרגאָן גיט ער אַ פינטל מיט די אויגן און אַ קרעץ זיך: „זשאַרגאָן — הייסט גלות. און מיין ווייב, זאָגט ער, לייענט אַוודאי ניט, זי איז שוין אַן אמתע סאַברע. זי, זאָגט ער, איז אַלט געווען צוויי, דריי יאָר, ווען אירע עלטערן זענען אין לאַנד געקומען". אויף אַ פראַגע, צי לייענט מען העברעאישע ביכער. ווי עס פּאַסט פאַר אַ וותיק. „אַוודאי, איר פרעגט נאָך, שרייט ער אויס אויף אַ קול, מיר האַלטן פון דעם מאכל". און צי קאָן ער ביאַליקן? „וואָס הייסט ביאַליקן ניט קענען? איך פאַר דאָך דורך זיין גאַס אַלע טאָג". און ווי שטייען מיר מיט עגנונען? „אַ קינד אין וויג קען אים, שמייכלט ער, אַ סך יאָרן אין לאַנד, נאָך פאַר מיר, אַ גרויסער פּאַכמאַן, ער אַרבעט פאַר זיך".

חיים לביא האָט נאָך אַ „מעלה" — אַ פּאַטריאָט איז ער און ניט קיין קליינער, איז וויאַזוי איז מען זיך נוהג, אַז די וועלט זאָל פון דעם וויסן? סתם זאָגן — „כ'בין אַ פּאַטריאָט" האָט ניט קיין זין — איז ברוגזן זיך אויפן גלות — אַ געשעפט, וואָס קען אַרויסהעלפן און נאָך אַ מיטל — מיט־לייד, ער ליידט מיט מיט די יידן אין גלות און גלייכצייטיק בייזערט ער זיך אויף זיי פאַרוואָס זיי פּעקלען זיך ניט איבער אין לאַנד, אָבער די רוגזה גייט אים ניט איבער אַפילו ווען זיי קומען שוין — איז ער זיי נאָך אַלץ ניט מוחל. ער האָט אויך אַ גוטן חוש זיי אויפכאַפּן, ער דערקענט זיי אויף צען מייל. „איר זעט יענעם, האָט ער אַ טבע זאָגן, אַן עולה חדש". ווי איר זעט נאָך אַ „מעלה". אַ גרויסער טרעפער. זאָל אַ יידענע זיך צו אים ווענדן: „הער שאָפער, איר וועט מוחל זיין מיר זאָגן ווו כ'דאַרף אָפּ־

שטייגן!" ווען ער ענטפערן: „אוודאי, וואָס הייסט ניט זאָגן? אוי גלות, גלות". זאָל אַ פּרוי לאַנגזאַם אַרויפדראַפּען זיך אויף דער מאַשין, וועט ער זיך אין איר, שמייכלענדיק, איינקוקן און צוגעבן: „אוי, גלות, גלות, ני, קומט שוין אַרויף!" זאָל אַ ייד אים אַ פרעג־טאָן: „הער שאָפער, האָט קיין פּאַראיבל ניט, וויפל האָט איר פאַרהאַלטן פאַרן בילעט? איך בין נאָך ניט בקי אין די מטבעות". וועט ער ענטפערן: „וויפל מ׳דאַרף, אוי גלות, גלות". זאָל אַ יידענע אים בעטן: הער נהג, זייט אַזוי גוט, ווי אַזוי קום איך קיין תל אביב?" וועט איר הערן: מיר זענען אַמאָל מיט די פיס געקומען קיין תל אביב, איר אָבער וועט שוין קומען מיט אַ מאַשין. אוי גלות, גלות".

אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ שפּיציכיק בערדל, מיט אויגן קלוגע אונטער אַ הויכן שטערן, שמייכלענדיק, פרעגט אים: „אדון לביא, שוין לאַנג אין לאַנד?". „ווער איך? האָט חיים אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ, אין זיינע אויגן קען מען זען, ווי ער שלאָגט זיך מיט דער דעה — ענטפערן, צי ניין. ער דאַרף זיין אַ ליטישער. „אדון לביא" זעלטן ווער עס ווענדט זיך צו אים אַזוי — טראַכט ער זיך און באַשליסט אַריינגיין מיט אים אין אַ שמועס. „איך, זאָגט ער, בין שוין אַ היפּש ביסל יאָרן. אָקעגן וואָס פרעגט איר? און איר פון וואַנעט זינט?" „איך, שמייכלט דער מיטן שפּיציכיקן בערדל און קלוגע אויגן, איך בין אַ סאַברע פון פינפטן דור. איך..." „ר׳ חיים, רייסט זיך אַריין אין שמועס אַ צווייטער, הייסט עס, איר זענט אַ „כמו סאַברע". חיימען אָנרופן „כמו סאברע" איז מער ווי מ׳זאָל אָנרופן „תלמיד חכם". חיים האָט געשוויגן, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער ייד האָט אין אים ווי אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה, האָט ער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן זיך אַריינגעשמייכלט אין זיין געוועזענער באָרד. אויף דעם „כמו סאַברע" האָט ער נישט „יאָ" און „ניין" אויך ניט געזאָגט, דאָס הייסט ניט באַשטעטיקט און ניט געלייקנט, כאָטש אין לאַנד איז ער געקומען מיט אַ ווייב און קינד. דאָס, וואָס ער שטעלט זיך אויס מיט זיין ווייב אַ „סאַברע" איז זי ביי אים שוין די צווייטע: ווען ער האָט געביטן די מלאכה, פון בעל־עגלה געוואָרן נהג און פון אייזלאַויערן געוואָרן — לביא, האָט ער שוין אין איינוועגס געביטן דאָס ווייב אויך. ווען מ׳פרעגט אים פריער מיט אַ חודש, וואָלט ער אפשר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — אויף יאָ, נאָר דאָ האָט זיך אַ יידן פון

זיין שטעטל פאַרגלוסט קומען אין לאַנד. פון פיר טויזנט נפשות פון זייער קהילה האָבן זיך דריי יידן געראַטעוועט. און אויף צולהכעיס געדענקט ער אים זיצן אויף דער קעלנע און „האַקן האַלץ" מיט זיינע אויסגעביינערטע פערדלעך, פאַרשעלטן זיך און זיי דאָס געביין. די פערד האָבן אַ טבע זיך צוהערן צו זיינע קללות און אַריינקוקן אין וואָגן. „איין זאַך, וואָס עס פעלט חיימען, רופט זיך אָן אַ ייד, ער מעלה גרהט ניט, ווי אונדזערע סאַברעס". „ביי אונדז מעלה גרהן נאָר די מיידלעך, גיט צו אַ דריטער. און מ'דאַרף אויך האָבן אַ געוויסע מאָס חוצפה". „וואָס איז שייך חוצפה, שטעלט אַריין אַ ייד אַ וואָרט, זאָגט מען, אַז אַ ייד האָט אַכט און צוואַנציק פּראָצענט פחד, צוויי פּראָצענט צוקער און זיבעציק פּראָצענט חוצפה". ווי רעשיק האָט זיך דאָס קליינע יידל צעלאַכט: „אַז מיר פּשוטע האָבן זיבעציק פּראָצענט, איז וויפל האָבן שוין די וויסע חברהניקעס?" „דערפאַר האָבן זיי ניט די אַכט און צוואַנציק פּראָצענט פחד, מאַכט חיים לביא, ווי דער גלות־ייד. אוי גלות".

אויף אַ סטאַנציע זענען אַ פּאָר עלטערע יידן אַריין אין אויטאָבוס. שטעלן זיי אָפּ זייערע בליקן אויף די קינדער, וועלכע האָבן אָוועקגעדרייט די קעפּ זייערע אין אַ זייט. דער ערשטער, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבן און פאַרגעלייגט דאָס בענקל זיינס, איז דער יונגערמאַנטשיק מיטן שפּיצעכיקן בערדל, מיט קלוגע אויגן — דער סאַברע פון פינפטן דור און תיכף נאָך אים האָט זיך אויפגעהויבן אַ בחורטשיק און אָפּגעטרעטן דעם צווייטן זיין פּלאַץ. „אָט, איר זעט אונדזערע סאַברעס, רופט זיך אָן חיים לביא, און בייזע מיילער טראַכטן אויף זיי אויס כל המיני ניט געשטויגנס". „כאַפּט ניט, ר' חיים, שמייכלט איינער אים אַריין אין די אויגן, לאָמער קודם זען ווער זענען זיי. פון אַזויפיל, וואָס זיצן דאָ, האָט זיך אויפגעהויבן איינער פונעם פיפטן דור הי געבוירן, אָבער די היינטיקע? זאָג נאָר בחורל, ווענדט ער זיך צום יינגל, ווו ביסטו געבוירן?" אויף דער פראַגע קומט אָן ענטפער — אַז אין אונגאַרן. „און וויפל צייט ביסטו שוין אין לאַנד?" „צוויי וואָכן, ענטפערט דאָס בחורל". אַלע אַרום האָבן זיך צעשמייכלט, נאָר חיים לביא, ווי ער וואָלט זיך געבייזערט און ווי נאָר עס איז אים אויף דער צונג אַ וואָרט געקומען האָט ער אויסגעלאָזט: „וואָס־זשע ווילסטו מיר אויסברייען, אַז גלות איז גאָר אַ גן־עדן? און ס'איז דאָ פון וואָס צו לערנען? גלות איז

פאַרשימלט און איבערגעפוילט". „זייט ניט ברוגז, ר' חיים, רופט זיך אָן דער ייד, איך בין אייך מבטיח, אַז אין אַ יאָר אַרום, און אפשר נאָך פריער, וועט דאָס בחורל זיך שוין אויך ניט אויפהויבן פאַר אַן עלטערן און זיין פלאַץ אַוודאי און אַוודאי ניט אָפּטרעטן". חיים וואָלט נאָך אין קעשענע אויסגעקראַצט אַן ענטפער, נאָר צופיל זיך אַמפּערן מיט מענטשן אין מאשין פּאַסט ניט פאַר דער פירמע.

אויף אַ פּאָר רגעס זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. נאָך אַ קליינער פּאַוזע האָט דער מיטן שפּיציכיקן בערדל, דער סאַבּרע פון פיפטן דור געבראָכן די שטילקייט, ווענדנדיק זיך מיט אַ פראַגע צו חיימען: „איך הער ווי איר זענט ניט אין שלום מיטן גלות, איז קענט איר אים כאַטשבע גוט, אָט אַ דעם גלות?". „מ'קען זאָגן, וואָזשנע, ענטפערט חיים". „און לויט דער מאָדע, איז גרייט איר זיך ניט אַ קוק־טאָן אין דעם גלות? קומט אונטער נאָך אַ פראַגע פונעם סאַבּרע פון פיפטן דור". „וואָס פּלוצים איז אייך געקומען אין זין מיר שטעלן אַזאַ פראַגע? מאַכט חיים און אַ געדאַנק האָט אין מוח זיינעם אַ פינקל געטאָן — פון וואַנען ווייסט ער?". „איך ווייס, שמייכלט דער סאַבּרע פון פיפטן דור, ביי אונדז פאָרן דאָך אַלע „גרויסע" פאַרברענגען אַ צייט אין גלות און איר גאָר מאַכט פון אים אַוועק". „יאָ, זאָגט חיים, מ'קען זאָגן, אַז איך גרייט זיך בפירוש אין וועג, דאָס הייסט, ניט איך, ווי מיין פרוי, איז צוליב איר וועל איך שוין אויך מקיים זיין אַ „מיצווה", און צעלאַכט זיך". ער אַליין וואָלט געקענט לעבן נאָך הונדערט יאָר, אָן דעם ער זאָל פילן אַ באַדערפעניש זען, דער רוח ווייסט, וועמען, נאָר די פרוי זיינע, די „כמו סאַבּרע", גיט אים די יאָרן אין הענט, לאָזט אים ניט רוען. „ס'טייטש, טענהט זי, מר יצחקי פאָרט שוין דאָס צווייטע מאָל קיין חוץ לארץ אויף אַ טיול מיט זיין פרוי און דו מאַכסט זיך ניט וויסנדיק. וואָס ער זאָגט איר ניט: „לאָמער קודם פאָרן זען אונדזער לאַנד. אָט זענען מיר נאָך ניט געווען אין אילת, ניט אין סדום און אין וויפל שיינע ערטער — ווי אין גליל. והשנית, זאָגט ער איר, מיר האָבן זיך נאָך ניט וואָס צוגלייכן צו יצחקי, ער איז גאָר פון די גדולים, ער איז טאַקע אויך אַ נהג, אָבער אַ גאון איז ער". „וואָס פאַר אַ גאון איז ער, זאָגט זי, אַז קוים וואָס ער לייגט אויס דעם נאָמען זיינעם אויף פּאַפּיר און והשנית דיין געהאַלט איז דאָכט

זיך גרעסער פון זיינעם!" „איז איך ראָט אייך, זעצט פאָר דער מיטן שפּי־ציכיקן בערדל, דער סאַברע פון פיפטן דור, איר זאָלט אַהין ניט פאָרן!".
„פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? איך האָב שוין ווי צוגעזאָגט מיין פרוי זיך אַדורכפאָרן און אַ קוק־טאָן, אָבער ניט מער", אַ צופרידענער און אויפגע־לעגטער מאַכט חיים לביא. „און איך ראָט אייך, מאַכט דער סאַברע פון פיפטן דור, איר זאָלט אויפהערן קלערן פון דעם, סע לוינט אייך בעסער זיצן דאָ אין אייער פאָטעל און מיינען, אַז איר זענט אויך אַ פריץ, ווייל דאָרטן אין גלות, איבער וועלכן איר אויקעט און ווייקעט אַזופיל מאָל דורכן טאָג, וועט מען אויף אייך קוקן ווי אויף אַ אַזיאַטישן בער".

חיים לביא האָט קוים זיך איינגעהאַלטן ער זאָל ניט אַרויסשיסן אַ בייז־ווונדער אויפן סאַברע פון פיפטן דור, נאָר ער האָט זיך ניט פאַרגעסן — האַלטן דעם פּרעסטיזש פון זיין געזעלשאַפט, צו וועלכער ער געהערט, האָט ער אָנגעזאַמלט אַלע זיינע כוחות, כדי בשלום אַראָפּשלינגען אַזאַ ביטערע פּיל, און פון וועמען? פון אַ סאַברע, וואָלט זי כאָטש געקומען פון אַ ייד אַ שייגעץ — אַן עולה חדש, אַ פאַרביטערטער, וואָלט ער נאָך פאַרשטאַנען. שוין לאַנג אַזאַ חלום נישט געחלומט. און כדי איינהאַלטן זיין צאָרן — בייסט ער צו די הינטערשטע ליפּ, בעת די אויבערשטע ציטערט אונטער.

פון דעמאָלט איז שוין אַריבער אַ צייט, העכער פיר יאָר און אויף זיינע ליפּן קומען מער נישט די ווערטער: „אוי גלות". אויס גלות...

אַ פאַרלוירענע מצווה...

אויף שרה־ביילען קען מען ניט זאָגן, אַז ערגעץ־ווו זענען פאַרשריבן אויף איר חשבון חטאים און פאַר איר מאַן משה יוספן האָט זי אַוודאי און אוודאי ניט געזינדיקט. אויך משה יוסף קען ניט זאָגן מיטן פולן מויל: „ניט צופרידן", כאָטש ער האָט אַ טבע אַ ברום־טאָן: „ווייס איך, זי איז ווי אַלע ווייבער". ביז איצט זיך פאַרקלאָגן אויף איר, פלעג ער אויך ניט. פאַר אַלע יאָרן, זייט ער לעבט מיט איר, האָט זיך ניט געטראָפן זי זאָל אים זאָגן: „ניין", „כ׳וויל ניט", צי „איך קען ניט". נאָר דאָס מאָל קען ער איר ניט מוחל זיין, שטייט אויף זיינעם, ווען מענטשן פרוּוון זיך אַריינלעגן אין שלום.

כאָטש שרה־ביילע איז אַ בת שלושים, האָט זי שוין באַוויזן אַרויסשיקן אויף גאָטס וועלט אַ צען קינדערלעך. די ערשטע צוויי זענען מיידלעך, איז געקומען זענען זיי טאַקע ווי געוווּנטשן: אַז העלפן זאָלן דער מאַמען זייערער ניאַנטשען די קליינע ברידערלעך. „קינדערלעך, ווי שטיקער גאָלד" מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, קוועלט אָן שרה־ביילע פון איר פּראָדוקציע. ווייניק צו זאָגן „שיין", מ׳קען ממש אין זייערע ליכטיקע פּנימלעך ניט קוקן. זייערע אויסגעטאָקטע נעזעלעך, פאַרחלומטע אויגעלעך פאַרכאַפּן דיך, אַז זאָלסט מוזן זיך אָפּשטעלן און אויף זיי נאָך אַמאָל, און נאָך אַ מאָל אַ קוק־טאָן, און ווי ס׳וואָלט געווען אַ פאַרוועט צווישן זיי: איינס זאָל שענער זיין פונעם צווייטן.

שרה־ביילע איז אַן אשה, וואָס האָט איר „שליחות" אין דער וועלט גענומען ערנסט, פונעם ערשטן טאָג נאָך איר חתונה האָט איר האַרץ שוין אָנגעהויבן ברויזן מיט מאַמעשער ליבע. ווי זי האָט נאָר באַוויזן אַריינגיסן

פרייד אין לעבן דורך קלינגנדיקע קולעכלעך און בלישטשנדיקע אויגעלעך, האָט זי זיך נאָך פלייסיקער גענומען צו איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

ווען שלאָפט זי שרה־ביילע? אַז שטיין שטייט זי אויף פריער פון אַלע און לעגן לעגט זי זיך שפּעטער פון אַלע. איידער די זון ווישט זיך אויס אירע אויגן זי זאָל אַ קוק־טאָן אויף גאָטס וועלטל איז, שרה־ביילע שוין ווייט אַוועק אין איר אַרבעט, ווייל אַרבעט איז פאַראַן ניט צום פאַרזינדיקן. קודם וואַשט זי איבער אַ ביסל וועש, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן דורכן טאָג, הענגט עס אַרויס צום טרוקענען, דערנאָך דאַרף מען פאַרריכטן און פאַרלאַטען וויפל פאַר הייזלעך, העמדלעך און קליידלעך, דערנאָך קומט די פרשה מעגעלעך — עפּעס צוגרייטן פאַר די מיילער, קיין עין־הרע, צוועלף גרעסערע און קלענערע, און ווען משה יוסף כאַפּט דעם האַנטעך און לויפט אין מיקווה, איז ביי שרה־ביילען שוין אַלץ צוגעגרייט. מיט אַ האַרץ איבערגעלאָדן מיט פרייד, וואַרט זי, איר רעשיקע קאַפּעליע זאָל איר אָפּגעבן „גוט מאָרגן". האָט זי שוין אַלע באַוואַשן, אָנגעטאָן, אַזוי נעמט זי זיך פאַרשטאָפּן די פאַרשמאַכטע מיילעכלעך מיט וואָס גאָט האָט געגעבן. גרייט־צו פאַר משה יוספן ער זאָל עפּעס איבערכאַפּן, אַ ביסל כוח פאַרן קומענדיקן טאָג, וואָס וואַרט אויף אים. אַחוץ זיינע אַכט שעה, מאַכט ער נאָך איבערשעהן, מ׳דאַרף דאָך מפרנס זיין, קיין עין־הרע, אַזאַ געזינדל, און ווען ער קומט שוין אַהיים נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, זעצט ער זיך ערשט אַוועק לערנען; „דער נשמה דאַרף מען אויך עפּעס געבן".

גלעט משה יוסף זיך אויס די באָרד, דרייט אַ פּאָר מאָל די פיאות אַרום די אויערן און אַוועק צו דער עבודה זיינער. שרה־ביילע בלייבט שטיין אויף דער שוועל און מיט פאַרחלומטע אויגן קוקט זי אים נאָך, נאָכשיקנדיק אַ פּאָר ברכות. זי גיט אַ זיפץ, אין זיפץ באַהאַלט זיך אויס אירס אַ תפילה, און קערט זיך אום אין שטוב. דאָ הייבט זי אָן צוגרייטן ווען אין שול, וועמען אין חדר און וועמען אין קינדער־גאָרטן, מאַכט פאַר יעדן בינטלעך מיט עסן און, „האַי, זאָגט זי, געגאַנגען!".

שרה־ביילע פאַרגעסט ניט, אַז מ׳דאַרף זאָרגן פאַר עולם־הבא אויך... דעם גאַנצן עול אַרויפלייגן אויף משה־יוספן איז גאָר ניט יושרדיק... הייסט עס: אויפזוכן ביי וועמען און ווו פאַרדינען אַ מיצווה און די אַרבעט

פירט זי דורך מיט ליב און לעבן. עס שטעלט זי גאָר ניט אָפּ, מעג זי זיין ווי מיד, פאַר אַ מיצווה וועט זי אין האַלבער נאַכט לויפן, אַבי העלפן, זאָל זיין ווער ס׳וויל און ווער ס׳וויל ניט...

משה־יוסף, אַן אויסגערוטער נאָך אַ וואָך שווערער אַרבעט, הייבט אָן שמייכלען, שמייכלענדיק גלוסט זיך אים שוין זינגען. אַ קול ביי אים אַ נישקשהדיקס און די נגינה ביי אים איז אַ יום־טובדיקע, אַ שבתדיקע און צומאָל אַזוי אַ ניגון, וואָס ער פּרוווט אַליין שאַפן... פאַר וואָס זאָל זיין נגינה ניט איבערגיין טאַקע צו זיינע יורשים? איז ווי נאָר די שטימע זיינע קומט אַרויף אויף אַ ניגון, אַזוי כאַפּן אים אונטער זיינע משוררים אויף זייערע קוויטשנדיקע, שאַרפע קולעכלעך, אַפילו דאָס צוויי־יעריקע יענקעלע גראַבט איין די הענטלעך זיינע אין שרה־ביילעס קליידל, ס׳זאָל זיך קענען האַלטן אויף די פיסלעך, און זינגט אויך. שרה־ביילע, אין אַ זייט, קוועלט אַן פון איר קאַפּעליע, און ווערנדיק פאַרכאַפּט פון כאָר אירן, זינגט מיט. ווען משה־יוסף לאָזט זיך אויף עפּעס אַ נייעם ניגון, פילט שרה־ביילע, ווי די היילקייט אַליין לאָזט זיך אַראָפּ איבער איר געזינדל און אַליין אַ פאַר־כישופטע פונעם ניגון, פאַרוויגט זי זיך אין יענער שיינקייט, וואָס זי שטעלט זיך פאָר, נאָר אין גן־עדן קען מען זען. און אָט זעט זי איר משה־יוספן זיצן אויף אַ גאָלדענער שטול און אויף זיין פנים רוט די שכינה. דאָ האָט זי יענקעלע אַ צי־געטאָן ביים קלידל, בעת ער איז אומגעפאַלן און זי אויפ־געוועקט פון איר זיסן חלום...

שרה־ביילען קומט אויס צו הערן, ווען זי כאַפּט זיך, זעלטן, אַרויס אויף דער גאַס: „מיר שטייען פאַר גרויסע צייטן". אַ פרעג געטאָן: „וואָס און ווער?" ווי קען זי זיך אַוועקשטעלן כאַפּן אַ שמועס, ווען אויף איר וואַרט אַזויפיל אַרבעט אין שטוב? טראַכט זי זיך: „איז וועלכע קענען זיין „גרויסע צייטן?" אויב נישט משיחס צייטן? און ווען משיח וועט קומען וועט מען דאַרפן פרומע ווייבער, זיי זאָלן קאָכן געפילטע פיש פונעם לויתן און ראָסלפלעשלעך פונעם שור־הבר, און ווי זי איז פאַר־רעכנט אין דער חסידישער וועלט פאַר אַ פרום ווייבל, איז זי אַוודאי אויפן צעטל".

די געדאַנקען האַלטן זי שוין אַ היפּשע צייט, טאָ פאַרגעסט זי נישט

זיך צו סטאַרען, כדי געבן איר משה־יוספן אַלע מעגלעכקייטן, אַז ער זאָל אַ רואיקער, נאָכן טאָג אַרבעט, זיצן על התורה ועל העבודה און אַזוי אַרום אויספּועלן ביי דער פּמליא של מעלה אַ בענקל אין גן־עדן. שׂרה־ביילע, אַן איבערגעלאָדענע מיט אַזוינע מחשבות, פילט ניט אַלע שוועריקייטן, וואָס זי דאַרף דורכן טאָג אויסשטיין פון איר ניט לייכט געזינדל. זי נעמט אויף, ניט נאָר באהבה, איר שווערע אַרבעט, נאָר פרייט זיך פשוט, ווען ס׳באַקומט זיך צומאָל שווערער פאַר אירע שוין אַ ביסל אויסגעשעפּטע כוחות...

פלוצים האָט זיך אַן אומגליק אַראָפּגעלאָזט אויף איר קאָפּ, איינגעריסן איר לעבן און אויסגעלאָשן אַלע אירע האָפענונגען, מיט וועלכע זי האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ לעבן לאַנג. משה־יוסף האָט זיך אויף איר אָנגעברוגזט און רעדט שוין ניט מיט איר אַ פּאָר וואָכן. „ער איז אַוודאי געערעכט, טראַכט זי זיך״. משה־יוסף האָט אַ נדר געטאָן אָפּצוהיטן אַלע תרי״ג מצוות און ניט מוותר זיין אויף איינער ניט, ווי קליין זי זאָל ניט זיין, און דאָ האָט ער דורך איר פאַרלוירן איינע פון די גאָר ניט קליינע... „ווער ווייסט וואָס קען אַן אבידה גורם זיין?!״. די געדאַנקען ערגערן און פרעסן זי אַ לעבעדיקע. „ס׳טייטש, רייסט זי שטיקער פליש פון זיך, וועלכער שוואַרץ יאָר האָט מיך געטריבן כ׳זאָל אַראָפּשפּרינגען פון בענקל, און ווען? פרייטיק, ווען פרייטיק־צו־נאַכטס שטייט פאַר זיי, דאָס הייסט, פאַר משה־יוספן אַזאַ מצווה צו פאַרדינען?!״. איז זי פון דעם שפּרונג טמא געוואָרן, דאָס הייסט, זי האָט אָנגעהויבן בלוטיקן, ביזן היינטיקן טאָג, אַז משה־יוסף זאָל זיך נאָך מער בייזערן... אַזוי פאַרטיפט זיך די רוגזה צו איר און, רעדן, ניין, בשום אופן וויל ער נישט מיט איר...

לשם שמים

— דו הערסט?

— וואָס זאָל איך הערן? צו וואָס דאַרף איך הערן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס?

— וואָס קען זיך היינט ביי נאַכט הערן? דו פאַרגעס ניט, אַז דו ביסט איצט אין ארץ הקדושה און לעבן לעבסטו אין סאַמע צימעס, און אַז היינט האָט זיך יעדע יידענע געגרייט צו זיין אַ מלכה, און אַז יעדער ייד זאָל קענען זיין אַן אמתער מלך האָט ער געמוזט מיט גרויס כוונה דעם שיר השירים אין דער נשמה זיינער אַריינלייגן, כדי ער זאָל אָנהיצן די שוין, אפשר, אָפּגעקילטע בלוטן.

— טייערער מלאך מיינער, הערסטו דען ניט אַ יידן שרייען?

— אַ יעדער ייד מעג טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט, אָנהייבנדיק פון בר מיצווה און אפילו פריער. ער איז ביי זיך אין לאַנד, דאַרף ער זיך שוין פאַר קיינעם ניט שעמען. אויס, אויס בושה, אויס קנעכטשאַפט — אַ פרייער פויגל זינגט, ווען ער וויל און ווו ער וויל און פרווו אים זאָגן אַ דעה... יעדער ביי אונדז מעג זינגען, טאַנצן און שרייען אין די גאַסן און וועקן זיינע שכנים, נאָענטע און ווייטע, אפילו נאָך האַלבער נאַכט און קיינער וועט ניט וואַגן אַ פרעג־טאָן אים, פאַרוואָס טוט ער דאָס.

— גוט, אָבער, דו הערסט ווי איינער שרייט?

— ס׳קען זיין, ער שרייט אויף זיין ווייב, ווייל זי האָט אים קיין מלכה ניט געטאָרט זיין און ער האָט אומזיסט זיך מיטן שיר השירים אָנגעלאָדן און געבליבן מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג...

— וואָס איז מיט דיר, דו ביסט עפּעס לא עליכמדיק. ביסטו טויב געוואָרן, צי האָט זיך די היץ אין קאָפּ דיינעם אויפגעהויבן?!

— ביי דער שעה, וואָס קען מען הערן, ווען יידן קוויקן זיך מיט דער גרויסע מצווה? אָפּגעַמלכ׳טע שווימען זיי אַרום אין די הימלען און חזרן איבער, אויף וויפל עס סטייען זיי כוחות, זייערע זיסע חלומות... דו מיינסט, אַז אין היינטיקע צייטן איז אַזוי לייכט צו זיין אַ מלך? שרייט איינער, זאָל ער שרייען געזונטערהייט. וואָס־זשע בין איך עפּעס מחויב צו הערן אַלע געשרייען? דאָ שרייען איז אַ וואָכעדיקער גאַנג.

— וואָס הייסט דו ווילסט ניט הערן? ביסט פון זינען אַראָפּ? אַ ייד שרייט דאָך געוואַלד, ווי מ׳וואָלט אים געממיתט.

— פאַרוואָס מיינסטו, אַז איך מוז הערן יעדנס גסיסה־געשריי?

— און ווי איז רחמנות?

— רחמנות איז אויף אַן אָרעמער מויד, וואָס ליגט אין קימפּעט.

— מעג אַ מענטש אַזוי קלערן?

— איך קלער מיט מיין מוח, ניט מיט דיינעם. מיינסטו אפשר מיר אויסבאָרגן אַ פּאָר געדאַנקען פון דיינע?

— עס וואָלט ניט געשאָט. הער נאָר, הער, הערן אַ מענטשן אַרויסלאָזן אַזוינע וויי־געשרייען און עס זאָל אים ניט אַרן.

איך פאַרשטיי דיך ניט, וואָס פּלוצים האָסטו זיך אויף מיר אַרויפגעזעצט? מיר לעבן דאָך צווישן יידן, איז איין ייד ווערט דאָך דעם צווייטן ניט הרגענען?

אַמפּערט זיך חיה־שיינדל מיט איר מאַן דוד זאַלמאַן אויף דער גאַס. אין טעאַטער זענען זיי געווען. איר זאָגט טעאַטער, ס׳איז אַ גליק, וואָס ס׳איז דאָ אַ גבעתיים און נאָך עטלעכע אַזוינע גבעתיים׳ס אין לאַנד, קען אַ ייד אין אַ פּרייטיק־צונאַכטס אַ קוויק־טאָן זיך דאָס האַרץ מיט אַ שטיקל יידיש מעאַטער. אַוודאי זענען ביי אונדז דאָ אַזוינע, וועלכע עס גרימט אין בויך, שטעכט אין האַרצן און שווינדלט פאַר די אויגן, זעענדיק ווי די זאַלן פון יידישן טעאַטער זענען איבערגעפּולט. „דאָס אַרט מיך ניט, זאָגט דוד זאַל־מאַן, ביי זיי זאָל בלייבן דאָס גרימעניש און שטעכעניש און יידן זאָלן גיין

אין טעאַטער״. די געשרייען לאָזן זיך הערן וואָס אַמאָל העכער און שאַרפער און קומען קומען זיי פון יענער זייט גאָרטן נעבן דער עיריה. און געשרייען גאָר ניט קיין פשוטע, ווי מ׳וואָלט איינעם דעם האַלדז איבער־געשניטן, צי דעם קאָפּ זיינעם אויף צוויי צעשפּאָלטן. און תיכף טאַקע באַמערקט דוד זאַלמאַן, ווי דריי בחורימלעך אין קורצע לעדערנע רעקלעך לויפן פייל אויסן בויגן מצד דעם שטאָט־גאָרטן אויף ירושלים־גאַס אין דער ריכטונג צו הראה. די הילכיקע געוואַלדן פון יידן און דאָס איילן זיך פון די בחורימלעך האָבן עפּעס ווי זיך געפּאָרט און ביי דודן אַ ריר געטאָן די געהירן און ווי ער וואָלט שוין דעם ענין צעקייעט: אַז די געשרייען זענען סתם ניט קיין געשרייען פון אַ אָפּגענאַרטן מלך, ווי דער געלויף פון די בחורימלעך איז ניט פון תענוג. „עפּעס איז שוין דאָ יאָ געשען, זאָגט דוד זיין חיה־שיינדל, דו גיי אַריין אין שטוב און איך וועל שוין אַליין חוקר ודורש זיין״.

ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ ייד האָט טאַקע געשריגן און ניט אויף זיין מלכה, ווי דודן האָט זיך געדאַכט און אויך ניט סתם אומזיסט אויף זיין גורל, דעם יידנס הייסט עס, איז ווי ביי אַ יעדן, וועלכער ציט די חיונה זיינע מיטן שווייס. אַזוי איז עס געווען און עס גייט ווייטער: אַז אַפילו אויפן אָרעמקייט געפינען זיך גרויסע אויגן גלוסטנדיקע און ווילן עס אַוועק־נעמען, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס פאַר זיי עפענען זיך גרויסע ליכטיקע סאַלאָנען מיט פעטע געגרייטע טישן. „אָבער אונדזער ייד האָט באַדאַרפט אָפּהיטן דאָס ביסל געהירן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטער אַ שוואַכן שאַרבן, פאַרשטייסטו, חיהקעלע מיין קרוין״, טענהט אַריין דוד זאַלמאַן אין חיה־שיינדלס ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס שלינגען יעדעס וואָרט וואָס קומט פון דודס מויל. „אַ ייד, זאָגט ער, דאַרף אויך האָבן אַ קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס, וועלכער זאָל זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון פאַר־שטענדעניש צו דער יוגנט, נו, איך מיין צו אַזוינע בחורימלעך אין לעדערנע רעקלעך... עס איז ביי אונדז פון קדמונים אַ מינהג מקבל שבת צו זיין מיט אַ טענצל און געזאַנג. אַז טאַטע־מאַמע גייען פרייטיק־צונאַכטס צו זייערע גוטע פריינד, כדי אינאיינעם אויסזינגען אַ „לדוד מזמור״, כ׳מיין „מאַכן אַ קערטל״... מאַכן זייערע בחורימלעך און מיידלעך אַן אַנדער מין „לדוד

מזמור". ביי זיי הייסט עס „נשף". טאָ ווי קען, אין אַן אמתן, זיין אַ נשף אָן אַ ביסל משקה? משקה, פאַרשטייסטו מיך, צעהיצט די שוין אַזוי אויך אָנגעגליטע בלוטן, איז מען מקיים אַ מיצווה — מ'באַגעגנט דעם שבת קודש מיט אַ „לחיים" און מיט לייב און לעבן... אַ קלייניקייט, אַזאַ היילי־קייט קען מען דאָך מיט סאָדעוואַסער ניט אויפנעמען... מיינסטו אָוודאי ווער ווייסט, וואָס איז אַזוינס געשען און ווו, אין סאַמע צימעס פון אונדזער מדינה?! ייִנגלעך האָבן געוואָלט טוען דאָס, וואָס זייערע בלוטן זאָגן זיי אונטער, און וויאַזוי עס פּאַסט פאַר קינדער פון רייכע, באַלעבאַטישע עלטערן. האָבן זיי זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אַ ייִדן, איז וואָס? איז מה רעש? און מאַכן גאָר אַ טראַגעדיע פון דעם, בכדי פאַרשמוצן יונגע כשרע נשמות".

— נו, — מאַכט חיה־שיינדל אַ נערוועזע, — דערצייל שוין דעם עיקר, צו וואָס פּלאַפּלסטו מיר אָן אַ קאָפּ?

— יאָ, זאָל זיין בקיצור, הייבט אויפסניי אָן דוד זאַלמאַן, אַ ייִד ווי אַ סך אַזוינע ביי אונדז, אַ שטיקל אביון, האָט ער אַן אַלטן שקראַב — אַ לאַסט־אויטאָ, הייסט עס, וואָס ער פירט אָן מיט פלעשער כל מיני משקאות, ווי ביר, קאָניאַק, וויין, ליקער א״אַ, און צעפירט עס אין די מכולת'ן. ביי אונדז האָט אַזאַ ייִד געהייסן זיך רופן קאַטיוגעניק, דאָ איז ער שוין אַ שטיקל סוחר. מ'דאַרף דאָך דעם גלות־נאָמען אויסבייטן אויף אַ שענערן, טאָ זאָל זיין סוחר, אַבי אַ ברויט זאָל אַרויס. מערקט ער, די לעצטע צייט קומט אים ניט אויס דער חשבון: עס פעלט ביר, קאָניאַק, ליקער און ער פילט, ווי ער גייט צו גרונט, ער ווערט אויס סוחר. ווו וועט ער נעמען אויף ברויט פאַר זיינע קינדער? „גניבה, טראַכט ער זיך. נאַ דיר גניבה. אין קדשי־קדשים גנבענען?" ווי מעג אַ ייִד אַזוי טראַכטן, זאָגט ער זיך, אָבער דאָך, „וווהין קומען אַהין מיינע פלעשער?". ווייזט אויס, אַז ער האָט ניט געוווסט, צי פאַרגעסן, אַז אויף נשפן דאַרף מען אָנקומען צו אים, דאָס הייסט, צו זיין לאַסט־אויטאָ, ווו פלעשער פולע בעטן זיך מ'זאָל פון זיי טועם זיין. שטעלט זיך דער ייִד אַוועק אין אַ פּריוויטיק־צונאַכטס ביים אַריינגאַנג פון זיין הויז, איבערן וועג איז די מאַשין זיינע געשטאַנען, אויס מלך און ווידער אַ פּשוטער גוט מאָרגן, היטן, הייסט עס, זיינע פלעשער פון דער מאַשין, וואָס שטייט נעבן גאָרטן. ער וויל זען וועלכע מלאכימלעך

האָבן אויסגעקליבן דווקא אים צוטיילן אַזאַ גרויסע „מיצווה" — מיט זיין משקה אָקעגנגיין דעם שבת קודש?

פּלוצים, אין דער הייליקער שבתדיקער שטילקייט, וואָס הילט איין די שטאָט, הערן זיך קלאַנגען פון פלעשער, וואָס שמועסן זיך אַדורך. דער ייד האָט דערקענט די „קולעכלעך" פון זיינע פולע און ליידיקע פלעשער, האָט ער פון אונטערן שאָטן דעם קאָפּ זיינעם אַפּירגעשאַרט — אַ קוק־טאָן און אָט שטייען זיי, די מלאכימלעך, אין קורצע לעדערנע פידזשאַקלעך פאַר זיינע אויגן. דריי זענען זיי. פאַרטיפטע אין זייער אַרבעט, ווייל ניט יעדער סאָרט משקה געפעלט זיי. איז דער ייד זיך מיישב, זיי צוהעלפן ווייזט אויס. איז ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, צו צי זיי, כדי זיי ווייזן וואָסער ביר איז פרישער, וועלכער קאָניאַק איז באַטעמטער. מיינסטו אַוודאי, אַז זיי האָבן זיך געגלייטיקט אין זיין הילף, האָסטו אַ גרויסן טעות. און אַז ער זאָל זיי ניט שטערן אין זייער אַרבעט, האָבן זיי אים מכבד געווען מיט אַ גרויסער פלאַש קאָניאַק (טאַקע פון זיינע פלעשער). זיי האָבן געמיינט, אים געבן אין דער האַנט, איז ער אָבער אַ ייד אַ חכם — שטעלט ער אונטער דעם קלוגן קאָפּ זיינעם. ווער־זשע איז שולדיק, אַז דער ייד האָט אַ שוואַכן קאָפּ אויף זיינע צעקנייטשטע אויסגעביינערטע פּלייצעס? האָט ער אַ פּאָר מאָל אַ געשריי געטאָן און זיך צעלייגט, ווי ביי זיין טאַטן אין וויינגאָרטן און אַפילו געסטראַשעט, אַז ער ציט אויס די פּיס. איז מה רעש? אויף דערויף איז דאָ אַ „מגן־דוד אדום" און שפּיטאָלן שיינע אויסגעבויטע זענען אויך פאַראַן. האָט מען אים אַרויפגעלייגט אויף אַ נאָסילקע און אָפּגעפירט אַהין, אין שפּיטאָל, הייסט עס, מ׳זאָל אים פּאַר־לאָטען דעם שאַרבן זיינעם.

— דאָס איז גאָר? — מאַכט חיה־שיינדל אַן אומצופרידענע.

— וואָס נאָך האָסטו, אַ שטייגער, געוואָלט, אפשר מיר זאָלן געווען דעם צעשפּאָלטענעם שאַרבן זיינעם צונויפקלעבן?

— ניין, איך מיין, וואָס האָסטו געטאָן, אַז מ׳זאָל ביי די מלאכימלעך זייערע פליגעלעך אונטערשניידן און זיי אָנלערנען אַזוי, אַז אַ קדחת זאָל זיי אָנכאַפּן פאַרן „לא תגנוב".

— וואָס־זשע ווילסטו, — בייזערט זיך דוד זאַלמאַן, — איך זאָל פון

ווי אַנדערש

אַ פליגעלע אַן אָדלער מאַכן און אים אָפּשיקן ער זאָל זיי אויפזוכן, די בחור־רימלעך, און אין זייערע זיסע אייגעלעך אַ פּיק־טאָן? פאַרשטערן זיי די שמחה, צו וועלכער זיי האָבן זיך אַ וואָך צייט געגרייט? ניין, קיין אַפּיקורס קען איך ניט ווערן, זיי האָבן דאָך דאָס געטאָן לשם שמים...

צו וואָס דאַרף מען זיי?

די טיר פון קאַבינעט וויל יאָ און ניט זיך עפענען, ווו ד״ר פּאַלין נעמט אויף קראַנקע. שייך זאָגן קראַנקע, צווישן הונדערט זענען דאָ עטלעכע אויך אַזוינע. אַזוי, אַז ס׳וואָלט ניט געווען ריכטיק צו זאָגן — ער נעמט אויף קראַנקע, — ריכטיקער — ער נעמט אויף יידן, און דאָס אויך ניט, ער נעמט אויף יידענעס, דאָ זענען מיר שוין אויף אַ וועג. יידענעס קומען צו אים — ווער און ווי אַמאָל. אייניקע האָבן אַ טבע צו קומען 3—4 מאָל אַ וואָך, כדי זיך אַ ביסל דורכשמועסן מיטן דאָקטער. זיי ווילן ביי אים „אָנטאַפּן דעם דופק״, און אפשר טאַקע אים אַ כאַפּ טאָן, ד. ה. אַרויסנאַרן ביי אים אַ שטיקל אמת, אפשר האָט ער פאַרגעסן, וואָס ער האָט איר געזאָגט צוריק מיט צוויי טעג — אַז זי איז געזונט. עפּעס גלייבט זיך איר ניט, דער יידענע, אַז זי איז באמת געזונט, און אויב יאָ, טאָ פאַרוואָס־זשע טוט איר ווי דער קאָפּ אַמאָל, צי די פיס? איינע שטייט צו צום דאָקטער, צי וועט זי האָבן די זכיה צו דערלעבן משיחן. „איך, זאָגט זי, קוק אַרויס אויף אים מיט טויזנטער אויגן״. ווען עס מאַכט זיך אַ שכן אַ נאָענטער אָדער אַ ווייטער, צי גאָר אַ קרוב האָט געמאַכט אַ שטאַרב, גייט זי גאָר אַרויס פון די כלים.

— ס׳טייטש, — טענהט זי, — ביז ווען קען מען וואַרטן?!

— איר האָט אַ טעות געהאַט, — ענטפערט דער דאָקטער, — מיט אַזוינע טענות גייט ערגעץ אַנדערש!

— ווהין? — פינטלט די יידענע מיט די אויגן.

— ווער ס׳קאָן מאַכן אַ פּראָטעקציע ביים רבונו של עולם, צי ווער כ׳איז געשטעלט דערויף, צו בעטן אים ער זאָל אַראָפּשיקן משיחן?

— נו, ווער ? — מאַכט די יידענע, — דער רבי !

— טאָ גייט־זשע טאַקע צון אים מיט אייערע טענות, — שמייכלט דער דאָקטער פּאָלין.

אייניקע גלייבן, אַז זיי האָבן זיך פאַרדינט ביים רבונו של עולם אַזאַ זכיה — דערלעבן משיחן. נאָר ביז וואָס־ווען דאַרף מען אויך אַ טראַכט טאָן ערגעץ־ווו פאַרלאַטעווען, אויב דער דאָקטער וועט וועלן, און צי ס׳וועט זיך לאָזן. עפּעס גלוסט זיך אים נישט דאָס געשעפט: אויסבייטן אַזוינע ריינע הימלען אויף אַזאַ שמוציקער ערד, טראַכטן זיך יידן און זוכן צו פאַרטייטשן דעם פּסוק, ווייל ווער און וואָס ער זאָל נישט זיך, איז ווי נאָר ער שטעלט אַ פוס אויף דער ערד, אַזוי כאַפּט דער יצר־הרע זיך אַריין אין אים און ער קערט איבער דאָס „טעפּל זויערמילך.

די טיר האָט ווי אויפסניי זיך אויף אַזויפיל געעפנט, אַז מ׳האָט געקענט זען אַ שפּיץ נאָז און אַ וויע פונעם רעכטן אויג, און תיכף האָט זיך די טיר ווידער פאַרמאַכט. געוויינלעך הייסט דער דאָקטער דער שפּיץ־נאָז מיטן האַלב־אָפענעם אויג אַריינגיין, נאָר ווי ער איז אונטערן איינדרוק פון אַ שווערן פאַל, וואָס קען ניט אַרויס פון זינען, האָט ער געלאָזט די שפּיץ־נאָז שטיין פון יענער זייט טיר, ביז ס׳וועט איר נמאס ווערן. דער ייד פון יענער זייט טיר לאָזט זיך אָבער ניט, ער עפנט ווידער די טיר, שטעלט אַריין די גאַנצע נאָז שוין, און מיטן לינקן אויג האָט ער אַ פינטל געטאָן, ווי ער וואָלט געפרעגט: „מעג איך ?". דער דאָקטער האָט דעם פינטל פון אויג ניט געזען, האָט זיך די טיר ווידער פאַרמאַכט. עס דויערט ניט לאַנג דערהערן זיך אַ פּאָר קלעפּ פון יענער זייט טיר, אויף וועלכע עס קומט אַן ענטפער: — „כן", מ׳קען אַריינקומען. די טיר עפנט זיך אויף דאָס מאָל מיט אַ ניט זיכערער האַנט. קודם וואַרפט זיך אין די אויגן לאַנג־שפּיציכיקע נאָז, וואָס האָט בעתן וואַקסן זיך אַ ביסל איינגעבויגן, דערנאָך קומט אונטער דאָס פינטלען פון אַ פּאָר ניט־רואיקע אויגן, וואָס ל׳יפן אַרום אַהין און אַהער אונטער אַ פאַרשוויצטן שטערן און די הענט ווייסן ניט וווּהין זיי זאָלן זיך אַהינטאָן, רייבט ער איינער אין דער צווייטער.

— בבקשה, — קומט אָן מצד דעם דאָקטער אַן אָנווייזונג אויפן בענקל, וואָס שטייט, ווי ס׳וואָלט געוואָרט אויף אים.

דער ייד אָבער וואַגט זיך ניט צו זעצן און פּינטלט מיט די אויגן און ציטערט מיט די ליפּן, ווי זיי וויסן ניט, וואָס זיי זאָלן טוען, זיך עפענען אָדער פאַרמאַכן.

— יאָ, וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן, — ווענדט זיך צו אים דער דאָקטער.

— הם... הם... — שפּרינגט אַרויס אַ שמייכל אויף די ווינקלען פונעם יידנס מויל, בעת די ליפּן האַלט ער געשלאָסן און פּרוווט ריידן מיט די אויגן.

— זאָגט, — מאַכט דער דאָקטער, איך הער אייך.

דער ייד מאַכט נאָך אַ האַלבן שפּאַן, דערנענטערט זיך צום טיש.

— איך... איך בין געקומען, בין איך, — הייבט אָן דער ייד מיט אַ ציטער אין קול, — אַזוי פּשוט, אַ קוק־טאָן אויף אייך... הע... הע... הע... זען וואָס טוט דער דאָקטער אונדזערער

— אַ דאַנק, — שמייכלט אונטער דער דאָקטער, — ווי איך זע, זענט איר דער ערשטער, וועלכער קומט אָן אַ בקשה צו מיר, פּשוט, אַזוי מיך זען. און, ווי איר זעט, זיץ איך דאָ און וואַרט אויף אייך.

— יאָ, דאָס האָב איך דורכן פענצטער געזען, האָב איך, אַז איר וואַרט אויף מיר. דערפאַר טאַקע בין איך אַריינגעקומען, בין איך, אַז איר זיצט אָן אַרבעט, איז לאָם איך אַ זאַרג טאָן.

— אומזיסט די טירחה אייערע, — זאָגט דער דאָקטער, — ס'לוינט זיך ניט צו זאָרגן. אַרבעט, ברוך־השם, איז דאָ און ס'וועט זיין.

— וואָס הייסט ניט זאָרגן, זאָגט איר, — קרעכצט זיך דער ייד, — אַ ייד דאַרף דווקא יאָ זאָרגן פאַרן צווייטן. מיר זענען דען ווי אַנדערע?

— אויב אַזוי, — מאַכט דער דאָקטער, — זענט איר טאַקע אַ ליטי־שער ייד.

— יאָ, צו דעם האָב איך געוואָלט צוקומען, — מינעט זיך דער ייד און לאָזט אַראָפּ די אויגן ווי אַ בתולה, בעת זי בענקט אויס איר ליבע, ווען מ'קומט איר רעדן אַ שידוך. — יאָ, אַזוי זאָגט מען אין אונדזער שכונה: „וואָלטן אַלע געווען אַזוי ליטיש ווי איר, וואָלט משיח שוין לאַנג געקומען". און ווען ער וועט קומען, — שמייכלט דער ייד דעם דאָקטער

אַריין אין די אויגן, — איז אויס קראַנקייטן, אויס קראַנקע, אויס דאָקטוי־רים, אויס רפואות און ניט נאָר איר וועט דאַרפן בייטן אייער פּראָפעסיע, אויך אַנדערע, וואָס לעבן פון ווייען ביי אַנדערע, לעקן אַ ביינדל ביי לעבע־דיקע און באַלעקן די ליפּן פון טויטע און נאָך און נאָך...

— אַ שטייגער, — פרעגט דער דאָקטער, — ווער זענען די נאָך און נאָך ?

— איך וועל אייך ניט איבעררעכענען אַלע, אָבער איינעם וועל איך אָנרופן, נו, דער מליץ יושר, דער, וואָס בעט דעם רבונו של עולם, ער זאָל אַראָפּשיקן צו אונדז משיחן, דעם רבין, מיין איך.

— הייסט עס, — שמייכלט דער דאָקטער, — איר זענט אַריינגעקומען מיר אָנזאָגן אַ גוטע בשורה.

— וואָס פאַר אַ בשורה ?

— נו, אַז עס דערנענטערט זיך די צייט, ווען איך וועל ווערן אויס דאָקטער, און אָנהייבן טראַכטן וועגן אַ נייער פּרנסה.

— הם... הם... — צעלאַכט זיך דער ייד, — איר מיינט, אַז מיר וועט בעסער זיין, מיין פּאַך טויג גאָר אין גאַנצן אויף כפרות. ווער וועט שרייבן בריוו, אַז איך זאָל זיי דאַרפן צעטראָגן ? צי וואָס וועט מען דאָס דאַרפן ? אַז געזונט וועט מען זיין און שטאַרבן וועט מען אויפהערן, טאָ ווער וועט שוין וועמען פרעגן צי ער איז געזונט און צי ער לעבט נאָך ?

— יאָ, מאַכט דער דאָקטער, — אויף היינט איז גענוג. נאָך יום־טוב וועלן מיר פאַרזעצן אונדזער שמועס וועגן משיחן.

— דאָקטער, — שטרעקט דער ייד אויס די רעכטע האַנט זיינע מיט צעשפּרייטע פינף פינגער, — איילט אייך ניט, איך גיי נאָך ניט. אויב איך בין שוין דאָ ביי אייך, וויל איך אויסנוצן אונדזער באַגעגעניש, ווייל פאַר פּסח, ווי־פל די יידענעס זוכן און נישטערן אויסצוראַמען דעם חמץ, קען מען צו אייך נאָך צוטרעטן. דערנאָך אָבער, זייט מיר געזונט, פאַרפאַלן, פּילן זיי אָן דעם פּרוזדור און לאָזן קיינעם נישט צו צו אייך.

— וואָס־זשע ווילט איר אויסנוצן ? — פרעגט דער דאָקטער.

— טאַקע אָט אַ די געלעגנהייט, וואָס איך בין דאָ, — גיט דער ייד זיך אַ קראַץ אין קאָפּ — איך האָב אַ קליינע, אַ פּיצינקעלע בקשה, אייגנט־

לעך וואָלט מען געקענט זאָגן צוויי, נאָר זאָל דערוויילל זיין איינע, הער דאָקטער, איר זאָלט מיר געזונט זיין.

— וואָס פאַר אַ קשה?

— גאָר־גאָר ניט קיין וויכטיקע, — מאַכט דער ייד אַוועק מיט דער האַנט, — וואָס חכמים אונדזערע קענ קומען אין קאָפּ. אויב עס געלינגט זיי צו פאַרכאַפּן אַ גרעסער בענקל, מיינען זיי שוין, אַז מען דאַרף פאַר זיי שטיין סלוזש און אויפנעמען זייערע באַפעלן, וואָס טרייבן דיך אויף וועגן, זיכן דער רוח וויסט וועמען.

— ?... — פרעגט דער דאָקטער מיט די אויגן.

— איך דאַרף, וואָס זאָג איך, דאַרף, איך דאַרף עס ניט, זיי דאַרפן, די גרויסע, הייסט עס, מאָנען אַ פּאַפּיר פון אייך, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז איך בין געזונט. איך ווייס, עפּעס זאָגן זיי, אַז איך דאַרף באַקומען דאָס רעכט צו לויפן אין די גאַסן, און טראָגן וועמען גוטע און וועמען ניט קיין גוטע בשורות, לעולם ועד.

— אייער נאָמען איז, אויב איך בין זיך ניט טועה, לייב־הערש?

— יאָ, דאָקטער, איר זאָלט מיר געזונט זיין, ווי איר געדענקט. אָבער איצטער רופט מען מיך שוין אריה־צבי, דאָרטן, ווו איך דאַרף זיין ביי זיי פאַרשריבן, וואָס פאַר אַ נפקא־מינה, אַבי אַ ייד. זיי מיינען, אַז אַ סך אַזוינע גבורים זענען דאָ אין דער מדינה, מיינען זיי. ווען איך בין געווען אַ יינגל, פלעגט מען זאָגן „לייבעלע איז אַן אמתער לייב. ווען עס פאַרגלוסט זיך אים אויף איינעם אָפּלאָזן זיינע פינף פינגער, מוז יענער די ציינער זיינע צונויפקלויבן, אויב ער פאַרוואַרפט ניט מיטן קאָפּ אין אַ זייט און ציט ניט אויס די פיס“. אַזוי פלעגן מענטשן זאָגן. און וואָס פאַר אַ חידוש? פאַלט דען דאָס עפּעלע וויט פונעם ביימעלע? צי האָט דען אַמאָל אַ לייב געבוירן אַ לעמעלע? מיין טאַטע ז״ל איז געווען אַ דאָרפס־ייד. מיט איין האַנט פלעגט ער אָננעמען דעם אַקעראייזן, און אים אַ וואָרף טאָן אויף דער פּלייצע, ווי איר דעם אויבער־ראָק אייערן. ער פלעגט אונדז אויפוועקן ווען גאָט אַליין איז נאָך געשלאָפן. אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער און אָט שטייט ער שוין אין טלית און תפילין, און אָט האַלט ער שוין ביי שמונה־עשרה. „און דאָס איבעריקע, אויסטוענדיק דעם טלית און תפילין, וועל איך שוין

אין פעלד דערזאָגן״. און שוין טאַקע זיך גענומען צו דער עבודה. קודם אַריינגעאַרגלט אַ פלעשעלע בראָנפן, מיטן קיליק צעקלאַפּט אויפן טיש אַ פּאָר ציבעלעס, אַ הערינג האָט שוין געוואַרט, ער זאָל זיך דורכרייבן דורך זיינע ציינער, און אַ דריי־פיר אייער, קעז, און פאַרטרונקען מיט אַ קריגל רויטן ווין און אַוועק אין פעלד אַריין.

— צו וואָס אַזאַ לאַנגע הקדמה, — שלאָגט אים איבער דער דאָקטער.

— זי איז אַ צו לאַנגע, דאָקטער, איר זאָלט מיר געזונט זיין. איך וויל קומען מיט ממשותדיקע פאַקטן, כדי איר זאָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס איר זעט מיך ביי אייך איין מאָל אין דריי יאָר, אי דאָס פּאָר מיין רבקהלעס וועגן.

דעם אישור וועגן זיין געזונט־צושטאַנד לאָזט אריה־צבי אַראָפּ אין קעשענע און לאָזט זיך צו דער טיר און, ווי ער האָט נאָך ניט באַוויזן לייגן די האַנט זיינע אויף דער קליאַמקע, אַזוי האָט ער זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צום דאָקטער:

— איך האָב פאַרגעסן, דאָקטער, נאָך אַ וואָרט אייך צו זאָגן.

— אויב איין וואָרט, — מאַכט דער דאָקטער, — קענט איר, נאָר דאָס וואָרט אייערס זאָל ניט מיטשלעפּן נאָך איינס...

— איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל זיך האַלטן ביי מיין וואָרט. ווי איר זעט מיך, דאָקטער, בין איך „אַן אָפּענער איינאונדרייסיק״ און ווי אַזעלכער גיי איך אויפן דרך הישר. דאָס לעבן אָבער שטופּט דיך צומאָל זאָלסט פאַרקריכן אין אַ זייט, דאָס הייסט, ווי איינער גייט, ווען ער האָט איבער־געכאַפּט די מאָס, מיינענדיק, אַז אויב עס ברענט אין גאָרגל איז אַ מיטל צו לעשן מיט בראָנפן. פאַרשטייט איר מיך, אַז איך גיי אַרום איבער די גאַסן, בין איך דאָך דעם גאַנצן טאָג מיט זיך אַליין, טאָ טראַכט איך אויס געדאַנקען וויפל איר ווילט און וועלכע איר ווילט. און דאָ אין מיצקע־דערינען האָט זיך וועמען ערגעץ געשטעלט אַ ביינדל אין האַלדז און ניט אַהין און ניט אַהער, ביי אים זאָל עס בלייבן. איך בין פאַר שלום און אַלס אַזעלכער בין איך קעגן מלחמה, בין איך. שיסן אין מענטשן איז עפּעס אַ תכלית? וועט ער וועלן קומען צו מיר אין שטוב דעמאָלט ווען איך בעט אים ניט, איז האָב איך אים שוין געוויזן, האַ? וויאַזוי איך קען האַלטן אַ ביקס אין האַנט

אין 1948, און וואָס פּאַר אַ ביקס, מ׳שטיינס געזאָגט, איז אין יענעם יאָר געווען, איז דען צו פאַרגלייכן צו אונדזער היינטיקער צייט? אָבער צו וואָס טויג עס מיר? ווינציק מענטשן שטאַרבן אַוועק פון האַרץ־אַטאַקעס, געשווירן, און ווייניק הרגענען זיך אויף די וועגן, איינער פאָרט אַריין דעם צווייטן מיטן דישל אין וואָגן אַריין און זיי לעכערן זיך די קעפּ, צעשניידן זיך די בייכער און וואָס טוען זיי ניט איינער דעם צווייטן? דאָס אַלץ איז שוין געוואָרן אַ וואָכעדיקער גאַנג. זעט איר דען ניט, אַז די וועלט איז ניט ביי אַלע געדאַנקען, איינער פּאַכעט מיטן שווערדל פאַרן צווייטנס אויגן... מ׳לייגט זיך צעקריגטע און מ׳שטייט אויף ברוגזע, ביז ווען וועט עס זיך אַזוי ציִען? און דאָ צו דעם אַלעמען איז מיין רבקהלע גאָר ניט בסדר. עס האָט זי באַפאַלן אַ פּחד, זי האָט מורא. זאָג איך, רבקהלע קרוין, קום צום דאָקטער, זאָגט זי, „מיט וואָס וועט ער מיר העלפן, איך קען מיין קרענק און וויס מיין רפואה״, וויינט זי מיט גרויס רחמנות. זי האָט מורא אַליין אין שטוב צו בלייבן. „לייב־הערש״, זאָגט זי, „איך גיי מיט דיר, דיר העלפן טראָגן די ביקס און אויב דו וועסט מיד ווערן, וועל איך דיין פּלאַץ פאַרנעמען, אַבי זיין מיט דיר, איך האָב מורא״. איין וואָרט, זי האָט מורא. עס איז מיר אויסגעקומען צו מיינען, אַז זי לייענט ניט קיין קריאת־שמע, האָב איך אַ טעות געהאַט. וואָס הייסט לייענען, עס כאַפּט ממש אָן ביים האַרצן איר רעדן מיטן רבונו של עולם. זאָג איך איר, רבקהלע, לאָז דיך אָפּ פון אים. „פון וועמען״, פרעגט זי. וואָס הייסט פון וועמען, זאָג איך, פון דעם וואָס דו רעדסט צו אים נאָר מיט טרערן און ער הערט דיך ווי דעם קאָטער. נאָ דיר גאָר מורא צום טיש. פּלוצים, אין מיטן דערינען, איז אויף איר אַרויף אַ מורא. און ווען? ווען איך דאַרף גיין מאַכן מילויים. איך בין טאַקע פאַר שלום, קעגן מלחמה. איך האָב פיינט די ביקס. וואָס, זי איז דען ניט דעם מלאך־המות רעכטע האַנט?! צו וואָס־זשע טויג עס מיר, צו וואָס נוצט עס מיר? נאָר אַז מ׳דאַרף, דאַרף מען. וואָס־זשע, זאָג איך איר, ווער ווילסטו וועט פאַרטרייבן די מורא דיינע, דער שכן? און זיין ווייב, זאָג איך, קער אויך מורא האָבן, און אַלע ווייבער קערן מורא האָבן. איז וואָס? מיט קריאת־שמע וועסטו זיך ניט לערנען וויאַזוי האַלטן דעם שונא אויף אַ דיסטאַנץ. צעוויינט זי זיך אויף אַ קול און שרייט, אַז זי האָט מורא פאַר דער נאַכט..

און כליפּענדיק אַזוי, זאָגט זי, אַז זי ווייסט שוין וואָס צו טאָן... כאָטש ביי מיר איז אַן אָפּענע טיר, ווי מ׳זאָגט ביי אונדז יידן, כל דכפין ייתי וייכול. דאָך וויל איך ניט, אַז אַ שכן זאָל פֿאַרטרייבן די מורא אירע, בעת איך וועל זיך אַרומטראָגן מיט דער ביקס. הייב איך אָן ביי איר זיך בעטן. אָט, זאָג איך, גיי איך אַוועק צו אונדזער דאָקטער און ער וועט מיר אָנשרייבן אַ פּאָר שורקעלעך און וועט מאַכן מעשה בראשית. איך האָב שוין גע־פּרווט זאָגן דאָרטן, אַז איך בין קראַנק און טויג אויף כפרות... ניין, איר ווילט ניט, דאָקטער? וואָס וועט איך אַרויסקומען, אַז איך וועל מיך ערגעץ וואַלגערן מיט דער ביקס, וואָס איך קען שוין גוט און רבקהלע וועט ליגן און באַגיסן דאָס געלעגער מיט הייסע טרערן? איר שוויגט? אַוודאי איז אייך גוט, וואָס איר זענט ניט אין מיין הויט. וואָס־זשע, אַזוי ווערט אַ דאָקטערס האַרץ אויסגעהוילט פון רחמנות?! באמת אַזוי? צו וואָס־זשע דאַרף מען זיי?

ווען'ס אייניקל?

— צעוואָס זיך גריבלען, נישטערן און זוכן סיבות פון אַנטיסעמיטיזם און ניט אַ קוק־טאָן צו יענע, וועלכע קוויקן זיך מיט גנבה, גזילה, זנות וכדומה? צווישן שיינע מעלות האַ? אַ יאָ שיינע? וואָס־זשע זעט זיך אָן נאָך איינע? מ׳דאַרף זיך ניט חידושן. איז דען ניט קלאָר, וואָס עס קען אַרויסקומען פון אַ מאַלפּיש האַרץ, ווען עס איז איבערפולט מיט... נו לאָמער צוגעבן „ליבע״, און וואָס ס׳איז צו איז איבעריק... רש״י האָט אַ טבע זאָגן: אַז ווו ס׳איז געווען — איז דאָ, און ווו ס׳איז דאָ — וועט אם ירצה השם נאָך זיין. „אַנטיסעמיטיזם? — ווי דען, אַ פּורים־קוילעטש, הומאַניזם? — אַקעגן דעם וואָס זאָגסט „צי״? וואָס „צו״ איז איבעריק, רופט זיך אָן שמעון חייקעס, למשל, ווען פונעם שטריקל פאַלן אין גרוב אַריין ד״ר מענגעלע, ד״ר גלאָבקע, באָרמאַן און פיל נאָך אַזוינע טויזנטער, וועלכע גייען אַרום מיט פאַרבלוטיקטע הענט אויף דער וועלט, וואָס איז זיי מוחל, אַ וועלט אַ אומיושרדיקע, און די ערד דעקט זיי צו, איז דער „צו״ איבעריק? וואַרט, אַזוי ווי מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט פיינטלעכע, נאַציאָנאַליסטיש־רעאַק־ציאָנערע שכינותדיקע רעגירונגען, וועלכע קעמפן, כלומרשט, פאַר אַ בעסער לעבן פון זייערע פעלקער, וועלכע ליגן אויף געהאַקטע צרות און זונקען אין זייער אומוויסנהייט אוןליידן, איז מען, הייסט עס, זיך מקריב און עס פליען קעפּ דערווייל, ביז זיי וועלן אויסשניידן ביי זיך דאָס סאַמע מענטשלעכסטע און דערנאָך וועלן זיי זיך אַ לאָז־טאָן אויף אונדז און אין ים אונטערטונקען, איז ווען מיר זאָלן זיך ערנסטער און מיט מער גוטן ווילן צושאַרן צו יענע, וועלכע טוען אַלץ, וואָס זיי קענען יאָ און וואָס זיי

קענען ניט, כדי ניט צולאָזן אַז איין פאָלק זאָל זיך נעמען הרגענען אַ צווייטס, איז דער „צי", לויט דיין שכל, איבעריק?

— דאָס וואָלט שוין לאַנג כדאַי געווען טוען, — קוקט ישראל ריבקין דעם גוטן ברודער זייבעם אַריין אין די אויגן, — און מיר זיינען דאָך אַזוי נאָענט געווען צו זיי, זיי האָבן דאָך אונדז, אין אַ שווערער נויט, געהאָלפן. גו, מ׳פרעגט דאָך ניט אונדז, ביי אונדז זיינען דאָך אַלע חכמים. שייך צו זאָגן „צי", דו מיינסט, אַז זיך צושאַרן צו, גיב אַ קוק רעכטס צו, יענער שיינער נקבה, וואָלט דער „צו" געווען איבעריק? אָבער ניט וועגן שיינע נקבות ווילן מיר רעדן, ווען עס ליגט אויף דער צונג וויכטיקערס. איך וויל זאָגן, אַז אין דעם אַלעמען, ווער מיינסטו איז שולדיק? מיר. אַלץ מיר. ווער נאָך אַחוץ אונדז האָט געלעגט די יד אויף אַזאַ אבן־טוב? אמת, אַזוי זאָגן מיר, ניט אַלע זיינען מחויב מיט אונדז מסכים צו זיין. מ׳קען ניט זאָגן, אַז אונדזערע זיידעס האָבן אַוועקגעחלשט, בעטנדיק מ׳זאָל זיי פאַרטרויען דעם אוצר און, צי זיי אַליין האָבן זיך ביים אָנהייב מיט אים געקוויקט — בין איך אויך אין ספק. שפּעטער ערשט האָבן זיי צעקייעט און אָנגעהויבן טועם זיין דעם טעם. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן מיט צוויי אומגעלומפּערטע קוקערס? איך רעד דאָך צו דיר ניט אויף טאַטעריש, איך מיין די עשרת הדברות מיין איך, אַז מיר זאָלן זיך מיט זיי אַרומטראָגן צווישן די אומות העולם. דו פאַרשטייסט מיך אַלץ ניט? אַ נו פּרווו פּאַכן דעם „לא תגנוב" פאַר אויגן, וועלכע האָבן דווקא יאָ ליב צו גנבענען, צי דעם „לא תרצח", וועלכע האָבן הנאה צו הרגענען, צי דעם „לא תנאף", וועלכע עס גלוסט זיך נאָר פרעמדס, איז מיינסטו געפונען חן אין זייערע אויגן? צי אַ גוט הארץ, וועלן די פאַרשווינען דיר אַקעגנטראָגן? — „לאָמיר זאָגן", „פּרעגט זיך שמעון, „אַז דו גייסט אויפן דרך הישר, אַ וועלט אָבער זאָגט גאָר עפּעס אַנדערש און מיר דאַרפן זיך צוהערן און עפּעס לערנען, אויב ס׳איז דאָ וואָס, און ניט סתם אַזוי אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווייל מיר ווילן אַזוי..."

— וואָס זאָגט אַ וועלט, — בייזערט זיך ישראל ריבקין, — קאָנקורענץ? קאָנקורענץ אין קאָמערץ, אין מלאכה, אין פרייע פּראָפעסיעס, אין פינאַנץ און ווייס איך נאָך — קינה, שמינה און וכדומה, דאָס בין איך דיר מוחל.

זעסטו, איך דערמאָן זיך אין אַ פּשוטער מעשה, וואָס האָט געקענט דינען פּאַר אַ...

שמעון פאַרפאַרט ישׂראלן אין מיטן, ניט לאָזנדיק אים ענדיקן דעם געדאַנק, קלאָגנדיק זיך, אַז אין קאָפּ זײַנעם איז שוין אַ גאַנצע קאַשע. אָנגעהויבן, זאָגט ער, האָט מען דאַכט זיך דעם שמועס איבער קיטשקאָ. ער קען נישט פאַרשטיין, זאָגט ער, וואָס קען אים אין אונדז ניט געפעלן, און מיט וואָס מאַזאָליען מיר אים זײַנע „אײדעלע געפילן״? קאָנקורענטן זײַנען מיר אים ניט, לויט זײַן טיטול און בענקל, וואָס וואַרט אויף אים אין די גרויסע פענצטער, דאַרף ער דאָך נישט זיך קיין פּשוטע מאַלפּע, וואָס זאָל איבערחזרן געבעלס תורה. ווי האָט ער אַזויפיל סם אָנגעזאַמלט, אַז ער זאָל אויסשפּייען אין זײַן „יודאַיזם אָן באַפאַרבונג״? ישׂראל פּרוּווט אים באַרואיקן, ברענגענדיק אויסצוגן, וואָס זאָגן עדות, אַז קיטשקאָ אַליין ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. „פאַר וואָס־זשע האָט ער געוווּסט״, הייבט שמעון העכער ס׳קול, „אויסמעקן פון די עשׂרת־הדברות דעם „לא״ און זאָגן, אַז מיר האָבן דאָס געטוען? טויזנטער יאָרן טראָגן מיר זיך אַרום אין דער וועלט מיט די „לאו׳ן״, איז פּלוצים זײַנען מיר אַראָפּ פון זינען און נעמען דעם שענסטן און טײַערסטן בריליאַנט פון אונדזער קרוין — רײַסן אַרויס און וואַרפן אים אין אַזוינע אומרײנע הענט ווי קיטשקאָ׳ס?״

ביי אַ גלעזל טיי אין אַ קאַפע־הויז, אײַנגעטלעך ניט אין קאַפע, נאָר נעבן, אויף דער גאַס, אויף דיזענגאָף זיצן צווײ גוטע ברידער, וועלכע האָבן זיך אַ היפּשע צײַט ניט געזען. כאָטש דאָס לענדל איז גרויס ווי אַ גענעץ פון אַ צוויי־יעריק צאַבראַלע, דאָך איז שווער זיך אָפטער טרעפן. אויך די צײַט ביי אונדז איז אַ קורצע, איז אײַלט מען זיך און ווער עס אײַלט זיך — דער לויפט, איז אַלע לויפן, אַלע זוכן, אַלע נישטערן: ווער אַ ברויט פאַרן מויל און ווער אַ לוסט־רײַזע קיין אויסלאַנד, ווער עס זוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ און ווער אַ לוקלוס־ווילע, ווער עס זוכט זיך אַ קוויק טאָן דאָס האַרץ מיט אַ שמייכל פונעם האַלב־אָנגעזעטיקטן קינד און ווער וויל זיך קוויקן מיט אַ צווייטנס יפהפיה — מ׳קען דאָך אַלע טאָג ניט עסן באָרשט, איז ווי בײַט מען ניט דאָס מאכל? ווער און ווער — ס׳איז דאָך דאָ אַזויפיל „ווער׳ן״ און אַזויפיל „פאַרוואָס׳ן״.

זיצט מען, הייסט עס, און מ׳כאַפּט אַ שמועס, ס׳איז דאָך דאַ אַזויפיל איבער וואָס צו רעדן. קודם רעדט מען זיך אַראָפּ פון האַרץ, דערנאָך נעמט מען זיך באַרעדן גאָטס וועלטל, קיין פויגלדיקס איז עס סיי ווי ביי אים ניט אַרויס און אויב מ׳רעדט שוין, מוז מען שוין דערגאַנצן מיט אַ פּאָר זיסע ווערטער אויף עמעצנס חשבון: וועמען אָנזייפן אַ מאָרדע און אָפּוואַשן דעם שמוץ, וועמען אַ קראַץ־טאָן אין פּלייצע און אונטערלייגן אַ פּאָר ברכות... — זאָלן אים פאַרשטערן דאָס זיסע שמייכל, און וועמען אין בעקל אַ קניפּ־טאָן, אַז ס׳זאָל אים פאַרגייען אונטערן לעפּעלע... שמעון קען אַלץ זיך ניט באַרואיקן און הערט ניט אויף אַלץ צו פרעגן: „פאַרוואָס״ און צום ווייפלטן מאָל „פאַרוואָס״ האָט מען צוטאָן מיט יידן, אפילו ווען זיי האַלטן זיך אין אַ זייט און וואָס ווייטער פון פרעמדע אויגן. ישראל פּרוּווט זיך לאָזן הערן מיט אַ ביישפּיל, איינעם פון אַ סך, ווי ער זאָגט, אַריינברענגען אַביסל קלאָרקייט אין ענין ייד און ניט־ייד און וויאַזוי זיי זעען אויס, ווען זיי שטייען פּנים אל פּנים, וויאַזוי טראַכט איינער וועגן צווייטנס מיין, און ביידע גלויבן נישט אין דעם זעלבן אמת, יעדער אין זיינעם, אויב ער האָט אַזוינס און אויב ניט, ווערט דער שקר אויך ביי אים אַן אמת...

און וויאַזוי מ׳זיצט ביי אַ טישל אויפן טראָטואַר און מ׳איז פאַרטיפט אין אַזאַ וויכטיקן שמועס, דאָך כאַפּט דאָס אויג אויף אַן אייגענעם, אַ נאָענטן, וועלכער טראָגט אַ פּעקל זכרונות פון יונגע יאָרן... אַ ייד אַביסל אַ פאַרחלומטן באַמערקן זיי גיין דערנעבן, ווער ווייסט אין וועלכע הימלען האָט דער ייד זיין קאָפּ אַרויסגעשיקט, ער זאָל דאָרטן עפּעס שענערס אויפזוכן... דער ייד איז זייערער אַ בן עיר, אויסגעוואַקסן אויף איין גאַס און דער עיקר, וואָס פאַרבלייבט אויף אייביק אין זכרון, די באַנק אויף וועלכער דער רבי האָט זיי אינאיינעם געשמיסן — איינעם פאַרן צווייטן און ביידע פאַרן דריטן. פאַרהאַלטן זיי אים און ביי אַ גלעזל טיי לעבן אויף זכרונות, וועלכע זענען שוין לאַנג געליגן אין דער, שוין ניט באַענטער, פאַרגאַנגענהייט.

— זעץ דיך און דערצייל ווי גייט עס דיר מיט דער „מוזע״ דיינער? — נעמט ישראל אַרום דעם בן־עיר זיינעם, — אַ שרייבער איז ער.

— איך פון מיין מוזע, — גיט אַ זיפץ דער שרייבער, — האָב קיין גרויס

נחת ניט. זי איז ביי מיר אַ געפּעשטשעטע און אַלס אַזעלכע איז זי שוין צו קאַפּריזנע: וואָס זי זינגט אויס, וויל מען ניט דרוקן, און וואָס יענע מאָגן, וויל זי ניט געבן. איז ווער־זשע איז דאָס כפּרה־הינדל? דער שלימזלדיקער מאָגן — ער מוז אַלע נבלות איבערקאָכן... נו, און איר, איבער וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרהאַקט?", שטעלט דער שרייבער אַ פראַגע ישראלן אַריין אין זיין האַלב־אָפן מויל.

— אויך איבער מאָגנס, — ענטפערט ישראל מיט אַ שמייכל אין די אויגן, — וועלכע קענען ניט צי ווילן ניט אונדז איבערקאָכן... „אַוודאי פרעמדע? —" ווו דען אייגענע? —" מ׳דאַרף זיך ניט חידושן פאַררייכערנדיק אַ ציגאַר, מאַכט דער שרייבער, איר מיינט, אַז אונדזערע מאָגנס קאָכן יאָ איבער איינער דעם צווייטן? וואָס איז, שמייכלט דער בעל חלומות, „מ׳קען אונדז ניט ליידן", איז וואָס גייט די וועלט אונטער, צי „שיינע שיינדל" גייט דערפאַר ניט אין מקווה, „מ׳האָט אונדז פיינט", איז גייען דערפאַר די געגנדז באָרוועס? וויאַזוי איז ביי אונדז: מיר צווישן זיך קענען זיך יאָ ליידן? און ווי גרויס איז די ליבע ביי אונדז איינער פאַרן צווייטן? אָט, גייט ער, ווי זאָגט מען עס ביי אונדז — בעסער וואָלט איך געזעדט פון משיחן, איידער פון אַזאַ היפּאָקריט, קוקט אייך איין אין יענעם, וועלכער זעצט זיך ביים לעצטן טישל לינקס, אַ כהן גדול איז ער, אַזוי מיינט ער, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון אַ ציטונג. וואָס־זשע, איר קענט אים ניט? איר האָט דאָך אויך אַמאָל „געזינדיקט". ווער, איך? רופט זיך אָן שמעון. „נו, יאָ, דו און ער. „יאָ, איך קען אים, אָבער ער מיך קען ניט. „פאַרוואָס?" ווייל ער וויל ניט, דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז ער איז... „יאָ, יאָ, ער איז אַ גאַנצער אַי, אַי". וויאַזוי שטייסטו מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל? וועמען מיינסטו, סאַטניקן?" המ... המ... דער איז שוין גאָר אָן אי, אַי, אַי, קראַצנדיק זיך אין קאָפּ, נאָר וואָס דען — דער איז געקומען אין לאַנד מיט עפּעס... מיט אַ ייחוס־בריוו און דאָס איז, ניט נאָר ביי אים, אויך ביי אַנדערע, דער עיקר.

— דערפאַר איז ער ביי דיר אַרויס מיט דריי „אַי׳ן", ווייל ער האָט אַ עפּעס אין קאָפּ? דער האָט דווקא גאָר ניט אין קאָפּ, וואָס ער האָט יאָ, האָב איך דאָך אייך געזאָגט, איז דער ייחוס־בריוו. „נו?" נו, נו... וואָס נו־קעט

איר, ס׳איז שוין צייט צו קענען... אַ ייִד וואָס קען אַלע „מיוחסים״ פֿון די אומות העולם און פֿאַר זײַנע אייגענע — הייבט ער מיט אַן אקסל.

— ???

— וואָס עפּנט איר אַזוינע גרויסע אויגן אויף מיר? — שמייכלט דער שרייבער. — וואָס איז דאָ ניט צום פֿאַרשטיין? ס׳איז שוין צייט צו וויסן, אַז זיי, ניט אַזוי זיי, ווי אייניקע פֿון זיי, ווילן זיין פֿון אַן אַנדער מין גזע.

— אַזוי גאָר?! — האָבן בײדע, ישראל און שמעון, אויסגעשריגן — וואָס פֿאַר אַ מין גזע זאָגסטו?״ — „איך? ניט איך זאָג עס, זיי ווילן, ד. ה. איינע פֿון זיי ווילן מ׳זאָל אַזוי זאָגן און די איבעריקע שאָקלען צו מיט די קעפּ. אפשר, ווער ווייסט, זיי מיינען אויך אָפּלעקן אַ ביינדל ביי דעם געשעפֿט. טאָ פֿאַכעט מען פֿאַר די אויגן זייער עמבלעם און דאָס איבעריקע זאָל מען שוין אַליין פֿאַרשטיין, אַז אַלע, וועלכע שטאַמען פֿון יענעם מקום, מעגן זיך האַלטן פֿאַר גאונים, אַזוי אַז אונדזער גאון ציט זיין שורש העט, העט, ווער קען עס וויסן, ווער? „וואָס הייסט ווער? זיי קערן עס אַוודאי וויסן, אַז זיי האַלטן אַ סוד״. „נייך, איך מיין, אַז זיי אַליין ווייסן אויך ניט געגנוי, זיי ווייסן נאָר, אַז מ׳איז עפּעס, אַז זיינען...״

— וואָס זיינען זיי? — האָבן אויף אַמאָל ביידע אַ פֿרעג געטון.

— דער סאַמע צימעס — הרנס אייניקלעך.

— וואָס איז שוין דאָס פֿאַר אַ מאכל? מיט וואָס שטייט הרן העכער פֿונעם ברידער זיינעם אברהם?״

— אברהם אבינו איז געווען נעבעך אַן עם־הארץ, ניט געוווּסט קיין צלם פֿאַר קיין אלף, בעת דער ברודער זיינער איז געווען אַ „בן־תורה״, מיט אַ איראַניש שמייכל גיט ער צו, געלערנט אַ בלאַט גמרא... איז אַט אַ דער סאַטניק, דער כהן גדול פֿון יענעם ליטעראַרישן זשורנאַל האַלט דעם געלערנטן זיידן זיינעם אין קעשענע און ווען ער דאַרף, נעמט ער אים אַרויס און פֿאַכעט מיט אים פֿאַר קעלבערישע אויגן, און ווי ער האָט מיט דעם, פֿון דער צייטונג, געלערנט אין איין חדר, אַזוי האָט ער אים שוין אויך צוגעטיילט אַ שטיקל ייחוס, כדי צו פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף דער הינטערשטער באַנק. וואָס פֿאַר אַ נפקא־מינא אויף וועלכער, אַבי אין דער אייביקייט.

— דאָס פאַרשטיי איך שוין ניט, — מאַכט ישראל מיט עקל, — ווען און אין וועלכע צייטן האָבן זיי אויסגעשפּראָצט דאָ.

— רואיק! — שמייכלט דער שרייבער, — רעג דיך ניט אויף, סע לוינט זיך ניט, ווען מיר זענען פון מצרים אַהער געקומען האָבן מיר זיי שוין דאָ געטראָפן זיצן און זיך שאָקלען איבער אָפענע ספרים...

— פון וואַנען נעמסטו דאָס? — איז צו אים צוגעשטאַנען ישראל, — האָסט עס אַוודאי די נאַכט אויסגעחלומט?

— ניט איך האָב דאָס אויסגעחלומט, נאָר אַ ייד אַ למדן, וואָס זאָג איך אַ למדן — אַ גאון איז ער, און וואָס דען ניט? ער איז אַ תנ"ך־פאַרשער, אַ פילאָסאָף, אַ מנהיג, אַ פירער און דאָס אַליין, וואָס ער איז שוין קרוב זעכציק יאָר אין לאַנד זאָגט עדות: אַז ער איז..."

— וואָס איז ער?

— ער איז. און אויב ער איז... דאַרף מען אים גלייבן וואָס ער זאָגט.

— אַנו, גיב נאָר אַ קוק, — טאָרעט אים שמעון, — אָט צו דעם, וועלכער האָט זיך צוגעזעצט צו דיין כהן גדולס טיש.

— דעם האָט מען שוין אויך צוגעלאָזט צום עמוד, אַן „אי" צוגעשפּילעט צו די עפּאָלעטן און אים אָפּגעטיילט, אַ ביסל וויטלעך, אַן אָרט אויפן נידעריקסטן שטאָפּל פונעם לייטערל, אויף וועלכן ער וועט דאַרפן זיך דראַפּן צו דער אייביקייט. מיינט ניט, אַז עס איז אים אָנגעקומען גלאַט: ער האָט נעבעך געוואָגלט, ביז ער האָט עפּעס זכות־אָבות אָנגעזאַמלט פאַר די לעצטע יאָרן.

— נו, און מיר ווי שטייען מיט אונדזערע אָבות? — פרעגט שמעון.

— אַ שטייגער?

— פיכמאַן, שטיינבאַרג און נאָך און נאָך. וויניק ביי אונדז? מיר וואָלטן געקענט זיי אויסלייען אַ פּאָר.

— ווייס איך וואָס, די נעמען זיינען ביי זיי ציבעלעס מיט קנאָבל און רוף זיי קנאַק־ניסל. אַ קאַפּיטאַן איז דער, אויף וועמענס קאָפּ ס'ליגט דאָס קאַפּיטאַנסקע היטל, און אויב אַזוי, שטעלט מען אים אַוועק ביים רודער... פאַרשטאַנען? איז שלינגט אַראָפּ..."

— ווי זאָגט רש"י, וואָס מער מ'לעבט — מער עסט מען, איז אַזוי

האָבן מיר זיך דערוווּסט, פאַרוואָס האָבן זיי פליי אין זייערע נעזער און ווידער אַמאָל זאָגט רש״י: אַז די, וועלכע ווייסן ניט „מאי דקמרא רביצין״, נאָר קריכן אויף אַלע פיר, אָט אַ די דערקריכן צום אויבן־אָן און ווערן באַלעבאַטים איבער אַלץ וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן אלף. נו, איז לאָזן דיין הרב׳ס אייניקלעך לעבן און געזונט און שטאַרק זיין, און ווי זאָגט איר, כן ירבו! איצטער וועל איך אייך עפּעס זאָגן וועגן אַ פּאָר אייניקלעך, דאָס מאָל שוין עשוס, — מיט איין אויג שמייכלט ישראל צום שרייבער און מיטן צווייטן שיקט ער אַ גנבישן בליק צו דער שכנטע, דעם שיינעם יונגן ווייבל, וועלכע זיצט רעכטס ביי אַ טישל מיט איין פוס איבערן צווייטן און מיט אַ סיגאַרעטל צווישן צוויי פינגער, פאַרטראַכט זי זיך פון צייט צו צייט. ישראל וויל דווקא וויסן וועגן וואָס זי טראַכט און זאָגט אַרויס אין דער הויך זיינע געדאַנקען:

— אוודאי טראַכט זי וועגן אירע יונגע יאָרן, וואָס גייען אַוועק, אָן דעם זי זאָל זיי אויסנוצן אַזוי ווי דאָס האַרץ גלוסט און די בלוטן מאָנען...

— וואָס האָט איר זיך פלוצים אַזוי איינגעגראָבן מיט אַזוינע זיסע בליקן אין אַ פרעמד ווייבל, — טאַרעט שמעון ישראלן — נו, זאָג שוין, וואָס האָסטו צו זאָגן. זע נאָר ווי ער קען זיך ניט אָפּרייסן פון דער יפיפיה און דאָרטן דאָס ווייב זיינס טראַכט איבער, ס׳זאָל זיך מיט אים אָן אַקצידענט ניט טרעפן אויף דיזנגאָף־גאַס...

— פון וואַנען ווייסטו, — רופט זיך אָן דער שרייבער, — צי זי האָט אַ מאַן? אפשר איז זי אַ געגטע, צי אַן אלמנה, צי גאָר ניט קיין חתונה־געהאַטע.

— זי איז אין אַ צו ערנסטער שטימונג, אַז זי זאָל האָבן אַ מאַן...

— עס איז געווען אַמאָל, — הייבט אָן ישראל.

— אוי, דער אַמאָל, — גיט אַ זיפץ דער שרייבער, — מ׳וואָלט קיין טעם אין לעבן ניט געפילט, ווען ס׳וואָלט דער „אַמאָל״ ניט געווען... וויפל בענק־שאַפט, וויפל טרויער ער גיסט אין האַרצן אַריין!

— הייסט עס, — הייבט אָן אויפסניי ישראל, און גיט זיך אַ גלעט איבערן בערדל, וואָס האָט געזאָלט זיין ביי אים לויט די קינדערישע טרוי־מען, — געווען נאָך פאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן ווען ער איז, ניט איצט

געדאַכט, געפאָרן רייטנדיק אויף אַ ווייס פערדל און געדראַט די יאַפּאַנער, אַז ער וועט זיי באַוואַרפן מיט די היטלעך פון זיינע אַרמייען. מען קען זאָגן, ווען איך בין נאָך אַ שנעקל געווען, איז מיר אין קאָפּ געקומען פרעגן דער מאַמען מיינער אַזאַ שאלה: פאַרוואָס רופט מען מיך זשיד? נו, זאָל זיין זשיד, אַז אַ וועלט וויל אַזוי, האָבן מיר זיך שוין צו דעם צוגעוווינט. אַ ברירה האָבן מיר? איז הערן כאָטש פון אַ פריץ, זאָג איך, מהיכא תיתא. פאַר אַ פריץ פּאַסט עס אפשר, גרויסע פענצטער, איך ווייס, אַ מיוחס, אָבער ציגיינער? פאַרוואָס רופן זיי מיך זשיד? מיר זענען, דוכט זיך, די זעלבע מחותנים אויף אַ פרעמדער חתונה? פאַרהאַסט זיינען זיי ניט ווייניקער פון אונדז און גערודפ׳טע ניט מער פון אונדז. פילט ער דען ניט דאָס זעלבע, ווען מ׳זאָגט אים „ציגיינער", ווי איך, ווען מ׳שרייט מיר אַריין אין די אויערן „זשיד"? אַזוי פאַרשמירט און שמוציק ווי ער איז, לאַכט ער דיר נאָך אַריין אין פּנים, ווי ער וואָלט געזאָגט: „אַט ליג איך אין דער בלאָטע, וואַלגער זיך איבער אַלע שטעט און שטעטלעך אייערע און לאַך פון דיר, כאָטש דו גייסט אַרום אַן אויסגעפּוצטער אויף ריינע גאַסן". אויף דער פראַגע מיינער ענטפערט מיר די מאַמע: „די ציגיינער זענען מלא שנאה קעגן אונדז פאַר אַ לאַנגיאַריקן חוב. זיי האַלטן, אַז מיר זענען זיי שולדיק דריי טעג. מיר, זאָגן זיי, זענען אַרויס פון מצרים דריי טעג פריער פון דער אָפּגעשטעלטער דאַטע. די ציגיינער, ווי מ׳מיינט, שטאַמען פון אינדיע, זיי אָבער האַלטן זיך פאַר מצרים".

— עס איז אַוועק אַ פּאָר יאָר, — זעצט פאָר ישראל — און אין יאָר 1916 האָב איך פאַרבראַכט מיינע וואַקאַציעס ביי מיינער אַ שוועסטער אין ניספּאָרען — אַ גרויס דאָרף אין קעשענעווער אויעזד. ניט ווייט אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ דערפל — באָגדאַנאָווקאַ — אויסשליסלעך פון ציגיינער. ניט בעסאַראַבער, ניט יידן האָבן אין דעם דאָרף געלעבט. אין אַ טאָג, וויזט אויס אַ יריד־טאָג, דערנענטערט זיך אַ ציגיינער מיט זיין ווייב, וועלכע טראָגט צוויי קינדערלעך אויף איר הענט — איינס, גאָר נאַקעט און אויפן צווייטן אַ צעריסענע שוואַרצע שמאַטע, וואָס פאַרדעקט אַ דריט חלק פונעם גופעלע און צוויי גרעסערע קינדער האַלטן זיך ביי איר צעריסן קליידל. דער ציגיינער שטעלט זיך אַוועק פאַרן גאַניקל, ווו

איך בין געזעסן, פאַרנייגט זיך אינצווייען פאַר מיר מיט אַט די ווערטער: „איך קום צו דיר, גאָספּאָדינטשיק, מיט אַ גרויסער בקשה: דו זאָלסט מיר אַ בריוו שרייבן צו מיינעם אַ זון, וועלכער דינט דעם „באַטיושקאַ, צאַריו נאַשעמו". „יאָ", זאָג איך, „איך קען דיר אַזאַ בריוו שרייבן". דער ציגיינער ווערט מלא שמחה און דאָס ווייב זיינס הייבט מיך אָן באַשיטן מיט כל מיני ברכות. „אָבער", זאָג איך, און ווי עפּעס האָט מיר די ליפּן מיינע צוגע־שלאָסן, אַז איך זאָל דעם געדאַנק ניט דערזאָגן, בעת אין די אויערן האָבן זיך צעקלונגען די רייד פון דער מאַמען מיינער, פון צוריק מיט יאָרן, וואָס האָבן אויסגעטייטשט די סיבה, פאַרוואָס אויך די ציגיינער רופן מיך „זשיד". דער „אָבער" איז געווען: ניט זיי זאָלן מיר זאָגן וועגן וואָס איך זאָל שרייבן, נאָר באַקומען גאָר אַן אַנדערן תוכן: באַלוינען מיך פאַר מיין אַרבעט זאָל ער. „גוט", איז איינשטימיק מיט מיר דער ציגיינער, „איך בין גרייט דיר באַלוינען מיט אַ פּאָר קאָפּיקעס". „ניין", זאָג איך, „עס האַנדלט זיך ניט אין קיין קאָפּיקעס, נאָר אין עפּעס אַנדערש". „טאָ וואָס, גאָספּאָדינטשיק", בייגט ער זיך הכנעהדיק אין דרייען, „קענסטו מאָנען ביי מיר?"

„איך מאָן ביי דיר", זאָג איך, „דו זאָלסט מיר מוחל זיין די דריי טעג, וואָס איך בין דיר שולדיק געבליבן, ווען איך בין אַרויס פון מצרים".

דערהערנדיק די פאָדערונג מיינע, האָט ער אַ ציטער געטאָן. די אויגן זיינע האָבן זיך איבערגעפּולט מיט אַ בייזער ווילדקייט און פון האַרצן זיינעם האָט זיך אַרויסגעריסן: „ניין! דאָס ניט! דאָס וועט קיין מאָל ניט געשען, דאָס וועלן מיר אייך קיין מאָל ניט מוחל זיין?!" „ניט — איז ניט", זאָג איך אַ רואיקער, „דאַרף מען ניט, וועל איך די בריוו ניט שרייבן".

דער ציגיינער גייט אַריבער שוין אויף אַ מער ווייכערן טאָן און נאָך יעדן וואָרט ווערט ער אַלץ ווייכער, ביז ער קומט צו צו אַ געבעט. די אויגן פּילן זיך ממש אָן מיט טרערן: „האָב רחמנות, פאַרשטיי מיך, אַזוינע עבירות קענען ניט פאַרגעבן ווערן אין לעבן".

געטראַכט האָט ער אַוודאי — אַזאַ געמיינהייט, אַזאַ פאַרברעכערישקייט, נאָר ווי קען ער מיך באַליידיקן, ער דאַרף דאָך צו מיר, האָט ער עס אָנגע־רופן „עבירות". איך אָבער האַלט זיך פעסט ביי מיינעם און עס העלפט ניט

קיין געבעט און עס העלפן ניט קיין טרערן. ווי אַ שטיק, אָן אַ האַרץ און אָן געפילן שטיי איך און שמייכל אים אַריין אין די אויגן.

דער ציגיינער מיט דער גאַנצער משפחה זײַנער איז אַוועק. עס דויערט אָבער ניט לאַנג און זיי זײַנען ווידער דאָ. דער שמועס חזרט זיך איבער, נאָר פּאָזיטיווע רעזולטאַטן זעט מען ניט. ביידע צדדים זײַנען פאַרעקשנט, טרעטן ניט אָפּ פון זייערע פּאָזיציעס און קיין שום ענדערונג אין זייערע פאָדערונגען. אַזוי זײַנען זיי געגאַנגען און צוריקגעקומען אַ פּאָר מאָל, ביז דער ציגיינער האָט מסכים געווען. עס ווײַזט אויס, אַז אין דאָרף ניספּאָרען בין איך געווען דער איינציקער גראַמאָטיי, צי אפשר דער איינציקער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען שרײַבן אַ בריוו דעם סאָלדאַט, וועלכער דינט מיט לייב און לעבן דעם „צאַריו־באַטיושקאַ נאַשעמו".

זעץ איך זיך אַוועק און שרײַב קודם אָן דעם דאָקומענט ווי עס זאָגט זיך: „איך אונטערגעחתמעטער קיטשקאָ יאָרו פון דאָרף באָגדאַנאָווקאַ, ניספּאָרענער וואָלאָסטי, קישיניעווער אויעזד, בעסאַראַבער גובערניע, ראָסיסקאַי אימפּעריע, דערקלער: אַז איך בין מוחל דעם יידן ישראל ריבקין זײַן אַלטן חוב צו מיר — די דריי טעג, וואָס ער איז מיר שולדיק געבליבן, ווען ער האָט פאַרלאָזט מצרים פריער פון דער באַשטימטער דאַטע, און אַריבערגעגאַנגען דעם ים־סוף און זיך באַזעצט אין דער מידבר סיני". לעבן נאָמען אַ צלמל, אויף וועלכן ס'קומט די חתימה: „קיטשקאָ יאָרו".

מיט ווילדע בליקן האָט דער ציגיינער זיך אַרײַנגעגראָבן אין דעם דאָקומענט, טראָפּנס שווייס זײַנען אַרויס אויף זײַן שטערן און מיט אַ ציטער־דיקער האַנט האָט ער אויפן צלמל אַרויפגעלייגט דעם גראָבן פינגער.

דעם דאָקומענט האָב איך אַרײַנגעלייגט אין בוזעם־קעשענע פון מײַן גימנאַסטיאָרקע, כדי אים ווײַזן ווי חשוב און טייער דער דאָקומענט איז בײַ מיר, אַז איך מוז אים צום האַרצן לייגן. אַרײַנגעקוקט אים אין זײַנע אויפגערייצטע אויגן און הייב אָן דעם בריוו בזה הלשון: „טײַערער זון מײַנער האַזאַסטראַ, זאָלסט לעבן און געזונט זײַן. איך, דער טאַטע דײַנער, יאָרו, קום דיך בעטן דו זאָלסט אַלץ טוען, וואָס ס'איז מעגלעך און אַפילו טוען איבער דײַנע כוחות, כדי זיך אויסדינען אין אַזאַ מאָס, אַז דער „צאַר־באַטיושקאַ בעצמו זאָל מיט זײַן הייליקער האַנט אויפהענגען אויפן האַרצן

דיינעם אַ מעדאַל. די נאַגראַדאַ, זון מיינער, וועט דיר צונוצקומען פאַר דער נאַטשאַלסטוואָ, זי זאָל זיך מענטשלעכער באַציען צו דיר און צו דיינע קרובים נאָענטע און ווייטע. אַמאָל, זון מיינער, קען מען פאַר אַזאַ מעדאַל, אפשר באַקומען אַ שטיקל באָדן. ווער ס'פאַרמאָגט באָדן, דער פאַרשפאָרט גיין איבער די הייזער בעטלען אַ זשמעניע קוקורוזע־מעל, כדי אַ טאָג איבערצולעבן".

שרייב אים אויך, גאָספּאָדינטשיק", זאָגט ער מיר, „אַז מיט אַזאַ מעדאַל אויפן האַרצן פילט מען זיך, אפשר, פאַר אַ מענטש"! איך מיין, אַז דעם, וואָס טראָגט אַ מעדאַל, וועט די נאַטשאַלסטוואָ ניט וואַגן צו שמייסן איבער די פּיסקעס, ווי זי האָט אַ טבע צו טוען מיט נאַש־בראַט. ווייסט דאָך, אַז פאַר יעדער נאַרישקייט וואַרפט מען דיך אין קעלער און מען שניידט פון דיר פאַסן הויט. שרייב אים, אַז איך בעט אים ניט זשאַלעווען קיין בלוט פאַרן „צאַר־באַטיושקאַ נאַשעוואָ". איך וואָלט נאָך עפּעס באַדאַרפט צוגעבן", זאָגט ער, „נאָר עס פּאַסט ניט, דו ביסט דאָך, גאָספּאָדינטשיק, ניט פון אונדזערע".

אַריינגעלייגט האָב איך דעם בריוו אין קאָנווערט, אָנגעשריבן דעם קילאָמעטראָוון אַדרעס און אים דערלאַנגט אַזוי וואָזשנע, ווי אַ ווערטפולן דאָקומענט, אַ דאַנק וועלכן דער זון האָזאַסטראָ וועט באַקומען דעם מעדאַל. דער ציגיינער איז אַוועק אַ גליקלעכער מיטן בריוו, ווי ער וואָלט שוין געזען דעם זון זיינעם, אַ העלד, שפּאַנט אַרום מיט דער נאַגראַדע איבער דער ראַ־סיסקאַי אימפּעריע.

נאָך אַ פּאָר שעה וואַקסט אויס ביי מיין שוועסטערס שטוב אַ מחנה ציגיי־נער און ציגיינערינס מיט גרעסערע און קלענערע קינדער אויף די הענט. די קולות, ווי זיי וואָלטן אַרויס פון הונדערטער מיילער, אָבער אָנצייל̇ן קען מען ניט מער ווי אַ פּאָר צענדליק. אוודאי איז געווען אוממעגלעך אַ וואָרט אויפצוכאַפּן. די קולות האָבן דערגרייכט ביז אונטערן הימל, און דער טומל איז געווען אַ שרעקלעכער. אין שפּיץ פון דער הילכיקער מחנה — קיטשקאַ יאַרו. שוין גאַרנישט דער קיטשקאַ מיט דער הינטישער הכנעהדיקייט, ווי בעתן שרייבן דעם בריוו, נאָר מיט ווילדע פאַרלאָפענע אויגן שרייט ער אויס: „גאָספּאָדינטשיק, איך בין געקומען אָפּמאָנען דעם דאָקומענט מיינעם, וואָס

איך האָב דיר געגעבן, לויט דיין פאָדערונג, לויט וועלכן איך בין דיר מוחל די דריי טעג, וואָס דו ביסט מיר שולדיק". „גוט", זאָג איך, „אויב דו האָסט חרטה, זאָל זיין ווי דו ווילסט. גיב מיר אָפּ דעם בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צו דיין זון".

„ניין", רעוועט קיטשקאָ יאַרו אויף אַ קול, „דאָס ניט! דו דאַרפסט וויסן, ווער איך בין און ווער דו ביסט".

„יאָ", זאָג איך, „דאָס ווייס איך".

„וואָס ווייסטו?"

„איך ווייס, אַז דו ביסט אַזאַ מענטש ווי איך".

„ניין", הייבט ער נאָך העכער דאָס קול, „ניט אמת! איך בין אַ פּראַ־וואָסלאַווני און דו וואָס? דו מאַך ניט דיינע יידישע שטיק און גיב אַהער דאָס פּאַפּיר, וואָס דו האָסט ביי מיר אויסגענאַרט!".

די שוועסטער מיינע, אַ דערשראָקענע, בעט זיך ביי מיר, איך זאָל זיי אומקערן דאָס פּאַפּיר: „וואָס ווילסטו, זיי זאָלן חרוב מאַכן די שטוב מיינע? הערסטו דען ניט, ווי זיי דראָען אונטערצוצינדן די שטוב?"

דעם דאָקומענט האָב איך פאַר זייערע אויגן צעריסן און אַ וואָרף געטאָן זיי אין די פּנימער. ווי הונגעריקע חיות האָבן זיי זיך צעלייגט אויף דער ערד און מיט ציטערדיקע הענט צונויפגעקליבן די צעריסענע פּאַפּירלעך און אַוועק מיטן זשום און רעש, מיט וועלכן זיי זיינען געקומען.

— וואָס ווילסטו אויסברייען מיט דעם? — שלאָגט איבער שמעון, איך וויל אַריינדרינגען אין זין פונעם אוקראַינער קיטשקאָ, גראַבסטו מיר אויס אַ ציגיינער קיטשקאָ.

— איך מיין, — מאַכט ישראל, — אַז דער קיעווער קיטשקאָ ליידט פון אַזאַ קדחת, ביי אים בלייב עס, וואָס רופט זיך אָן דעמאָלט, ווען ער הערט, אָדער זעט אַ יידן. מאַכט רש"י: אויב דער ציגיינער קיטשקאָ האָט דיך פיינט, ווייל דער זיידע דיינער האָט אים אָנגעזעצט אין די דריי טעג און מוז זיך אַרומטראָגן נעבעך מיט דער שנאה העכער דריי טויזנט יאָר, טאָ ביז ווען קען די חיה אויסהאַלטן? זי מוז דאָך אַמאָל פּלאַצן. און אויב דיין קיטשקאָ שטאַמט פון גראַפן, וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג, סך־הכל אַ הונדערט מיט עפּעס יאָר צוריק געווען שקלאַפן־באַזיצערס און פלעגן פון זייערע קנעכט

ניט נאָר די לעצטע כוחות אַרויסציען, נאָר אויך זיי פֿאַרקויפֿן, צי אין בענק פֿאַרזעצן פֿאַר שווערע טויזנטער קערבלעך. פֿאַרגעס ניט, ווי זיי האָבן געפּרעסן, געזויפֿן, געשיכורט און זנות געטריבן, און אַפֿילו אין קאָרטן זיי פֿאַרשפּילט און וואָס ניט? זייערע פֿרויען און טעכטער פֿאַרגוואַלדיקט, געשטעלט זיי צו שאַנד און שפּאָט. געטאָן האָבן זיי, וואָס נאָר די הינטישע הערצער זייערע האָבן געגלוסט. ווייזט אויס, אַז צווישן זייערע קנעכט זיינען יעקבס קינדער, שוין דאָס מאָל, ניט געווען. האָט אַזאַ העזה דיין קיטשקאָס זיידן פֿאַרדראָסן. „סטייטש", האָט ער זיך געטראַכט, „פֿאַרוואָס קען ער דעם זשיד אין באַנק ניט פֿאַרזעצן?" איז פֿון גרויס גריזאָטע האָט דער זיידע זיינער אַ היפּש ביסל סם אויסגעשפּיגן אויפֿן זיידן דיינעם, און זיך געטרייסט, אַז דער זשיד איז גאָר ניט זוכה צו זיין ביי אים אַ קנעכט. דאָס איז אַזאַ מחלה, וואָס גיט זיך איבער. דער ווי פֿלטער דור דען? און היינט, אַז פֿאַר דריי טעג ניט זיין קיין קנעכט טראָגט דער ציגיינער זיך אַרום מיט אַ חוב און קען דיר אים ניט מוחל זיין, טאָ וויפֿל שוין שנאה דאַרף בראָטן דיין קיעווער קיטשקאָס הערצעלע, וואָס דו האָסט איבערהויפּט ניט געוואָלט זיין זיין קנעכט? דערפֿאַר האָט ער אַרויסגעשפּיגן זיין „יודאַיזם אָן באַפֿאַרבונג". אַ ירושה. וואָס קענסטו מאַכן? דאָס האָט ער געלערנט און דאָס קען ער...

— גוט, לאָמיר זאָגן, — רופֿט זיך אָן שמעון, — אַז דיין ציגיינער קיטשקאָ מיטן קיעווער וואָרעם, זיינען פֿון איין יחוס, ד. ה. זיי האָבן אַמאָל געהאַט קנעכט. עס קען זיך אָבער טרעפֿן, אויב מיר וועלן אויסגראָבן אונדזער „אוטשאָנעס" יחוס און געפֿינען גאָר, אַז זיין זיידע קיטשקאָ איז געווען אַ פּשוטער קנעכט מיט אַלע, פֿון דיר אויסגערעכנטע פּיטשעווקעס?

— נו, דאָ ווערט שוין דער ענין נאָך קלאָרער, — צעשמייכלט זיך ישראל, — הייסט עס, אַז ער האָט די שנאה צו יידן געירשנט פֿונעם זיידן: „הלמאי איז דער זשיד אַן אתה־בחרתניק און ווערט ניט פֿאַרשוואַרצט אין איינעם מיט אים ביים גראַף?" האָט דער זיידע זיינער ניט איין מאָל זיך געקריוודעט. איצטער, שמעון טייערער, קלויב דיר אויס, וויאַזוי עס געפֿעלט דיר: וועמענס אייניקל ווילסטו זאָל זיין דיין קיטשקאָ — דעם ציגיינערס, דעם גראַפֿס, צי דעם קנעכטס?...

ווּ נעמט מען אַ מיטל ?

שטיל עפנט זיך די טיר און עס לאָזט זיך הערן אַ קול:

— ס'איז דערלויבט?

— הם... הם... — קומט אַן ענטפער.

מיט ניט־זיכערע טריט קומט אַריין אין קאַבינעט אַ ייד, אַ קורצפּי־סיקער. ניט אויסגעוואַקסן, מסתמא פאַרגעסן. ווען אַנדערע קינדער זענען געזעסן אין חדר איבער אַ גמרא, איז ער, ווייזט אויס, געווען שוין פאַרטאָן אין פּרנסה, און זוכנדיק זי, האָט ער זיך אַליין פאַרלוירן, איז ער פאַר־בליבן צווישן צוויי הייכן: ניט איבעריק נידעריק, נאָר צו אַ מאַנסבילישער הייך ניט דערלאַנגט. איז דאַרף מען ניט. יאָרן? שייך זאָגן יאָרן, די יאָרן זיינע האָט ער אָנגעזאַמלט און געמאַכט אַ קלימעקל, און עס אַרויפגעלייגט אויף זיינע אַ ביסל איינגעבויגענע פּלייצעס, און טראָגט זיך מיט דעם אַרום אין לעבן. אַ ברירה האָט ער? וויאַזוי ער זעט אויס, ווילט איר וויסן? דאָס וואָלט געווען שווער צו זאָגן. ער איז באַוואַקסן, ניט חלילה מיט תורה, צי מיט אַן אַנדער מין וויסן, נאָר מיט האָר, פּשוטע האָר. דער שטערן און באַקן זענען אָפּגעברענט פון דער זון, ווי אויך די באָרד און פּאות זענען אָפּגע־בליאַקעוועט און באַקומען אַ געלע קאָליר. הייסן הייסט ער שלמה ברוך, נאָר דאָס ווייב זיינס רופט אים קיין מאָל ניט אויפן נאָמען, נאָר צערעשטער מלאך. אַ שטיקל שלימזאַלניק, די לאַנגע באָרד זיינע איז תמיד ביי אים אַ פאַרפּלאָנטערטע, די פּאות צעשפּרייטע אין אַלע זייטן, ווי נאָר עס גלוסט זיך דעם ווינטל, דאָס היטל געפינט אַ פּלאַץ, נאָר אויפן שפּיץ קאָפּ און אין אַ זייט. ער בעט אָפּט, אים געבן אַ מיטל קעגן שוויצן. זומער און ווינטער

שוויצט ער. „דאָס", זאָגט ער, „בין איך אייך מוחל". נאָר ער קען זיך דעם שווייס ניט באַווישן, מחמת ער איז באַוואָקסן פון קאָפּ ביז די פיס, איז דורכן פעלץ האָר קען ער צום שווייס ניט צוקומען.

ביים דאָקטער איז דער ייד גאָר ניט קיין זעלטענער גאַסט. ווי נאָר ער האָט זיך געזעצט, אַזוי פאַררייסט ער דעם קאָפּ זיינעם העט צו דער סטעליע און גראָבט זיך אין איר איין מיט זיינע גוטמוטיקע, אומצופרידענע, דערשראָקענע, ניט אויסגעשלאָפענע, מידע אויגן. בלייבט דער ייד אַזוי זיצן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס איינגעהערט. ווייזט אויס, אַן אומרואיק קול לאָזט זיך אים הערן, אוודאי רבקה־לאהס. דאָס ווייב זיינס זאָגט אים אַריין דעם פּסוק, וואָס ער קען ניט פאַרשטיין... איידער ער גייט צום דאָקטער, חזרט זי מיט אים איין: וויאַזוי ער דאַרף צוגיין צו אַזאַ איידעלן „ענין"... און ניט אַזוי סתם מאָנען... ער דאַרף אַרויס־ברענגען אַלע, מער אירע, ווי זיינע ליידן, און אין וואָס פאַר אַ מאָס ער נייטיקט זיך אין הילף און אין וועלכער... גיין און זיך אומקערן מיט ליידיקע הענט טויג ניט. ס'קאָסט טאַקע ניט קיין געלט דער גאַנג, נאָר צייט פאַרלירן און מער פון אַלעמען — געדולד. דאָס ברענגט זי אַרויס פון די כלים... צומאָל שלעפּט שלמה־ברוך אַרויס אַ פּאַפּירל פון דער בוזעם־קעשענע זיינער, זאָטלט אָן די נאָז זיינע מיט אַ פּאָר ברילן, וואָס זענען אים געבליבן בירושה נאָך פונעם זיידן און הייבט אָן אַרויסצולייענען: ווו עס האָט אים נעכטן ווי געטאָן, און ווו אייערנעכטן, און וויאַזוי די ווייען שפּאַ־צירן זיך אַרום איבערן גוף, און ווו, עס דאַכט זיך אים, האָט בדעה ווי צו טאָן היינט, און אפשר מאָרגן. וועלכע אברים זענען ביי אים נישקשה און וועלכע — לא־עליכמדיק... וואָס מעג ער עסן, וואָס קען ער עסן וואָס קען שאַטן, און וואָס קען אים פּאָלוביוועך... ווען ער גרייכט צו דער הינטערשטער שורה — הייבן ביי אים אָן פינטלען די מרה־שחורהדיקע, בעטנדיקע אויגן און עס הייבן אָן ציטערן, אַמאָל די אויבערשטע און אַמאָל די הינטערשטע ליפּ, ביז ער גיט אַ שלינג, און אויס, אויס מיט דער הינטערשטער שורה, ער קען אַזאַ שורה ניט ברענגען אויף די ליפּן. אויפן יידנס פּנים קען מען מערקן ווי פאַרטיפט ער איז אין איבערלופטערן דעם זכרון זיינעם פאַר דער הינטערשטער שורה, כדי ס'זאָל גאָר ניט פאַרלירן גיין אויפן וועג.

ווען ער וועט דאָך צעבינדן דאָס קניפּל צרות, מיט וועלכן ער איז אַהער געקומען. בעת ער זיצט אַ פאַרטיפטער און סדרט אויס, מער דעם ווייבס, ווי זיינע פאָדערונגען, אַזוי עפנט ער ס׳מויל און הייבט אָן גענעצן, אַז ס׳ווערט אוממעגלעך ביי אים אַ וואָרט אַרויספועלן — נאָך וואָס ער איז געקומען.

— וואָס פאַר אַ גענעצן איז אַרויף אויף אייך? שטייט דער דאָקטער צו צום יידן. דער ייד מוז אַוודאי הערן עפּעס בילכערס, וואָס זיין רבקה־לאה זאָגט אים אַריין. „נו", זאָגט שוין שלמה־ברוך, „ניט געשלאָפן?" דער ייד שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ" און גענעצט ווייטער. „וויפל נעכט?"

— אַ... ה... אַ... — שוין אויף אַ קול ציט ער אויס אַ גענעץ, — אַ סך. זיי, זיי לאָזן ניט.

— ווער, די מאָסקיטן?

דער ייד ענטפערט מיטן קאָפּ אויף „ניין" און גענעצט ווייטער. נאָך אַ פאָר פינטלען מיט זיינע ניט־דערשלאָפענע אויגן הייבט ער אָן אַזוי פאַר זיך: „זי שטיפט זיך, זי קנייפּט זיך, זי בייסט זיך, זי שלאָגט זיך". און אין קול זיינעם הערט זיך אַ מין פּראָטעסט, און עס פילט זיך אַ געפאַלנקייט, דערנאָך גראָבט ער איין די אויגן זיינע אין דיל. דער ייד גנבעט אַרויס אַ בליק פון דאָקטערס אויגן, ווען ער האָט אויפסניי זיך גענומען גענעצן. ער פילט ווי דער דאָקטער האָט ניט אויפגענומען דעם תוכן פון זיין הינטער־שטער שורה און „ווי קען ער נאָך קלאָרער אַרויסזאָגן, וואָס עס ליגט אים אויפן האַרצן?", טראַכט ער זיך און חזרט איבער: „זי שטיפט זיך, זי קנייפּט זיך, זי בייסט זיך, זי שלאָגט זיך — ביז זי צעכליפּעט זיך". דער ענין איז שוין קלאָר פאַרן דאָקטער, נאָר ער לאָזט אים זיך פון האַרצן אַראָפּרעדן. „זי קנייפּט זיך, זי בייסט זיך..." אַזוי חזרט ער איבער, ביז ער איז געקומען צו אַ באַשלוס, אַז דער דאָקטער האָט די קרענק זיינע שוין צעביסן, דעמאָלט הייבט ער אויף די אויגן זיינע און טראָגט זיי צו צום דאָקטער, דעם זשעסט זיינעם קען מען אויסטייטשן: „שון פאַרענדיקט, דאָס איז די הינטערשטע שורה, מ׳קען פרעגן".

דער דאָקטער לאָזט דעם יידן זיצן, שטעלט דווקא ניט קיין שאלות, זיצן זיי ביידע סתם אַזוי און קוקן איינער אויפן צווייטן. דאָ וויל אַ שמייכל

זיך אַרויסגגבעגעט ביים דאָקטער, פאַרשטעלט ער זיך דאָס פנים מיט אַ האַנט און גייט צו צום ענין:

— ווען, טוט ער צוליב די אויגן, וואָס בעטן זיך ביי אים ער זאָל זיי פרעגן אַ שאלה, — פרעגט דער דאָקטער.

— ביינאַכט, — קומט בליץ־שנעל אַן ענטפער.

— ווי קומט זי ביינאַכט צו איך? — וויצלט זיך דער דאָקטער.

— ווי זי קומט, פרעגט איר? דער גוטער יאָר ווייסט זי, עפּעס אַ שד וועקט זי פון שלאָף, קומט זי מיטן יצרע־הרע צו מיר.

דער דאָקטער ווייסט גוט, אַז אַ ייד אַ חסיד און דערצו נאָך אַ פּשוטער שלוש־סעודות, לעבט זיך ווי אַ גראַף — דאָס הייסט, אַ גראַף לעבט אויך אַזוי, ווייל ווער פון וועמען וועט זיך לערנען? מיר וועלן ניט חושד זיין אַ יידן, אַז ער טוט נאָך אַ גוי... הייסט עס, שלאָפט דער ייד זיך אויס די נאַכט אין זיין בעט און אין אַ באַזונדערן חדר, נאָר עס האָט זיך אים גע־וואָלט הערן עטלעכע איינצלהייטן.

— אַזוי איז, — זאָגט דער ייד זיך אַריין אין דער באָרד, — ני דאי לאָ, איז לאָ די... אַז איך שווייג... פאַר פינף און דרייסיק יאָר זינט איך לעב מיט איר, האָט זי מיר קיין שטיקל קינד ניט געבראַכט. ווי אַ הונט וועל איך שטאַרבן, אָן אַ קדיש אַפילו. וואָלט ניט כדאַי געווען איך זאָל... — דאָס לעצטע וואָרט האָט ער ווי אַראָפּגעשלינגען.

אַן אויפגערעגטער קוקט ער דעם דאָקטער אַריין אין די אויגן און וואָלט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל דערזאָגן: „גט", זי אָפּגטן".

— פאַרוואָס־זשע ווײנט זי?

— זי ליידט, זאָגט זי. און איך, כאָטש רייס דיך אויף די גלייכע ווענט און שריי חי־וקים, אַז איך האָב ניט מיט וואָס איר צו העלפן! זאָגט זי, גיי גיי שוין צום דאָקטער דיינעם און זאָג אים, ער זאָל דיך פאַרשטיין, רוף ביי אים אַרויס אַ מיטגעפיל, זאָל ער עפּעס טוען, אויף דערויף האָט ער דאָך געלערנט.

— און ווי שטייט מען מיט דער אַרבעט, מיט די כוחות?

— ברוך השם, ברוך השם, ניט צו פאַרזינדיקן, וואָלט געווען אַזויפיל אַרבעט און... הער דאָקטער זאָגט, ווו נעמט מען אַ מיטל? ווו, ווו געפינט מען דאָס? איך דאַרף דאָך זיך אומקערן אַ היים, דאַרף איך...

וויאַזוי ווערט געבוירן אַ ליד?

ווי אַזוי ווערט געבוירן אַ ליד, פרעגט איר? ווי אַמאָל, אַמאָל פשוט, אומגערעכט, און אַמאָל קוקט מען זיך מען אויס די אויגן דערויף. קומען קומט עס, ווי אַ יעדעס נפשל אויף גאָטס וועלט. זעט איר, אפילו דער גורל פון אַ ליד איז, אייגנטלעך, געגליכן צום גורל פון אַ מענטשן. אָט וועט איר באַגעגענען אַ מענטשן: אַ חכם, אַ בקיא בכל חדרי התורה, מיט געוויסן, ערלעך און מיט דערהויבנקייט, איז אָט אַ דער ליגט דווקא טיף אין דער אדמה און קיינער ווייסט ניט און וויל פון אים ניט וויסן, און אָט קענט איר באַגעגענען אַ נפש, וואָס איז גאָר ניט קיין קליינער טיפּש און אַ גרויסער עם־הארץ, און פונעם מויל זיינעם גייט ניט אַרויס קיין איין וואָרט אמת, און די זיטן זיינען ביי אים געמיינע, איז אָט אַזאַ „חריפות" פאַרנעמט דעם גאַנצן אויבנאָן און מיט אַ פאַריסענער נאָז ביזן הימל קראַצט ער קוים אַרויס אַ וואָרט פון דער קעשענע. אַז „חכמים", וואָס שטייען אַרום, זאָלן האָבן מיט וואָס זיך קוויקן...

ווילט איר, הייסט עס, וויסן וויאַזוי עס ווערט געבוירן אַ ליד מיט אַ וועלכן ס'איז ניט גורל? נו, אויב איר ווילט, איר ווייסט דאָך, וואָס ס'גייט צום האַרצן, וועל איך אייך צו ליב טאָן און פּרוּוון. הייבן הייבט עס זיך אָן אָט וויאַזוי: ווי תמיד און ווי אומעטום איז דאָס האַרץ דער „קאַפּעלמייס־טער", מ'קען זאָגן — דער מקור פון געפילן. גיט עס, דאָס האַרץ, הייסט עס, אַ צעפּיר דעם מוח און לאָדט אים אָן מיט פאַנטאַזיע, און האַי, זאָגט עס: „פאַשאָל, פלי אין די הימלען, אויפזוכן בעסערע וועלטן"... אייער קאָפּ איז שוין אַמאָל געפלויגן? אַ נו, פּרוּווט זיך לאָזן אין אַזאַ נסיעה, מיינט

איר אַוודאי, אַז איר וועט טאַקע פליען אין די הייכן? ווייס איך וואָס. דער אמת איז גאָר אַן אַנדערער: וואָס העכער דער קאָפּ אייערער וועט וועלן פליען, אַלץ נידעריקער וועט איר זינקען און אַנהייבן פילן, ווי איר פאַלט ממש אין תהום אַריין. נאָר וואָס דען? עס וועט זיך יאָווען עפּעס אַ מאָדנע געפיל אונטערן לעפעלע, וואָס הייסט, ס'מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַלץ וועט אייך אָנהייבן אַרן, פאַר אַלעמען און פאַר אַלע ליידנדיקע וועט ס'האַרץ אייערס איבעריק קלאַפּן, פאַר אַ יעדער נאַרישקייט וועט עס אַ ציטער־טאָן, יעדער תם וועט אייך אויפרעגן, יעדע געמיינקייט וועט אייך צעטרייסלען אין אַזאַ מאָס, ביז איר דערגרייכט די העכסטע שטופע פון אויפרעגונג, דעמאָלט טיילט זיך די נשמה אייערע אָפּ פונעם גוף, און אַלץ אַן אויפגע־ברויזטע, הייבט זי אָן אויפנעמען אַ ניגון... און ווי נאָר דער רוח־הקודש האָט זיך איבער איר דערבאַרעמט, אַזוי גיט זי אַ באַפעל דעם מוח, אַ וואָסערער ער זאָל ניט זיין, זעט איר דער באַפעל איז שוין אַ האַרבער: „זוך אויף פּאַפּיר", זאָגט זי, „נעם דיין מכשיר און פאַרטיק אויס אַ שטיקל אַרבעט, אַז ס'זאָל האָבן אַ פּנים און נישט קיין פּשוטס; פאַרגעס ניט, אַז דער אויסזען פון דיין באַשעפעניש דאַרף זיין אַזוי, אַז דו זאָלסט קאָנען מיט דעם קומען פאַר לייטן!..."

וואָס פאַר אַ לייטן? ווער וויל דערויף אַ קוק־טאָן? און וואָס פּלוצים, מר. אברהמי, איז אייך געקומען אין קאָפּ אַזאַ פראַגע מיר שטעלן? וואָס־זשע, איר זעט זיי גערן? איר בענקט נאָך זיי? ווער לייענט ביי אונדז לידער? איך ווייס, אפשר די זיידעס, אויב עס לעבן נאָך אַזעלכע, צי ערגעץ־ווו אין גן־עדן העליון, אָבער ניט דאָ. דאָ אין גן־עדן התחתון איז דאָך דאָס לעבן אַליין אַ ליד, אַוודאי, ווי פאַר וועמען... איז צוואָס־זשע פאַרלירן צייט, זיך אָנלאָדן מיט געדולד — נעמען אַ ליד אין האַנט און דערצו עס נאָך לייענען אויך. זייט מיר מוחל, איר בלאָנדזשעט אויף אַ גלייכן וועג. נאַ דיר לידער צום טיש. איר זעט דען ניט, אַז דער טיש איז פאַרנומען מיט פלעשער וויסקיס. קורוואַזיע, סטאָקן, און נאָך און נאָך און „ספרים'לעך" אַזוינע, וואָס פאַרשעמען און פאַרשטערן ניט דעם טיש. ניט נאָר אַזוינע גרויסע מיוחסים, נאָר אַפילו אַ פּשוט גלעזל ווייַן וועט דען אָנשטיין דער שידוך? דער עיקר איז — מ'זאָל הנאה האָבן, איז פון וואָס

קען מען נאָך מער הנאה האָבן, ווי פון אַ גלעזל קאָניאַק, פון אַ פּאַקערל, פון אַ רעמי און נאָך און נאָך... כ׳לעבן, ס׳גלוסט זיך אַ לאַך־טאָן אויף אייער שאלה. אפשר וועט איר מיט מיר מיטלאַכן? ניין? אָבער אַליין לאַכן איז אַ סכנה: יידן וועלן זאָגן, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ...

הלמאַי זאָל איך לייקענען, ערגעץ־ווו שרייבט מען לידער און אין יענעם „ערגעץ", געפינען זיך אַזוינע, וועלכע קויפן זיי, לייענען און גייען הערן ווי אַנדערע לייענען־פאָר. איר ווילט אַוודאי וויסן ווו איז אָט אָ דער „ערגעץ"? ניין, דאָס ניט, דאָס וועל איך אייך ניט זאָגן, דאָס איז אַ סוד, אויב איר ווייסט ניט, טאָ זאָל עס בלייבן אַ סוד. די צונג איז אַוודאי אַ רירעוו־דיקע, אָבער זי דאַרף וויסן, ווען זי דאַרף ליגן אַ רואיקע צווישן די ציינער, אויב ניט, ווערט דאָך דער סוד מגלה, איז מער דאַרפסטו שוין ניט, ווערסטו תיכף אַ סוביעקט פאַר בייזע מיילער און אַ פסק־דין שאַרט זיך אָפּיר פון אונטער שאַרפע צינגלעך פון די „גרויסע"... צו וואָס טויג עס מיר? ווועמען וועט עס נוצן ברענגען? אין חרם בין איך נאָך ניט געליגן? איך לייען אויף אייערע ליפּן, אַז איך בין סיי ווי דאָרטן. פאַרשווייגן, ווילט איר זאָגן, איז אפשר ערגער פונעם חרם?! איז וואָס? האָב איך זיי, ווו ווילט איר זאָל איך זיי האָבן? קלויבט, איך בעט אייך, פאַר זיי אויס אַן אָרט! אַן אָרט, ווו זיי זאָלן שטומען, כאָטש מיאוסע מיילער ברויזן סיי ווי ניט מיט קיין חכמה...

הער נאָר, הער, וווהין איך בין פאַרקראָכן? איך האָב דווקא ניט אַזאַ טבע און זיך אַראָפּלאָזן, נאָר ווי זאָגט איר: „מ׳זאָל ניט געפּרווט ווערן צו וואָס מ׳קען געוווינט ווערן", אַזוי איז, ווען ס׳איז דיר באַשערט נידערן, זוכסטו נאָך אַליין אויס דעם וועג...

לאָמיר זיך אומקערן צו אייער שאלה, איר קענט נאָך זאָגן, אַז איך וויל זיך פון איר אַרויסדרייען. איר זאָגט לידער, זענען זיי דאָך געווען אַמאָל אַ באַלזאַם פאַר דער נשמה. נעמט אונדזער באָבע, האָט זי דען ניט מיט אַ ליד געטרייסט איר צערודערטע נשמה, ווען זי האָט זיך פאַרליבט? צי דער זיידע מיינער, ווען דאָס שטריקל האָט אים צום האַלדז דערגרייכט, פלעגט ער דען ניט די ווייען זיינע היילן מיט אַ ניגון?... וועט איר אַוודאי זאָגן, אַז עס האָט זיך גאָר ניט געענדערט, אַז אויך איצטערט נייטיקט זיך

די נשמה אין אַ טרייסט, וואָס קען קומען נאָר פון אַ ניגון, ווען זי בענקט אויס איר ליבע, אַז אויך איצטער זוכט מען אַ ניגון צו היילן ווונדן נאָך ברידער און שוועסטער אומגעקומענע אין די לאַגערס. יאָ, דאָס איז אַ גרויסער אמת, אָבער ווייניק זענען דאָ אַזוינע, וואָס זאָלן אויפכאַפּן זייערע וויי־געשרייען און זיי אויסזינגען פאַרן אָנגעווייטיקטן האַרץ. און אויב דער ניגון לייגט זיך ניט גוט אויפן האַרצן ביי די רעדל־דרייערס, טאָ ווערן די זינגערס פאַרשריגן, אָדער פאַרשוויגן, ביז עס ווערט זיי שווער ניט נאָר זינגען, נאָר אַפילו דעם אָטעם כאַפּן... וואָס דאַרף מען זוכן ווייט, נעמט דעם ניגון פאַר באַבי־יאַר... האָט ער זיך ניט אָוועקגעשטעלט ווען מען אין גאָרגל?

אַ טייל זאָגן, אַז ס׳איז דאָ ניגונים, וואָס ברענגען אַריין רוגזה צווישן מענטשן... „ווילן זיי זיך קריגן, זאָלן זיי, אָבער קריגן איין ייד מיטן צווייטן, איז חילול־השם. ס׳איז דאָך אייגן בלוט און פלייש! ס׳טייטש, איינער איז צו רייך און דער צווייטער איז צו אָרעם, איז וואָס? דאָס איז דאָך מן השמים, ווי זאָגט מען ביי אונדז: „אַ גאָט־זאַך”. איז ווי וואָגט מען זיך אָקעגנשטעלן דעם בורא עולם?„ וויל מען ניט זיך שפּילן מיטן עולם־הבא, איז דען ווייניק, וואָס מ׳האָט ניט דעם עולם־הזה... „און טאָקע צוריק גערעדט — ווי קען אַ רייכער אָרעם מאַכן אַן אביון?! צי ווי קען אַן אָרעמאַן רייך מאַכן אַ גביר?! צו וואָס־זשע פּלאַפּלען סתם אין דער וועלט אַריין? איז דען ניט אַ בזיון צו פירן אינטריגעס און לשון־הרע צווישן ברידער, וועלכע טראָגן אין האַרצן דעם זעלבן גאָט?!...”

מיר האָבן דאָך גערעדט וועגן לידער, איז לידער דאַרף מען שרייבן און ביכער דאַרף מען מאַכן. האָט עס אַ זין? אָקעגן וואָס פרעג איך אייך? — וועט איר שוין זען, ווי מיין שאלה איז אויף איר פּלאַץ. ווי זאָגט איר — לידער דאַרפן זיין שיין, ניט גוט, נאָר שיין, אַז זיי זאָלן געפעלן דעם מפונק, דאַרפן זיי קודם כל קיינעם נישט זאַטשעפּען, דאָס הייסט, זיי דאַרפן בכלל גאָר ניט זאָגן, און אויב דו ווילסט אין זיי יאָ עפּעס זאָגן, איז טויגן זיי ניט, דרוקט מען זיי ניט. און ווען זיי דרוקן זיך דווקא, געפינען זיך אַזוינע, וואָס פאַרשטייען זיך אין אינהאַלט זייערן און ווייסן שוין וואָס צו טוען מיט זיי... ס׳איז אייך ניט קלאָר? איר צעקייעט עס ניט? וואָס־זשע,

אַזוי פרעמד זענט איר פון אונדזער וועלט, מר אברהמי? מ׳ברענט ביכער. פּשוט, מ׳לייגט צונויף בערג מיט ביכער און מ׳צינדט זיי אונטער. נעכטן האָט מען געברענט ביכער אין בערלין און היינט ברענט מען ביכער אין פּעקין.

— ווער! ווערט טוט עס? — אַן אויפגערעגטער טוט זיך מר אברהמי אַ הייב פונעם בענקל, — אויך דאָרטן האָט זיך שוין אָנגעהויבן די וואָק־כאַנאַליע?

רופט עס אַן ווי איר ווילט, ווי איר זעט, איז ניט נאָר נאַציס טוען אַזאַ שיין שטיקל אַרבעט, אויך מאַאָ־טסע־טונגס קינדער איז געפעלן צו זען ווי ביכער ברענען, טוט ער זיי צוליב. נו, און ווי איז ביי אונדז? מיר האָט מען פאַרקויפט קערלעך אין אַ שקאַרמיצל, און ווען איך האָב צע־וויקלט דאָס פּאַפּירל, איז וואָס מיינט איר, האָב איך איבערגעלייענט? „גיי אַראָפּ צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ...״ איך וויס, מר אברהמי, אַז איר זענט אַ מענטש, וואָס האָט פיינט צו בלייבן שולדיק און וועט מיך פרעגן: „ווי איז ביי אַנדערע?״ אַז ביי אַנדערע איז ניט בעסער, אַז ערגעץ־ווו האָט מען אייך פאַרקויפט טאַבאַק אין אַ פּאַפּיר פון וועלכן איר האָט אויסגעלייענט , ווי טאַטיאַנאַ וויינט אויס איר האַרץ אין אַ בריוו צו אָניעגינען, און אין אַן אַנדער לאַנד האָט מען אייך פאַרקויפט אַ הערינג איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר פון וועלכן איר האָט אויסגעלייענט ווי ראָמעאָ עפנט דאָס האַרץ פאַר זיין יוליען... טאָ דאַרפן מיר נאָכטאָן אַנדערע? מיר דאַכט, אַז ס׳וואָלט שענער און געזונטער געווען פאַר אונדז, אַז מיר זאָלן גיין מיט אונדזער אייגענעם וועג! האָט אייער טאַטע געלערנט אייך, ווי אַזוי זיך באַגיין מיט אַ ספר נאָך דעם ווי איר האָט דערין אַריינגעקוקט? זענען אייערע זיידעס געשטאַנען ביים באַרג סיני? יאָ, צי ניין? און זיי דערציילן, צי אַנדערע האָבן געוואָלט, אַז זיי זאָלן אַזוי דערציילן, איז די מעשה „מתן־תורה״ געווען גאָר ניט קיין פּשוטע. אַ קלייניקייט שטיין ביי אַ באַרג, וואָס ציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער, בעת דונערן פאַרהילכן דיך און בליצן צערייסן די הימלען אויף שטיקער, די ערד אַנטלויפט פון אונטער די פיס און ס׳וואַרפט מיט איר אַ ניין־יאָריק קדחת, און די בערג שאָקלען זיך ווי גוטע יידן ביי דער שמונה־עשרה, און וועלטן שטייען אָקערשט זאָלן זיך איבערקערן מיט די

פופיקעס אַרויף און אויסציען זייערע פּיס, און די זיידעס — ניין, און איין מאָל ניין: „מיר טרעטן ניט אָפּ, ביז דו, בורא עולם, וועסט אונדז די תורה ניט געבן!" איר גלייבט אין דעם? יאָ, צי ניין? אויב די מעשה איז אַן אמתע, דאַרפן מיר זיך פאַר זיי שעמען, ווייל זיי זענען געגאַנגען אויף קידוש השם פאַר אַ בלעטל תורה און מיר וויקלען איין קערלעך אין אַ בלעטל תורה...

אויב אַזוי שטייען מיר, טאָ צו וואָס דאַרף מען זיך אויסטריקענען דעם מוח און אויסנאָגן פון האַרצן געפילן, כדי אָנשרייבן לידער, מאַכן ביכער? צו וואָס פאַר אַ צוועק? צו וואָס, און פאַר וועמען?...

ניין, איר ווילט ניט מוותר זיין אויף אייער שאלה און ווילט דווקא אַן ענטפער? פאַר נייגעריקייט, ווי איך זע, זענט איר ווי אונדזערע אָבות, גרייט צו גיין אויף קידוש השם. יאָ, יאָ, לאַכט ניט, איך קען דאָך אייך מיט מיינע רייד אָוועקהרגענען. נו, אייער זאַך, ווי איר ווילט. הערט-זשע, איר וועט שוין מוזן אַראָפּשלינגען אַלץ, וואָס כ'וועל אייך אין מויל אַריינלייגן, צי דער מאָגן אייערער וועט מסוגל זיין עס איבערקאָכן, דאָס וועט איר שוין פילן. טאָ הערט! ווען איך פאַרגיי אין טראַגן, דאָס קען הייסן, ווען עס הייבט אָן אין מיר עפּעס זינגען. וואָס קוקט איר מיך אַזוי מאָדנע אָן? נו, איר האָט אַוודאי ניט פון וואַנען צו וויסן וויאַזוי מ'פאַרגייט אין טראָגן מיט אַ... נו, מיט אַ ליד. פאַרשטייט מיך. אַזוי פּלוצים הייבט אָן זינגען אַ ניגון, פּשוט אַ ניגון אָן ווערטער און סתם אַזוי אָן אַ פאַרוואָס, פיל איך, ווי עפּעס זינגט אין מיר. פרעג איך דעם „עפּעס", וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגן? צעקלינגט זיך מיר אין אויער: „ווערטער, ווערטער, וואָס זאָלן בייסן, ציפּן און קנייפּן". טאָ פרעג איך, ווו נעמט מען אַזעלכע ווערטער? באַקום איך אַן ענטפער: „דאָס איז שוין דיין עסק, דערויף ביסטו אַ דיכטער". וואָס-זשע, זאָג איך, אַ דיכטער מוז געהערן צו יענע, וועלכע בייסן, קנאַפּן, ציפּן און ווער ווייסט, וואָס עס קען קומען וועמען אין זינען. מיינסטו ניט, אַז עס וואָלט שענער און לייטי־שער געווען, איך זאָל בעסער גלעטן, לאַשטשען, האַלדזן, קושן און... „ניין", ־הער איך אַ קול, „לעקן דעם שטויב פון באַלעבאָס, אונטערחנפענען זיך דעם הויף. דאָס איז ניט קיין דיכטונג, דאָס זענען געמיינע זיטן, שווינדל, פאַלשקייט און צביעותדיקע דערנידערונגען. וואָס זשע, מ'האָט שוין דעם גן־

עדן אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד פאַר אַלע? וויניק אומגערעכטיקייט, פאַרברעכערישקייט, פאַרדאָרבנקייט און אויסגעלאַסנקייט אין דיין אַרום? קוק דיך איין אין גלאַנץ פון איבערגעפּוילטן, וועסטו אַנהייבן זוכן בלויען פון שענערע וועלטן און וועסט זיי געפינען ביי די פּשוטע: ווו ליבע און שיינ־קייט, פרישקייט און ערלעכקייט איז ביי זיי אַ גלויבן..."

דער ניגון אין מיר אַלץ זינגט, ביז איך טאַפּ־אָן אַ שטיקל געדאַנק, דאָס הייסט, איך באַנעם, ווי עס פאַרבינדט זיך אַן אַנהייב, וואָס האָט בדעה צו ווערן עפּעס. און ווערטער לויפן אָן אַזוי ראַשיק, ווי מחותנים אויף אַ חתונה. און די ווערטער שטעלן זיך אויס אין רייען, אין שורות, מיין איך, און די שורות פאַרשליסן זיך מיט גראַמען, און דאָס אַלץ ווי זיי וואָלטן פון הימל אַראָפּגעפלויגן און זיך צעלייגט אויפן פּאַפּיר ווי געוווּנטשן. אַ צופרידענער און אַפילו אַן איבעראַשטער, און ווי אַנדערש, ווי וואָלט איר געטאָן? לויף איך מיט מיינע געבוירענע שורות, צו וועמען, אויב ניט צו מיין פלוניתטע. זי, מיינע, הייסט עס, איז ביי מיר, פאַרשטייט איר מיך, אַ שטיקל מבין. וואָס זאָג איך, אַ שטיקל, זי מיינט צו זיין אַ שטיק, אַ מין אוניווערסאַלער מבין וויל זי זיין. זי פאַרשטייט זיך איין אין אַלעמען און אין אַלץ, אַחוץ דריבנער סחורה איבער וועלכער זי גייט זיך דורך מיט אַ בייסיקן שמייכל אין די ווינקלען פון איר פאַרשנורעוועטן מיילעכל. אַזאַ טבע האָט זי, ווען זי וויל פון עמעצן אָפּחוזקן, ציט זי צונויף אירע ליפּעלעך. אַ שטייגער: זי האַלט נישט פון קיין מיניסטאָרן און פּרעזידענטן, אויב זיי האָבן ניט קיין הויך־בילדונג. מעגן זיי באַקומען „דאָקטאָר האָנאָריס קאַוזאַ" פון צענדליקער קלייזלעך, איז ביי איר בלאָטע, זיי מוזן דעם טיטל, אויב זיי ווילן אים האָבן, אויסטראָגן, אויספּיבערן און אויסווייטיקן מיט אַלע זיינע שווערע שעהן און יאָרן, איבער צענדליקער און הונדערטער גראָבע ביכער און אויסשוויצן זייערע בלעטער, ביז זיי ענדערן דעם קאָליר זייערן. אַ מיניסטער דאַרף זיך אויפפירן שטיל, באַשיידן און באַלעבאַטיש... אויף זיין נשמה טאָר קיין שטויבעלע ניט פאַלן, ער דאַרף זיך געפינען אין אַזאַ דערהויבנקייט, כדי צו דינען אַלס ביישפּיל פאַרן פאָלק. „ער איז דאָך דער פירער און וועגווייזער, טאָ פון וועמען זאָל מען זיך לערנען?", טענהט זי. ביי איר אַ ייד, אַן אַלמן, ניט פאַר אונדז געדאַכט, און דערצו אַן איבערגע־

באַטשעוועטער די זעכציקער יאָרן, טאָר מער ניט חתונה האָבן, און אויב ער רעכנט זיך ניט מיט איר מיינונג און טוט צוליב דעם יצר־הרע און האָט דווקא יאָ חתונה, טאָ פרעגט שוין ניט, וועלטן קערט זי איבער. אַ שטייגער, וואָס האָט געקענט טאָן נעבעך אַ ייד, אַ רב, אַריבער די שבעים, ווען עס איז אים אַרויס אויפן וועג אַ צווייטע רות, נו, איז זי יינגער פון אים מיט אַ דרייסיק יאָר, איז וואָס, אַ חסרון? און זי שטרעקט אים אויס די האַנט און בעט זיך ביי אים ער זאָל ווערן פאַר איר אַ בועז. זאָל ער זי לאָזן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און ניט חתונה האָבן מיט איר? אויף אַזוי פיל איז ער דאָך ניט עובר בטל, ער זאָל פאָלגן מיין ווייב. נו, נו, דאָס איז שוין גאָר אַ סקאַנדאַל, און מ׳דאַרף, לויט איר מיינונג, פשוט אים אַראָפּוואַרפן פונעם בענקל און מאַכן אויס קאַפּעליוש־מאַכער.

זי וויל ניט וויסן, וואָס אין אונדזערע הייליקע ספרים שטייט געשריבן? „אַז אַ מאַן טאָר קיין איין טאָג ניט לעבן אָן אַן אשה״, און על־פּי־דין איז נאָך די שלושים, מוז שוין אַ ווייבל זיך אַרומדרייען ביי אים אין שטוב. וואָס איך זאָל איר ניט זאָגן, און ווי איך זאָל זיך ניט באַמיען איר איבערצייגן, אַז ניט קיין פשוטע מענטשן האָבן אַריינגעשריבן די שורות אין אונדזערע הייליקע ספרים, נאָר „הימל־מענטשן״, וואָס זאָג איך „הימל־מענטשן״, נאָר בפירוש מלאכים, און ווער קען וויסן, אפשר טאַקע דער „בורא עולם״ אַליין, מיט זיין אייגענער האַנט, האָט זיך מטריח געווען און פאַרהייליקט די שורה אין ספר? האַ, האַ? איר מיינט אַנדערש? אפשר ווי זי? זי טענהט, אַז זי איז דערביי ניט געווען, ווען מ׳האָט די „טייערע פסוקים״ אין „כתבי קודש״ אַריינגעשריבן. האַ? איר ווילט אַוודאי זאָגן, אַז זי איז אַן אַפּי־קורסטע?! זעט איר, אויסנאַם־פאַלן זיינען ביי איר אויכעט דאָ. נעמט אַ שטייגער אונדזער היינטיקן מיניסטער־פּרעזידענט, קען זי זיך פון אים ניט אָפּלויבן. וואָס ער זאָל ניט זאָגן: איז אי קלוג, אי טאַקטיש, אי גוט. „אַ סימן״, זאָגט זי, „ער פּרוווט זיך באַפריינדן מיט גאָרקיס אייניקלעך, דאָס וואָס מ׳האָט פון לאַנג שוין באַדאַרפט טאָן. און זיין באַשיידנקייט״, טענהט זי, „פאַרשטעלט שוין אַלע זיינע פעלערס, ווי אויך זיין הינקענדיקע עטיק״.

זי האָט ליב מוזיק. ווילט איר איז דאָס אַ מעלה. דאָס וואָס זי פאַרשטייט און פילט זי, דאָס בין איך איך מוחל, אָבער וואָס? זי גייט נאָך ווייטער,

אַ טבע פון ייִדענע: זיך פאַרטיפן אין יעדער מינדסטער וויבראַציע פון אַן אָנגעברוגזטער, אויפגערעגטער, וויינענדיקער סטרונע. אַזוי דאַכט זיך, איז זי יאָ און ניט קיין גלויביקע, נאָר ווי צו איר אויער איז דערגאַנגען אַ נגינה, צי אַ פידעלע האָט זיך צערעדט, איז שוין — קומען אַרויס פאַר אירע אויגן אַלע אירע געטער: באַך, מאָצאַרט, שובערט, בעטהאָווען, טשייקאָווסקי און... און... ווער קאָן געדענקען אַלע אויף זייערע נעמען? ביי איר איז ממש אַ יום־טוב, ווען אין פּראָגראַם פון אַ קאָנצערט אין „היכל התרבות" איז דאָ איינער פון אירע געטער. „ווו איז דוואָזשאַק, שאָפּען און אַנדערע, פאַרוואָס פאַרשווייגט מען זיי? וואָס איז געשען?" אַן אויפגערעגטע האָלט זי אין איין פרעגן.

ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל, האָט זי מיר אָנגערעדט אַ קאָפּ פון אירע קאָמפּאָזיטאָרן, זיי אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אין זייער גאַנצער גרויסקייט און געניאַלקייט. און ווען ס׳האָט געזאָלט ווערן דער שידוך האָט זי מיר אָט אָ די אַלע ווירטואָזן אַריינגעגעבן אין נדן. און איך, וואָס האָב איך געזאָלט טוען? איך האָב דאָך באַדאַרפט איר ווייזן, אַז מיין האַרץ איז אויך ניט פון פּעטרושקע און איז מסוגל אויפצונעמען אַ ניגון, און געלייענט אירע געדאַנקען: אַז טאָמער בין איך ניט בקי אין דער נגינה — איז אויס מיט מיר, דאָס הייסט, אויס שידוך... איז ווער־זשע מיינט איר, האָט מיר אַרויסגעהאָלפן? זאָלן לאַנג לעבן אין גן־עדן דאָרטן, ווו זיי היילן פאַרביטערטע הערצער מיט זייערע געטלעכע ניגונים: ווערדי, גונאָ, ראָסיני און נאָך עטלעכע. דערהערנדיק די נעמען, האָט זי אָנגעהויבן שמייכלען, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז איך בין אויף אַ וועג. והאָ ראיה — איר זעט דאָך ווי זי שפּילט אין מיין לעבן אויפן ערשטן פידעלע... מיינט איר, אַז איך האָב וויניק צוגעשוויצט ביי דער אַרבעט, ווייל זי האָט זיך ניט באַגנוגנט נאָר מיט די נעמען, איך האָב איר געמוזט אויסרעכענען אַלע זייערע שאַפונגען, וועלכע געפעלן מיר, עפּעס אַ מין עקזאַמען האָט זי מיר געמאַכט.

יאָ, וווהין זשע בין איך פאַרקראָכן? שאַט, חידושט איך ניט. אָט וועט איר זען ווי איך קום אַרויס צום עצם הענין — צו דיכטונג. זי איז ביי מיר אויך אַ גרויסער מומחה אין דיכטונג און נאָך אַ גרעסערע איבערקלייבערין.

און דאָס הרגעט מיך אַוועק. ניט יעדעס ליד געפעלט איר, ווי ניט יעדע כּימפּאַניע באַגייסטערט זי. האָט איר געהערט אַ טבע פון אַ יידענע: — זיך גריבלען אין יעדער סטראָפע, יעדער שורה און אפילו אין יעדן וואָרט?! נאָך דעם ווי זי האָט שוין גוט אַדורכגעזופּט די שורות, הייבט זיך אָן אַ פּרשה — ריטעם; און אויב ערגעץ־ווו הינקט אונטער דער ריטעם — איז אויס מיטן ליד און אויס מיט דיר, פאַרלירסטו ביידע וועלטן... און שעמט זיך ניט אָפן אין פּנים דיר זאָגן בזה הלשון: „זיי מוחל אַריינוואַרפן דאָס אָנגעשריבענע דיינס אין פייער, אפשר וועט עס טויגן אויף אַש. אין אַ ליד", זאָגט זי, „דאַרף זיין געזאַנג, אלא ניט, איז עס קיין ליד ניט, נאָר אַ גריל־צנדיקע קאַטערינקע, וואָס טויג אויף כּפּרות". און רירן זי פון איר פּאָזי־ציע, איז גאָר ניט קיין לייכט שטיקל אַרבעט. פאַרוואָס, פרעגט איר, בין איך אַזאַ לעמעשקע? צוליב אַ קלייניקייט — שלום בית. דאַכט זיך אַ גאָר־ניט און דאָך עפּעס, אויב איר ווילט. איך בין שוין גאָר ניט אַזאַ פויגלדי־קער איך זאָל איר טאַקע תמיד נאָכגעבן, נאָר ווי זאָגט איר, זאָל זי כאָטשבי מיינען, אַז איך בין מיט איר מסכּים. והאָ ראַיה, שפּעטער מיט אַ האַלב יאָר, נעם איך אַרויס דאָס ליד, וואָס זי האָט מיר געהייסן לייגן אין פייער, אָן דעם איך זאָל אַפילו אַ קאָמע בייטן, צי אַ פּינטעלע אויסמעקן, ניט נאָר שורות און ווערטער. איז ווי מיינט איר, האַ? „אויסגעצייכנט". גיט מיר אַפילו אַ קוש. אַ גוטע מעלה, ניט אַזוי? איך ווייס ניט ווי איר און אייער ווייב, נאָר מיר וויל זיך געפינען אין איר שיינע מעלות, אין מיין ווייבל מיין איך, זאָל מיר לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק, און אויב משיח וועט פאַרשפּעטיקן מיט זיין אָנקום, זאָל זי מיר מיינע ביינער איבערלעבן. דאָס מעגט איר מיר שוין גלייבן, ווייל ס'איז לייכטער איך זאָל אויף יענער וועלט וואַרטן אויף איר, איידער להיפך. וואַרטן אויף אַ געליבטער, דאָס דאַרף איך דאָך אייך ניט זאָגן, וויפל האָפענונגען צעבליען זיך אין דער נשמה און מאַכן זי אַרומ־שוועבן אַ פאַרחלומטע אין איר טרוימערישער אייביקייט. איך מיין, אַז איר האָט נאָך ניט פאַרגעסן, ווייל אַזוינע איבערלעבונגען גייען ניט פאַר־לוירן אין זכרון. יענע חיי־שעהן, ווען איר זענט אָפּגעשטאַנען ביים טויער פון שטאָטגאָרטן מיט אַ ציטער אין האַרצן, וואַרטנדיק אויף אייער יפהפיה, ווען זי האָט אייך געררייצט מיט אירע אַכצן פרילינגס, און ווען

זי פלעגט אָנלויפן מיט אירע צעפלאַמטע בעקעלעך, און יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערן אויסרייד, כדי פאַררײדן אייער אומגעדולדיקייט, און איר, דערזעענדיק אירע רויטע ליפּעלעך, ווי צוויי בלישטשנדיקע וויינשעלעך, וואָס הענגען אַראָפּ פון בוים און בעטן זיך זאָלסט זיי טועם זיין, און איר מיינעט זיך, שעמט זיך, און איר קענט זיי ניט דערלאַנגען, לאָזט איר אַראָפּ די אויגן, און הייבט זיי ווידער אויף און דער אָטעם ווערט אַלץ שווערער, ווען עס גרייכן צו אייך זייערע פאַרפומען.

איר זעט, שוין ווידער פאַרקראַכן, אַזוי ווען מ׳איילט זיך, מוז מען בלאָנדזשען, האָב איך פאַרבלאָנדזשעט צו אַכצן־יאָריקע רויטע ליפּעלעך. וואָס, איר ווילט אפשר זאָגן, אַז איר וואָלט געווען אַ גרעסערע בריה פון מיר און ניט פאַרבלאָנדזשעט, ווילט איר זאָגן? און אפשר זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ בלאָנדזשעניש? וועלכער חכם וועט אייך גלייבן? נו, און די פריש־קייט אין די קלאָרע אייגעלעך?... וואָס רעדט איר וואָס, ווער קען אויס־רעכענען אַלע אירע חנען?!...

ווי זאָגט איר, מר אברהמי, „אַ נאַר טאָר מען קיין האַלבע אַרבעט ניט ווייזן”. דאָך וועל איך ניט איבערטרייבן, אַז איך וועל זאָגן, אַז זי איז אַן אשה קאַטאָראַיאַ פאַרשטייט אַ געשעפט, און איר זאָלט זען, ווי בליציק זי כאַפּט אויף אַן ענין, אויב ער לייגט זיך איר אויפן שכל און אויפן האַרץ. זי האָט אַ טבע מיר צו זאָגן: „איך פאַרשטיי דיך, איידער דו האָסט נאָך דאָס מויל דיינס געעפנט. גענוג אַ פּינטל פון אַן אויג, כ׳זאָל דעם געדאַנק לייענען אין ביידע אויגן דיינע”. טאַ וואָס טוט מען? לוינט זיך שוין איר צו גלייבן, אַפילו ווען עס גלייבט זיך ניט. פּשוט, ס׳קען אין שטוב ווערן אַ זאַווערוכע, און צו אַזאַ וועטער דאַרף מען אַ פוטערנעם טיליפּ און גראָד אַזאַ מלבוש פעלט מיר אויס. ווי מיינט איר, אַזאַ פוטער וואָלט מיר צונוץ געקומען אין אַ כאַמסין־טאָג?

הייסט עס, מיר האָבן זיך ווי פאַרשטאַנען, אַז די אשה מיינע איז אַ חכמעס, אַזוי וויל זי זיין, און וויל, אַז איך זאָל אויך אַזוי קלערן איבער איר שפּרודלדיקער חכמה. און דאָך טאָר מען אַ האַלבע אַרבעט איר ניט ווייזן. ווילסטו זיין אַ חכם און ניט האַלטן פון דעם שפּריכוואָרט, טאַ גייסטו אין

דער אדמה אינאײנעם מיטן שטיקל אַרבעט דײַנעם. איך װאָלט געקענט אײך ברענגען ניט אײן בײַשפּיל, נאָר איצטער אײל איך זיך. איר זאָלט נאָר ניט פאַרגעסן מיך דערמאָנען, װען מיר׳ן האָבן אַ מעגלעכקייט. דערװײַל װעל איך פאַר אײַך דאָ אױפדעקן נאָר אַ טײל פון מײַנע צרות. לײקענען טאָר מען אױך ניט. כ׳װיל זאָגן אַ שטיקל אמת: אַז אַ שלימזל בין איך טאַקע, בישט פאַר קײנעם געדאַכט. זעלטן װען אַ שלימזל איז נושא חן. דאָך אַמאָל טרעפן זיך ניסים, אַנדערש װאָלט די װעלט קײן קיום ניט געהאַט. צומאָל קומט מיר אױס שרײַען, װאָס הײסט שרײַען: „געװאַלד, געװאַלד", שרײַ איך, „װוּ נעמט מען כּוח אױסצוטראָגן אַלע אירע טענות און פאָדערונגען צו מיר?!"

זי, מײַנע, הײסט עס, האָט זיך אײַנגערעדט, ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר אײַך געדאַכט, ניט פאַר קײן שום ייִדיש קינד געדאַכט, װײ, איר האָט דען אַן אַנונג פון אַן אײַנגערעדטער קרענק? אױף אַלע פּוסטע פעלדער, דאָס איז דאָך אַ גזר פון רבונו של עולם... הערט, װאָס אַ ייִדענע איז אימשטאַנד זיך אײַנצורעדן: אַז „דו", זאָגט זי, „ביסט דוקא אַ גרױסער דיכטער, נאָר עס פעלט דיר, אָ, דו זעסט, אַ ברעקעלע מזל". פּרוּװ איך זי שױן בעטן, אַז ס׳װאָלט געװען כדאי, זאָג איך, זאָלסט אַ ביסל אַראָפּלאָזן, צי פאַררײַסן די נאָז, זאָג איך, איז גאָר ניט אַזאַ שײנע מידה און אױב ס׳האָט אַ שײַכות צו חיונה, דאַרף מען אַװדאי לאָזן װעלװעלער... װעט די „סחורה" אפשר האָבן אַן אָפּגאַנג און דאָס געשעפט װעט באַקומען אַ שענערן פּרצוף... איך האָב דאָך אַפילו צו איר האָנאָר זיך ניט צוגערירט, נו, נו, פרעגט שױן ניט, װאָס פון איר מױל לאָזט זיך הערן, אַזאַ טבע האָט זי — צינדט זיך אָן װי אַ שװעבעלע, װערט רױט אױפן פּנים, די אױגן װערן בײז און גראָבן זיך אײַן אין דער װײטקײט, זאָגנדיק: „מײנסטו, אַז די סחורה האָט געהאַט אַן אָפּגאַנג?" און זעצט פאַר מיט סטראָפעס פון פּושקין. זי האָט ליב פּושקינען. האָב אים ליב, טראַכט איך זיך, װאָס קען עס מיך אַרן? דאָס װאָס זײַן כ׳אָגן האָט איר זײַדן ניט געקענט פאַרטראָגן, איז זי דאָך אין דעם ניט שולדיק. צוריק געשמועסט, מ׳קען דאָך אַ מענטשן ניט באַשולדיקן, װאָס זײַן מאָגן קען ניט יעדער מאכל איבערקאָכן... דערפאַר האָט דער קאָפּ זײַנער גוט געאַרבעט, שױן פאַרן מאָגן אױך... און די אשה מײַנע לײענט אַרױס פון

זכרון אירן גאַנצע פּאָעמעס, און ביים פּאַרענדיקן זאָגט זי צו מיר: „דו הערסט שורות? שורות פון מלכות שמים. אומשטערבלעכע! אָט אַזוינע שורות דאַרף אַ דיכטער שרייבן!" האָסט רעכט, זאָג איך, אָבער קודם כל פאַרגעס ניט, אַז אַזאַ דיכטער ווערט געבוירן איין מאָל אין טויזנט יאָר. עס איז געשען אַזוינס, זאָג איך, וואָס לייגט זיך שווער אויפן שכל: פּלוצים נעמט די ווייסע אייראָפּע און איז זיך משדך מיט דער שוואַרצער אַפריקע. ווער מיט וועמען און נאָך אין יענע צייטן, ווען דער באַגריף „מענטש" האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערן אויסטייטש... און פון דעם שידוך, אַפילו מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, איז אַרויס אָט דער פּושקין. אין אים איז דאָך געווען אַן אויסמיש פון לאָגיק מיט קינדערישער פאַנטאַזיע, אָפּגעקילט בלוט מיט אַן אָנגעהיצטער רייפקייט, מיט ווילדקייט, פּשוטער געזאָגט — ס'האָט פון אים אַרויסגעזיגגען בלוט פון אַ קנעכט, וואָס האָט זיך אויסגע־מישט מיטן בלוט פון זיין באַלעבאָס... „איך ווייס ניט", זאָגט זי, „וואָס פאַר אַ בלוט, אַחוץ יידיש, זינגט פון דיר אַרויס, אָבער איך ווייס, אַז דיינע שורות זענען..." און הייבט מיר אָן אויסברייען, אַפילו ניט ווי אַ ייד מיטן גראָבן פינגער, ביז זי פירט מיך אַרויף אויף אַ שטאַפל, ווו איך הייב אָן גלייבן, אַז באמת דאַרף זיין אַזוי. נו, זאָג איך, איז שוין ווידער גוט. „ביין", ענטפערט זי, „נאָך ניט אין גאַנצן. אָט אָ דאָס ליד דיינס געפעלט מיר ניט". און הייבט אָן טענהן, אַזוי מיט האַרץ: „ס'טייטש, ווי אַזוי לייגט אַ מענטש ניט צו אַ שטיקל קאָפּ און אַ ברעקעלע האַרץ? מיינסטו, אַז לידער שרייבט מען נאָר מיט הענט? ווען עס פעלן דעם ליד געדאַנק און געפיל באַקומט עס אַזאַ פּנים און אַזאַ טעם, אַז מ'נעמט עס ניט אין דער האַנט. אין ליד", זאָגט זי, „דאַרף אויך זיין אמת". דו פאַרשטייסט צי ניין? אַן אמת, ווי ווייטיקלעך ער זאָל ניט זיין, ווי גרויס די בלוטונג זאָל ניט זיין, וואָס אַזאַ אמת רופט אַרויס, און ווי שאַרף אפילו ביזן ביין, זאָל ער שניידן — דאַרף מען אים אין די שורות געפינען... זאָלן דורות זיך גיין מיט זייער וועג, דער אמת איז ניט קיין צייטווייליקער און אין די גאָר ווייטע צייטן וועט מען אָט אַזאַ בלוטיקן אמת פון דיינע שורות אַוועקשטעלן אויבן־אָן..." וואָס איך פּרוּו איר ניט ווייזן ווי אַזאַ שיימעס האָט מען נעכטן געברענט און היינט ברענט מען אים אויך, ווייס איך וואָס, ווי וויל זי דען דיך הערן.

איך פּרוּוו איר אויך פאַרזיכערן, אַז מיך אינטערעסירן ניט „ווייטע צייטן", און אַז ביי מיר איז ניטאָ און וועט קיינמאָל אין דמיון ניט זיין קיין אייבי־קייט אין וועלכער זי וויל מיך פאַרנאַרן... די אייביקייט, זאָג איך איר, וועט זיין, אָבער דער מענטש וועט אייביק ניט זיין, טאָ צו וואָס דאַרף איך דעם זייפנבלאָז און זיך נאָך פאַר אים אַוועקלייגן?! מיינט איר, אַז זי האָט מיך געוואָלט פאַרשטיין, צי האָט זי זיך געענדערט אויף אַ יאָטע? אַ נעכ־טיקער טאָג, זי האַלט זיך פעסט ביי איר מיינונג, וועלכע, ווי זי זאָגט, איז איר גלויבן, און דברט ווייטער: „דערפאַר דאַרף זיך אין דער שורה געפינען שיינקייט, געדאַנק, אמת און טעם. ווי קען אַ מאכל האָבן אַ טעם אָן זאַלץ, למשל, צי אָן פעפער? הייסט עס, אַז מ׳דאַרף צופּראַווען דאָ און דאָרט מיט כל מיני קריטעכצער און ניט פאַרגעסן צוצוגעבן אַזאַ זיסקייט, אַז די שורה זאָל פאַרביטערטע הערצער אַ שטראָל ברענגען און איינגעשרומפּענע, פאַרביינערטע הערצער זאָל די שורה אָפּסמען. און גיסן דאַרף זיך דאָס ליד, ווי האָניק גיסט זיך אין אַ זומער־טאָג". פּרוּוו איך אַריינשטעלן אַ וואָרט, אַ נעכטיקער טאָג, זי הערט מיך דען? פונקט ווי דער רבונו של עולם הערט דעם גראַטשיווער רבינס „אבינו מלכינו". זי רעדט זיך אירס, זי האָט אַ טבע צו הערן זיך אַליין. „איך קען דאָך דיינע כתב־ידן", זאָגט זי, „ניט פון נעכטן, פיל איך ווי שאַרף דאָס צינגל דיינס איז, פאַרוואָס־זשע טאַקע זאָלסטו זיך ניט אַ נעם־טאָן צו אַ פאַרשימלט יידל און עס ניט אַ ציפּ־טאָן? אַזוינע וואַלגערן זיך דאָך ביי אונדז אויף אַלע גרויסע גאַסן און אַפילו אויף קליינע געסלעך געפינט מען זיי שוין אויך, טאָ פאַרוואָס־זשע טאַקע ניט אַ שאָב־טאָן זיי, אַז די וואָלוועלע נשמה׳קעלעך זאָלן ביי זיי אַרויס אויף דער שפּיץ נאָז... פאַרוואָס מאַכסטו זיך ניט וויסנדיק פון יענער דרייצן־יאָריקער, מיטן בויך ביז צו דער נאָז, זאָגט דער מאַמען אירער: זונה, וואָס דרייסטו אַזוי מיטן הינטן? צי דאָס צוועלף־יאָריקע בחורל, וואָס הייבט אַ בענקל צו זיין מאַמען, געפעלט דיר עפּעס? וואָס־זשע ווילסטו", בייזערט זי זיך, „איך זאָל טאַקע דיר אויסרעכענען אַלע מעלות פון דיינע ברידער און שוועסטערלעך?! אַליין ביסטו פויל אַן אויער אַ לייג־טאָן און מיט אַן אויג אַ בליק־טאָן?! אפשר מיינסטו גאָר שרייבן איבער דער בחורטע, וואָס טוט זיך אויס אַ נאַקעטע אין דער אַנוועזנהייט פון איר חברה, און

דו מסתמא וואָלסט זיך ניט אָפּגעזאָגט כאָטש אַ קוק־טאָן און דאָס האַרצעניו דיינס דערקוויקן ? !"

ווי זאָגט איר, מר אברהמי, ווי אַזוי מאַכט מען, אַז זי זאָל מסכים זיין : אַז איין האָר פון אַ מיידלס קאָפּ שלעפּט שטאַרקער פון צען אָקסן ? איצטער וויל זי פון אַזוינע זאַכן אַפילו ניט הערן, אָבער צוריק מיט אַ פּאָר צענדליק יאָרן, ווען מיט אירס אַ בליק האָט זי צו זיך צוגעצויגן צענדליקער בחורימלעך, האָט זי דעמאָלט אויך אַזוי באַנומען די געפילן פון שטילע, בנעימותדיקע קינדער ?... אַזוינע אמתן שטעלן זי ניט אָפּ, ווי זיי וואָלטן אין איר לעבן קיינמאָל זי ניט באַרירט...

מיינט איר, אַז שוין, ס'האָבן זיך געענדיקט אירע טענות צו מיר, האָט איר אַ טעות. הערט ווייטער : „און די, וואָס זוכן אַ טאָג אַרבעט און געפינען אים ניט, זעסטו גאָר ניט ? און די אָרעמקייט, וואָס דו באַגעגנסט אויף שריט און טריט דערגייט גאָר ניט צו דיין הערצעלע ? ! און פאַר די, וואָס קלאַפּן זיך אין האַרצן פאַרן שלום, און וואַרפן באָמבעס אויף קינדער, האָסטו גאָר ניט וואָס צו זאָגן ? !" און ווייטער, שניידט זי זיך איין אין מיר מיט אירע בייזע בליקן, זאָגנדיק : „ווי איך זע, רעאַגירסטו גאָר ניט אויף מיינע באַמערקונגען בנוגע יענע וואָס מיינען, אַז די בלאָנדע דייטשקעס וועלן אויפסנייי פאַר זיי עפענען די טירן פון גן־עדן ? צי ווילן זיי אפשר יוצא זיין פאַר יענע, וואָס האָבן אויסגעשאָכטן זעקס מיליאָן פון זייערע ברידער און שוועסטער ? ! ווען איך זאָל שרייבן לידער, וואָלטן זיי ביי מיר ניט נאָר עפּעס, נאָר אַ סך געזאָגט. עס איז דאָך אַזאַ נידערטרעכטיקייט, זיי מאַכן פשוט חוזק פון אונדז, אָט די היינטיקע פּאָעטן", בייזערט זי זיך, „דרייען זיך אויפן קנעפּעלע, פאַרדרייסן די קעפּ צום הימל מיט הויך־קנאַקנדיקע, גאָר ניט זאָגנדיקע, אויסגעהוילטע ווערטער, וואָס האָבן ניט די ווערט קיין פאַרזשאַווערטן גראָשן, און דאָס דרוקט מען און דאָס..." און דאָס, גיב איך צו, לייענט מען ניט. „און די געמיינע, וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד, דאַרף מען ניט נעמען אויף דער פּען און זיי נאָך שיקן אונדזער עקל ? ! וווהין לויפן זיי, דער רוח ווייסט זיי, בייזע ווינטן אויפזוכן ? ווי שווער מיר האָבן די מדינה אויסגעבענקט און די לויז קריכט, און קריכט ביז זי קריכט אַריבער די גרענעץ... נו, און די „גרויסע" מישטיינס געזאָגט, וואָס

לויפן איבער לענדער און צעטראַסקען מענטשלעכע האַרמאָניע, דאַרף מען ניט אַ טרייסל־טאָן?! נו, און די, וואָס פאַרלירן די נעכט זייערע ביי די קאַרטן? און ווו זענען די העלדן דיינע, די טאַטע־מאַמע מיין איך, וואָס לאָזן זייערע קינדער אויף די גאַסן, אַז זיי זאָלן לערנען וויאַזוי מיט געהע־ריקע מכשירים אויפצוברעכן שלעסער פון פרעמדע קלייטן און הייזער... און וויפל מיסט, וויפל מיסט אויף אונדזער גאַס...״

טאָ ווילט איר וויסן, מר אברהמי, וויאַזוי עס קומט אַ ליד אויף גאָטס וועלט? צו וואָס, צו וואָס דאַרף עס גאָר געבוירן ווערן, פרעג איך? מיינט איר, אַז עס לוינט זיך? איז ניט אַן עבירה די מי? איז אייך נאָך אַלץ ניט קלאָר דער ענין? פאַרשטייט מיך, איך בעט אייך, אויב איך וועל געבן ווערטער דעם ליד לויטן ניגון, וואָס זינגט אין מיר, און ווי די יידענע מיינע פאַנטאַזירט, וועט מען אַזאַ ליד ערגעץ־ווו אין האַנט ניט נעמען, און ערגעץ־ווו וועט מען עס באַהאַלטן אונטער שווערע פאַרריגלטע טויערן, און ערגעץ־ווו וועט מען עס פשוט ברענען... שרייבן לידער פאַרן מפונק ער זאָל די פינגער לעקן, דערפאַר וואָס זיי זאָגן גאָר ניט, וויל איך ניט! איז אויס, שרייב איך ניט, אויב אַזוי, איז ווי קען איך אייך זאָגן — ווי אַזוי אַ ליד ווערט געבוירן? בלייב איך אייך שולדיק אַן ענטפער. נאָר איך בין אייך מבטיח, אויב איך וועל פאַר דער צייט אָנשרייבן אַ ליד אַזאַ, אַז ס׳זאָל געפעלן אי דעם מפונק, אי יענע, וועמען מיינע פינטעלעך אין ליד שטעלן זיך אין גאָרגל און דערפאַר באַהאַלטן זיי עס אויס אונטער טויזנטער שלעסער, אי די גאָר געראַטענע, וועלכע ברענען לידער אין אייראָפּע און אין אַזיע, דעמאָלט וועל איך אייך אויסזאָגן דעם סוד פון געבורט פון אַזאַ ליד...

ווי אַנדערש...

מיט אַ צופרידענעם שמייכל באַגעגנט אברהם מאַרגוליס זיין שכן און גוטן פריינד, חיימקע אַבני — אַן אַלטער מושבניק, דער עלטסטער, איינער פון די ערשטע. מיטן שוויס האָט ער דעם שטיינערדיקן באָדן אויסגעוויקט און אַזוי אַרום דעם ערשטן ציגל פאַרן בנין אויסגעקנאָטן.

עס איז דאָ מיט וואָס זיך צו פרייען, עס רעגנט שוין אַ פּאָר מעת־לעת. צומאָל אַ גאַנצן ווינטער קוקט מען זיך אויס די אויגן אויף אַ טראָפּן רעגן און אויף צו להכעיס נאָגט אויס די טרוקעניש אַן אויפהער די לעצטע האָפענונגען, ציט איין די נערוון און לייגט אַ שווערן חותם אויפן געזונט. ז׳ער הימל, אַנשטאָט ער זאָל זיך פאַרוואָלקענען, ווערט ער גאָר פאַרנעפּלט און אַ שטויביקע געדיכטעניש לאָזט זיך אַראָפּ אויפן קאָפּ, און ווינטלעך, טראַגנדיק אויף זייערע פליגעלעך אַ טשאַדיקע וואַרעמקייט, יאָגן זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער בייזקייט פון דער מדבר, און ווען עס ווערט וואָס אַ מאָל שווערער צו אָטעמען, פאַרהאַקט מען טירן און פענצטער, אויגן גיסן זיך אַן מיט אומעט און אַ רחמנות צעברענט זיך אין די הערצער אויף די פעלדער און סעדער, אויף די בהמות און עופות און אויף זיך אַליין, אויף דיין פאַרלוירנגעגאַנגענער מי, וואָס דו האָסט אַריינגעבראַכט מיט אַזויפיל אהבה אין משך פון חדשים. פראַזשען זיך די שוין שיטערע אָפּגע־וועלקטע צמחים, ציילט מען טעג און וואָכן, און אַ סוף צו דער בייזוויליקייט קומט ניט. די רעזערוון־וואַסערן פאַרן קומענדיקן זומער ענדיקן זיך און אויסזיכטן צו באַקומען פרישע, זיינען שוואַכע. קומט די פאַרצווייפלונג און מאָלט דיר אויס אַ גרויען, טונקעלן מאָרגן...

הייבט מען אָן קוקן צום ים, אפשר, ווער ווייסט, וועט ער אַן אָטעם טאָן. דער ים אָבער שלאָפֿט. זיין שטילקייט רופֿט אַרויס פֿאַרדראָס און גריזאָטע. כאָטש שריי חי וקיים. ווי וויל ער דיך דען הערן? ליגט ער זיך פֿאַרטיפֿט אין זיינע מחשבות. צומאָל פֿאַרוויגט ער זיך שמייכלענדיק אין זיינע זיסע חלומות... ער ווייסט ניט און וויל ניט וויסן פֿון אַלע שווערע איבערלעבע־נישן פֿון דער יבשה. „מהיכא־תיתא, ס׳איז דיר הייס, טאָ שוויץ אָפּ, וועט דיר קילער ווערן, דו האַלטסט דאָך פֿון דעם ענין. מיר, זאָגט ער, זיינען צוויי פֿאַרשידענע וועלטן: יעדע מיט אייגענע קאָפּ־דרייעניש, מיט איי־גענע צרות און מיט פֿאַרשידנאַרטיקע פֿריידן... איך ווער צומאָל דערצי־טערט, זאָגט ער, פֿון דיינע געמיינע מעשים, וואָס טוען זיך אָפּ ביי דיר. עס מאַכט זיך, איך ווער אויך אויפֿגערעגט, צעבייזער זיך, איז וואָס? האַלט אָן מיין משוגעת אַ מעת־לעת, צוויי, נו אַפֿילו דריי, איז וואָס? דערנאָך קיל איך זיך אָפּ פֿון מיין היציקייט און שאַ, שטיל, אַ מחיה, אַ וועלט האָט ווידער הנאה. דו, אָבער, יבשה לעבּ, ווען דו גייסט אַריין אין דער רציחה, צעפֿלאַ־קערן זיך פֿייערן, צעגיסן זיך טייכן בלוט און אַזוי וואַרפֿט מיט דיר יאָרן ביז דו בלייבסט אָן כוחות, באַרואיקסטו זיך ערשט דעמאָלט, ווען דו גייסט אָפּ מיטן בלוט... אָט זעסטו, אין מיין וועלט פֿרעסט אויכעט איינער דעם צווייטן, אָט דאָס איז עס, אַזוי זעט עס אויס, דאָס לעבן: מ׳זאָל פֿרעסן און ווערן אויפֿגעפֿרעסן, אָבער ביי מיר זיינען ניטאָ אַזויפֿיל הונגעריקע ווי ביי דיר: ביי מיר, אַז מ׳זוכט געפֿינט מען, בעת ביי דיר וויאַזוי איז? ביי דיר זוכט מען און מ׳זוכט, און מ׳זוכט ביזן קבר און מ׳געפֿינט ניט... דיינע זאַטע פֿרעסן און פֿרעסן און זעטיקן זיך ניט קיין מאָל. היינט פֿרייהייטן? ביי מיר יעדער באַשעפֿענישל, וווהין עס וויל, גייט עס. אָט איז עס הינטן און אָט זעסטו עס אויבן. נו, און ווי זעט עס אויס ביי דיר? זאָג! האָסטו די חוצפּה מיר צו ענטפֿערן וויאַזוי עס זעען אויס דיינע „פֿרייהייטן״? זעסטו, מיין וועלט איז אַ שטילע, ניט אַזוי ראַשיק ווי דיינע. דו ביסט שוין צו... דו לויפֿסט, ראַשט, טאַראַראַמעסט, שוויצסט און מיט אַ פֿאַריסענער נאָז פֿליסטו אין די הימלען, וועמען ברענגט עס נוצן? זוכסט נייע וועלטן, אפֿשר עפּעס געפֿינען, כדי אַריינכאַפּן אין דיין נעץ?! אויך דאָרטן וועסטו מסתמא אַריינפֿירן דיינע מיאוסע שטיק, און ווי אַנדערש? ווי אַ שטייגער באַלעבאַ־

טים און משרתים, אָפּנאַרערס און אָפּגענאַרטע, באַליידיקער און באַליידיקטע, פירערס און פאַרפירטע און דער גוטער יאַר ווייסט דיך, וואָס דו וועסט נאָך צוטראַכטן ? !...״

עס טרעפט זיך צומאָל, נאָך מערערע מעת־לעתן, איז דער ים זיך מיישב, עס קען זיין, אויך אים האָט דערעסן דער מדברדיקער טשאַד, נעמט ער זיך אָטעמען, וואָס אַמאָל אַלץ טיפער, ביז זיין אָטעם דערגרייכט צו דער נעבעכדיקער יבשה, דעמאָלט קומט אַן אָנהייב פון אַ שטיקל גאולה: פילסט אַ דערפרישונג, דער אָטעם ווערט לייכטער, ס׳ווערט ליכטיקער אין די אויגן און האָפענונגען נייע צעבליען זיך אין דער מידער, פאַרצווייפלטער נשמה. שטעלסט זיך מיטן פנים צום ים, דערקוויקט ער דיך מיט אַ מחיה־דיקער קילקייט, בעת די פליצע ווערט אַלץ געשמיסן פון הייסע ווינטן. אַזוי נעמט דער גוף אויף דעם גערעַנגל פון צוויי קעגנזייטיקע שטראָמען...

דער הימל פאַרטונקלט זיך שוין ניט פון אַ שטויביקער געדיכטעניש, נאָר פון שווערע אָנגעלאָדענע וואָלקנס, וואָס הייבן אָן פאַרנעמען געהעריקע פּאָזיציעס און גרייטן זיך צו געבן אַן ענדגילטיקן קלאַפּ דעם בייזווייליקן מדבר. די מזרח־ווענטלעך ווערן אַלץ שוואַכער ביז פאַרשווינדן, אַ בליץ און אַ דונער זאָגן אָן דעם אָנקום פונעם אויסגעבענקטן טראָפּן. אַ ברכה פאַר אַלע מאַטערנישן. מחיהדיק זענען די ערשטע טראָפּנס, וואָס רייניקן אויס די לופט פונעם שטויב און די געשאַפענע קילקייט פאַרזיכערט דיך, אַז דער הימל האָט בדעה צו פאַרהאַלטן די אַלע אָנגעלאָדענע וואָלקנס און זיי אויסליידיקן דאָ, אין די היגע מקומות. די מערב־ווינטן צעווילדעווען זיך גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן און טרייבן אָן אייך וואָלקן נאָכן צווייטן און אַ פרייד לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער יבשה פאַר אַלע אָנגעווייטיקטע הערצער.

אַלץ לעבט אויף: דאָס אָפּגעוועלקטע גרעזל באַקומט צוריק אירע גרינע פאַרבן, ווי דער בליק אין אויג באַקומט זיין פריילעכן בלישטש, דאָס איינ־געקאָרטשעטע בלעטל צעוויקלט זיך, ווי ניי געבוירן, באַקומט דעם פריער־דיקן גלאַנץ און אַן אויסגעצוואָגנס בייגט עס זיך פון צייט צו צייט, ווי ס׳וואָלט אַ הייסע תפילה דעם הימל געשיקט פארן חסד זיינעם; דאָס עוף לויפט אַרויס פון זיין נאָרע, צעשפרייט ברייט די פליגל, טרייסלט אָפּ פון זיך דעם אָנגעזאַמלטן מדבר־שטויב און פּרוּווט, אפשר,, ווען, אַ פלי־טאָן

אין דער פרישער, אָפּגעקילטער אַטמאָספּערע; די בהמה ווערט רירעוודי־קער, שטייט שוין ניט אַ פאַרסטאַרטשעטע מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אַלץ, טרייבנדיק די נודנע פליגעלעך, וואָס פרווון נאָגן די שוין אַזוי אויך אויס־געטרוקנטע פעל אירע, צעעפנט ברייט אירע פאַרשטויבטע נאָזלעכער, זאָל מער נאָסע לופט אין זיך אַריינציען, צומאָל בלייבט זי אַ רואיקע און טראַכט זיך איין אין דער פלוצימדיקער ענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין איר אַרום.

אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, ווי אויך אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, האָט דער הימל ניט אויפגעהערט אַלץ צאָלן און צאָלן זיין חוב, וואָס ער איז געבליבן שולדיק אין משך פון פאַרשפּעטיקטע חדשים.

*

— חיימקע, היינט ביסטו גאָר ניט אין דיינע וואַסערן, — שמייכלט אברהם מאַרגוליס דעם שכן זיינעם אין די אויגן.

— אין וועמענס, מיינסטו?

— ניט ווי תמיד.

— וואָס אַזוינס זעסטו אויף מיר, אברהמלע? פּעריציק יאָר זינט איך טובל זיך נאָר אין ירדן.

— איך זע אַ קאַלעמוטנעקייט אין דיינע בליקן. עס פעלט די גוטקייט זייערע, און ווילן זאָגן, אַז עס קאָכט זיך אַ ביטערער מאכל אין האַרצן דיינעם.

— יאָ, ווי דו וואָלסט געטראָפן. עס קומט צומאָל אויס שלינגען ביטערע פילן.

— מאַכסט מיך נייגעריק.

— גאָר ניט באַזונדערס, — אין קול זיינעם פילט זיך אַ געפּאַלנקייט. — עס זאַמלט זיך אָן אויפן האַרצן און פאַרביטערט דאָס לעבן. דער אַלטער ניגון: דער אמת שטייט פאַר די אויגן און מ'וויל אים ניט זען. אפשר איז מען גאָר ניט זוכה אים זען. דעם „אמת" דאַרף מען און מ'קען אים געפינען, אָבער אין באַוווּסטזיין, איז וווּ־זשע נעמט מען דעם באַפרייטן מענטשן?... יאָ, כ'וויל זאָגן, אַז יידן קומען אַצינד אין לאַנד מיט אומבאַרעכנטיקטע פאָדערונגען. ווו האָבן זיי אָנגעזאַמלט אַזוינע? וואָס־זשע, פון גן־עדן קומען זיי צו אונדז? צוריק מיט פּעריציק יאָר זענען מיר צו וועמען

געקומען מיט טענות? און ווען? ווען מיר האָבן דאָ געזונקען ביזן האַלדז אין די זאַמדן, און אַז ביי אונדז אין שטוב שטייט נאָך ניט יעדע זאַך אויף איר פּלאַץ, איז וואָס? מ׳דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז מיר זענען ערשט צוועלף יאָר אַלט. מ׳דאַרף אויך וויסן, אַז אַהער זענען געקומען מענטשן פון אַלע עקן וועלט און צווישן זיי אָפּגעשטאַנענע, ניט צו באַדאַרפן; אויך אַ היפּשע צאָל, און אַ ביסל ערב־רב האָט זיך אויך אין אַ געוויסער צאָל אַריינגעגנבעט... דאָס אַליין זענען קליינע פאַרגעניגנס, טאָ צו וואָס־זשע נאָך קומען שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן? קען מען דען יעדן צופרידנשטעלן? מאַכן אַ יידן ער זאָל זיין צופרידן, איז אַ שווער שטיקל אַרבעט. ווער מען קומען זאָגן, אַז ניט יעדער זיצט אויף זיין פּלאַץ. אַוודאי זיצן ביי אונדז אַזוינע, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט נאָך שטיין, און אַזוינע, וועלכע זיצן אויבן־אָן, וואָלט אוודאי כדאי געווען, ווען זיי זיצן אויף קלענערע בענקלעך און ביי דער טיר...

— צו וואָס זיך נעמען צום האַרץ, — פּרוווט אברהם אים באַרואיקן, — סתם זיך מאַכן יסורים, מאַלע, וואָס יידן פּלאַפּלען, זאָלן זיי רעדן; אַז זיי האָבן באַרעדט מעכטיקע מלוכה־פירער אויף זייערע ערטער, ווילסטו, אַז זיי זאָלן די אייגענע דרייערס און גאָר שוין ניט אַזעלכע איי איי איי׳ן, ניט באַרעדן?

— לאָז געמאַך, — בייזערט זיך חיימקע, — איך האָב גרויס עגמת־נפש, מיך פאַרדריסט. אַזויפיל בייזוויליקייט און פאַרדאַרבנקייט, ווי קען מען עס אַראָפּשלינגען? שטעט, שטעטלעך אויז דערפער אַרומגעצאַרטלטע מיט גערטנער, גרינע פעלדער, קליינע און גרעסערע וועלדלעך, דורכגע־שניטענע מיט כבישים, דאָס איז מיט דער האַנט אַוועקצומאַכן? ווען זיי וואָלטן געוועזן זען דאָס, וואָס איך האָב געזען, ווען איך בין אין לאַנד גע־קומען: זאַמדן, זאַמדן און זאַמדן, אויף מרחקים פון צענדליקער און הונ־ד׳ערטער קילאָמעטערס, ווילדע קוסטעס האָט מען געקענט זען אויף די זאַמדן און אונטער יעדן קוסטיק האָט זיך אַ שלאַנג אויסבאַהאַלטן...

— ווער זיינען זיי, די חכמים?

— ווער זיינען זיי? פרעג ניט! הער אַ געמיינקייט. נאָך דעם, וואָס כ׳האָב זיי דערציילט, ווי אַ קליין בינטל מענטשן זענען געקומען אין דער

געוועזענער מדבר און וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט ביז זיי האָבן דערגרייכט צו דעם וואָס מיר זעען איצט. וואָס מיינסטו, האָבן זיי מיר געענטפערט? אַז מיר זיינען קיין בעסערס ניט ווערט געווען.

— דאָס איז גאָר? — צעשמייכלט זיך אברהם, — עס ווייזט אויס, אַז דעם מענטשן געפעלט דאָסביימל, וואָס ער אַליין האָט פאַרפלאַנצט אין באָדן און עס געלאָזט אויסוואַקסן. דער מענטש איז פאַרליבט אין רעזולטאַט פון זיין אייגענער מי. זיי זיכער, אַז די, וועלכע האָבן זיך אַזוי גראָב באַגאַנגען מיט דיר, וועלן נאָך יאָרן דענקען, פילן און מיטווייטיקן ווי דו. לאָז זיי אָפּ, זאָג מיר בעסער, וואָס איז געוואָרן מיט דיינע כתבים, געפונענע פון אוראַלטע צייטן?

— גאָר ניט. מיינע דאָקומענטן שטאַמען ניט פון קיין מזרחישער עדה, ווו מ׳שיקט שליחים זאָלן פאָרשן די „קולטור" זייערע... מ׳פלעגט צו אונדז אויך אַ מאָל שיקן שליחים, אָבער נאָך עפּעס אַנדערש...

— וואָס־זשע טוען זיי דאָרטן, די גדולים אונדזערע?

— וואָס עס גלוסט זיך זיי און וואָס עס איז „לטובת דעם פאָלק"...

אין זיינע פרייע שעהן גריבלט זיך חיימקע אַבני מיט ליידנשאַפט אין די געשיכטעס פון דער יידישער צעשפּרייטקייט און בתוכם אין דער געשיכטע פון זיין אַמאָליקער היים פון מזרח־איראָפּע. אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט ער אויפגעזאַמלט כל מיני פּאַפּירן, צוו. אַנדערע קאָפּיעס פון כתבים פון גאָר אַלטע צייטן, וואָס ער האָט געפונען אין פאַרשידענע אַרכיוון. אין איינער פון די קאָפּיעס דערציילט זיך, למשל, אַז די רוימער האָבן געבראַכט אויפן באַלקאַנער אינדזל „יהודייער" (נאָכן חורבן בית שני), געגעבן זיי אַלע פרייהייטן, אָבער מיט אַ תנאי: זיי זאָלן אויפשטעלן ישובים און באַאַרבעטן די גרויסע און בראשית־ווילדע ערד־שטחים. אַט אָ די „יהודייער" האָבן געגעבן לעבן דער געגנט, ווו ביזן היינטיקן טאָג שטייען נאָך די ישובים מיט באַדייטנדיקע נעמען: „אַיוד" און „אַדזשוד"...

אברהם מאַרגוליס איז דער יינגסטער אין מושב, סך־הכל דריי יאָר. דאָ, אונטערן פרייען הימל, אויף רחבותדיקע פעלדער, אין סאַמע מיטן פון דער בלויקייט, וואָס קומט פון דער הימלישער טיפקייט, גיסט זיך אַריין דאָס געזאַנג פון פייגל, פון טויבן, דער זשום פון בינען, דאָס געפילדער פון

די עופות, ווען זיי רינגלען אים אַרום און וואַרטן ער זאָל זיי מכבד זיין מיט אַ מאָלצייט, פילן אָן ס'האַרץ זיינס מיט פרייד און מיט ליבע צו אַלעמען. נאָך דעם האָט ער אַלע זיינע יאָרן געבענקט.

אברהם איז געבוירן אין דאָרף, נאָר דאָס דאָרף האָט געזאָלט שוין ווערן אַ מין שטעטל. ער האָט בשום אופן ניט געקענט זיך איינלעבן אין דער שטאָטישער צעפּלאָסנקייט. דער רעש און געפּילדער, די פרעמדקייט און קאַלטקייט דערשטיקן אין אים די געפילן און ער פילט ווי עס פעלט אים דער אָטעם. ווי אָפט ער פלעגט זיך צוהערן צום שטילן געוויין פון זיין בענקנדיק האַרץ נאָר דער טיפקייט פון זיין אַמאָליקן הימל מיט אַלע זיינע גרויסע און קליינע, נאָענטע און ווייטע שטערן; דער מילך-וועג איז געווען פאַר אים איינער פון די גרעסטע סודות ווי ער פלעגט זיך אריינ־טראַכטן ביז קאָפּ-ווייטיק. אין די זומער-נעכט פלעגט ער קיין אין נאַכט ניט פאַרלירן אָנעם הימל; אין הויף, אונטערן אַקאַציע-בוים, פלעגט זיין מאַמע אויסבעטן אַ געלעגער, ער זאָל אין שלאָף אָטעמען מיט ריינער לופט. אין זיין פאַנטאַזיע פלעגט ער יעדע נאַכט אַרומשפּאַצירן, געקוקט אויף יעדן שטערן און שטערנדל פון דער פאַרכישופטער העלקייט, וואָס שניידט דעם הימל איבער אין צווייען. אין זיינע אויערן האָבן תמיד געקלינגען דער מאַמעס רייד: „דער בורא-עולם״, פלעגט זי זאָגן, „האָט באַשאַפן דעם וועג פאַר בני ישראל, זיי זאָלן וויסן וויאַזוי זיך אומצוקערן אַהיים אין זייער לאַנד, די העלקייט וועט זיין דער וועגווייזער״. אין שטומער בענקעניש ווינט זיך פון-זיך-אַליין, און ניט איין מאָל איז אברהמען אויסגעקומען צו שטיקן אין זיך אַזאַ געוויין, ווען די עלנטקייט האָט אים גענומען אין אירע צוואַנגען און אים איבערגעגעבן אין רשות פון שטורעם, וואָס האָט אים געשליידערט פון איין גאַס אויף דער צווייטער... אין זיינע וואָגל-יאָרן האָט ער געאַרבעט כל מיני עבודות פרך. און וועלכע עבודה-זרהס האָט ער דען ניט געמוזט דינען ?... ברויט האָט ער געהאַט ביזן מויל. דאָ אין לאַנד האָט ער געקערט די גאַסן אין תל-אביב אין די נאַכט-שעהן, געאַרבעט אויפן כביש, געאַרבעט אַלס שאָפער אויף אַ לאַסט-אויטאָ ביי אַ באַלעבאָס, און ווען די זון האָט זיך שוין אויך דערמאָנט אין אים און אַ גלעט געטאָן זיין פנים מיט אירס אַ שטראַל, איז ער געוואָרן אַ פקיד. צו אַזאַ מדרגה דערגרייכן, האָט ער

אַפילו נישט געוואַגט צו חלומען. באַקאַנטע זיינען אים אַוודאי מקנא, אָבער אים האָט געצויגן דער אָפענער הימל, די גרינע פעלדער, די קו, דאָס עוף, די בין, דאָס צעגרינטע ביימעלע, די ריינע לופט און דער פויגל־געזאַנג.

דער רעגן האָט אברהמען צוריק געבראַכט דאָס קינדער־שמייכעלע, וואָס האָט תמיד אַרומשפּאַצירט אויף זיין פּנים, די טרוקעניש האָט עס אויסגעטרוקנט און מיט טרויער פאַרהילט זיינע אויגן. אַ גאַנצן ווינטער האָט פאַר אברהמען געדרעגנט ביינאַכט אין חלום, ער האָט אויך געזען ווי ברייטע טייכן יאָגן זיך ראַשיק, בעת זיינע פעלדער שמאַכטן נאָך אַ טראָפּן וואַסער. אברהם האָט אויפסניי דערזען רבקהלען, זיין פרוי, יונג און שיין, אַזוי ווי ער וויל זי, און ווי ער האָט זי אַלע יאָרן געזען. שטעלט ער אַוועק אַ פלאַש וויין אויפן טיש. שוין חדשים קיין טראָפּן וויין אין מויל ניט גענו־מען. פרייטיקצונאַכט מאַכט ער ניט קיין קידוש, ווייל ער האַלט ניט פון דער מצווה. בעת זיינע פעלדער אַנגעזאַפּטע פון שוויס ווערן געשמיסן פון הייסע זאַמדיקע ווינטן, פאַריתומטע בהמות זוכן אַ גרעזל און געפינען ניט, קען קיין וויין אויף די ליפּן זיינע ניט קומען.

חיהלע, זיין אַכצן־יאָריק טעכטערל, אַ סטודענקטע אין ירושלימער אוניווערסיטעט, איז אַהיים געקומען אויף אַ טאָג־צוויי. זי איז אַ הויך געוואַקסענע, טראָגט אויף אירע אַקסלען אַ שיינעם קאָפּ, דער קאָליר פון איר פּנים איז בלאַס און פון אונטער אירע ברעמען לייכטן אָפּיר צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, דער האַלדז — צוגעבדווינט און שטאָלץ, און ווי נאָר ער גיט זיך אַ דריי אַזוי צעכוואַליען זיך אויף איר קאָפּ זיידענע שוואַרצע האָר. איר גוף איז ווי מוזיק, וואָס טראָגט אַרויס איר גלענצנדיקן ריטעם אין זיין באַוועגונג. ווילנדיק אויסנוצן די גוטע שטימונג אין שטוב, נעמט חיהלע אַריין דעם פאָטערס קאָפּ אין אירע הענט און מיט אַ שמייכל זאָגט זי:

— אבא, לאָמיר פאָרן אין שטאָט!

— ערשט נעכטן ביסטו דאָך פון שטאָט געקומען.

— יאָ, אָבער כ׳וויל דאָס מאָל זיין אין תל־אביב.

— צו וואָס, מאַמעשי? — און גיט איר אַ קוש אויפן שטערן.

— אויף אַ קאָנצערט. איך האָב נאָך ניט געזען דעם „היכל התרבות״.

— יאָ, יאָ, טאַכטערשי, אַ קאָנצערט בין איך אויך אַ בעלן צו הערן. גוט, מיר'ן פאָרן אַלע. וואָס פאַר אַ פּראָגראַם?

חיהלע טראָגט אים צו די צייטונג. אברהם קוקט אַריין און פאַרדרייט מיט דער נאָז, ס'געפעלט אים ניט, ס'פּראָגראַם איז אים אין גאַנצן פרעמד, יונגע קאָמפּאָזיטאָרן באַגייסטערן אים ניט, ניט זיי, ווי די מוזיק זייערע. ער האָט הנאה צו הערן קלאַסישע מוזיק.

*

אין דער נאַכטיקער טיפער שטילקייט, אונטער אַ טונקל־בלויען אויס־געשטערנטן הימל גליטשט די שיף זיך צו די חיפהער ברעגן. טויזנטער ליכט אויפן ימיקן אויבערפלאַך נעמען זי אויף ביי די טויערן מיט שיינענדיקע שמייכלען. נאָך האַלבער נאַכט. די עולים געפינען זיך ניט קיין אָרט: אומ־געדולדיקע, נייגעריקע און אויפגערעגטע גייען זיי אַהין און צוריק. די פּיל־קאָלירקע שיינען מיט וועלכע חיפה באַגעגנט זיי, לאָזן זיי ניט רוען. מידע און אויסגעמאַטערטע, ווערן זיי אַריינגעכאַפּט אין נעץ פון די נאַכטיקע סודות. אַ טייל צעבלעטערן דעם זכרון, נעמען אַרויס שוין לאַנג אָפּגעוועלק־טע חלומות, לופטערן זיי דורך און פּרווון זיי אַוועקשטעלן אין דער מיט פון זייער וואַקלדיקן גלויבן... אַ טייל מיט שרעק אין די בלאָנדזשנדיקע בליקן — ווי זיי וואָלטן געגנידערט באַרג־אַראָפּ און פון ווייטנס צייכנט זיך אויס פאַר זיי אַן אָפּגרונט... אַ טייל מיט אַ ציטער אין האַרץ שטייען פאַר אַן אָפענער טיר פון זייער חלום און האָבן מורא אַריבערשפּאַנען זיין שוועל... אַ טייל שפּייען אויס דעם גאַנצן ביטער אָנגעזאַמלטן פאַרצייטן, אַז קומען זאָלן זיי מיט ריינע אויסגעלייטערטע נשמות אין זייער באַנייט לעבן...

ס'איז אַ קלאָרער, ליכטיקער ווינטער־טאָג, מיט אַ וואַרעמער, שמייכ־לענדיקער זון אויפן הימל. בנימין מאָרענפעלד, קומענדיק אויפן ישראל־באָדן, ווערט איבערראַשט פונעם ערשטן בליק זיינעם: די זון גלעט און קושט מחיהדיק אויס זיין פּנים. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערזען אַ זון אין איר העכסטער שטראַלנדיקער גרויסקייט, ניט ווי אַלע זיינע יאָרן האָט זי אויסגעזען: — ווי זי וואָלט געווען איבערגעצויגן מיט אַ גרינעם טוך. אין האַרצן זיינעם איז געוואָרן וואַרעם, ליכטיק און בלומען פון אַלע

קאַלירן האָבן זיך צעבליט. ס'האָט זיך דורכגעלויכטן פאַר אים אַ הימלדיקער שמייכל, ווי ער וואָלט דערזען ליכטער, וואָס קומען פון אַ טויזנט־יאָריקער טיפקייט. ער זשמורעט, פאַרמאַכט און עפנט אויפסניי די אויגן, אים דאַכט זיך, אַז עס איז אַ שיינע אילוזיע. „ווי קען אַזאַווירקלעכקייט אין מיטן ווינטער זיך צעבליען? ווי קענען אויגן זען אַזאַ אמת, אויגן, וואָס זענען טויזנט מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן? ווי קענען זיי מסוגל זיין אויפצונעמען אַזוינע שיינקייטן?" ער פּרוווט אויפלעבן איינע פון זיינע פּילצאָליקע שווערע איבערלעבונגען, פייניקנדיקע דערינערונגען, אָבער די כישוף־שפּיל פון די זון־שטראַלן זיינען גובר דעם פּרווו זיינעם: אַרויסרופן און באַוועגן דעם גאַנצן כוח פון זיין פאַנטאַזיע, בכדי צו זען די באַליידיקטע יאָרן זיינע. ער פילט, ווי קיינמאָל, אַ קערפּערלעכע און גייסטיקע פרישקייט פון דער העלקייט באַהויכט פון אַ ריינעם אָטעם, וואָס קומט פון דעם דרימלענדיקן ים.

בנימין, אַ הויכער, געשטרעקטער, אין די מיטעלע יאָרן, זיין פּנים טראָגט שטריכן פון אויסערגעוויינלעכער שיינקייט, די נאָז זיינע, ווי זי וואָלט געווען אויסגעטאָקט פון אַ געניטן סקולפּטאָר, שוואַרצע כוואַליענדיקע האָר, דורכגעוועבטע מיט גרויע פעדימלעך, ווי די כוואַליעס אויפן ים פון זייער שוים. אונטער אַ ברייטן שטערן באַוועגן זיך צוויי אומרואיקע, רעדעוודיקע אויגן אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ אַ מידקייט — דער חותם פון זיינע שווערע איבערלעבונגען.

— בנימין! — צעהילכט זיך אין זיינע אויערן דער נאָמען זיינער. ער גיט אַ ציטער אויף, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט האַרץ־קלאַפּעניש, קוקט זיך אַרום, זוכט, ווער עס האָט אים צעריסן אַ זיסן חלום.

— משה! — זיין אויסגעשריי איז געווען דורכגעדרונגען מיט פרייד און אויף זיין פּנים האָט זיך צעשפּרייט אַ צופרידנקייט: אַז דאָ, אין דער הייִמישער פרעמדקייט האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס איז געקומען אים אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט.

אַדורך אַלע פאָרמאַליטעטן, באַקומען אַ „תעודת־עולה" און ווי נאָר ער איז אַרויס פון טויער, אַזוי איז איינער אַרויפגעפאַלן אויפן צווייטן, געקושט און געהאַלדזט זיך, און ווען זיי האָבן זיך אויפסניי אַ קוק געטאָן אין

די אויגן, האָבן זיי זיך צעשמייכלט און אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, שעמענדיק זיך איינער פאַרן צווייטן פאַר די טרערן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין זייערע אויגן.

— משה, מיין פאַרמעגן: טאַניאַ און וואַליק, מיט דעם בין איך געבליבן פון אַלע מיינע קרובים און פריינד, מאַך באַקאַנטשאַפט.

— סע וועט מיר זיין דערלויבט אַ קוש טאָן די גלענצנדיקע חברטע פון מיין בעסטן פריינד, — מיט די ווערטער דערנעענטערט זיך משה צו טאַניאַן און נעמט זי אַרום, דערנאָך הייבט ער אויף דעם קליינעם נייגעריקן וואַליק און קושט אויס זיינע קיילעכדיקע בעקעלעך, זאָגנדיק — וואַליק, וואַליק, — און אין זיינע אויגן שווימט אויף אַ פראַגע.

— יובל, — גיט צו בנימין, — אַ תנ״כישער נאָמען, ער איז ביי מיר דאָס שטילע געזאַנג פון מיין נאָך פאַרבליבענעם זינגענדיקן בלוט. ווי דו זעסט, אויך מיין צווייטע טייל האַלט פונעם תנ״ך...

— נו, ווי זאָגט מען עס אויף „פראַנצויזיש״, פּאַיעכאַלי, אַהיים, — מאַכט משה און נעמט אַרויס פון בנימינס הענט די פּעקלעך, — אַהיים צו מיר, עס וואַרט אויף אייך אַ צימער מיט צוויי בעטן, אַ טיש וועט זיין אַ געמיינזאַמער ביז דו וועסט זיך איינאָרדענען, און מער פון אַלעמען וואַרט מיין ליבע צו דיר, אַנגעזאַמלטע אין די וועלדער. זי האָט זיך אויף קיין איין האָר ניט געמינערט.

משה גאָרין האָט מיט בנימינען דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי־גיהנום אין די וועלדער, ווו זיי האָבן געקעמפט קעגן די נאַציס. אַ פּאָר מאָל איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ דייטשן פּאַטרול און בנימינען איז געלונגען אים אָפּראַטעווען. מיט בנימינען האָט משה זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל, ווען ער האָט זיך מיט זיין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אַריינגעריסן אין דער געגנט, ווו בנימין איז געווען אויסבאַהאַלטן קאַרגע דריי יאָר אין אַ רוסישער שטוב. אַוועקגעהרגעט אַ דריי צענדליק פּאַשיסטן, צונויפגענומען דאָס געווער און פּראָוויאַנט, און ווייטער אַוועק אין וואַלד אַריין, דעמאָלט, נאָך דריי יאָר, האָט בנימין צום ערשטן מאָל אויפסניי דערזען אַ הימל, אַ זון־שטראַל און דערפילט פרישע לופט צום אָטעמען.

— איך האָב פאַר דיר צוויי גוטע בשורות, — נעמט משה אַ שמייכ־

לענדיקער אַרום בנימינען — די ערשטע, וואָס איך ווייס, אַז זיי זענען אין לאַנד און ווו זיי וווינען, און די צווייטע איז — וועגן פּרנסה. ביי אונדז איז פּרנסה אַ וווּנדער, אָבער דערפאַר, ווען זי איז דאָ — ווערט דאָס לעבן דיינס דאָ ווי אין גן־עדן. איך האָב זיך דורכגעשמועסט מיט מיין באָס, מיט מיין דירעקטאָר, הייסט עס, אַז דו זאָלסט באַקומען אַרבעט אַלס אינזשיניער. סע שטעקט אים נאָך אַ ביינדל אין האַלדז — דיינע יאָרן. נאָר איך מיין, אַז ער וועט עס מוזן אַראָפּשלינגען... יאָ, כ'האָב נאָך פאַרגעסן בעטן אַנט־שולדיקונג ביי אייך אין נאָמען פון מיין שרהלען, זי גרייט זיך דאָרטן. אייער טעלעגראַמע האָבן מיר ערשט באַקומען ביינאַכט.

פאַר דער מלחמה האָט משה גאָרין זיך געלערנט אין פּאָליטעכניקום אויפן צווייטן קורס. באַלד פון אָנהייב מלחמה האָט ער זיך געראַנגלט מיטן שונא. אַרומגערינגלט פון די דייטשן, איז ער על־פּיס־נס אַרויס פונעם „זאַק", ווי מ'זאָגט, מיט אַ קליינער גרופּע סאָלדאַטן, האָט ער אַזוי גע־בלאָנדזשעט אין די וועלדער. צו ביסלעך זיינען זיי אויסגעוואַקסן אין אַ היפּשער פּאַרטיזאַנער־מחנה. דערנאָך זיך פאַראייניקט מיט דער רויטער אַרמיי און אַזוי געטריבן די נאַציִשע חיה ביז בערלין. קומענדיק אויף אורלויב אַהיים, אין זיין געבורט־שטאָט, האָט ער געפונען אַ באַרג אַש. ניט קיין עלטערן, ניט קיין שוועסטער און ברידער, קיינעם, קיינעם ניט. „אויפן בית־עולם פון מיינע לייבלעכע טאָר מיין פוס מער ניט קומען", האָט ער צו זיך געזאָגט. קומענדיק צוריק אין זיין מיליטערישן טייל, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט זיינע שאַרפע ווייען און דער כוח פון זיינע געפילן האָט אים געטריבן, ער זאָל פאַרלאָזן די ערטער, ווו עס פילט זיך דער ריח פון זיינע געבראָטענע שוועסטער און ברידער, ווו עס ווייעט אַרום דאָס אַש פון זיין טאַטע־מאַמע. ער איז אַוועק מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע קיין פּאַלעסטינע און דאָ האָט ער אויפסניי געמוזט נעמען די ביקס אין האַנט, כדי זיך אויס־קעמפן אַ היים.

*

— רבקהלע, — מאַכט אברהם, אַרומנעמענדיק זיין פרוי, — ווען איך זאָל ניט אַרויספאָרן איבערן לאַנד, פיל איך יעדעס מאָל ווי דאָס האַרץ

וואַקסט אין מיר פון גרויס פרייד, עס ציטערט אַזש, ווען איך זע אַזוינס, ווי נעכטן ערשט זיינען געווען זאַמדן. אויסטערלישע בילדער וואַקסן אויס פאַר די אויגן. קוק, ווי עס בויען זיך ווענט! ווי שיין אונדזער מדינהלע זעט אויס! פון טאָג צו טאָג ניט צום דערקענען. עס פעלן מיר ווערטער איך זאָל דיר אַרויסזאָגן מיינע געפילן. מיר זיינען שוין אין לאַנד קאַרגע דרייצן יאָר און איך קען זיך אַלץ ניט אָנזעטיקן מיט דער שיינקייט, צעבליטקייט, מיט דעם שווונג און מיט אַזאַ וואַקסנדיקער שטאַלצקייט פון אָט דער קליי־נער מדינהלע אונדזערער!

אברהם פרוווט אויפלעבן איינע פון זיינע אומצאָליקע איבערלעבונגען, אָבער די שטראַלן פון זיין צעשיינטער זון באַלייכטן זיין היינט אין אַזאַ מאָס, אַז עס ווערט אים אוממעגלעך צו זען די אַלע שאָטנס, וואָס האָבן אים באַגלייט אין זיין נעכטן. דאָך, דעמאָלט ווען עס ווערט שוין אַזוי גוט אויפן האַרצן ווי קיין מאָל ניט, קומט אַרויס פאַר די אויגן אַ טייל פון די פאַר־גאַנגענע יאָרן מיט אַלע זייערע אויסגעטראָגענע פיינען, דעמאָלט באַקומסטו רחמנות אויף זיי און הייבסט אָן זיי זוכן אויף אַלע שטויביקע וועגן, ווו דו האָסט זיי צעוואָרפן, און זיי, די יאָרן דיינע, ברענגען מיט זיך דערמאָנונ־גען פון אַמאָליקע מחשבות און אָפּשפּיגלונגען פון דיין אויסזען: ווי מיט האַלב־אָפענע אויגן קוקסטו זיך אַריין אין לעבן און ס'דאַכט זיך דיר, אַז ס'איז איבער דיינע כוחות צו זוכן ריינערע, מער לויטערע, מער ליכטיקערע...

— אברהמעלע, וואָס מאַכט מען? — האָט שמעון וויינבערגער, אברהמס בן־עיר, אַ גלעט געטאָן אים איבערן קאָפּ, בעת ער איז אַריין אין אויטאָ־בוס. — וויאַזוי לאָזט אַ מענטש פון זיך ניט הערן? וויאַזוי שרייבט מען ניט אָן אַ פּאָר ווערטער און וויאַזוי פאָרט מען אַוועק אָן אַ „זיי געזונט"?

מיט אַן אומצופרידענער מינע און ווי געבייזערט זיך, פאַרן איבער־רייסן אים זיינע מחשבות, האָט אברהם זיך אויסגעדרייט אין שמעונס זייט, זאָגנדיק:

— אָך, שמעון, דו ביסט עס? עס טוט מיר בפירוש הנאה וואָס איך זע דיך, עס פרייט מיך ממש. און וואָס טוען אונדזערע לאַנדסלייט?

— וואָס זאָלן זיי טאָן? אַ טייל מאַכן אַ לעבן און אַ טייל כניקען.

— זיצן זיי, הייסט עס, און גענעצן און דערמאָנען זיך אינעם אַמאָל?

לופטערן דורך זייערע פאַרשימלטע זכרונות און עס דאַכט זיך זיי, אַז ס׳איז געוועזן גוט און ווויל... דאָס אויער בענקט אַוודאי נאָכן זמרל... נו, יאָ, אַ צייט שוין ניט געהערט דאָס וואָרט „זשיד״? נו, און דו? ווי גייט עס דיר? סוף־סוף שוין צופרידן?

— ווייס איך וואָס, — שיקט שמעון נאָך אַ בייזוויליקן שמייכל, ווי קען מען זיין צופרידן, אַז דו ביסט געפּענטעט, און אויפן גאַנצן לעבן פאַרשקלאַפט אין די בענק. קענסט זיך קיין מאָל ניט אויסצאָלן. ביסט ניט אַרויס פון איין חוב, ווי דו קריכסט אַריין אין אַ צווייטן. חובות האָב איך פון אַלע צייטן: יונגע, עלטערע און גאָר אַלטע.

וואָס הייסט יונגע און אַלטע חובות?

— וואָס פאַרשטייסטו ניט. יונגע חובות הייסן פרישע, צאַפּלדיקע, ניי־געבוירענע.

— נו?

— נו, נו, איך וועל שוין מוזן מאַכן זיי זאָלן אַלט ווערן, — צעלאַכט זיך שמעון און זעצט פאָר, — ווייל אַלטע חובות, זענען אַלטע, און אַלטע חובות, כ׳ווייס, מ׳זאָגט, מעג מען אין זיי פאַרגעסן... יאָ, האָסטו מיר נאָך ניט געזאָגט ווי דו וווינסט?

— אין אַ דאָרף וווין איך, און צופרידן, ווי תמיד. וואָס מאַכט דיין משפּחה מיטן געזונט?

— ברוך־השם. איך האָב אַ צייט געליטן אויף די אויגן. אָבער עס איז אַריבער. נאָר הער, וואָס ביי אונדז קומט פאָר, ווי מ׳זאָרגט דאָ פאַרן מענטש, ביי אונדז איז גאָר ניט הפקר... — אַ שמייכל שווימט אַרויס אין די מויל־ווינקלען. — לייג צו קאָפּ און הער זיך איין, ווערסטו האָבן נחת... אין צווישנצייט, ווען איך בין קראַנק געווען, באַגעגן איך אַ גוטן באַקאַנטן, פרעגט ער מיך, וואָס און ווער מיטן אויג. דערצייל איך אים, זאָגט ער מיר: „שמעון חביב, קענסט באַקומען פּיצויים״. זאָג איך, פאַרוואָס, און ביי וועמען? זאָגט ער: „פאַרן אויג און ביים דאָקטער״. זאָג איך, וואָס הייסט ביים דאָקטער מאָנען פּיצויים? ער האָט דאָך מיך געזונט געמאַכט, האָט געדויערט נאָך אַ וואָך, איז וואָס? זאָגט ער: „פאַר דער פאַרלוירענער צייט, וואָס דו האָסט ניט געאַרבעט, דאַרפסטו מאָנען פּיצויים״. זאָג איך, איך אַרבעט דען? זאָגט

ער מיר, איך זאָל קיין טיפּש ניט זיין, און שטרעקט מיר אויס אַ פּאַפּיר, זאָגנדיק: „קעלבעלע שרייב אונטער, ס׳וועט דיר ניט קאָסטן קיין איין פּרוטה, איך וועל שוין מסדר זיין דעם ענין, דערפאַר וועל איך באַקומען אַ פּראָצענט״. וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? וואָס ווייסטו אין דאָרף ביי דיר, וואָס עס טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט?...

— אמת, איך בין ווייט, איך זאָל וויסן, וואָס עס טוט זיך דאָרט ביי אייך אין אייער „גרויסער וועלט״, — גיט צו אברהם מיט עקל. — דאָס הייסט ביי אייך אַ וועלט?

— צי אַ שטייגער, אָט וואָס קען געשען ביי אונדז אין חיפה, — שמייכלט שמעון, — אַ מאַמע אויב זי איז ניט צופרידן מיט דער דאָקטערין, וויאַזוי זי היילט איר קינד, זידט זי אויף אַ טאָפּ סמאָלע, גייט אַוועק אין שול ווו עס לערנט דער דאָקטאָרינס קינד, שטעלט זיך אַוועק ביים טויער און ווי נאָר דאָס קינד איז אַרויס אויף דער גאַס, איז האָפּ — אויסגעגאָסן, הייסט עס, האָט זי דעם טאָפּ מיט סמאָלע אויפן קינדס קאָפּ. נו, און אויספּאַטשן אַ דאָקטער איז ביי אונדז, מיינסטו, אַ זעלטענע זאַך? איז דען דאָ אַ טאָג פונעם רבונו של עולם, אַז ערגעץ־ווו זאָלן ניט פליען קיין פּעטש אין אַ דאָקטערס פּנים? און אַ פוס אין בויך קרעקט מען זיך דעם רופא דערלאַנגען?

— ביסטו, הייסט עס, נאָך אַ לייטישער מענטש, שמעון? ווי הייסט זי, אָט די חיה, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט ביי אייך אין חיפה?

— וואָס פאַר אַ נפקא־מינה ווי מ׳רופט זי דאָרט...

— שמעון, — מאַכט אברהם טרויעריק — ווילסטו מיר זאָגן, אַז ביי אונדז איז הפקר, אַ דזשונגל?

— רוף עס ווי דו ווילסט, — צעלאַכט זיך שמעון.

— האָסטו גענומען ביים דאָקטער פּיצויים? — פרעגט אברהם איראָ־ניש, — מיר לייגט זיך נישט אויפן שכל אַזוינס צו גלייבן!

— זיי רואיק און הער מיך אויס, — בעט זיך שמעון, — ווען איך בין געקומען אין לאַנד, איז ווי איך בין אַריין אין דער אדמה, דאַרף איך דיר דאָך ניט דערציילן, דו ביסט דאָך דעם גיהנום אויך דורכגעגאַנגען. אָבער ס׳זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס לאָזן ניט מ׳זאָל אין זיי פאַרגעסן. טאָ הער־זשע: אַ דאַך איבערן קאָפּ דאַרף אַ ייד דאָך אַ מאָל האָבן. נו, געבאָרגט דאָ,

געבאָרגט דאָרטן, אַזוי צונויפגעזשעברעוועט צוויי מיט אַ האַלבן טויזנטער און אַוועק קויפן אַן איינצימער־וווינונג. אַזאַ וווינונג קאָסט פינף טויזנט. בין איך שוין געלאָפן אין דער סכנות. דאָרטן האָט מען מיר אַ גרויסע טובה געטאָן און געגעבן אַ בריוו צו דער באַנק האפּותיקאי הכללי, זי זאָל מיר געבן אַן הלוואה צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט. די הלוואה באַקומען, אין דער דירה זיך אַריינגעצויגן און פון ערשטן חודש שוין אָנגעהויבן צאָלן אין די בענק. פונעם יאָר ניינצן זיבן און פופציק ביזן יאָר ניינצן צוויי און זעכציק האָב איך אָנגעצאָלט אַן ערך טויזנט זיבן הונדערט ל״י. אין יאָר נאָך דער סטאַביליזאַציע באַקום איך אַ בריוו, ווו עס שרייבט זיך: „איר האָט ביי אונדז באַקומען אַן הלוואה פון צוויי טויזנט פינף הונדערט ל״י, האָט איר אויף דעם חשבון אַריינגעטראָגן פערציק ל״י, קומט פון אייך צוויי טויזנט און פיר הונדערט מיט זעכציק ל״י״. נו, אברהם טייערער, וואָס זאָגסטו דערויף? אין בריוו זאָגן זיי נאָך: „איר האָט די הלוואה באַקומען „הצמדה לדולר״. איצטער מאַך שוין דעם חשבון. פאַר ווייטאָג האָב איך אַ צייט ניט געצאָלט און דאָך זיך איבערגעבעטן און אָנגעהויבן ווייטער צאָלן. אַ ברירה האָט מען? איך האָב זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן מיר מאַכן אַ חשבון און ליקווידירן דעם חוב, מאַכן אַ סוף צו דער משכנתא. ניין, בשום אופן האָבן זיי ניט געוואָלט און געפּרוווט מיר איינרעדן, אַז עס לוינט זיך מיר בעסער צו צאָלן חודשלעך ווי מיט אַמאָל אַרויסנעמען אַזאַ סומע געלט. בעת די נייע שיטה: „הצמדה צום אינדעקס״ איז אַן אויסגע־צייכנטע פאַר אונדז, דאָס הייסט צאָלן און צאָלן ביזן קבר, איך וועל דיר מאַכן בקיצור — איך בין אַוועק אין די בענק און זיך אָנגעבאָרגט ביז איבערן קאָפּ, אַבי אַמאָל ענדיקן מיט די „געטרייע״ פאַרזאָרגערס מיט וועלכע די סוכנות האָט מיך פאַרבינדן. און פאַר די צוויי טויזנט פינף הונדערט ל״י האָב איך באַצאָלט פינף טויזנט דריי הונדערט ל״י. נו, וויאַזוי רופט מען דאָס אָן?

— זאָג מיר צי דו האָסט גענומען ביים דאָקטער פּיצויים?

— שלעכטס פאַרגעסט זיך ניט, אָבער גוטס פאַרגעסט זיך אויך ניט. ווען איך הער דאָס וואָרט „דאָקטער״, אַזוי קומען מיר אַרויס פאַר די אויגן צוויי דאָקטוירים, מאַן און ווייב, בעסאַראַבער, זאָלסטו געוועזן זען, ווי זיי

האָבן זיך מקריב געווען פאַר אונדז, זייער לעבן האָט געהאַנגען אויף אַ האָר. מיר זיינען געווען אַ צוואַנציק פּוילישע יידן, אין דער צייט פון דער מלחמה, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין מיטלאַזיע, זיינען מיר פון הונגער אַלע געשוואָלן געוואָרן. זיי, אָט די דאָקטוירים, האָבן אונדז אַריינגענומען אין שפּיטאָל, מיט וועלכן זיי האָבן אָנגעפירט, און עסנוואַרג אויך געבראַכט אונדז פון זייער שטוב, און אונדז ניט אַרויסגעלאָזט פון שפּיטאָל ביז זיי האָבן אונדז ניט געשטעלט אויף די פיס, פון אַ זיכערן טויט גע־ראַטעוועט. עס האָבן זיך שוין דווקא געפינען צוטראָגערס, אַז זיי טרייבן נאַציאָנאַליזם, נאָר זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט, מחמת זיי זיינען געווען אויך גרויסע מענטשן, ניט נאָר גוטע דאָקטוירים, און די נאַטשאַלסטווע האָט פון זיי געהאַלטן. דאָס טאַקע איז געווען זייער מזל... אברהם, ווען זיך האָסטו מיר נאָך גאָר ניט דערציילט.

— שמעון, קענסט דאָך מיך ניט פון נעכטן. מיין קרעדאָ איז געווען און פאַרבליבן: געפינען אַ וועג צו זיך, איז נאָר דורך ערלעכער מי, שאַפנדיקער שפּאַנונג, געדולד און אויסדויער...

*

די ערשטע טריט בנימינס זיינען ניט קיין זיכערע, ער פילט זיך לאַ־עליכמדיק, עפּעס פרעמד, אַ מאָדנע פרעמדקייט... און אפשר דערפאַר, וואָס ער גייט אַרום אין אַ שיינעם צעבליטן גאָרטן אין ווערענס אויפבוי עס איז נ״טאָ אויך זיין צושטייער? — פאַרוואָס אַזאַ פרעמדקייט? — פרעגט ער זיך. אין זיינע ניט זיכערע טריט, בעת יעדן טאָג זעט ער אַלץ נייע אויס־מערלישע בילדער, באַגלייטן אים די געשטאַלטן פון זיינע יוגנט־חברים: פאַרשיכורטע אין זייער אידעאַל ביז אומזין, און ווי זיי וואָלטן אים אַריינ־געשעפּטשעט אין אויער: „נו, בנימין, געפעלט דיר אונדזער טאַט?" אָט זעט ער זיי צוריק מיט צוואַנציק יאָר, אָט צעקלינגען זיך אין זיינע אויערן די אַמאָליקע הייסע וויכוחים, וואָס האָבן געבליצט מיט שאַרפע שטעכנדיקע ווערטער, מיט שפּאָט, מיט חוזק, מיט באַליידיקונגען און מיט געלעכטער. דאָ הייבט ער זיך אָן שעמען פאַר זיי און פאַר זיך אַליין, גייענדיק מיטן קאָפּ אַ ביסל געבויגן און מיט געדאַנקען, וואָס גראַבלען דעם געוויסן זיינעם...

זיין אייגענער שאָטן איז אַן עדות פון זיינע טאָטן און דרשות, וואָס האָבן צוגעטיילט עגמת־נפש אָט — אָ די פאַרליבטע אין זייער זאַך... דאָ האָט דער גורל אים געבראַכט אַהער און אים אַוועקגעשטעלט אין דער מיט פון דער רעאַליזירונג פון זייער טרוים... דאָ זעט ער אַ שול, דאָרט אַ פאַבריק, דאָ אַ סקווער, דאָרטן וווינהייזער, געשעפטן — אַלץ דער רעזולטאַט פון זייער מי, זייער שוויס, זייער חכמה און פאַרעקשנטן ווילן: געבן דער מדבר לעבן; וואָס געזען האָט ער אין קיבוץ, אין מושב — פונאַנדערגעבליטע פעלדער, גערטנער און די ווירטשאַפט מיט אירע בהמות, עופות. היינט די קינדער, זייער אויסזען: די פריילעכע פּנימלעך, די שטאָלצקייט, וואָס ברויזט פון זיי אַרויס, דערמוטיקט און ברענגט אַרויס פאַר אים דאָס בלאַסע פּנימל מיט פאַרחלומטע און מיט שרעק־איינגעוועבטע אין אויגן פון דער יידישער אָרעמקייט פון אַ גאָר ניט וויטן אַמאָל... די זעאונגען זיינע ווערן פּלוצים איבערגעריסן, דערפילנדיק ווי עפּעס אַ כּוח ציט אים ער זאָל אַ קוק־טאָן אויף רעכטס. צו זיין איבעראַשונג, ווען זיינע בליקן שפּיגלען זיך אָפּ אין צוויי שמייכלענדיקע פריינטלעכע, גוטווייליקע אויגן:

— מנחם! — האָט זיך פון האַרצן זיינעם אַרויסגעריסן אַ ציטערדיק קול, — דו ביסט עס?

— בנימין!

אַרומנעמענדיק זיך איינער דעם אַנדערן, זענען זיי געשטאַנען ווי פאַר־שטיינערטע.

— ווי אַזוי מאַכט מען אַזאַ שפּרונג אויף גאַנצע הונדערט און אַכציק גראַדוסן? — האָט מנחם מיט אַ שמייכל אַ פרעג געטאָן, האַלטנדיק בנימינס פּנים אין זיינע הענט.

— ישראל געהערט דעם גאַנצן יידישן פאָלק, — האָט בנימין אַ ביסל שעמעוודיק געענטפערט.

— איך מיין אויך אַזוי, דערפאַר פרייט מיך, וואָס איך זע דיך דאָ. מיר דאַרפן דיך האָבן, מיר דאַרפן אַלע און אַוודאי און אַוודאי אַזוינע ווי דו. דערציייל, בנימין, ווי אַזוי זיינען פאַרלאָפן דיינע לעצטע יאָרן? מיר דאָ האָבן ניט איין מאָל געטראַכט וועגן דיר.

— מיין וועג איז געווען לאַנג און שווער, לענגער פון די יאָרן. ס'האָט

ניט קײן זין, איך זאָל אים צעבלעטערן. איך בין ניט געווען קײן יחיד, איך בין אײנער פון אַ סך און קײן באַזונדערס האָב איך ניט אויפגעטאָן. דערפאַר דו, ווי איך זע, האָסטו אויך קײן בלומען אויף דײן וועג ניט געקליבן, אָבער...

— הער אויס, בנימין, ווען דו האָסט געשטורעמט די יוגנט מיטן געדאַנק פון סאָציאַלער באַפרײאונג, וואָס וועט במילא ברענגען די נאַציאָנאַלע באַפרײאונג, מײן ניט, אַז איך האָב אין דעם געדאַנק זיך ניט אַרײנגעטראַכט, אָבער דאָס געפיל פון בענקשאַפט האָט פאַרשאָטנט די שײן פון יענעם ליכט, אויף וועלכן עס קוקן זיך אויס די אויגן גאַנצע דורות, און אַזוי אַרום האָט דאָס געפיל גובר געווען אַלע איבעריקע, וואָס זײנען מסוגל אַרומצונעמען די גאַנצע מענטשהײט... און אויך ספיקות: צי אַ נשמה, וואָס איז געבוירן מיט שנאה צו מיר און ווערט אויף איר אויסגעוואַקסן, וועט קענען אויף אַמאָל, דורך אַ באַוועגן פונעם דיריזשאָרס שטעקעלע, זיך אַ הײב טאָן אין אַזוינע הײכן?!... און צוגעהאָלפן אפשר האָט נאָך די סיטואַציע, ווען איך האָב געלערנט אין אוניווערסיטעט איז אין מײן טאַטנס שטוב געווען תמיד פאַר מיר געגרײט דער טיש... איז, געליטן האָט אין מיר נאָר די נשמה. זעסטו, דאָ שוין, ווען מײנע הענט האָבן באַדאַרפט אַלײן דעם מויל צוטראָגן זײן ברויט, דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן פילן אויף דער אײגענער הויט דאָס, וואָס וואָלטער האָט געזאָגט: „אַ טײל ווערן געבוירן און קומען אין דער וועלט מיט זאָטלען אויף די פלײצעס און אַ טײל קומען מיט שאַרפע שפּאָרן אויף די פיס"„... יאָ, דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט אַ שווערקײט אויף די פלײצעס און פון צײט צו צײט — אַ שטאַרכע אין בויך...

— ביסט ניט אין קיבוץ? — האָט בנימין אַ פרעג געטאָן.

— אַלץ באַוועגט זיך אין דער וועלט, — מנחם האָט אַרײנגעקוקט בנימינען אין די אויגן און ווי ער וואָלט אים מיט די בליקן געזאָגט: אַז נײן. — זעסטו, בנימין, אויך איך בין ניט שטײן געבליבן אויף אײן אָרט, איך האָב מײן וועג פאַראַלעל מיט דײנעם געשניטן... עס ווײזט אויס, אַז זיגזאַגן אין לעבן בײם מענטשן מוזן זײן... איצט האָב איך, אַזוי גלײב איך, מײן וועג אַרײנגעשניטן אין אַלגעמײנעם מענטשלעכן וועג... איך מוז זיך

מודה זײַן, אַז עס טוט מיר ניט באַנג און איך באַדויער ניט מײַנע יונגע יאָרן, וואָס איך האָב מיטן גוטן ווילן דאָ צעדרויבלט. און ניט אומזיסט. אָט זע, מיר דערנענטערן זיך צו אַן אָפּרו־פּלאַץ ווו איך האָב איבערגעלאָזט אַ פּאָר; זע, אויפֿן הר הכרמל קוקט אַרויס אַ הײַזל. דו זעסט? שיין, יאָ? אויך אַ טייל פֿון זיי. ווײַטער אין גליל, אין פּתח תקוה, אין נגב, אויפֿן כביש תל־אביב—חיפה, און ווו זײַנען זיי דען ניטאָ? אַזוי האָב איך זיי, מײַנע שיינע בלומען, צעוואָרפֿן איבערן לאַנד. איז דערפֿאַר, ווען איך וויל זיך מיט זיי באַגעגענען דאַרף איך זיי ווײַט ניט זוכן. ס'איז גענוג, אַז איך זאָל אַ שפּאַציר־טאָן איבערן לאַנד, אַז אַלע זאָלן זיי מיר אַקעגן קומען מיט אַלע זייערע קאָלירן, מיט אַלע זייערע חנען, ווי שיינע פֿילפֿאַרביקע צעוויקלטע בלומען נאָך אַן אָפּפֿרישנדיקן רעגן, הויכן אויס זייערע פֿאַרפֿומען אין אינדזער קליינעם צעגרינטן ווינקעלע...

— האָסט מיר נאָך ניט געזאָגט, ווו דו וווינסט און בײַ וואָס דו אַרבעטסט, — האָט בנימין אַ זאָג געטאָן, אָן קיין באַזונדערע כוונה אים אַרויסצופֿירן פֿון זײַן פּאַטעטישן עקסטאַז.

— דאָ, אין חיפה, וווין איך און דאָ אַרבעט איך. כ'האָב שוין כל מיני אַרבעטן פּאַרזוכט. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב געלערנט אַרכיטעקטור, אַלע יאָרן האָט מיך געצויגן צו דעם באַרוף. היות אָבער קיין שום אויסזיכטן זײַנען בײַ מיר ניט געווען איך זאָל קענען פֿאַרענדיקן דאָס, וואָס כ'האָב אַמאָל אָנגעהויבן, האָב איך געפֿונען אַן אַרבעט בײַ אַן אינזשיניער, ביים צייכענען. איך האָב שוין דיר וועגן זיך צופֿיל אָנגעפּלאַפּלט. איצטער איז דײַן ריי. בײַ דיר האָט זיך מסתמא אָנגעזאַמלט פֿאַר די יאָרן...

— וועגן זיך, — הייבט אָן בנימין מיט אַ זיפֿץ, — וועל איך דאָ וועגן מײַן נעכטן ניט דערציילן. און וועגן מײַן הײַנט האָב איך נאָך דערווײַל קיין גוטס ניט צו זאָגן, אַחוץ דעם, וואָס איך גיי אַרום איבער די שיינע אַספֿאַלטירטע גאַסן, קוק זיך צו צו די פּרעכטיקע הײַזער, צו די רײַכע געשעפֿטן, נעם אויף די פֿריילעכע, זאָרגלאָזע, שיינע פּנימלעך פֿון די קינדער, איבערראַשט פֿון דער גרויסער באַוועגונג אויף די גאַסן פֿון טויזנטער אויטאָס, וואָס לויפֿן אין אַלע ריכטונגען, און אַוודאי ניט אַזוי סתם; באַגײַסטערט פֿונעם גרויסן ווערק און מער פֿון אַלעמען פֿון אײַער אויסערגעוויינלעכער

געוואַגטקייט. אויף אַזויפיל האָב איך זיך אַפילו אין שענסטן חלום ניט פאַרגעשטעלט, אָבער...

— זאָג, — שטייט צו מנחם, באַמערקנדיק, אַז בנימין וויל ניט דער־זאָגן, — שעם זיך ניט און זיי אָפנהאַרציק, ווי תמיד. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מיינע אויגן זיינען שוין אָפן...

— אָבער, — זעצט פאָר בנימין, — מיך חידושט, וואָס איך זע ניט ביי דערוואַקסענע און ביי עלטערע קיין פריילעכע מינע אויף זייערע פּני־מער... זיי זיינען אויפגערעגט, אומצופרידן... דער גוטער יאָר ווייסט עס. תמיד גרייט אויסצושיסן, זיך אַרויפוואַרפן אויף דיר מיט כּל־מיני זידלערייען.

— די זון רעגט זיי אויף.

— כ׳ווייס, אַוודאי זיינען פאַראַן סיבות. און די באַוועגונג, מיין איך, איז אויך ניט קיין געזונטע.

— באַלעגאַלעס, בינדיוזשניקעס, — צעשמייכלט זיך מנחם, — דער מין איז ביי אונדז ברוך השם געראָטן. מיר קענען מאַכן עקספּאָרט פון דער דאָזיקער „סחורה"... און ניט קיין פּשוטע באַלעגאַלעס האָבן מיר, זיי האַלטן זיך פאַר „מזרח־יידן", לכל הפּחות, אויב זיי זיינען ניט, ווילן זיי זיין צווישן די פּני און פאַרנעמען דעם אויבן־אָן... ווי גייט עס מיט דיין איינאָרדענען?

— דערווייל גיי איך אין סוכנות, — ענטפערט בנימין מיט אַ בלאָנ־דזשענדיקן שמייכל פון זיינע גרויסע רעדעוודיקע אויגן.

— זיי פירן דיך דאָרט אַוודאי פון היינט אויף מאָרגן, זיי קענען די מלאכה.

— איך האָב ניט אַזאַ גרויסע נאָז, אַז זיי זאָלן מיך פאָר איר פירן... ווען זעען מיר זיך ווידער? — שטרעקט בנימין אויס מנחמען זיין האַנט.

— וואָס הייסט, „ווען"? היינט אַ גאַנצן טאָג וויל איך זיין מיט דיר. איך וויל דיך הערן, דו האָסט מיר נאָך גאָר ניט דערציילט. קום, איך גיי מיט דיר, וועלן מיר נעמען דיין פרוי און קינד און אַלע צו מיר. היינט גיי איך שוין ניט צו דער אַרבעט, איך וויל זיין מיט דיר. וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען איר בלייבט גאָר ביי מיר ביז איר וועט באַקומען אַ דירה?

*

רבקה מאַרגוליס, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, גייט שוין אַריין אין איין קליט, אין אַ צווייטער און אין אַ דריטער: דאָ שיך פֿאַר די קינדער, דאָרטן עטלעכע אויבערהעמדער פֿאַר אברהמען, און זיך דאַרף מען אויך מיט עפּעס אין זין האָבן, און פֿאַר דער שטוב דאַרף מען אויך ניט פֿאַרגעסן: ליילעכער, טישטעכער און די פּירהאַנגען דאַרף מען אויך שוין בייטן, און נאָך אַנדערע קלייניקייטן, און ווי גייט מען ניט אַריין אַ נאַש טאָן? האָט מען אַזוי צעפּטרט אי געלט, אי צייט. מיט גוטע פֿריינד זיך זען דאַרף מען אויך־כעט, און ביכער צום לייענען פֿאַרגעסט זי אויך ניט צו קויפֿן, און אַ מתנה צוגרייטן פֿאַר אַ בר־מצווה אין דער קומענדיקער וואָך ביי אַ חברטעס זון מוז מען אויך, און... ביז אויף אברהמס פּנים האָבן זיך באַוויזן סימנים פֿון אומצופֿרידנקייט, וואָס זיינען רבקהן שוין באַקאַנט. דאָס הייסט, אַז זי ציט צופֿיל אויס די סטרונע. אַז די קעשענעס דאַרף מען ניט אויסליידיקן מיט איין מאָל...

— נו, מספּיק, פֿאַרענדיקט מיטן מאַרק, — זאָגט רבקה צו אירע קינדער, וועלכע האָבן אויך מיטגעבראַכט קיין תל־אביב אַ לאַנגן צעטל פֿון נייטיקע זאַכן. מיט באַדייטנדיקע שמייכלען און מיט אַ געבעט קוקן די קינדער אַריין אברהמען אין די אויגן. אָבער אומזיסט. אויב רבקה האָט געזאָגט „מספּיק", וועט זיי שוין גאָר ניט העלפֿן און זיי מוזן דאָס צעטל צערייסן, אָדער עס באַהאַלטן אויף אַן אַנדערש מאָל.

— אמא, לאָמיר גיין אויף דיזנגאָף, — בעט זיך די מיזינקע צפּורה.

— ניין, מיר'ן דווקא אויף דיזנגאָף ניט גיין, — ענטפֿערט רבקה בייזלעך, דאָך שמייכלענדיק צו איר מיזינקע.

— פֿאַרוואָס? — קוקט איר אברהם אַריין מיט אַ שמייכל אין די אויגן, — דו ביסט ברוגז אויף דיזנגאָף?

— ניט אויף דיזנגאָף בין איך בייז, מאַכט רבקה זיך ניט ווויסנדיק, — אפשר ווילסטו אויך אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן, ווייזן די טעכטער דיינע די קאַפֿעהייזער ווו אַרום טישלעך אויף די טראָטואַרן זיצן יפהפיהס דיינע מיט איין פֿוס איבערן צווייטן, מיט סיגאַרעטלעך אין די מיילער, פֿאַרציען זיך, נאָכהער נעמען זיי צונויף די אָנגעשמינקטע ליפּעלעך, פֿאַר־

זשמורען די אייגעלעך און בלאָזן חוצפּהדיק אַרויס דעם רויך... דאָס ווילסטו זיי וויזן, זיי זאָלן לערנען די תורה?

— און אַז אויף יעדן טריט און שריט, — מאַכט אברהם שוין ערנסט,
— באַגעגנסטו פאַרלעך איינגעפּלאַכטענע איינע אין צווייטן, פאַרלייגטע מיט די קעפּלעך אויפן בחורס אַקסל, קושן זיך, קוועטשן זיך און אָן בושה קוקן זיי דיך נאָך חוצפּהדיק אין די אויגן, מיינסטו, אַז דיינע טעכטער זען דאָס ניט? מיינסטו, אַז זיי דרייען אַוועק די קעפּ? אַזוי איז, ווען די ליבע גיט אַ כלינע... ביי זיי צעברענט זיך די ליבע דווקא אויף דער גאַס... דאָס איז זייער געצייג צום לעשן... — פּרוווט אברהם מיט אַ שטיל געלעכטערל אַרויספירן רבקהן פון איר אויפגערעגטקייט. — און ווער מיינסטו, הייבט אָן? זי קען זיך ניט באַהערשן און ברענגט אַרויס דעם שמוץ פאַר דער עפנטלעכקייט.

אין אַ גוטער שטימונג פּרוווט אברהם זיך דורכגיין אויפן חשבון פון די זאָרגלאָזע ווייבלעך, וואָס מוטשען זיך נעבעך אין לאַנגווייליקייט און מוזן צומאָל שטילן זייערע צערייצטע געפילן מיט פייכטע פאַרלאָפענע אויגן... אומזיסט פּרוּוון זיי דורך פאַרזשמורעטע אייגעלעך לאָזן אין גאַנג זייערע פעיקייטן און אָנציענדיקע מיטלען, זאָלן אַרויסרופן קעגנזייטיקע געפילן... שלאָפן זיי איין מיט האָפענונגען אויפן קומענדיקן טאָג...

פאַרקערעוועדיק, בכדי אויסצומיידן די דיזנגאָף־גאַס, ווערט פּלוצים פאַרשווינדן דאָס פריילעכע שמייכעלע אין אברהמס אויגן. ער הייבט אָן זיך וואָרגן מיטן ניט דערזאָגטן וואָרט, און אַ בלאַסקייט פאַרהילט זיין פּנים, עס ווערט אים שווער דער אָטעם און דער קאָפּ פאַרטומלט זיך אים. רבקה באַמערקט ניט אברהמס צושטאַנד און גייט ווייטער, נאָר דער פריילעכער „שלום", וואָס האָט זיך צעקלינגען אין אירע אויערן פון אַקעגנקומענדיקן משה גאַרין שטעלט זי אָפּ, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ אין אברהמס ריכטונג, זי בלייבט דערשטוינט פון אברהמס אויסזען, ווי איבערגעגעלט זעט ער אויס. משה גאַרין איז אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג, ער באַגריסט זיי. פאַרהאַלטנדיק נאָכהער אברהמס האַנט אין זיינער, לייגט ער אַרויף די צווייטע האַנט אויף אברהמס פּלייצע און פירנדיק אים אַוועק אין אַ זייט, איילט ער זיך אים אָנזאָגן די בשורה פון בנימינס אָנקום אין לאַנד.

— טאָ פרייט אייך, — מאַכט אברהם, באַפרייענדיק זיין האַנט פון משהס, אין זיין קול פילט זיך אַ ליידנדיקער ציטער.

— איר וואָס קלערט, מר מאַרגוליס? — פרעגט משה.

— מיינט איר, אַז זיין אָנקום אין לאַנד קען מיר ברענגען גוטס?

— איך מיין, אַז...

— אייער מיינונג אינטערעסירט מיך ניט און קען ניט אינטערעסירן, — שלאָגט אברהם אים איבער. איך מאָן ניט ביי אייך קיין מיטגעפיל, אָבער איך זע ניט, אַז איר זאָלט אַפילו מיך וועלן פאַרשטיין.

— ער וויל אייך באַזוכן.

— איך האָב אים ניט איינגעלאַדן.

— ער וואַרט ניט אויף אייער איינלאַדונג. ער פאַרשטייט אייך גוט און אין אַ געוויסער מאָס באַשולדיקט ער אייך ניט אויף אַזויפיל, אַז איר זאָלט אין אים זען גאָר אַ פיינט. איך מיין, אַז איר זענט ניט גערעכט זיך צו בייזערן אויף אים. איר, אַלס טאַטע פון קינדער.

— איך בעט אייך, ניט האַנדלען מיט געפילן, איר ווילט מיך ניט פאַרשטיין, טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט אין גאַנצן אונדזער שמועס?

— איך וויל אייך פאַרשטיין.

— איך זע ניט, — בייזערט זיך אברהם.

— איר וווינט אין מושב נ...

— איך בין צו ערלעך איך זאָל לייקענען.

— דאָך, וואָס זאָל איך אים זאָגן?

— ער זאָל זיך ניט קעגנשטעלן דעם גורל... פאַרגעסן — די איינציקע לייזונג...

— איך מיין ניט אַזוי. אָן אייער ווילן וועלן מיר געפינען אַ וועג פאַר אַ פאָטער, וואָס וויל זען זיין קינד. שלום.

— און איך וויל גלייבן, מר גאַרין, אַז אַ פייער וועט איר ניט צעצינדן, ווייל אַ פונק קען גרייכן אַהין, ווו אויך ער דאַרף עס ניט וועלן... שלום.

אברהם דערנענטערט זיך צו זיין משפחה, וועלכע האָט געוואַרט אויף אים אין אַ זייט ביז ער וועט פאַרענדיקן זיין געהיימען שמועס. ער וואַרפט אַוועק דעם ניט דעררייכערטן סיגאַרעט און צינדט אָן אַ צווייטן, פאַרהוסט

זיך, אַז ער מוז זיך אָפּשטעלן. רבקה בייזערט זיך און מאַכט אים פאַרוווּרפן פאַר זיין צופיל רייכערן.

— לאָז געמאַך, — פּרוּווט ער רבקהן באַרויִקן, — איך האָב זיך פאַרכלינעט מיט אַ גוטער בשורה, דערפאַר הוסט איך.

*

דער זאַל איז איבערגעפּולט, עס מורמלט און עס זשומעט. מ׳רעדט אויף אַלע לשונות, נאָר אין דער אָנוועזנהייט פון אומבאַקאַנטע גייט מען איבער אויף עברית. די גוטע שטימונג אין וועלכער די משפּחה מאַרגוליס איז געקומען אין שטאָט, האָט משה גאָרין מיט זיך מיטגענומען. אברהם זיצט נעבן רבקהן, ווי ס׳וואָלט צווישן זיי אַ שטיינערנע וואַנט אויסגעוואַקסן, לאָזט ניט אַרויס קיין וואָרט פון מויל. אברהם איז פאַרכאַפּט אין אַ צעבו־שעוועטן ים, ראַנגלט זיך מיט זיינע שוימיקע כוואַליעס און קען צו קיין ברעג ניט צושווימען. ער פילט ווי עס פאַרלאָזן אים די כוחות, אָן אַן אויס־זיכט אויף אַ שטילער רגע דעם אָטעם צו כאַפּן. די טונקעלע מחשבות שמייסן דאָס האַרץ זיינס, און עס יאָגט ווי ס׳וואָלט געוואָלט אַרויס פונעם ברוסט־קאַסטן. אין רבקהס מוח פּלאָנטערן זיך כל מיני געדאַנקען און זי איז ניט מסוגל זיך אָפּשטעלן אויף איינעם, כדי אַריינברענגען אַ ביסל קלאָרקייט אין דער געשאַפּענער שטימונג פון אברהמען. צו אברהמס שכנטע דערנענטערט זיך אַ יונגערמאַן מיט אַ זאַטן שמייכל אויפן פּירעקיקן בלישטשענדיקן פּנים. ער קלעפּט צו זיינע גראָבע ליפּן צו איר האַנט און קוקט גנביש אין אירע אויגן ער וויל אויפכאַפּן איר מינע, וויאַזוי נעמט זי אויף זיין נאָענטקייט, וואָס ער פּרוּווט איר שענקען. ער ווענדט זיך צו איר אויף ענגליש און זי ענטפערט אויף העברעיִש. אברהם ווערט אומרויִק, עס עקלט אים דער שמועס, וואָס ווערט געפירט אויף צוויי לשונות — אַ שמועס אָן אינהאַלט, פלאַכע, זינלאָזע און אויסגעוועפּטע פראַזן גייען צו איר אויף ענגליש און זי זעצט זיי איבער אויף העברעאיש מיט קליינע ענדערונגען און שיקט זיי אים צוריק. אברהם שיקט זיי אַ שאַרפן בליק מיט עקל, אָבער זיי נעמען ניט אין אַכט זיין אויפגערעגטקייט און זעצן פאָר זייער זינלאָזן שמועס. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער שוין פון אַזאַ פּאָרל געהאַט גרויס חשק אַ לאַך צו

טאָן. צום סוף האָט ער אָפּגעאָטעמט, ווען אין זאַל האָבן זיך די ליכטער אויסגעלאָשן און נאָך הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, באַגריסנדיק דעם דיריזשאָר, האָט אַ שטילקייט באַהערשט דעם עולם און דער אָרקעסטער איז צוגעטראָטן אויספירן זיין פּראָגראַם.

— וואָס איז מיט דיר, אברהם? — האָט רבקה באַשלאָסן דורכבערעכן די וואַנט, — זיצסט ווי אַ געליימטער, אַלע אַפּלאָדירן און דו? דו פאַרשטייסט זיך דאָך אין מוזיק, האָסטו שוין גאָר ניט וואָס צו זאָגן?

— עט, וואָס זיי אַפּלאָדירן, — האָט אברהם אַ דריי געטאָן זיין קאָפּ אין רבקהס ריכטונג, און אַ פאַרשפּעטיקטע טרער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף זיין פּנים. — זיי ווייסן ניט, ווען מ׳דאַרף יאָ און ווען מ׳דאַרף ניט אַפּלאָדירן. אַז קיין אינהאַלט איז ניטאָ און ניגון אויך ניט, טאָ וואָס?

— וואָס־זשע פּאַטשט מען בראַוואָ? מוזיק פיל איך בלויז, אָבער צי איך פאַרשטיי זי, קען איך ניט זאָגן מיטן פולן מויל.

— זיי ווייסן, די סנאָבן, אַז מ׳דאַרף, קלאַפּן זיי אין די דלאָניעס. די זעלביגע האָבן דאָ, אין דעם דאָזיקן זאַל, אַפּלאָדירט לואי אַרמסטראָנגן אויכעט. טאָ איז וואָס? ניט אַלע דאָ קלאַפּן. קוק זיך צו וועסטו זען ווי די מערהייט איז גאָר ניט אַזוי באַגייסטערט, אַז זי זאָל דאַנקען. לויט מיין פאַרשטאַנד, איז אַ ניגון אַ געטלעכער געשאַנק, וואָס איז מסוגל אַרויסצוצוּמען די נשמה פון איר ענגשאַפט און זיך לאָזן מיט איר אין די הייכן... אויב די סנאָבן וועלן ניט קלאַפּן אין די דלאָניעס, קאָן עס ווערן אויסגעטייטשט, אַז זיי פאַרשטייען ניט קיין מוזיק. דער רוח ווייסט וואָס פאַר אַ פּסיכאָלאָגיע דאָ איז געשאַפן געוואָרן, מילא, וויל מען זיין „עפּעס" און —ווייזן דער וועלט, אַז מ׳פאַרשטייט זיך אויף מוזיק, מהיכא־תיתא, טאָ טו עפּעס, כדי דו זאָלסט דערגרייכן אַזאַ מדרגה. דאָס ניט! וועגן דעם איז ניטאָ קיין סבלנות. לערנען — ניט, לייענען — אויך ניט, טאָ פון וואַנען זאָלן קומען די קענטענישן? קולטור טעפּט מען פון פּאָרנאָגראַפיע, קרימינעלע ראָמאַנען און ביליקע אַנעקדאָטן. לייענען, לייענט מען דאָך גאָר ניט. איך דערמאָן זיך אין אַ מערקווירדיקן פאַל. ווען איך בין געווען אין טבריה, אין בית הבראה; ביים טיש, וווּ איך בין געזעסן, זענען אויך געזעסן צוויי פרויען און האָבן גערעדט עברית און מסתמא געבראָכן די ציין און אַ סך ניט דערזאָגט, וואָס זיי האָבן געוואָלט

און באַדאַרפט זאָגן, ווייל ס׳האָבן זיי געפעלט ווערטער. צומאָל האָבן זיי געמאַכט הלוואות איינע ביי דער אַנדערער. איינמאָל, ווען איך בין געוואָרן מיט זיי היימישער און האָב שוין פשוט ניט געקענט צוזען ווי זיי מוטשען זיך, בין איך צו זיי צוגעשטאַנען מיט אַ די באַנאַלע שאלות, וואָס איין ייד שטעלט ביי אונדז דעם צווייטן: פון וועלכן לאַנד קומען זיי, ווי לאַנג אין לאַנד, ווו וווינען זיי. און נאָך איין פראַגע האָב איך זיי געשטעלט: אויף וועלכן לשון דענקען זיי און אויף וועלכן לשון ציילן זיי? לאָזט זיך אויס, אַז זיי זענען פון אוקראַינע, לעבן אין אַ מושב קאַרגע צוואַנציק יאָר. רעדן, רעדן זיי אַ שיינעם זאַפטיקן יידיש. לויט זייערע פנימער איז צו זען, אַז זייער אַפּשטאַם איז ניט פון די בראַדסקיס. אויף מיין פראַגע, פאַר וואָס רעדן זיי ניט בעסער אויף מאַמע־לשון, ווו זיי פילן זיך ווי ביי זיך אין דער היים, און מ׳קען לייכטער אַרויסזאָגן אַ געדאַנק. מיינסטו, וואָס האָבן זיי מיר געענטפערט: „דאָ ביי אונדז איז אַזוי: די וואָס רעדן מאַמע־לשון זיינען ניט קיין קולטורנע מענטשן, נאָר פאַררעכנט פאַר עם־הארצים״. פאַרשטאַנען?

— איך פאַרשטיי, — זאָגט רבקה, און אַ בייזער שמייכל האָט אַ בליץ געטאָן אויף איר פנים, — באַלד וועט מען אויסזען ווי עם־הארצים מיטן העברעאיש אויך, ווייל די „קולטורנע מענטשן״ הייבן שוין אָן רעדן ע נ ג ־ ל י ש... נאָך אַלעמען דאַרף מען זיך ניט וווּנדערן, דו האָסט ניט באַמערקט, ווי די קליינע דיינע אין קליט האָט אַ דריי־געטאָן מיט דער נאָז, ווען איך האָב מיר געהייסן געבן שלום־עליכמען. מיר רעדן דאָך אין שטוב יידיש. היינט די לעווענשטיין, ווען זי האָט דערזען ביי מיר די ביכער, ווייסטו וואָס זי האָט מיר געזאָגט? „מיר איז ניט אָנגענעם צו לייענען אַ יידיש בוך, ווייל די קינדער אין שטוב וועלן לאַכן פון מיר. מיינע סאַבּרעס חוזקן אָפּ, זאָגנדיק, אַז מאַמע־לשון איז נאָר צום שעלטן״. טאָ וואָס־זשע לייענסטו? פרעג איך. „איך לייען ניט״, זאָגט זי, „קיין העברעאיש בוך קען איך נאָך ניט נעמען אין האַנט. מיין העברעאיש, וואָס איך רעד מיט די קינדער, איז ניט גענוג, אַז איך זאָל פאַרשטיין״. זי, וואָס פלעגט איבערליגן אין דער ביבליאָטעק. פאַרוואָס, זאָג איך איר, האָבן אונדזערע מאַמעס זיך ניט גע־שעמט צו לייענען בקול רם די תחינה׳ס אין אונדזער אַנוועזנהייט, און

אַפּילו ווען ביי מיר זיינען געווען מיינע ניט־יידישע חברטעס ? אויף אַט אַ דער פראַגע, האָט זי מיר שוין ניט געענטפערט. ווער פאַרפירט די קינדער אונדזערע ?

— ס'זיינען שוין דאָ אַזוינע געמיינע, וואָס לערנען מיט זיי אַזאַ תורה...

אין אויטאָבוס, פאַרנדיק אַהיים, האָבן ווידער שוואַרצע מחשבות באַ־הערשט אברהמען, און ווי תמיד — צעיאָגן זיי דאָס האַרץ אין אים, דער ברוסטקאַסטן ווערט ענג, ס'וויל אַרויס פון דער ענגשאַפט און אַוועק ווייט... דער אָטעם ווערט אַלץ קורצער, עפּנט ער ס'פענצטערל, ס'זאָל אַריין פרישע לופט, און מיט אַ בדייט צעעפנט מויל הויכט ער אויס דעם גאַנצן ביטער אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט. טראָפּנס שוויס קומען אַרויס אויפן שטערן. ער ווישט זיי און זיי קומען צוריק.

— אברהם, — שטייט צו צו אים רבקה, — וואָס איז מיט דיר ? פאַר־וואָס ביסטו אַזוי אומרואיק ? פילסט זיך ניט גוט ? דו זעסט אויס בלאַס.

— עס דאַכט זיך דיר, נאַרעלע, — מיט אַ הייזעריק קול און מיט אַ געמאַכטן שמייכל, פרווט אברהם זי באַרואיקן. —איך פיל זיך ווי תמיד.

— דו ביסט נישט צום דערקענען. בייזערסט זיך אָן אַ פאַרוואָס. און וואָס פּלוצים ווילסטו בייטן דיין וווינאָרט ? איך דאַרף דאָס ניט וויסן ? שוין אַ נייער פּלאַן אַריין אין קאָפּ ? ווידער לויפן ? וואָס איז דאָס מיט דיר ?

— וואָס ביסטו אויף מיר אַרויף מיט אַזויפיל שאלות ? איך בייט ניט מיין וווינאָרט, וואָס איז דיר פּלוצים אַריין אין קאָפּ ?

— דער נייער פּלאַן איז אויף דיינע ליפּן געקומען ביי די לעווענשטיינס, היינט.

— האַ ? יאָ, — מאַכט אברהם אַ צעטראָגענער, — די באַגעגענישן פון היינטיקן טאָג עקלען מיך, איך וואָלט אַנטלאָפן.

— פון וואַנען ווילסטו לויפן ? און וווהין ?

— פון זיך אַליין. וווהין, ניין, ניין...

— מיט אַלע, וואָס מיר האָבן זיך היינט באַגעגנט, ביסטו געווען אין דער בעסטער פריינדשאַפט.

— אי, וואָס ווייסטו, מענטשן ווערן אוממענטשן, קייקלען זיך אין אָפּגרונט ; מאַכן הלוואות כדי ניט צו צאָלן, ביי אומשולדיקע מאָנט מען

פּיצויים. שמעון איז גראָד ניט פון די, אָבער אַזוינע געמיינע דרייען זיך פריי אויף די גאַסן, און שמחהס, וואָס גיסן הייסע סמאָלע אויף קינדערישע קעפּ, דו באַנעמסט דאָס אַלץ, וואָס שמעון האָט אונדז דערציילט? עס גייט אַ גרויל איבערן לייב. וווהין גייען מיר?...

רבקה פילט, אַז דער ענטפער איז ניט דער ריכטיקער, אַז אַחוץ דעם אַלעמען איז דאָ נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס פירט אברהמען אַראָפּ פון זין, וואָס מאַכט אים אויס מענטש. דאָ האָט זיך אין איר מוח פאַרקניפּט אַ געדאַנק: די געשעענישן פונעם טאָג האָבן ווי אויפגעפרישט איר זכרון און אַ ריי שאלות מיט וועלכע זי האָט זיך אַ צייט אַרומגעטראָגן, ווי למשל: זיי פאַרלאָזן פלוצים חיפה, ווו ער האָט געהאַט אַ בכבודיקע פרנסה, שולן פאַר די קינדער, קינאָ, טעאַטער, און אַ גרויסן קרייז גוטע פריינד. אַוועק איז ער גאָר אין דאָרף, בעת מענטשן ציען זיך אין שטאָט. זי ווייסט, אַז אברהם איז פאַרליבט אין לאַנד און דאָ פלוצים הערט זי גאָר „טשילי״, אַריבערפאָרן קיין טשילי וויל זיך אים...

אברהם איז געזעסן פאַרטראָגן אין זיינע געדאַנקען. איינער פון זיי האָט אים די גאַנצע צייט געעגבערט: „לויפן, לויפן ווייט פון דאַנען. ביז ווען לויפן און וווהין?״ האָט ער זיך די פראַגע אַליין געשטעלט. זוכנדיק צו פאַרטרייבן די שווערע געדאַנקען, נעמט ער אַרום חיהלען, וואָס האָט זיך צוגעזעצט נעבן אים און צוגעטוליעט זי צום האַרצן זיינעם:

— הערסט, חיהלע, ווי שטאַרק עס קלאַפּט מיין האַרץ?

— פאַרוואָס, אבא?

— פאַר וועמען, פרעג!

פלוצים שטעלט זיך דער אויטאָבוס אָפּ נאָך דעם, וואָס האָט צעטרייסלט די פּאַסאַזשירן גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן. אַ פּאָר צעשלאָגענע גלעזער, צעריטשעטע שטערנס און מער פון אַלעמען — געשרייען און געוואַלדן האָבן דורכגעלעכערט די אויערן. גיך אָבער האָבן זיך די פּאַסאַזשירן באַרואיקט, ווייל די וווּנדן זענען געווען גאָר לייכטע, מ׳האָט מער געשריגן פון שרעק; די ניט געטראָפענע האָבן געוואַלדעוועט פון פחד, אויב זיי זיינען אויך ניט פאַרוווּנדעט געוואָרן. דער נהג שעלט און זידלט זיך, שיט אויס דאָס גאַנצע בינטל קללות און חרמות, אָנגעזאַמלטע אין משך פון יאָרן.

„חמור", שרייט ער אַריין דעם אַקעגנקומענדיקן נהג, „נעם דיינע לעמערישע אויגן אין די הענט און קוק ווו דו קריכסט מיט דיין ראַבלע. זעסט דאָך, אַז איך גיי באַרג־אַרויף און דער וועג איז שמאָל, טאָ פאַרוואָס־זשע ביסטו ניט שטיין געבליבן?

— פאַרוואָס גראָד איך און ניט דו? מיט וואָס ביסטו מער מיוחס פון מיר? — ענטפערט קאַלטבלוטיק דער אַקעגנקומענדיקער נהג דורך זיינע ברילן.

— איז אַ חידוש וואָס מ'רייסט זיך די קעפּ אויף די וועגן, אַז אַ יעדער טויגעניכטס פירט ביי אונדז מיט אַ מאַשין, — בייזערט זיך דער נהג פון אויטאָבוס, שיקט אים נאָך עטלעכע „ברכות" און פאָרט ווייטער.

*

אברהם איז אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אויפן געלעגער מיט אָפענע אויגן. קיין שלאָף איז ניט געקומען. שוין ניט די ערשטע נאַכט ווי ער שלאָפט ניט. אויך במשך פון טאָג געפינט ער זיך ניט קיין אָרט. זיינע אויגן בלאָנדזשען און זוכן. באַעוולהט פונעם גורל גייט ער אַרום מיט זיין טרויעריקן שאָטן און פון צייט צו צייט באַווייזט זיך משה גאַרין פאַר זיינע אויגן און שמייכלט אַריין אין זיין געמוטשעטע לעבן. ווו ער זאָל ניט זיין: ביים לול, אין גאָרטן, ביי די בהמות, קלינגט אים משהס אָנזאָגנדיקע בשורה אין די אויערן. די שלאָפלאָזע נעכט האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיין פּנים אַ געלקייט און אָנגע־פילט די אויגן מיט אומאויסשפּרעכן טרויער.

— אברהם, — האָט רבקה מיט אַ ציטער אין קול זיך ביי אים געבעטן, — עפן דיין האַרץ פאַר מיר! פון זינט מיר זיינען געקומען פון תל־אביב ביסטו געוואָרן אויס מענטש. דו האָסט זיך ווי אָפּגעטיילט פון דער וועלט. ביסטו חלילה קראַנק?

— גאָר ניט, נאַרעלע, — פּרווט אברהם מיט אַ געבעט אין זיינע בליקן באַרויקן זי. — איך בין געזונט. איך גלייב, אַז איך בין ווי תמיד. פאַרוואָס האָסטו פאַרמאַכט דעם ראַדיאָ?

אברהם זוכט אויסצומיידן אַ פיינלעכן שמועס און לאָזט זיך צו דער טיר. רבקה נעמט אָן אברהמען ביי דער האַנט און פירט אים צו צום טיש.

— דיין ענטפער באַפרידיקט מיך ניט. איך בעט דיך, זאָג מיר, וואָס איז ביי דיר אויפן האַרצן. מיינסטו, אַז איך בין ניט מסוגל דיר צו העלפן?

— רבקהלע, לאָז מיך אָפּ, — בעט זיך אברהם, — אויב דו זעסט מיין שלעכטן מצב און פילסט ווי שווער ס׳זיינען מיינע איבערלעבונגען, טאָ שאַנעווע מיך און לאָז מיך צורו! אַראָפּרעדן זיך פונעם האַרץ וועט ניט העלפן, עס איז אוממעגלעך, ווייל ס׳איז צו איבערגעלאָדן...

אין רבקהס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט פאַרטריבן ניט געוווּנטשענע געדאַנקען, און דורכ־גייענדיק איבערן צימער איז זי שטיין געבליבן פאַר אַברהמען:

— דאָך וויל איך זאָגן וואָס איך טראַכט.

— למשל?

— מיט דריי יאָר צוריק, — הייבט־אָן רבקה, אויסוויישנדיק זיך אַ טרער, — נאָך אַ שמועס דיינעם מיט משה גאַרין, האָסטו פאַרלאָזט חיפה, ווו מיר האָבן גוט געלעבט, און אַוועק אין דאָרף. אמת? אויך דעמאָלט ביסטו געווען אַ צייט אויפגערעגט, אויך דעמאָלט האָסטו מיך געלאָזט אָן אַן ענטפער אויף אַלע מיינע באַרעכטיקטע שאַלות. דער איצטיקער שמועס דיינער מיט משהן איז אַ המשך פון יענעם?

אברהם הייבט אויף זיינע קאַלטע אויסגעלאָשענע אויגן, ווי זיי וואָלטן געפרעגט און גלייכצייטיק זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל אים צו רו לאָזן.

— פאַרוואָס שווייגסטו? מיך מוטשען איז דיר גאָר געבליבן?

רבקה לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אַ פאַרשעמטע. אַ טויטע שטילקייט שטעלט זיך איין צווישן זיי. ווי אַ שולדיקער גראָבט אברהם איין זיינע בליקן אין איר קאָפּ האָר, פאַרלירנדיק יעדע פעאיקייט צו טראַכטן וועלכע עס איז סיבה פאַר אירעטוועגן וואָס זאָל אים אַרויספירן פון דער סיטואַציע וואָס רבקה האָט אים אין איר אַריינגעפירט.

— יאָ, האָסט געטראָפן, — רייסט אברהם איבער די אָנגעשטרענגטע שטילקייט. — גאַרין האָט מיר איבערגעגעבן, אַז בנימין איז שוין אין לאַנד. און איך בין ניט מסוגל צוצוטראַכטן, ווי אַזוי און וווהין טוט מען זיך אַהין מיט חיהלען.

— איז וואָס? — ווי אַ צעמישטע האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר

בענקל, — דו קענסט דאָך ביי אים ניט צונעמען די רעכט צו זען זיין קינד. דערפאַר ווילסטו פאַרלאָזן דאָס לאַנד?

— ניין, איך קען זיך פוןביידע ניט שיידן. פאַרשטיי מיך, אויב היהלע וועט זיך דערוויסן, אַז ניט איך, נאָר בנימין איז איר פאָטער, ווי גרויס וועט זיין דער ריס אין איר נשמה? ווי קען איך, ווי מעג איך, דאָס דערלאָזן?

— אויב דאָס איז דער איינציקער וועג, טו ווי דאָס האַרץ זאָגט דיר אונטער.

— ניין, איך קען ניט! דאָ בין איך שוין איינגעוואָרצלט און די דאָזיקע היים איז מיר שוין צו טייער, איך זאָל קענען זיך מיט איר שיידן!

*

אַז אַלץ באַוועגט זיך און גייט פאַרויס, מיינען אַ טייל, אַז זיי זיינען אין שטראָם פון אָט דעם „פאַרויס" און פועלן ביי זיך, אַז זיי זיינען די געהעריקע מיטגייערס און מיטטרעגערס פון ליבע צום מענטשלעכן מין... די גראַביונגישע שיכעלעך אָבער, ווילן זיי ניט, און קענען זיי ניט אויסטוען, ווי קענען זיי דען אַנדערש זיין? זייערע שפּיציקע עלנבויגנס נוצן זיי, בכדי צו צעריקן די רייען און אַרויס אין דעם „פאַרויס", דעמאָלט ווערט זייער עם־האַרצישקייט אַ גלענצנדיקע שאַרפזיניקייט און אָנווענדנדיק אַלע אומ־ערלעכע מיטלען, און ווען מ׳דאַרף, קריכן זיי אויף אַלע פיר, בכדי אויס־נאַרן דעם געהעריקן צוטרוי ביז דער גורל פון מענטשן פאַלט אַריין אין זייערע הענט...

דאָס טרויעריקע בילד שווימט אויפסניי אַרויס פאַר בנימינס אויגן, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געטראָפן ביי דער סוכנות מיטן ד״ר פערלין. שוין יאָרן קען ער דעם ד״ר פערלין, געקומען אין לאַנד אויף איין שיף.

ד״ר פערלין איז אַ באַגאַבטער און גרויסער מומחה. די לעצטע פופצן יאָר האָט ער אָנגעפירט מיט אַ גרויס שפּיטאָל. ד״ר פערלין איז ערשט צוריק נאָר מיט אַ קורצער צייט געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע דאָק־טוירים, אַ פּוסק אחרון אין אינערלעכע קראַנקייטן. זיינע חברים, ווי אויך

זיינע פּאַציענטן האָבן אים ליב, גיבן אים אָפּ כבוד. און דאָ באַגעגנט ער אים מיט די ווערטער:

— דאָ בין איך ניט קיין דאָקטער. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? ניט געפעלן דעם מנהל פון שפּיטאָל, און ניט נושא חן געווען ביים עם־הארץ — דעם מנהל פון מחוז.

ווען בנימינס פּנים איז געוואָרן איין גרויסער פראַגעצייכן, איז נאָך אַ ווייטיקלעכן זיפץ, האָט זיך אין דאָקטערס אויגן אָנגעצונדן אַ טרויער:

— יאָ, אַזוי איז עס, דאָ איז אַזאַ מינהג: אַז מ׳זאָל באַקומען אַרבעט, גייסטו קודם אין שפּיטאָל אויף הסתקלות. נאָך צוויי וואָכן האָט דער גרויסער „תלמיד־חכם״, דער רופא הראשי, מיר אָפּגעזאָגט געבן אַזאַ בריוו, ווו ס׳זאָל זיין אָן אָנווייזונג, אַז מע מעג מיר פאַרטרויען אָן אַרבעטס־פּלאַץ. עס וווּנ־דערט איך? דאָס הייסט, אַז איך קען ניט מיין פאַך. און דער מנהל פון מחוז, דער גראָבער יונג, קען פאַר רחמנות גאָר אין גאַנצן אויף מיר ניט קוקן.

ד״ר פּערלין לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און ווי פאַר זיך, זאָגט ער:

— ס׳איז שוין גלייכער צו זיין אַ לייב אין שטייג, איידער אַ הונט אויף דער גאַס...

ווי באַגייסטערט ער איז אין וועג געווען, זיינע האָפענונגען האָט מען געקענט לייענען אין זיינע תמיד פריילעכע אויגן. „ווו זיינען זיי?״ שטעלט בנימין זיך די פראַגע, במקום זיי טרעפט ער: אַ געפּאַלנקייט און אַ טיפע עלנטקייט, וואָס רופן ביי אים אַרויס אַ ווייטאָג אין האַרצן. דער מינדער־ווערטיקייט־געפיל האָט זיך אין אַזאַ קורצער צייט ביים דאָקטער אַנטוויקלט און אויסגעלאָשן דאָס וואַרעמע שמייכעלע אין זיינע העל־בלויע אויגן. מיט אַזאַ צעבראָכענער נשמה קומט ער אויף די שוועלן פון דער סוכנות נאָך מאַטעריעלער הילף און אויך נאָך אַ דאַך איבערן קאָפּ.

— ביי העכערע אינסטאַנצן דאַרף מען אפשר אַ קלאַפּ־טאָן אין טיר? אין מיינע אויגן, — נעמט אים אַרום בנימין, — זענט איר אויסגעוואַקסן נאָך העכער. דאָקטאָר, איך בעט אייך, לאָזט ניט צו צו אייער גרויסער נשמה די שמוציקע נעגל, וואָס ווילן גראַבלען.

בנימין פּרוּווט אים דערוואַרעמען, ברענגענדיק אַרויס אויף דער

אויבערפלאַך זיינע גלענצנדיקע דערפאָלגן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענ־
הייט זיינער. ביים געזעגענען גיט בנימין אים זיין אַדרעס און נעמט ביים
דאָקטער זיין צייטווייליקן אַדרעס. די באַגעגענישן אין דער סוכנות האָבן זיי
דערנענטערט און באַפריינדעט.

דאָס מאָל, באַקומט בנימין אין סוכנות שוין אַ צופרידנשטעלנדיקן
ענטפער בנוגע אַ דירה, און אויך אַ גוטע ידיעה וועגן באַקומען אַרבעט.
טראָץ דעם, וואָס די יאָרן זיינע זיינען גאָר ניט פון די „פאַסיקע״, ווייל ווער
דאַרף האָבן אַ מענטשן, וועלכער ציילט זיינע עטלעכע פערציק יאָר? נאָר
„גוטע״ מענטשן וועלן זיך שוין אַן עצה געבן. דערפאַר זיצן זיי דאָך אויבן
אָן, ניט נאָר געבן עצות, האָדעווען מיט „סבלנות״ און הייסן קומען מאָרגן...
איצט גיט מען אים צו וויסן, אַז אין גיכן וועט ער אָנהייבן אַרבעטן. מיט אַ
שווערן איינדרוק פון דער באַגעגעניש מיטן ד״ר פערלין, גייט בנימין
אַנזאָגן זיין טאַניאַן אַ גוטע בשורה.

טאַניאַ, אַ מיטלוווּקסיקע, אַ שלאַנקע, דער ליכטיקער קאָפּ האָר שטייט
אויף גלייכע שטאָלצע אַקסלען, דאָס פאַריסענע נעזל אויפן אָפענעם שמייכ־
לדיקן פּנים גיט איר צו אַ קינדערישן חן און אין אירע אויגן שפּיגלט זיך
אָפּ די גוטסקייט פון איר נשמה. טאַניאַ, אַן אומגעדולדיקע, גייט אַלע מאָל
צו צום פענצטער, קוקט אַרויס אויף בנימינען. צום סוף באַגעגנט זי אים
ביי דער טיר מיט גרויסע פרעגנדיקע אויגן, דערזעענדיק אין זיינע בליקן
אַן אָנהייב פון אַ געגאַרטער העלקייט, איז דאָס פּנים אירס געוואָרן כישופ־
דיק באַלויכטן פון צוויי העל־בלויע בלישטשענדיקע אויגן.

*

אמת איז, אַז ס׳וועט העלער, אָבער מיין פאַרגעפּיל זאָגט מיר עפּעס
גוטס ניט אונטער... ווי מיינסטו, משה?

— מאַך זיך ניט נאַריש, — נעמט משה אים אַרום, — לאָמיר זיך ניט
צוהערן צו פאַרגעפילן.

— ניט תמיד באַרעכטיקן זיך פאַרגעפילן, — שמייכלט טאַניאַ.

— פאַרגעס ניט, — מאַכט משה, — אַז ביי אונדז, ביז מ׳וועט מעוברת
מיט אַ צווילינג, גייען די אויגן אַרויס פון קאָפּ, און די נשמה קריכט אַרויס

אויף דער שפּיץ נאָז. נאָר וויסן דאַרפסטו, אַז ס׳איז שווער ביז דו דראַפּעסט זיך אַרויף אויפן פערדל... ווי נאָר דו זעצסט זיך אויפן זאָטל, פאַרסטו שוין, מיין פריינט, העט, העט... ס׳איז אַוודאי נאָך אַפּהענגיק, וויאַזוי דיינע עלנ־בויגנס שאַרפן זיך בעת דער נסיעה דיינער... לעת־עתה נעם וואָס מ׳גיט דיר, קוק ניט אויף דער קאַדע, אַבי אַ פערדל זאָל עס הייסן... פאַרגעס ניט, אַז ביי אונדז איז נאָך גילטיק דער אַלטער סיסטעם... יאָ, איך האָב נאָך פאַר דיר אַ גוטע בשורה: מאָרגן פאָרסטו צו דיין חייהלען. דאָס אַליין וויפל האָט די ווערט? איך בין איינגעגאַנגען אויף זייער באַדינג: זי טאָר ניט וויסן, ווער דו ביסט פאַר איר. גוט? ווי האָב איך געהאַנדלט?

בנימין האָט מיט אַ שמייכל באַשטעטיקט משהס אָפּמאַך.

— אויב אַזוי, — מאַכט משה, — וועל איך איינלאַדן געסט, מיר זאָלן זיך משמח זיין מיט די אַלע גוטע בשורות.

— גוט, איך בין מסכים, נאָר אַלע הוצאות גייען אויף מיין חשבון.

— ניין, דאָס ניט! — מאַכט משה אַ ביסל אַ באַליידיקטער. — ביי מיר אין שטוב זיינען די הוצאות מיינע. דו וועסט מאַכן אַ שמחה, ווען דו וועסט אַריבער אין דיין דירה.

— רוף אויף מנחמען, — גיט בנימין צו צום צעטל, — זאָג אים אין מיין נאָמען, אַז איך בעט אים מיטברענגען בראָנשטיינען, איצט רופט ער זיך בר־עמי, און ראובני, דער אַמאָליקער ראָזענפעלד,ביידע מיינע יוגנט־חברים.

*

ביי משה גאַרינען אין שטוב, אַרום געגרייטע טישן — צענדליקער געסט מיט אַ פריילעכער שטימונג, פּרווון אַריינגיין אין אַ שמועס מיט די הויפּט־מחותנים, וואָס זיצן אויבן־אָן — בנימין און זיין פרוי, טאַניאַ. פריינט־לעכע שמועסן האָבן זיך פאַרבינדן צווישן די געסט. גערעדט האָט מען וועגן פּאָליטיק און פּאָליטיקער, וועגן די לעצטע וויסנשאַפטלעכע דערפינ־דונגען, וועגן ליטעראַטור. לויט די שמועסן איז בנימינען געוואָרן קלאָר, אַז ניט אַלע גלייבן אין איין גאָט. אַ טייל האָבן זייער אמת שוין געפונען און אַ טייל זוכן אים. ס׳איז דאָ נאָך אַ טייל, וואָס לאַכן אָפּ פון אַלע תורהס, אויסבייטנדיק זיי אויף גאָר דריבנע מטבעות.

צו משהס אויער איז דערגאַנגען אַ שמועס, וואָס לייגט זיך אים ניט אויפֿן האַרצן. ער הייבט אויף זיין כוס, און צוזאַמען מיט אים — דער גאַנצער עולם, ווינטשנדיק, אַז ישראל זאָל ווערן די לעצטע סטאַציע אין בנימינס לעבנסוועג, און דאָ זאָל ער שוין געפֿינען זיין לאַנג געזוכטע רו. דער צווייטער טרינקט מנחם פֿאַרן געזונט און וווילזיין פֿון דער טאָכטער פֿון יענעם פֿאָלק, וואָס האָט אויסגעטראָגן דעם שווערן קלאַפּ פֿון דער צעווילדעוועטער נאַצישער בעסטיע און האָט באַוויזן די בעסטיע צו דער־שלאָגן, ברענגענדיק דער מענטשהייט ליכט און רו אויף איר גאָס.

אַזוי אַרום איז משהן געלונגען אַריבערצופֿירן דעם עולם אויף נייע שמועסן, וואָס באַרירן קיינעם ניט און שאַפֿן אַ פֿריינטלעכע אַטמאָספֿער. די פֿלעשער מיט שאַרפֿע געטראַנקן און וויינען, אויסגעשטעלטע אויף די טישן, בעטן זיך מ׳זאָל זיי ניט פֿאַרשעמען. צו דער רייצנדיקער משקה פֿעלן אויך ניט באַטעמטע מאכלים, צוגעגרייטע פֿון דער פֿרוי גאַרין. טאַניאַ פּרוּווט פֿון צייט צו צייט לייענען די פֿרייד אין בנימינס אויגן, און ווען זי כאַפּט אויף דעם דאַזיקן פֿונק, הייבן־אָן אירע האַלב־אָפֿענע ליפּן טרוימענ־דיק צו שמייכלען. פֿראַגן קומען פֿון אַלע זייטן צו טאַניאַן און צו בנימינען: וויאַזוי זיי פֿילן זיך אין לאַנד, ווי געפֿעלט זיי די מדינה? טאַניאַ, אויף אַ געבראָכענעם יידיש, בלייבט ניט שולדיק קיין ענטפֿער, און ווען עס פֿעלט איר אויס אַ וואָרט, נעמט זי עס פֿון איר לשון, און היות אַלע געסט פֿאַר־שטייען רוסיש, הייבט טאַניאַ אָן זיך פֿילן ווי ביי זיך אין דער היים.

פּלוצים האָט אַ הילכיק געלעכטער זיך אַדורכגעכוואַליעט פֿון איין עק טיש צום צווייטן: די עטלעכע סאַבּרעס, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די געסט, האָבן אָנגעהויבן זיך בונטעווען און פֿאָדערן מ׳זאָל רעדן העברעאיש, זיי זאָלן אויך פֿאַרשטיין, און האָבן געמאָנט מ׳זאָל זיי דער־ציילן די סיבה פֿונעם הילכיקן געלעכטער. גיי דערצייל זיי, אַז בן־עמי האָט זיך געוועטלט מיט זיין פֿרוי, זאָגנדיק בקול רם: „ליובענקאַ, נעם דיך ניט איבער, האָסט שוין פֿאַרגעסן די לעצטע געשעענישן? צי איז נאָך צו דיין געוויסן ניט דערגאַנגען די מחיהדיקע בשורה פֿאַר אונדז? ניין, נאָך ניט? אויב אַזוי זיי־וויסן: אונדזער רב, אַ ייד אַ בן שמונים, האָט חתונה געהאַט מיט אַ בתולה, וואָס ציילט ערשט אירע אַכצן פֿרילינגען. נו, ווי

געפּעלט עס דיר? דײַנע אַקציעס הייבן אָן פֿאַלן, טײַערע. מעגסט אַ ביסל אַראָפּלאָזן פֿון דײַן גאווה, און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז זעסטו אויס שענער".

ראובני אויף אַ הויכער נאָטע, כּדי דער עולם זאָל אים הערן, כאַפּט אונטער די פֿאָדערונג פֿון די סאַבּרעס און קומט מיט טענות, הלמאי מ'רעדט ניט העברעאיש. „ס'איז שוין צײַט". זאָגט ער, „מ'זאָל די גלות־שפּראַך אַרײַנלייגן אין נאַפֿטאַלין. אויף דעם לשון ווער רעדט הײַנט צו טאָג? נאָר עם־הארצים". מנחם וואַרפֿט אויף ראובנין אַ בייזן בליק. דעם פּאַסיקן ענטפֿער, וואָס ליגט אויף דער צונג, מוז ער אַראָפּשלינגען, כּדי אויסמײַדן אַן אומאָנגענעמע דיסקוסיע. ער טוט דאָס פֿאַר בנימינען, וועלכער האָט אין די יונגע יאָרן געקעמפֿט צווישן דער אַסימילירטער יוגנט, זײַנע כּוחות האָט ער אָפּגעגעבן אין קאַמף פֿאַר יידישער קולטור.

בן־עמי כאַפּט אונטער ראובניס צעהיצטקייט און צעלייגט עס אויף קליינע טעלערלעך, ברענגענדיק בײַשפּילן פֿון דער העברעאישער שפּראַך, ווי אויך פֿון דער ליטעראַטור. ער רעכנט אויס די נעמען פֿון דיכטער און פּראָזאַיקער פֿון אירע שעפֿערס, ווײַל איבערצײַגן זײַער אומשטערבלעכקייט. פֿאַרגעסט ניט זיך דורכגיין מיט ביטול אויפֿן חשבון פֿון אייניקע שרײַבער, וואָס שרײַבן ניט אויף העברעאיש.

מנחם קען שוין מער ניט אַראָפּשלינגען בן־עמיס גראָביונגישקייט. אַן אויפֿגערעגטער הייבט ער אָן:

— די אויסגערעכנטע נעמען דורך דיר, זײַנען אומשטערבלעך ביזן קבֿר זייערן, דווקא די דיכטער און פּראָזאַיקער צו וועלכע דו ביסט ניט ווערט זיך צוצורירן, די שרײַבער פֿון אונדזער ליטעראַטור, זײַנען אומשטערבלעך. ווי קענען פּראָגרעסיווע שרײַבער קומען אויף דײַנע טריפֿהנע ליפּן?!

בנימין ענטפֿערט ראובנין און בן־עמין מיט זײַנע רעדעוודיקע אויגן, אין וועלכע זיי געפֿינען אַ חוזק־שמייכל. ראובני לאָזט אַראָפּ די אויגן בײַם באַגעגענען זיך מיט בנימינס שמייכלענדיקע בליקן, ווי ער וואָלט אים דערמאָנט אין די צײַטן פֿון אַ גאָר ניט ווײַטן אַמאָל: ווען ער, ראובני, פֿלעגט האַלטן פֿײַערדיקע דרשות אין סטודענטן־פֿאַראיין אויף די טעמעס:

„יידישע קולטור", „יידיש לשון", די שפּראַך וואָס רעדט צום מענטשלעכן האַרץ און אַנדערע.

מנחם זעצט זיך צו צו בנימינען: „לייג ניט קיין אַכט", זאָגט ער, „וואָס זיי פּלאַפּלען דאָרט. איינער איז אַ געטרייער משרת, און דער צווייטער קוואַקעט אויף אַ העכערן פּאָסטן ביי זיינע בעלי־בתים... אין אַלגעמיין איז ביי אונדז אַזאַ חולאת, ווי אין חוץ־לאַרץ: מ'זוכט וועגן וויאַזוי צו אַנט־לויפן פון אַלעם, וואָס איז פאַרבינדן מיט אונדזער פאָלק, אַרויס פון דער אייגענער הויט, ווי מ'זאָגט... נו, פרעג מיין שנעקל. יאיר, קום נאָר אַהער! זאָג נאָר, קרוין מיינע, וואָס ביסטו? „אַ סאַברע בין איך", ענטפערט אים דער זון. אַ ייד? פרעגט מנחם. „ניין", ענפטערט דאָס בחורל, „אַ סאַברע בין איך". און די דערוואַקסענע, מיינסטו, זיינען בעסער? די וואָס פאָרן אַרויס לערנען קיין חוץ־לאַרץ, פאַרלייקענען אויכעט זייער אָפּשטאַם. „מיר", זאָגן זיי, „זיינען ישראלים, יידן זיינען די, וועלכע לעבן אין די גלות־לענ־דער". בשום אופן ווילן זיי ניט זיין, וואָס זיי זיינען... ווי געפעלט עס דיר?".

— מנחמקע, — רופט זיך אָן ראובני, — טשעפּע דיך ניט צו אונ־דזערע קינדער. אונדזערע סאַברעס זענען אַזוינס ווי אַזעלכעס. שטיקער גאָלד, בריליאַנטן ממש!

— אַזוינס ווי אַ זעלכעס, — חזרט מנחם איבער מיט אַן איראָנישן שמייכל, — שטיקער גאָלד, אַלץ ווייסן זיי: פרעגט אַ סאַברע, ווער זיינען קאַדאַראָוו, ראַפּי לוי און נאָך אַזוינע פון דער ישראלדיקער פוטבאָלנע קאָמאַנדע, וועלן זיי דיר תיכף ומיד אויסרעכענען מיט אַלע איינצלהייטן זייערע מעלות און וויפל גאָלן יעדער פון זיי האָבן אַריינגעשאָסן אין יוגאָ־סלאַווישן טויער, אין בורמישן טויער אאַז"וו. אָבער פרעגט זיי, ווער איז שלום־עליכם, וועלן זיי פינטלען מיט די אויגן און הייבן מיט די אַקסלען. אַ סך פון זיי ווייסן אַפילו ניט, ווער ס'איז ביאַליק, וואָס דעם דאָזיקן נאָמען דאַלבעט מען זיי שוין יאָ אַריין אין קאָפּ.

— אַי, לאָז געמאַך, — צעבייזערט זיך ראובני, — און אַז ער וועט ניט וויסן פון אַ גלות־שרייבער, וועט ווערן אַ לאָך אין הימל? זיי רואיק, ער וועט זיין אַ קולטורעלער מענטש און וועט זיך זיין שטעטל באַשטיין...

משהן איז גאָר ניט געפעלן געוואָרן דער שמועס, וואָס אַנטוויקלט זיך

צווישן מנחמען און ראובנין, און דאָ איז בן־עמי אַרויס פון די כלים און אויף אַ קול אָנגעהויבן: „מיט קאַבצאַנסק און מיט כתרילעווקע וועלן מיר ווייט ניט אַוועק, מיר דאַרפן דערציען אַ געזונטן און שטאָלצן מענטש, ער זאָל אויספירן דעם ווילן פון זיין דור, דאָס הייסט, ער זאָל קענען קעמפן און אויסקעמפן זיין לאַנד אין די געוועזענע היסטאָרישע גרענעצן". דער עולם האָט מיט עקל אָפּגעוואָרפן בן־עמיס אויספירונגען. ס'לאָזן זיך הערן קולות: „מיר וועלן קיין מאָל ניט שיקן אונדזערע קינדער אין זשאַבאָטינסקיס חדר, זיין תורה איז געווען און וועט אויף תמיד אונדז בלייבן פרעמד. זשאַבאָטינסקי אַלס שרייבער בלייבט אונדזערער, נאָר ווי אַ פּאָליטיקער איז ער אונדז פרעמד". משה גאַרין איז צו צום ראַדיאָ און אים אָנגעשטעלט, אַז ער זאָל דעם גאַנצן רעש פון חלל אַריינברענגען אין שטוב. קיין אַנדער מיטל איינצושטילן דעם עולם האָט ער ניט געהאַט. דער עולם, פאַרטויבט פון הילכיקן ראַדיאָ, האָט פאַרלוירן דעם פאָדעם פון זייערע הייסע שמועסן, איז איינגעשטילט געוואָרן. דאָך האָבן זיך געלאָזט הערן קולות מיט אויפפאָדערונגען, אַז מ'זאָל פאַרמאַכן דעם ראַדיאָ. דאָ האָט זיך בנימין אויפגעשטעלט פון זיין אָרט, איז צו צום אַפּאַראַט, אַ ביסל אים איינגעשטילט און ווי מיט אַ געבעט, אָנגעהויבן:

— ראַסיני, מיינע פריינד, לאָמיר אים הערן. פאַר זיין ניגון איז די מענטשלעכע נשמה תמיד אָפן. הערט זיך דען ניט אַ האַרצרייסנדיק געשריי דורך זיינע איידעלע מעלאָדיעס פון אַ פאָלק, וואָס קרעכצט אונטער אַ שווערן יאָך? ווען עס צעקלינגען זיך זיינע טענער פאַרליר איך זיך און קען מיך האַרץ ניט איינהאַלטן פון געוויין, ווייל זיי וועקן אין האַרצן אָט די באַהאַלטענע בענקשאַפט נאָך פרייע, ריינע און באַהעלטע רחבותן!...

אַ שטילע התלהבות, ווי אַ געטלעכער אָטעם האָט דורכגעדרונגען די פאַרכישופטע שטילקייט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ראַשיקן עולם.

— אונדזער בנימין האָט זיך אויף קיין איך יאָטע ניט געענדערט, — האָט מנחם איבערגעריסן די שטילקייט, — ער איז נאָך מער טרוימער ווי געווען צוריק מיט צוואַנציק יאָר. — און משהן אין אויער זאָגט ער — זיין פערזענלעכער צויבער איבעראַשט מיך.

— בנימין, אין תל־אביב ביסטו שוין געווען? — פרעגט ראובני, —

תל־אביב ביי אונדז איז ווי פּאַריז פאַר דער וועלט — די שטאָט פון ליכט.

— אין תל־אביב לעבן סאַמע „תלמידי חכמים״, „אוטשאָני״, — גיט צו מנחם, — ביי אונדז אין תל־אביב זיינען ניטאָ קיין עם־הארצים, סיידן אין די הויכע פענצטער...

משה האָט פאַרגעזען, אַז דאָ וועט אויפסניי זיך צעוויקלען ניט קיין געוווּנטשענע דיסקוסיע צווישן מנחמען און ראובנין, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און פאַרגעלייגט דער פרוי שכני, זי זאָל עפּעס פאַרלייענען פון שלום־עליכמען. אַזוי האָט זיך דער אָוונט געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט פאַרלעזונגען, געזאַנג אויף אַלע לשונות, קורצע עפּיזאָדן און וויצן. עטלעכע עפּיזאָדן האָט בנימין דערציילט פון פאַרביטערטן קאַמף מיט די נאַציס ווי אַזוי דער „גבור״ פריץ זעט אויס, בעת ער פאַלט אַריין אין געפענגעניש, וויאַזוי ער פירט זיך אויף אָנעם ביקסל, ווי ער ציטערט, וואָיעט און קושט די הענט און בעט זיך, מ׳זאָל אים לאָזן דאָס שמוציקע לעבן זיינס.

*

ס׳איז געווען אַ קלאָרער, ליכטיקער פרילינג־טאָג. די זון־שטראַלן גלעטן דאָס פּנים, ווי אַ געטרייע מוטערלעכע האַנט, און פון צייט צו צייט קומט צו לויפן אַ ווינטל, צעשויבערט די האָר אויפן קאָפּ און צו דער נאָז טראָגט עס דיר אונטער צאַרטע ריחות פון מאַראַנצן און לימאָן־צוויטן. ציסט איין טיפער דעם אָטעם, די דערפרישונג פאַרשפּרייט זיך איבער אַלע קעמערלעך פון דיין גוף. ווי עס וויל זיך, אַז אַזאַ טאָג זאָל זיך ציען אָן אויפהער !...

אין דעם דאָזיקן טאָג האָט זיך בנימין פאַטראַכט... וויפל זכרונות האָט דער טאָג ביי אים אַרויסגערופן ? פּרווט ער אויפלעבן יענע געפילן, וואָס זיינען געבליבן אַרונטער איינאיינעם מיט זיינע פרילינגס־יאָרן, יאָרן פון טרוימען און האָפענונגען...

מיט שטילע טריט, יעדער מיט זיינע געדאַנקען, גייען משה און בנימין צו דער תחנה, ווו דער אויטאָבוס דאַרף פירן בנימינען זיך באַגעגענען מיט רבקה מאַרגוליס און מיט זיין טאָכטער חיהלע. פּלוצים צינדט זיך אָן

אַ פריילעך שמייכעלע אין משהס אויגן. ער מאַכט אַ פּאָר טריט פאָרויס און זאָגט אויף אַ קול:

— ווײ! וויפל יאָרן, — אַרומנעמענדיק דעם אָנקומענדיקן. — מאַך באַקאַנטשאַפט בנימין, דאָס איז אַ ייד מיט אַ גרויס האַרץ, אַזוינע מענטשן איז אַ פרייד צו באַגעגענען. וואָלטן מיר געהאַט אַ סך אַזוינע, ווי שיין וואָלט דאָס לעבן געווען! האָסט ניט קיין אָנונג ווי דער ייד האָט אונדז געהאָלפן. מיר זענען אים דאַך געווען ווילד־פרעמדע, ווען מיר האָבן זיך געוואָלגערט אין דער מעברה. וואָס פאַר אַ מאכל דאָס איז „מעברה", ווילסטו אוודאי וויסן? לאָמיך בעסער שווייגן. וואָס מאַכט מען, מר פינקעלשטיין?

— דעם באַגאַזש.

— וווהין? — איז משה נשתומם געוואָרן און אין זיינע אויגן האָט זיך דאָס פייערל אויסגעלאָשן.

— קיין אַמעריקע, — ענטפערט פינקעלשטיין שטיל, און אין זיין קול פילט זיך אַ שעמעוודיקייט און אין זיינע אויגן מערקט זיך אַ זאָרג.

— פאַרוואָס טוט איר אַזוי? אַ שאָד! איך פיל ווי עפּעס פּלאַצט אין האַרצן מיינעם. אַזוי תמיד, ווען איך הער, אַז יידן פאַרלאָזן ס'לאַנד. האָבן זיי ניט עפּעס בעסערס צו טאָן?

— און איר, מר גאַרין, וואָס האָט איר בדעה?

— ניין, איך טראַכט אָפילו ניט פון אַזאַ געמיינהייט. איר זאָלט מיר מוחל זיין, איך וויל אייך ניט באַליידיקן, חלילה, נאָר איך מיין אַזוי, און גלייב אַזוי: אַ ייד, וואָס פאַרלאָזט דאָס לאַנד, איז ביי מיר אַ פאַרברעכער. גלייבט מיר, מר פינקעלשטיין, אַז איך האָב אפשר ניט ווייניקער סיבות פון אייך, ניט צופרידן צו זיין. נאָר דאָס לאַנד פאַרלאָזן? דאָס לאַנד איז שולדיק וואָס אַ ביסל ערב־רב וואַלגערט זיך אויף אונדזערע גאַסן? צי די הערצער פון אייניקע, וועלכע דאַרפן טראָגן אַ ביסל וואַרעמקייט פאַר די, וואָס נייטיקן זיך אין דעם, זיינען גאָר פאַרביינערט? ווו איז די געמיינהייט ניטאָ? איז דערפאַר דאַרף מען לויפן דער רוח ווייסט וווהין, כדי ווערן אַ בירגער פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע?

— נו, און דאָ, מר גאַרין פון וועלכער קאַטעגאָריע זענט איר? — פרעגט פינקעלשטיין מיט אַ בייסיקן שמייכל, און ניט וואַרטנדיק אויף אַן

ענטפערט, גיט ער צו, — ווייסט איר דען ניט אַזוי גוט ווי איך, אַז מיר זיינען דאָ צווישן „אונדזערע״ צווישן „אייגענע״, הייסט עס, פאַררעכנט אַלס צווייטע און אפשר טאַקע דריטע קאַטעגאָריע?! און אַנדערע קלייניקייטן פעלן דען דאָ? און אויף דעם אַלעמען האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ בלאָטערל פון אויבן...

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— נו יאָ, איר ווייסט ניט פון זיי, קענט איר מיין טעם ניט פילן. איר האָט ניט קיין אַנונג פון אָט דעם מאַכל, וואָס הייסט „מס הכנסה״.

— אדוני, — מאַכט משה אַן ערנסטער, — מס הכנסה צאָלן אַלע.

— סליחה, ניט אַלע צאָלן מס הכמסה. זייט רואיק, די וואָס דאַרפן און קענען, די צאָלן ניט. צאָלן, צאָלן די, וואָס קאָנען ניט און דאַרפן ניט. מ׳רעדט דאַכט זיך אויף איין לשון, אָבער ניין, ס׳איז ניט דאָס... מ׳איז פרעמד איינער דעם צווייטן... איר זאָלט זען מיט וויפל פרייד זיי לויפן־אָן מיט אַ מאַשין דיך פלינען — מיט וויפל געלעכטער טראָגן זיי אַרויס פון שטוב דאָס לעצטע קישעלע, פונקט ווי מיין טאַטע פלעגט דערציילן, ווי דעם צאַר ניקאָלאַיס מענטשן פלעגן אַרויסטראָגן דאָס אָרעמקייט פון יידישע הייזער, און ווען איך פרעג די בעל־הבתים: „פאַרוואָס טוט איר דאָס? גלייבט מיר, אַז איך האָב ניט״. פרעגן זיי דיך: — פון וואָס לעבט איר? — זאָג איך, טאַקע אַזוי לעבט מען; און אַז איך זאָג זיי, איך וועל פאַרמאַכן דאָס קלייטל, ענטפערן זיי „פאַרמאַכט״. איך וועל מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זאָגן זיי, „פאָרט אייך, ווער האָט אייך דען אַהערגערופן?״, נו, זאָגט, אַזוי באַציט מען זיך צו מענטשן? ניין, מיין פריינד, די באַקומענע הילף פון ברודער טראָגן אין מס הכנסה, צו מאַכן חובות אין די בענק און זיי אָפּטראָגן וויפל זיי ווילן מאָגען ביי מיר, איז ניט כדאי.

— און אין אַמעריקע, מיינט איר, צאָלט מען ניט קיין שטייערן?

— פאַרדינט מען כאָטש.

— און דאָרטן פאַרדינען אַלע?

— מיט פיר קינדער וואַלגערן מיר זיך אין איין צימער. די קינדער האָקסן אונטער און אויסזיכטן אויף בייטן די וווינונג זעען זיך ניט פאַר.

איז דאָס אַ לעבן? אַז אַלע האָפענונגען האָב איך פאַרלוירן, טאָ וויאַזוי קען איך דאָ בלייבן?

— מיינט איר, אַז אין אַמעריקע וועט מען אייך צוטראָגן אַ וווינונג אויף אַ טעלערל?

אין אַ וועלכן לאַנד קומען אָן אַזויפיל מיליאָנען דאָלאַרן, אַז מ׳זאָל יידן פאַרזאָרגן מיט פרנסה און מיט אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ? אַזוי צי ניין? וויפל קען אַ מענטש בידעווען? איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרויסע השגות, און דאָ, אַוודאי ניט, אָבער ביז ווען?

אַ טרער האָט אַ בלישטשע געטאָן אין פינקעלשטיינס אויגן און אַ צווייטע שלינגט ער אַראָפּ, כדי ער זאָל דעם געדאַנק זיינעם דערזאָגן:

— ס׳איז מיר אי אַ בושה, אי אַ ווייטאָג, נאָר איך קען שוין ניט מער, און איר טראַכט וועגן מיר, ווי איר ווילט. בלייבט מיר געזונט מיט אייער משפחה, איך וועל טראַכטן וועגן אייך.

— וויסן זאָלט איר, אַז אייער פאַרלאָזן דאָס לאַנד טוט מיר וויי! פאָרט געזונט און זאָל אייך ניט באַנג טאָן. שרייבט מיר, כאָטש הערן פון אייך, אויב ניט זען.

משה גאַרין דריקט פינקעלשטיינען צום האַרצן, ווי ער וואָלט דערמיט אים געוויזן, אַז ער איז אים נאָענט און ליב, ווי תמיד, דערביי האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

עטלעכע רגעס זיינען זיי געשטאַנען ווי שטומע, יעדער מיט זיינע געדאַנקען. אין משהן קומט פאָר אַ געראַנגל צווישן געדאַנק און געפיל: צי איז פינקעלשטיין גערעכט? בנימין איז אומגעדולדיק, טראַכטנדיק פון זיין באַלדיקער באַגעגעניש מיט דער, וועמען ער האָט מיט אַזוי פיל ברען געליבט און מיט זיין חיהלען. משה חזרט איבער, וויאַזוי ער וועט אָנקו־מען קיין קרית־אונו, זאָל ער זיך פרעגן ווו מען גייט צו דער עיריה. איבערן וועג פון דער עיריה וווינט חיים ליבערמאַן, רבקהס אַ שוועסטער־קינד, אַהין וועט זי קומען מיט חיהלען. קומענדיק צום אויטאָבוס, באַמערקט משה ווי אַן אַלטיטשקע דראַפּעט זיך מיט אַלע פיר זי זאָל אַרויף. לויפט ער צו, גיט זי אַ כאַפּ־אָן פון הינטן און שטעלט זי אַרויף אויף דער מאַשין. די אַלטיטשקע קרעכצט און אָטעמט שווער.

— באַבעניו, — מאַכט משה, — קרעכצט ניט, גיך וועט משיח קומען, וועלן אַלע אַלטע יונג ווערן.

— און יונגע ? — שמייכלט דער נהג און גיט צו — יונגע וועלן אַלט ווערן.

אויפן צעקנייטשטן פנים פון דער אַלטיטשקער, וואָס טראָגט נאָך סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט, האָט זיך אַ קינדערישער שמייכל באַוויזן און געבנדיק איר כרטיס דעם נהג, און ניט וועלנדיק אים בלייבן שולדיק אַן ענטפער, געזאָגט: „אויך אַלטע געפינען אַ זין אין לעבן, אויב דאָס געזונט דערלויבט נאָר...

בנימין פאַרנעמט אין אויטאָבוס אַ פּלאַץ ביים פענצטער. זינט ער איז אין לאַנד פאָרט ער אין דער ריכטונג צום ערשטן מאָל. דער קאָפּ זיינער איז אין באַוועגונג די גאַנצע צייט, דאָ רעכטס, דאָ לינקס. דער וועג ציט זיך אויף אַ שטרעקע פון קילאָמעטערס לענגויס דעם ים. דאָ בעט זיך דער ים, זאָלסט זיך מיט אים אָנקוקן, דאָרט גרינע פּליינען רייצן דיינע חושים, וואָס קענען זיך ניט מיט זיי אָנזעטיקן. דער אויטאָבוס דערווייטערט זיך פונעם ים־ברעג, עפנט זיך פאַר אים אַ בילד, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל אין לעבן: פון איין זייט אַ באַנאַנען־וואַלד און פון דער צווייטער זייט פּרדסים. די אַלייע ציט זיך קילאָמעטערס. זיין האַרץ פילט זיך אָן מיט פרייד און מיט שטאָלץ. געפילן און זכרונות ברויזן אויף, און געדאַנקען שווימען דורך ווי כמאַרעס אויפן הימל.

שמועסן, וואָס קומען פון זיינע שכנים, האָבן אַרויסגערופן זיין אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן גערעדט אויף אַ לשון, וואָס איז אים נאָענט. ער איז אָבער נשתומם געוואָרן פון אַ שאלה, וואָס אַ יונגערמאַן האָט געשטעלט אַ מאַמען, וואָס רעדט מיט איר קינד ידיש, פאַרוואָס זי רעדט ניט מיט אים העברעאיש. „איך רעד ידיש, ענטפערט די מאַמע, ווייל איך וויל, אַז מיין קינד זאָל אויסוואַקסן אַ ייד".

אין חוץ־לארץ וואָלט דער מאַמעס ענטפער אַ גלעט געטאָן זיין נשמה, ווייל ער האָט באַקומען פון פאָלק אַ באַשטעטיקונג אויף זיין קרעדאָ, אָבער דאָ איז אים געבליבן אומפאַרשטענדלעך די שאלה פון יונגנמאַן, ווי אויך דער מאַמעס ענטפער...

*

די באַגעגעניש צווישן בנימינען און רבקהן איז אַ דערשטוינטע. בנימין שטייט אַ בלאַסער, די האַנט איז ביי אים ווי געליימט, ער קען זי איר ניט אויסשטרעקן, אויך אַ וואָרט ברענגען אויף די ליפּן איז אים אומ־מעגלעך. רבקה, אַן איבערגעגעלטע, אַ שולדיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. יעדעס קעמערל אין איר קערפּער ציטערט, די אויבערשטע ליפּ וואָרפט זיך. אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי קוים זיך צוריקגעזעצט אויף איר בענקל.

אין דער געשפּאַנטער טויטער שטילקייט זענען זיי געזעסן אַרום טיש, ביידע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ער האָט געשטיקט אין זיך דעם האַס און ביטול צו איר, און רבקה האָט געשטיקט אין זיך די בושה, וואָס בנימין האָט געשמיסן איר אין פּנים. נאָך אַ פּאָר רגעס איז בנימין געקומען צו זיך. דער האַס און ביטול לעשן זיך ביסלעכווייז אויס אין אַנגעווייטיקטן האַרצן זיינעם.

רבקה רופט אַרויס אַלע אירע באַהאַלטענע כוחות, כדי איבעררייסן די גרויליקע שטילקייט. מיט אַ ציטערדיק קול פּרוּווט זי ברענגען זיין נאָמען אויף די ליפּן, אָבער דאָס מויל קען אים ניט אַרויסזאָגן. מיט אירע בליקן פּרוּווט זי בעטן גנאָד. קומט אָן אַ טרער און פאַרנעפּלט איר בליק.

בנימין זיצט אַ שווייגנדיקער, נאָר מער רואיקער, באַהערשט פון אַ גלייכגילטיקייט צו איר. ער באַמערקט, ווי זי האָט איר פרואישקייט, פאַר דער צייט, פאַרלוירן. דאָס פּייערל אין אירע, אַמאָל, שמייכלענדיקע אויגן, האָט זיך אויסגעלאָשן, זייערע פאַרבן זיינען אָפּגעבליאַקעוועט; די שטרענגע ליניעס פון איר גוף זיינען אין גאַנצן פאַרשוווּנדן און די קנייטשן אַרום איר האַלדז, רופן ביי אים אַרויס אַ געפיל פון באַדויערונג. אים איז שווער צו גלייבן צי פאַר אים זיצט די שיינע געשטאַלט פון זיין אַמאָליקער גרוי־סער ליבע.

רבקה פּרוּווט אויפסניי איבעררייסן די שטילקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן און וויל ברענגען די סיבות, וואָס האָבן זי געטריבן אויף דעם וועג... בנימין אָבער שטעלט זי אָפּ:

— ניין, איר נאָמען קען ער אויף זיינע ליפּן ניט ברענגען, מיר וועלן בלייבן פרעמד אַלע סיבות, וואָס האָבן לויט דיין מיינונג, גורם געווען, אַז

דו זאָלסט זיך אַזוי לייכטזיניק באַגיין מיט מיר. איך קען ניט און וויל ניט וויסן פון יענע כוחות, וואָס האָבן דיך געשטויסן, זאָלסט אַראָפּ פון יושר־דיקן וועג, אויף וועלכן מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. ביי דיר איז קיין ליבע צו מיר ניט געווען, דערפאַר זיינען אַרויסגעשוואומען סיבות און ס'האָבן זיך געפונען כוחות און... און כל מיני שוועריקייטן, וואָס דו ווילסט אוודאי אויסקראַצן פון ביליקן האַרצן דיינעם. אָבער אין אַזאַ מאָס פאַרפרעמדן מיין קינד פון מיר, וועלכער כוח האָט דיך געטריבן? ניין, ניין, איך וויל דיך ניט הערן און וועל דיר קיין מאָל ניט מוחל זיין! אין מיין פאַרצווייפ־לונג, אין דער לעצטער רגע, ווען איך האָב געזאָלט זיך שיידן מיטן לעבן, האָט אַ מלאך, יאָ אַ מלאך, ניט קיין מענטש, מיר אויסגעשטרעקט אַ האַנט — מיין טאַניאַ, און...

חיהלע האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, ווען בנימין האָט אָנגעהויבן מאָלן זיין טאַניאַן. דערזעענדיק חיהלען האָט בנימין ברייט געעפנט זיינע אויגן, וואָס זיינען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט פרייד און מיט טרויער גלייכ־צייטיק.

— די טאָכטער אונדזערע. ווי געפעלט זי דיר? — ווענדט זיך רבקה אָן אויפגערעגטע צו בנימינען, — אַ סטודענטקע אין ירושלימער אוניווער־סיטעט.

בנימין האָט זיך בליץ־שנעל אויפגעהויבן און זיך אַ לאָז געטאָן צו חיהלען, אָבער אין די אויערן האָבן זיך צעקלונגען זיינע „צוזאָגן". ער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, האַלטנדיק איר האַנט אין זיינער, האָט ער נאָר מיט דער לינקער האַנט אַ גלעט געטאָן איר כוואַליקן קאָפּ האָר. די פרייד אין זיינע אויגן האָט ביסלעכוויז זיך אָנגעהויבן לעשן. מיט אַ טרויעריקן בליק האָט ער זיך איינגעגראָבן אין אירע האָר, בעת דאָס האַרץ האָט גע־וויינט: „אַ טאַטע קען זיין געפונען קינד צום האַרצן ניט דריקן..." קומענ־דיק צו זיך, פאַרויכערט ער אַ סיגאַרעט. און אַזוי ווי אין חיהלעס אָנוועזנ־הייט קען ער סיי ווי דעם שמועס, מיט אַלע זיינע פאַרוואורפן, ניט פאַרזעצן, וואָס זיינען אים אַזוי אויך געווען עקלהאַפט, איז ער אַריבער דערציילן, אין קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער, וויאַזוי עס זיינען געגאַנגען מיט שווערע טריט די טעג און די יאָרן, אַ האַרץ דורכגעברענט פון גרויס בענקעניש

צו זיין פרוי און קינד; וויאַזוי זיין מיליטער־טייל איז צעשמעטערט געוואָרן דורך די נאַציס און אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, אַנטלאָפן פון לאַגער, אַ רוסישע פאַמיליע — טאַניאַס עלטערן — האָבן אים ביי זיך אויסבאַהאַלטן דריי יאָר. די משפחה האָט זיך ס׳לעבן איינגעשטעלט, ניט איין מאָל איז די משפחה געשטאַנען אויף דער שוועל פון טויט. נאָך דריי יאָר אויסבאַהעל־טעניש, איז ער אַריין אין אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, דערנאָך זיך אויפסניי פאַרבינדן מיט דער רויטער אַרמיי, כדי צו שלאָגן די נאַצישע טומאה ביז בערלין. ער האָט געוואָגלט, זוכנדיק זיין פרוי און קינד. „געמיינט", זאָגט ער, „אַז ערגעץ־ווו קלאַפּט כאָטש איין האַרץ פאַר מיר. יאָ, אַלע הערצער האָבן זיך פאַר מיר אויסגעלאָשן..."

פאַר בושה האָט רבקה קוים איינגעהאַלטן איר גלייכגעוויכט. אויך חיהלע איז ניט רואיק. זי נעמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון בנימינען און פון מאָל צו מאָל קוקט זי אויף איר מאַמען, ווי זי זיצט אַ פאַרצווייפלטע און שולדיקע... די באַגעגעניש ווערט פאַר איר אומפאַרשטענדלעך. „נו", טראַכט זי זיך, „זיי זיינען פריינד, טאָ פאַרוואָס אַזאַ אומרואיקע אַטמאָספער ביי דער באַגעגעניש? פאַרוואָס פילט זיך די מאַמע ווי אַ שולדיקע אין בנימינס שווערע איבערלעבונגען? ער האָט דאָך געבענקט נאָך זיין ווייב און קינד, טאָ פאַרוואָס ליידט דערפון די מאַמע?" וואָס חיהלען האָט גע־חידושט איז: „דער פלעק, וואָס ביי איר אויפן האַלדז — איז ענלעך צו דעם וואָס מערקט זיך אויף בנימינס האַלדז, און אויך ביי אים איז איין אויג העלער פונעם צווייטן, פונקט ווי ביי איר. ווען זי שעמט זיך ניט, טראַכט זי, וואָלט זי איר מאַמען געמאַכט אויפמערקזאַם אויף אירע קאָנס־טאַטירונגען — ענלעכע ביי זיי..."

*

טאַניאַ גייט אַרום אַ שמייכלענדיקע, זי קען אַזאַ פרייד אין זיך ניט אויסבאַהאַלטן. איר צופרידנקייט ברענגט זי אַרויס אין באַוועגן פון איר שלאַנקן קערפּער, אין אירע בליקן, אַפילו אין שלאָף, קומט די פרייד אַרויס אויף איר ליכטיקן פּנים. אַזאַ גוטע שטימונג איז ביי טאַניאַן שוין לאַנג ניט געווען. די גוטמוטיקע זון אויף דעם ישראל־

הימל האָט אין אַזאַ מאָס באַלויכטן איר האַרץ, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן געפינען: — איר האַרץ האָט אויפסניי אַ ברויז געטאָן מיט ליבע צום לעבן, ווי אין די צייטן ווען זי האָט דערפילט איר ערשטן פרילינג... די הויפּט־סיבה איז דאָס גוטמוטיקע שמייכלען אין בנימינס רעדעוודיקע אויגן, מיט וועלכע ער באַגעגנט זי קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, נעמענדיק איר קאָפּ אין זיינע הענט און אויסקושנדיק אירע אויגן. זיין גוטע שטימונג האָט זיך אָנגעהויבן מיטן סוף פון זיינע מאַטערנישן און בענקענישן נאָך זיין הייהלען. מיט אברהמס הסכמה וועט ער זיך קענען טרעפן מיט זיין קינד, אַפילו אָן דעם זי זאָל וויסן ווער ער איז פאַר איר, אַבי זיין נאָענט צו איר, איז ער איינגעגאַנגען אויף אַזאַ תנאי.

שוין אַ פּאָר חדשים ווי בנימין אַרבעט ביי זיין פאַך, דער געהאַלט קען דעקן די הוצאות אויף אַ באַשיידן לעבן. טאַניאַס השגות זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין איבערגעטריבענע. זיי האָבן שוין זייערע אייגענע פיר ווענט, מ'איז טאַקע שולדיק איבערן קאָפּ אין די בענק, נאָר, אַזוי הייסט עס, אַז די דירה איז זייערע... לויט די הבטחות, וואָס זי האָט באַקומען: ווי נאָר זי וועט קענען די שפּראַך, וועט מען איר געבן אַרבעט ביי איר פאַך — אַלס לערערין פון מאַטעמאַטיק און פיזיק. טאַניאַ גייט אַרום אַ צופרידענע — פון דער רעאַליזירונג פון איר טרוים: — דער טרויער זאָל זיך אויסלעשן אין בנימינס אויגן. אָנהייבן אים זען אַ פריילעכן, אַזוי ווי זי האָט געחלומט צו זען איר געליבטן, און אחרון, אחרון, וואָס זי איז אַרויס די גערעכטע: זי איז געווען די, וועלכע האָט צוגערעדט בנימינען צו קומען אין לאַנד. בנימינען איז געווען שווער זיך לאָזן אין וועג מיט פרוי און קינד. „נאָך אַמאָל זיך צעברעכן, בין איך דען ווייניק צעבראָכן?" האָט ער געטענהט, „ווייס איך, וואָס עס וואַרט אויף מיר דאָרט?"...

אין היטלערס גיהנום זיינען אַלע זיינע נאָענטע אומגעקומען. די איינציקע, וואָס זיינען אים געווען נאָענט און טייער — טאַניאַס עלטערן און שוועסטער, איז אים געווען שווער זיך מיט זיי צו שיידן, בעת אין ישראל איז ער אין גאַנצן פרעמד. „אמת, משה גאַרין איז פאַר מיר ווי אַ ברודער, אָבער מיט אים שוואַלב קען מען קיין פרילינג ניט מאַכן", פלעגט ער צוזינגען מאַכן טאַניאַס אויספירונגען פון אירע פאַנטאַסטישע פּלענער. בנימינען

האָט נאָך געגראַבלט דאָס געוויסן זיינס: „צו גרויס איז דער חוב זיינער פאַר טאַניאַס עלטערן, אַז ער זאָל נאָך פון זיי דערווייטערן זייער קינד און זי פאַרפירן ערגעץ ווייט אין אַ לאַנד, ווו זיי וועלן זי שוין מער ניט זען. אויס־רייסן אַ שטיק פון זייער נשמה? טאַניאָן, די מיזינקע, האָבן זיי מער ליב. זיינען זיי דען ניט גענוג פיזיש איינגעבראָכן? זייערע יאָרן האָבן זיך שווער אָוועקגעזעצט אויף די פּלייצעס און בייגן שוין איין זייערע רוקנס אין צווייען. אַט דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען זיי וועלן מוזן אָנקומען נאָך הילף, וווהין וועלן זיי גיין? ווער וועט זיי אַקעגנקומען? יענע קינ־דער זיינען צו פיל איבערגעלאָדן מיט זייערע משפחות, אַז זיי זאָלן קענען זאָרגן אויך פאַר די עלטערן". די געדאַנקען האָבן בנימינען ניט צורו געלאָזט.

*

ער קוועלט אָן פון יעדער נייער דערשיינונג אין ישראל: דער וווּקס פון דער אינדוסטריע, דער אויפקום פון נייע ישובים, שיכונים וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן — אַט דאָס אַלץ פילט אָן זיין האַרץ מיט פרייד.

טאַניאַ לערנט די שפּראַך, ווי אַ פלייסיקע גוטע שילערין, עס גייט ניט פאַרלוירן ביי איר קיין איין רגע, אַז זי זאָל זי ניט אויסנוצן: ביים וואַשן די וועש, ביים רייניקן די פּאָדלאָגע, די מכשירים, לערנט זי ווערטער, און ווען עס קאָכן זיך די מאכלים, זעצט זי זיך צו און לייענט אַ קליינעם סיפּור פונעם לערנבוך אַרויס. אין אולפּאַן איז זי פון די ערשטע. מיט וואַליקן פּרוּווט זי רעדן העברעאיש, ער איז שוין פאַר איר דער קענער. די פינף שעה אין שול און די איבעריקע צייט פונעם טאָג מיט די קינדער אויף דער גאַס האָבן אים אַרויפגעפירט, אַז רעדן מיט די עלטערן וויל ער נאָר אויף העברעאיש. דער ראַדיאָ איז תמיד אָנגעשטעלט אויף „קול ישראל", כדי צו הערן די שפּראַך אָן אויפהער — הערן דאָס העברעאישע ליד און אפילו די ידיעות פּרוּווט טאַניאַ אויך הערן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זי פאַרשטייט ניט גענוי, כדי צו וויסן וואָס עס הערט זיך אויף דער גרויסער וועלט, טאָ מוז זי דערפאַר דערגאַנצן מיט די נייעסן, וואָס דער ראַדיאָ ברענגט אויף איר מאַמע־לשון, פון איר היים. צווישן אירע נאַציאָנאַלע לידער, וואָס זי זינגט דורכן טאָג, זיינען אין איר רעפּערטואַר שוין אַריין

אויך לידער פון ישראל. ניט איין מאָל האָט איר בנימין געזאָגט, אַז זי גייט אים אַריבער — אַז זי איז שוין מער אַ ישראלין פון אים.

טאַניאַ טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער, וועלכע שמייכלען איר צו מיט אַ גאָלדענער העלקייט. הייבט זי אָן גלייבן צו פאַרווירקלעכן זיי אין איר נייעם לעבן, אין איר נייער היים. אָפנהאַרציק און מיט ערלעכע כוונות טיילט זי זיך מיט אירע פריידן און האָפענונגען, באַהאַלט גאָר ניט אויס פאַר אירע ניי־דערוואָרבענע פריינד. כמעט אַלע שבת קומען צו זיי געסט, וועמען זי נעמט אויף מיט אַ ברייט האַרץ. די פשטות אין איר באַציאונג צו מענטשן רופן אַרויס באַוווּנדערונג ביי אירע באַקאַנטע און נייע פריינד. מיט חידוש, צופרידנקייט און מיט גוטמוטיקע שמייכלען ווערן אויפגענומען טאַניאַס פּלענער און אירע צעבליטע האָפענונגען.

*

קאַלטע ווינטלעך פעלן דאָך ניט ביי אונדז, האָט אַזאַ ווינטל אויפגע־זוכט טאַניאַס האַרץ, אַז ס׳זאָל אַ קיל־טאָן אירע צעגליטע האָפענונגען און אַ שאָטן זאָל זיך אַוועקשטעלן פאַר דער העלקייט, וואָס בנימין פלעגט איר תמיד ברענגען, קומענדיק פון דער אַרבעט.

אין אַ טאָג מערקט טאַניאַ אָן ענדערונג אין בנימינס נאַטירלעכן שמייכל, ווי ס׳וואָלט געווען אַז אויסגעקינצלטס, אַ שמייכל, וואָס קומט ניט, ווי תמיד, פון האַרצן. בנימין האָט ניט קיין סודות פאַר טאַ־ניאַן, וויסנדיק, ווי עמפּינדלעך זי איז, ליידט פון יעדן בייזן ווינטל, כדי אויסמיידן איבעריקע יסורים, האָט ער אָנגעהויבן פאַרשווייגן און ניט וועגן אַלעמען איר דערציילט. כאָטש ניט איינמאָל האָט ער אין אירע אויגן אַרויסגעלייענט אַ פאַרלאַנג, ער זאָל איר דערציילן. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט פאַרשטייענדיק אירע פרעגנדיקע בליקן.

אויסנוצנדיק מנחמס באַזוך, פאַרקלאָגט זיך טאַניאַ פאַר אים אויף בנימינען, פּרוּווּנדיק אַזוי אַרום זיך דערגרונטעווען צו די סיבות, וואָס מאַכן אים, ער זאָל פאַר איר אויסקינצלען אַ גוטע שטימונג, בעת אַזאַ איז ביי אים ניטאָ.

— מנחם, — זאָגט טאַניאַ, — זעט איר דען ניט ווי אויף זיין פּנים

שפּאַצירט אַרום אַן אומעט און זיינע אויגן האָבן גאָר ניט קיין גוטס צו זאָגן ? !

— יאָ, טייערע, — בנימין נעמט אַרום טאַניאַן, קוקט איר אין די אויגן און זעצט פאָר, — נאָענט און טייער דו ביסט מיין האַרצן, דערפאַר טאָקע וויל איך זיך מיט דיר ניט טיילן מיט סם־טראָפּנס. טאָ שלינג איך זיי אַליין אַראָפּ.

— האָט דיך ווער באַליידיקט ? — די פראַגע קומט גלייכצייטיק פון טאַניאַן און מנחמען.

— דער באָס מיינער.

דאָס מיאוסע גראָבע פּנים פונעם באָס, האָט ביי בנימינען אַרויסגע־רופן אַ פאַרגעפיל, בעת זייער ערשטער באַגעגעניש, אַז קיין פאַרגעניגן וועט עס אים ניט צוטיילן, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אים מיט אַ צביעותדיקן שמייכל באַגעגנט און אפילו ניט געקאַרגט קיין קאָמפּלי־מענטן. און ווען בנימין האָט אים געגעבן אַנצוהערן, אַז די שפּראַך ביי אים גייט נאָך אויף רידעס, האָט ער אים געענטפערט : „וואָלטן אַלע נייע עולים גערעדט אַזאַ העברעאיש ווי איר".

דאָס פּנים ביים באָס, ווי דער קערפּער זיינער, איז גראָב, גרויס און אומגעלומפּערט. אַ טרוקענע לאַנגע נאָז, צעשויבערטע שטעכיקע גרינע ברעמען, אונטער וועלכע עס לויפן אַרום צוויי קליינע שטשערישע אייגע־לעך, וואָס האָבן אי מורא, אי זיי זוכן מיט די שאַרפע ציינדלעך אַ שטאָך מאָן גלייך אין סאַמע האַרצן און אַ זויף־טאָן אַ ריין ביסל בלוט. אויפן שמאָלן קליינעם שטערנדל וואַלגערן זיך אַ פּאָר קנייטשן. קיין האָר אויפן קליינעם קעפּל זיינען ניטאָ : אַ טייל זיינען נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן אויסגע־קראָכן, כדי פאַרווישן די סימנים, מוז ער די איבעריקע גאָלן. ער האָט אַ „שיינע טבע", ווען ער לאָדט איין צו זיך אין קאָבינעט, בעט זיצן און אַליין אויף די פיס, לייגט אַוועק זיינע גרויסע הענט אויפן טיש, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשפּאַרט, און הייבט אָן בזה הלשון : „איך מוז פון אָט דעם אָרט זאָגן ניט קיין אָנגענעמע ווערטער..."

נאָכן פאַרענדיקן זיין דרשה, אויסוואַשנדיק זיך די הענט אין בנימינס בלוט, בלויז אַ פּאָר מינוט, שטעלט ער דאָס גראָבע, מיאוסע אומגעלומ־

פּערטע פּנים אַוועק אין אַ זייט, זיינע שטשערישע אייגעלעך קוקן דורך די ברילן מיט גרויס צופרידנקייט, ווי אַ קצב קוקט זיך צו צו דער בהמה, וואָס האָט, אַננעמענדיק זי ביי די הערנער, אויסגעדרייט איר דעם קאָפּ, אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און וואַרט, אַז דער חלף זאָל זיך דורכ־שפּאַצירן איבער איר האַלדז.

— ער האָט מיך אָפּגעשאָצט, ניט מער און ניט ווייניקער, — זעצט פאָר בנימין שמייכלענדיק, — ווי אַ טויגעניכטס. יאָ, דעם דאָקטער פּערלין האָט מען אויך אַזוי אָפּגעשאָצט.

ביידע, מנחם און טאַניאַ, האָבן ברייט געעפנט זייערע אויגן, זייערע פּנימער זיינען געוואָרן צוויי גרויסע פראַגעצייכנס.

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? דאָס הייסט, אַז איך קען ניט בלייבן אויף מיין אַרבעט־פּלאַץ. האָט ער מיר פאַרגעלייגט זיין גוטוויליקייט: מיר געבן אַ בריוו צו דער סוכנות, ווו ער וועט בעטן, מ׳זאָל מיר צוטיילן מאַטעריעלע הילף ביז איך וועל זיך צולערנען...

טאַניאַ האָט אויף אַ קול זיך צעלאַכט, זאָגנדיק „דו חכמעסט זיך״. און ווען בנימין האָט אונטערגעשטראָכן אויף אַ גאַנץ ערנסטן אופן, אַז ווירקלעך, מיט דריי וואָכן צוריק, האָט ער געהאַט אַזאַ שמועס מיט זיין מנהל, האָט טאַניאַ לאַכנדיק צוגעגעבן:

— אויב אַזוי, איז דייך באָס אַראָפּ פון זינען.

טאַני ווייסט, אַז בנימין איז אין איר היימלאַנד געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די אָנגעזעענסטע און באַגאַבטסטע פאַכמענער. ער פלעגט באַקומען אויסצייכענונגען און געלט־פּרעמיעס פאַר זיינע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען, און דאָ הערט זי גאָר, אַז ער איז ניט פעאיק אויסצופירן זיין אַרבעט.

— ניין, ניין, בנימין טייערער, מיר איז שווער צו גלייבן, — טאַניאַ נעמט אַריין זיין קאָפּ אין אירע הענט און לאַכט אים אַריין אין די אויגן, דיך זאָל מען אַזוי דערנידעריקן?

— אַזוי ווי דו הערסט. אַ ביטערער אמת, אָבער פאַרט אמת.

— אַזוי קליינקעפּלדיק איז דיין באָס? אויב יאָ, ווי איך זע, טאָ וויאַזוי־זשע פאַרנעמט די בהמה אַזאַ פּאָסטן?

— דאָס טרעפט אומעטום, — מישט זיך מנחם אַריין אינעם שמועס, — ביי אונדז אין אַ גרעסערער מאָס... קליינע מענטשעלעך זיצן ביי אונדז אויף גרויסע פּאָסטנס און גרויסע אויף קליינע. עס איז קלאָר: קליינע קעפּלעך האָבן גרויסע הינטנס, דאַרפן זיי האָבן גרויסע בענקלעך און גרויסע קעפּ האָבן קליינע הינטנס, איז פאַר זיי גענוג אַ קליין בענקל. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? ווייסט איר דען ניט, אַז אַ גרויסער הינטן אַנטוויקלט זיך אויפן חשבון פונעם קאָפּ? נו, און להיפוך. וויכטיק איז, וואָס דאָס קליינע קעפּל איז פּעאיקער פונעם גרויסן, זיך אויסשאַרפן די עלנבויגנס...

— אַזאַ נפש געוועלטיקט, — מאַכט טאַניאַ שוין אומעטיק.

— ווי איך האָב געהערט, — שמייכלט מנחם, — האָט מען אים גע־פּרוווט אַרויספירן אויף פּענסיע, אָבער דער תכשיט לאָזט זיך ניט, ער האָט „פּאַרדינסטן". „איך", זאָגט ער, „גיי ניט פון דאַנען, מיך וועט מען פון דאַנעט אַרויסטראָגן". דער עם־הארץ האַלט שוין ביי די זיבעציק. וויפל האָבן פון אים געליטן און וויפל וועלן נאָך ליידן. ווי אויף צו להכעיס וויל דער מלאך־המוות זיך צו אים ניט צורירן. „ווי זאָל איך מיינע ליפּן צו־לייגן צו אַזאַ טומאה? איך דאַרף ניט אין גיהנום אַזאַ רשע. מיינע חברה־לייט", זאָגט דער מלאך־המוות, „זיינען צדיקים אַקעגן אים. דער שד קען נאָך פון בענקל מיך אַראָפּוואַרפן. טאָ לאָז איך אים, זאָל ער צעפּאַלן ווערן דאָרט צווישן זיינע, וועלכע האַלטן די רעכטע האַנט איבער אים". איך האָב זיך פאַררעדט וועגן דעם דבר־אחר און דיך ניט געלאָזט קומען צום וואָרט. נו, און דו האָסט אים פאַרשוויגן?

— קורץ און שאַרף, זאָגט בנימין, — און מיינע רייד זיינען אים געפעלן. איך בין מוחל, האָב איך געזאָגט, זיינע גליקן און וועל אַוועקגיין.

— אָט, אָט, דאָס האָט ער דאָך געוואָלט. איך האָב פאַרגעסן אין אונדזערע מינהגים: נאָך זעקס חדשים דאַרף מען דיר געבן „קביעות", דער רוח ווייסט זיי, נאָך וועלכער תורה זיי גייען, און וויאַזוי דו ביסט, לויט זייערע געזעצן, עלטער פון פערציק...

— ???

— יאָ, יאָ, קוק ניט אַזוי אומגלויביק אויף מיר. דו ווייסט נאָך ניט,

מיט ווּעמען דו האָסט צו טאָן! ס׳איז אַ פּשוטע זאַך: זיי ווילן ניט געבן „קביעות״, טאָ דאַרף מען עפּעס צוטראַכטן...

— די מיאוסע חיה האָב איך שוין מער ניט געוואָלט זען פאַר די אויגן, בין איך אַוועק מיט מיין דעמיסיע אין דער צענטראַלע. דער דירעקטאָר פון דער צענטראַלע האָט מיך אויסגעהערט, צוזאָגנדיק דעם ענין אויס־צופאָרשן. ער האָט אַפילו זיך געבייזערט, ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו דער אַרבעט, זאָגנדיק: „אייער מנהל איז נאָך ביי אונדז ניט דער פּוסק אַחרון״. און מיך געבעטן ניט פאַרלאָזן מיין אַרבעט־פּלאַץ. דערנאָך האָב איך באַקומען פון מרכז אַ בריוו, ווו מ׳גיט מיר צו וויסן, אַז איך בין אַנ־גאַזשירט אויף אַ יאָר.

— איז דאָך ווידער גוט, פּרוווט מנחם צעטרייבן דעם אומעט, וואָס האָט זיך געשאַפן.

— אוודאי איז ניט שלעכט, — האָט בנימין גלייכגילטיק נאָכגעגעבן מנחמען, — אָבער אין האַרצן האָט אַ ריס געטאָן... אַזאַ דערנידערונג, אַזוינע באַליידיקונגען האָב איך אין לעבן ניט דורכגעמאַכט.

— הפקרות, — מאַכט מנחם מיט אַ זיפץ, — הוליעט ביי אונדז אויף אַלע וועגן און ווי אַזוי זאָל אַנדערש זיין, אַז גראָבע יונגען קאָמאַנדעווען, — און נעמענדיק דאָס גלעזל קאָניאַק, וואָס טאַניאַ האָט אים צוגעטראָגן, רופט ער אויס, — „לחיים! יסורים דאַרף מען פאַרטרינקען! זאָרג ניט, ברודער, יושר און גערעכטיקייט וועלן זיך אין אונדזער וועלט אויך אַמאָל דערמאָ־נען... מ׳ דאַרף אָבער וועלן, איז אָבער די צאָל „וועלערס״, צום באַדויערן, איך ביי אונדז, נאָך אַ קליינע... ווי דו זעסט, זענען אונדזערע פעלדער נאָך ווייניק צעאַקערט, מ׳זאָל עפּעס ממשותדיקס פאַרזייען...

*

די באַליידיקונג האָט זיך צו טיף איינגעקריצט אין בנימינס האַרץ, אַז ער זאָל זיך קענען פון איר באַפרייען. דער שאָטן פונעם פאַרוואַלגערטן עקזעמפּלאַר פון גאָר אַלטע צייטן, קומט פאַר זיינע אויגן אַרויס אָפטער ווי ער וואָלט זיך געווינטשן. אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקום אין לאַנד איז אים אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אָט דער גאַרילע, דער איינדרוק איז

געוועז אַן איבלדיקער. נאָך דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן, ניט אויפנעמען קיין שום אַרבעט אונטער זיך אָנפירערשאַפט. ס'האָט אים געטראָפן אין לעבן אַזוינע דערשיינונגען און ווי תמיד האָבן זיך זיינע פאַרגעפילן באַשטעטיקט; עס איז אים אויסגעקומען אויך צו באַגעגענען גרויסע און שיינע נשמות אין אומגעלומפּערטע, עקלהאַפטע גופים. ער האָט אָנגעהויבן פילן, אַז ניט דער געזעלשאַפט, ניט דער מדינה דינט ער, נאָר דעם מיאוסן נפש. און אָט דאָס באַשעפעניש איז זיין ברויטגעבער, און זיין גורל געפינט זיך אין די לאַפּעס פון דער דאָזיקער חיה. טאָ בייזערט ער זיך טאַקע אויפן גורל זיינעם. בנימין קען זיך מיט זיינע געפילן ניט שפילן, פאַרקערעווען זיי אין אַ זייט איז אים אוממעגלעך, ברענגט ער זיי אַרויס אַזוי ווי זיי זיינען — ניט קיין געקינצלטע. אָבער אַרויסגיסן דאָס אומריינע וואַסער קען ער אויך ניט, ביז ס'וועט ניט קומען פון ערגעץ אַ ביסל ריינערס... צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן שטעלט ער זיין חתימה אויף וועקסלען, וואָס קלאַפּן יעדן חודש אין זיין טיר און מאָנען זייערע רעכט. ער ווייסט ניט וויאַזוי מען איז זיך נוהג מיט די בענק, ווען אין קעשענע איז נישטאָ מיט וואָס צו דעקן די וועקסלעך. איין זאַך פילט ער גוט — אַ שווערער עול דריקט אים און גיט אים ניט די רו און וועלכער ער נייטיקט זיך אַצינד מער ווי תמיד.

אין חוץ־לארץ האָט ער אַזוינע באַלעבאַטים ניט געהאַט, ניט דערפאַר ווייל אַזעלכע בריאהס זיינען דאָרטן ניטאָ, נאָר ווען ער האָט דאָך אַזאַ באַלעבאָס באַגעגנט, האָט ער אים אויפן אָרט אַריינגעשפּיגן צווישן די אויגן און אַ שמייס געטאָן מיט דער טיר. דאָס פּאַרהיסטאָרישע באַשעפעניש האָט דאָך אָנגעהויבן זיך שעמען צו קוקן בנימינען אין די אויגן. צו יענעמס נאָך ניט אַנטוויקלטן און אין אַ גרויסער מאָס שמוציקן געוויסן איז דערגאַנגען, אַז בנימינען איז שווער איבערצוטראָגן זיין אָנוועזנהייט. עס איז אים אויסגעקומען זיך טרעפן מיט בנימינען אויף אַ פאַרזאַמלונג, האָט ער אין זיינע אויגן געפונען בולטע סימנים פון עקל צו אים. טאַקע דערפאַר — אין זיינע באַזוכן, וואָס ער דאַרף מאַכן אויף די אַרבעט־פּלעצער, מיידט ער אויס בנימינען, און אויב ער קומט שוין יאָ, טאָ פּאַסט ער צו די צייט, ווען בנימין האָט זיין אַרבעט שוין פאַרענדיקט. און ווען עס טרעפט זיך,

אַז ניט ווילנדיק שטויסט ער זיך אָן פּנים־אל־פּנים מיט בנימינען, פֿאַר־געסט ער, אַז ער זיצט אויף יענעם „הויכן בענקל", אַרום „יענעם טיש", פֿון וואַנען ער מוז זאָגן „ניט קיין אָנגענעמע ווערטער", און הכּנעהדיק בייגט ער איין זיין מיאוסן קערפּער אינצווייען פֿאַר בנימינען, ווי אין זיינע צייטן פֿון וואַנען ער שטאַמט, בייגט דער קנעכט זיך פֿאַר זיין באַלעבאָס און ווייסט ניט וויאַזוי אונטערטעניק אַריין מיט אים אין אַ שמועס. ער פּרוּווט אַרויסרופֿן אַ גוטן ווילן ביי בנימינען, קינצלט ער אויס כּל מיני חכמות, זיי זאָלן אַרויסרופֿן אַ שמייכל אויף זיין פּנים. טוען טוט ער דאָס ניט דערפֿאַר, וואָס ער געפֿינט, אַז בנימין פֿערזענלעך פֿאַרדינט אַזאַ באַ־ציאונג, נאָר וואָס אים איז ניט געלונגען בנימינען צו באַזייטיקן פֿון דער אַרבעט. די ראַפּאָרטן, וואָס ער האָט וועגן אים, בנימינען, אָוועקגעשיקט אין מרכּז, האָבן ביי זיינע באַלעבאַטים קיין חן ניט געפֿונען. להיפּוך, זיי האָבן אים ניט נאָר פֿאַרהאַלטן אויף דער אַרבעט, נאָר לויט דער ידיעה פֿון אויבן, דאַרף ער נאָך אים צושטעלן, כּדי ער זאָל באַקומען קביעות. מ׳קען ניט זאָגן, אַז אים דריקט ניט הינטערן לעפֿעלע, וואָס מ׳האָט ניט גענומען אין אַכט זיין מיינונג וועגן בנימינס פֿעאיקייטן ביים אויספֿירן אַזאַ פֿאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעט. נאָר וואָס טוט ניט אַ נפֿשל ער זאָל זיך האַלטן אויף זיין בענקל? ער וועט דאָך ניט גיין אין דער מלחמה מיט זיינע באָסן, ווייל ס׳קען זיך נאָך איינברעכן דאָס בריקל אונטער זיינע פֿיס. ניט אַנדערש, אַז בנימינען האַלט אונטער ווער ווייסט וועלכע „יד חזקה", און קעגנשטעלן זיך אַזאַ „האַנט" קען ער נאָך ברעכן האַלדז און נאַקן.

בנימינען עקלט די מיאוסע צורה און קרומען מיט דער נשמה זיינער איז ניט זיין טבע, טאַ קוקט ער אויף אים, ווי אויף אַ באַשעפעניש, וואָס איז געלונגען זיך דווקא שטעלן אויף צוויי לאַפּעס און אויך זיך אָנרופֿן „מענטש". אין דער אַרבעטס־צייט קומט אָפּט אַרויס דער שאָטן פֿון אָט אַ דעם נפֿש פֿאַר אים, אָבער ווי נאָר ער פֿאַרלאָזט דעם קאַבינעט זיינעם, אַזוי דערפֿילט ער זיך דערהויבן, ווי עס דאַרף זיך פֿילן אַ מענטש, וועלכער ווייסט די ווערט און נוצן, וואָס ער איז מסוגל צו געבן דעם מענטשן און פֿילט די דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג מצד אים.

קומענדיק אַהיים פֿון דער אַרבעט, באַגעגנט ער תּמיד זיין טאַניאַן מיט

אַ ליבן שמייכל אין די אויגן. אויף אירס אַ פראַגע: „וואָס איז געשען, בנימין מיט דיר גוטס?" ענטפערט ער פשוט: „ס'איז מיר גוט אויפן האַרצן".

ניט תמיד איז אים געווען „גוט אויפן האַרצן", אויב ער האָט פאַרגע־זעצט זיין אַרבעט אונטער דער אַנפירערשאַפט פונעם עקלהאַפטן באַס, איז גאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אונטערן דרוק פון די בענק. ער האָט געוווּסט, אויב ער האָט גענומען דאַרף ער אויך צו דער צייט אָפּגעבן, דער ענין איז ביי אים געוואָרן אַ הייליקער. דאָס גוטמוטיקע בלאַנדזשענדיקע פּייערל אין זיינע אויגן צעצינדט זיך תמיד אין טאַניאַס און אין וואַליקס אַנוועזנהייט.

קומענדיק אַהיים, ווי געוויינלעך, אין אַ גוטער שטימונג, באַמערקט ער אַן ענדערונג, אַ פאַרטונקלטקייט, אין אירע בליקן. אויף זיין פראַגע לאָזט זי שעמעוודיק אַראָפּ דעם קאָפּ, און ווען בנימין, אַריינגעמענדיק איר קאָפּ אין זיינע הענט און אַריינקוקנדיק איר אין די אויגן, ווו צוויי טרערן האָבן אַ בלישטשע געטאָן פון גרויס בענקשאַפט, האָט דאָס האַרץ אין איר זיך צעוויינט. טאַניאַ איז צו ערלעך זי זאָל לייקענען. זי האָט נאָך וועמען צו בענקען: טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברודער, שטוב, גאַס, הימלאַנד, קלאַנג פון איר מאַמע־לשון און פון ליד; עס איז ניט גענוג אַליין זינגען, אַ ליד דאַרף מען אויך הערן. אויסווישנדיק אַ טרער, האָבן זיך אירע אויגן אויפסניי צעשמייכלט מיט זייער תמימותדיקער העלקייט, ווי די זון, נאָך דעם ווי אַ כמאַרעלע איז אַדורכגעשווימען פאַר איר פּנים.

— דו ביסט היינט גאָר אַ צופרידענער, — מאַכט טאַניאַ, — עס טוט מיר הנאה.

ווי אָפנהאַרציק בנימין איז ניט מיט טאַניאַן, האָט ער דאָך פאַר דער לעצטער צייט אויפגעהערט עפענען פאַר איר דאָס האַרץ זיינס, ווייל די לייכטסטע באַוועגונג פון אַ בייז ווינטל טיילט איר צו יסורים. אים איז אויך געלונגען צו פועלן ביי וואַליקן ניט דערציילן זיין מאַמען אַלץ, וואָס די קינדער אין שול און פון דער גאַס טיילן אים צו... און אויך אים איבער־צייגן, אַז ס'איז ניט כדאי נעמען צום האַרצן זייערע באַליידיקונגען...

*

בנימין איז אין אַ גאָר גוטער שטימונג, אַ געוווּנטשענע פרייד האָט אים געכומען אויף אירע פליגל און פירט אים אין משרד הפנים. ער גייט ניט, נאָר ער פליט. ער פילט זיך אַזוי היימיש אין שטאָט, ווי קיינמאָל, ווי ער וואָלט געווען שוין אַ תושב דאָ פון כמה וכמה יאָרן. דער גאָר נאָענטער נעכטן פרוווט פאַרשאָטענען די פרייד זיינע, אָבער ער נעמט ניט אין אַכט און וויל זיך ניט צוהערן צו די ניט געררופענע, פאַלשע פאַרגעפילן, טראַכט ער זיך, וואָס לאָזן אים ניט אָפּ און שטעלן זיך אין דער מיט פון זיינע געדאַנקען, וואָס האָבן אָנגעהויבן וועבן פריינטלעכע פעדים צווישן האָרץ זיינעם און דעם אָרום.

— זע נאָר! — שרייט אויס משה גאָרין אויף אַ קול, — מיינע געדאַנ־קען האָבן דיך דאָ אַהערגעבראַכט. דאַרפסט אַריינפירן שוין אַ טעלעפאָן. איך האָב געמיינט, אַז איך פּלאַץ, אַזוי האָב איך דיר געוואָלט אָנזאָגן אַ זייער וויכטיקע בשורה. איך וואָלט געלאָפן צו דיר נעכטן אָוונט, נאָר גאָט איז מיר אַן עדות, אַז אפילו אויף אַלע פיר וואָלט איך ניט דערגאַנגען, אַזוי מיד בין איך געווען. אַ נו טרעף? וואָס, דו ווייסט שוין? דיינע אויגן זאָגן מיר. דו באַקומסט קביעות!

— איך ווייס, — נעמט בנימין אים אָרום, — נעכטן האָב איך פון זיי, ס׳הייסט פונעם מרכז, באַקומען אַ בריוו וועגן דעם.

— איז דאָך גוט!

— אַוודאי גוט, זייער גוט, — מאַכט בנימין אַ פריילעכער.

— און מיט טאַניאַן וואָס הערט זיך?

— טאַניאַ וועט אויך אין גיכן באַקומען אַרבעט. דערווייל וועט זי באַקומען אַ צייטווייליקע אַרבעט, אַלס פאַרטרעטערין, דערנאָך, זאָגן זיי צו, וועט זי באַקומען אַ סטאַבילע אַרבעט אין מיטלשול. טאַניאַ איז דאָך נאָך אַ יונגע, אירע יאָרן זיינען פּאַסיק פאַר די היגע מינהגים... און, והשנית, דאַכט זיך מיר, אַז מ׳נייטיקט זיך אין איר.

— גייסט צו דער אַרבעט, וועלן מיר גיין צוזאַמען.

— ניין, ניט צו דער אַרבעט גיי איך, נאָר אין משרד הפנים.

— ???

— אַרויסנעמען תעודת זהות.

— איר ווערט ישראל־בירגער?

— נו, ווי דען!

— אָ, ווי עס פרייט מיך! זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה, זאָלסט שוין אויך אַ לעב טאָן אויף דער וועלט! — נעמט אים אַרום און זיי צעקושן זיך.

*

אין אַ גוטער שטימונג זיצט בנימין אין משרד, וואַרטנדיק אויף זיין ריי. איילן האָט ער זיך ניט נאָך וואָס. ווערן פּלענער געבוירן אין גאָר ראָזע קאָלירן. אין לאַנד איז ער דאָך געקומען מיט אויסגעלאָשענע האָפענונגען, און דאָ האָבן זיך נייע צעבליט, וואָס לעבן אויף נייע טרוימען...„ ווער דער מאָרגן אַ העלער זיין, צי וועט דער חלום זיין ענלעך צו יענע, וואָס האָבן אים געלאָזט וואנדן אין האַרצן?״ מיט דעם געדאַנק קומען אונטער אויך אַנדערע און מאָנען ביי אים אַן ענטפער. פלוצים צעקלינגען זיך אין זיינע אויערן וואַליקס שאלות: „וואָס הייסט גוי? פאַרוואָס רופן מיך די קינדער אין שול „גוי״, פאַרוואָס שלאָגן מיך די קינדער, כאָטש איך פאַרשולדיק זיך ניט? די מאַמע איז ניט קיין יידישקע?״

דער צופרידענער און פריילעכער שמייכל לעשט זיך אויס אין בנימינס אויגן. קיין ענטפער וויאַזוי צו באַזייטיקן וואַליקס איבערלעבונגען, איז אין זיין מוח נאָך ניט געבוירן געוואָרן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס חדשים, זינט ער פּרוווט אַרויס פון אָט אָ די גאָר ניט אָנגענעמע דערשיינונגען אין זיין באַגייט לעבן אין לאַנד, ווו ער וויל זיין צופרידן. נאָך אַ געוויסער צייט וואַרטן, איז אָנגעקומען זיין ריי צום פּקיד, ביי וועמען ער דאַרף באַקומען די דאָקומענטן. דורכן פענצטערל דערלאַנגט ער זיינע פּאַפּירן, געלט פאַר בולים, ענטפערט אויף אייניקע פראַגן, וואָס זיינען נוגע דעם ענין.

באַקומענדיק די צוויי בלויע ביכעלעך, איינס פאַר זיך און אַ צווייטס פאַר טאַניאַן, לייגט ער זיי אַריין אין קעשענע, דאַנקט דעם פּקיד, געזעגנט זיך מיט אים און גייט אַרויס פון משרד.

גייענדיק אויף דער גאַס אַהיים, קומט אים אויפן געדאַנק: „וויאַזוי קוקט אַ מענטש ניט אַריין אין די ביכעלעך און זען, וואָס האָט ער, דער פּקיד, דאָרט אַריינגעשריבן?״ שטעלט ער זיך אָפּ, לייגט אַריין די האַנט

אין קעשענע און נעמט אַרויס אַ ביכעלע. טאַניס איז עס. נאָכן ערשטן בליק איז אים ממש פינצטער געוואָרן אין די אויגן. פאַר כעס האָט ער אָנגע־הויבן ציטערן און געפילט ווי ער פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט. נאָך אַ רגע, ווען ער איז געקומען צו זיך, פאַרקערעוועט ער צוריק אין משרד. ער מאָ־ביליזירט אַלע זיינע כוחות, בכדי איינשטילן זיין צאָרן קעגן דעם פקיד:

„אין דער אמתן", טראַכט ער, „דער מענטש האָט דאָך געטאָן לויט די אָנ־ווייזונגען פון אויבן". ער איז צו צום פענצטערל, ניט וואַרטנדיק אויף קיין תור און ווי אויסגעשאָסן:

— וואָס האָט איר דאָ אָנגעשריבן? — און אַ וואָרף געטאָן דאָס ביכעלע אויפן טיש.

— אַלץ לויטן געזעץ האָב איך אָנגעשריבן, — ענטפערט דער פקיד אַ רואיקער, — איך שטויס זיך אָן, אַז די סיבה פון אייער אויפגערעגטקייט איז, וואָס אייער קינד איז צוגעשריבן צו אייער פרוי? אויב יאָ, טאָ זייט וויסן, אַז די קינדער געהערן דער מוטער.

— און איך מיין, — בייזערט זיך בנימין, — אַז אין אינערלעכע ענינים פון פאַמיליע־לעבן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט נאַציאָנאַלע געפילן האָט קיינער קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישן. דאָס איז אונדזער אייגענע זאַך. ניט זיי, די געזעצמאַכער, נאָר מיר האָבן די רעכט פעסטצושטעלן צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט אונדזער קינד דאַרף געהערן.

— אדוני, געזעצן דאַרפן ווערן רעספעקטירט פון יעדן בירגער.

— ניט נאָר מיר, אויך די מלוכה דאַרף רעספעקטירן די נאַציאָנאַלע געפילן פון אירע בירגער. אויב עלטערן ווינטשן, אַז זייער קינד זאָל גע־הערן דער אָדער יענער נאַציאָנאַליטעט, — שרייט אויס בנימין אויף אַ קול.

— ביי אונדז וועט אייער זון געהערן דער נאַציאָנאַליטעט צו וועלכער עס געהערט זיין מוטער. אַזאַ איז אונדזער געזעץ און קיינער איז ניט מחויב זיך רעכענען מיט אייער ווילן צי מיט אייערע געפילן.

— ניין! — שרייט אויס בנימין אַ צערייצטער, — מיין קינד וועט געהערן דעם פאָלק, וועלכן איך וויל און ניט ווי אייער זינלאָזער געזעץ פאַרלאַנגט.

דער פּקיד פּרוּווט באַרוּאיקן בנימינען און גיט אים אָנצוהערן, אַז די מוטער פון דעם קינד דאַרף זיך מגייר זיין.

— הייסט עס, מיר זיינען ניט קיין נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזע עדה ?

— רופט עס אָן ווי אַזוי איר ווילט. אָט דאָס זענען מיר און אַזוי ווילן מיר זיין. אַ פאַקט, ווי איר זעט, אָט האָבן מיר אַ מדינה און דאָס געזעץ איז גילטיק ניט פון היינט.

— ס׳איז ווייניק, וואָס די קינדער אין שול, פון „גוי״ נעמען זיי אים ניט אַרויס און אַ צעשלאָגענער קומט ער אַהיים מיט רויטע אויסגעוויינטע אויגן, קומט איר און באַרעכטיקט די בייזוויליקייט פון די קינדער און גראָביונגישקייט פון זייערע לערערס... נאָט, נעמט צוריק דעם פּסול, איך וועל אַזוינס ניט טראָגן ביי זיך.

אַ צעקאָכטער האָט ער אַ שליידער געטאָן ביידע ביכלעך און אַ שמייס געטאָן מיט דער טיר. אַרויס איז בנימין אויף דער גאַס ווי אַ צעדרייצטער לייב.

*

אַ געפאַלענער ביי זיך, אַ דערנידעריקטער, גייט ער, בנימין, אויף דער גאַס מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט — ער שעמט זיך פאַר אַלץ, פאַר אַלעמען, אַפילו פאַרן אייגענעם שאָטן. די באַליידיקונג לעבט ער איבער מיט אַלע רמ״ח אברים. אַ דערשלאָגענער, אָן שום פעאיקייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן קומענדיקן מאָרגן. פּלוצים קומט פאַר אים חיהלע אַרויס מיט אירע גרויסע רעדעוודיקע, פריילעכע אויגן. אירע פריינטלעכע באַציאונגען, איר נאָענטקייט, דער כמעט אָפּגעווישטער דיסטאַנץ, וואָס דאַרף זיין, לויט איר וויסן: אַז ער איז איר מאַמעס אַ שוועסטער-קינד, איז ווי באַלזאַם פאַר זיין — אָנגעווייטיקט האַרץ. ביי זייערע באַגעגענישן גראָבט זי זיך טיף מיט אירע בליקן אַריין אין אים און אומבאַוווסטזיניק זוכט זי... אַנומלט עפנט זיך די טיר פון זיין קאַבינעט, ווו ער אַרבעט און אויף דער שוועל חיהלע, מיט איר קינדערישן שמייכל און מיט די חן־גריבעלעך אויף אירע בעקעלעך, און מער מיט אירע אויגן ווי מיטן מויל האָט זי אים געשטעלט אַ ריי שאלות, אויף וועלכע עס איז אים געווען אוממעג־

לעך, לויטן תנאי, איר צו געבן אַן ענטפער... אין זייערע אָפטע באַגעגענישן האָט זי אים ניט איין מאָל געזאָגט: „איר ווייסט, אַז די יעניקע, וואָס קענען אייך און מיך, זאָגן מיר, אַז איך בין ענלעך צו אייך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער. איר געפינט עס פּאַר ריכטיק?" און ווען ער האָט זי געלאָזט אָן אַן ענטפער, האָט זי שמייכלענדיק אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, פרעגנ־דיק: „פאַרוואָס שווייגט איר? קען אויף אייער צונג קיין ענטפער ניט קומען? ווייסט איר, אַז אייער שווייגן מאַכט מיך נאָך מער נייגעריק?"

און נאָך אַ צייט, ווען חיהלע איז פון ירושלים געקומען אים זען, איז זי צוגעשטאַנען צו אים מיט צוויי ברייט־צעעפנטע, פרעגנדיקע אויגן און מיט אַ ציטערדיק קול: „האָט איר שוין צוגעטראַכט אַן ענטפער" פאַר מיינעט וועגן?" און ווען בנימין האָט געמאַכט אַ מינע, אַז ער פאַרשטייט ניט איר מיין, איז זי מיט איר האַנט איבערגעגאַנגען די קרויזן פון קאָפּ האָר, זאָגנ־דיק: „זעט איר דען ניט, אַז מיינע האָר און זייערע קרויזן זיינען ענלעך צו אייערע? אַז מיינע סימנים אויפן האַלדז זיינען ענלעך צו אייערע? און פאַרוואָס איין אויג ביי מיר איז העלער פונעם צווייטן, פונקט ווי ביי אייך?" „האָסטו דיין מאַמען אַמאָל געשטעלט אַזוינע שאלות?", האָט בנימין מיט דער פראַגע געזוכט אָפּצוקומען. חיהלע אַ ביסל אומעטיק, קוקנדיק אים אין די אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט ביי אים קריגן אַן ענטפער: „אויך אירע ענטפערס זענען ענלעך צו אייערע, און דאָס רייצט מיך און מאַכט מיך נאָך מער נייגעריק".

דאָ ווערן זיינע מחשבות איבערגעריסן פונעם אַנטקעגנקומענדיקן גוטן ברודער — מנחם.

— דו אַרבעטסט ניט? — פרעגט בנימין מיט אַ געדריקטער שטימע.

— איך בין אין אורלויב. קום, וועלן מיר זיך צוזעצן דאָ אין קאַפעהויז. וואָס איז מיט דיר, בנימין? זעסט אויס אומעטיק. וווהין איז פאַרשווינדן דאָס פריילעכע שמייכעלע אין דיינע אויגן? משה האָט מיר אַנדערציילט פון דיר אַחוץ מופתים, ביסטו אויך געוועזן דער איינציקער, וועלכער פלעגט אַריינלאַכן אינעם פינצטערן לעבן. און איצטער, ווען דו ביסט מיט דיין משפחה און אַרבעטסט ביי דיין פאַך, האָסט אַ שיינע דירה און וואָס פאַר

אַ שיינע פּערספּעקטיוו עס צייכנט זיך אָן פאַר דיר אין דער צוקונפט...
ביסטו חלילה ניט מיט אַלעמען?

— פיזיש בין איך געזונט און שטאַרק ווי אייזן, אָבער...

— וואָס איז נייעס?

— גייסטיק בין איך צעבראָכן. מיט שמוציקע הענט איז מען אַריין אין האַרצן מיינעם און ווי דער קצב די געקוילעטע קו, אַזוי טרייבערט מען עס.

— איך פאַרשטיי דיך ניט.

— וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיין? אַטעמסטו דען ניט מיט דער זעלביקער לופט וואָס איך? קען עס זיך לייגן אויפן שכל, אַז מיין וואַליק זאָל וואַקסן און לעבן דאָ אין לאַנד אַלס קריסט? און אַז זיין מאַמע איז ניט קיין יידישע איז וואָס? מ׳גייט נאָך ווענס טריט? מנחם, קיינער אין דער וועלט קען ניט אַריינברענגען אַזויפיל טרויער אין דיין לעבן ווי דיינע אייגענע ברידער, און ווו? אין דיין אייגן לאַנד... און אַלע מיינע יאָרן האָב איך מיט אַלע מיינע כוחות געקעמפט קעגן פּרווו צו דענאַציאָנאַליזירן, ווי דעם רוב. אַזוי דעם יחיד... איך האָב מיין קינד געגעבן אַ יידישע דערציאונג. און דאָס דאַזיקע וועל איך פאַרזעצן. ניין, ווייל עמעצער וויל דורכפירן קליינע פּאָליטישע געשעפטלעך, מוז מען נאָכגעבן דער מיטלאַלטערלעכער זינלאָזיקייט, זי זאָל טאַנצן אויף צעהרובטע נשמות?!

— בנימין, — שלאָגט אים איבער מנחם, — איך זע, אַז דו ביסט שוין גאָר ניט דער זעלביקער, וואָס אַמאָל. דו, דער אַמאָליקער הייסער תלמיד פון אַ תורה... דאָס איז זייער געוואָרן, אַ מיטל קעגן אויפברויז פון שטרעבונגען... האָבן אונדזערע נביאים וויי־ניק קללות געשיקט אויף זייערע קעפּ, קעמפנדיק פאַר יושר און גערעכטיקייט?

— נו, מאַכט בנימין אַ פאַרביטערטער, — אַז די פּראָגנאָזן האָבן אויף קעפּ קיין קללות ניט געשיקט, נאָר פשוט אָפּגעהאַקט זיי, איז בושעווען דען וויניק היינט צו טאָג אָנגעשפּאַרנטע פּיס?

— זאָרג ניט, בנימין, פאַר אונדזערע אויגן האָבן פעלקער אָנגעהויבן אַראָפּצושליידערן די זאָטלען פון זייערע פּלייצעס. זעסטו דען נישט ווי די מייז לויפן ווי פון אַ שריפה... מיר וועלן נאָך דערלעבן זייער ענדגילטיקע מפּלה. זיי זיינען שוואַך פון דעם גרויסן בלוט־פאַרלוסט, וואָס זיי האָבן

געליטן אין משך פון אונדזער יאָרהונדערט, פירנדיק צוויי מלחמות, וואָס האָבן זיי קיין רום ניט געבראַכט. להיפוך, אָפּגעשוואַכט זיי אין אַזאַ מאָס, אַז זיי האָבן ניט קיין כוח אַפילו צו גיין, נאָר קייקלען זיך באַרג־אַראָפּ אין אַ לעכערלעכער צעפּאַלנקייט און שטינקנדיקער צעפוילטקייט... דו מוזסט דאָך אָנערקענען, אַז דער זונאויפגאַנג פאַר דער מענטשהייט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, נאָך טויזנטער יאָר פון שווערן געראַנגל פאַר מענטש־לעכע רעכט, ערשט נעכטן האָט מען דעם נאַציזם די פיס אונטערגעהאַקט. אַזוי איז זי די שלאַנג: וויפל זי קען און איז בכוח נאָך אַרויסצושיקן די צונג פון מויל — לאָזט זי די גיפט.

— מנחם טייערער, די פילאָזאָפיע דיינע גייט מיר איצטער ניט אין קאָפּ אַריין. זי איז פאַר מיר שוין אַן אַלטע און איך האָב זיך מיט איר שוין אָנגעזעטיקט... אָבער דער ענין איז גאָר אַן אַנדערער, ער קער זיך מיט דעם ניט אָן...

— הער, גוטער ברודער. ווער ס׳פאַרלירט דעם גלויבן, דעם קערן זיך ניט אום ניט די מוט, ניט דער כוח און ניט דער שוווּנג... איך בין מער ווי זיכער, אַז בנימין פון נעכטן קען ניט און וועט ניט זיין קיין אַנדערער מאָרגן...

*

גייענדיק אַהיים מיט זיך אַליין, האָט בנימין, שוין אַ באַרואיקטער, איבערגעטראַכט געדאַנקען, וואָס זענען געלאָפן איינער פאַר דעם אַנדערן, אַריינגעפלאָכטענע צווישן זיך. דער נעכטן האָט שוין אָנגעהויבן פאַרלירן פון זיין גרויקייט, נאָך אַזאַ מאַכל, וואָס דער היינט האָט אים צוגעטראָגן. דער טרויער האָט אויפסנייע פאַרנומען זיין אַלט איינגעזעסענעם פּלאַץ אין האַרצן זיינעם „וועט קומען אַמאָל אַ סוף צום מיאוסן, געמיינעם, בייזן, וואָס די „גרויסע און מעכטיקע" טראַכטן צו, און דורך אַזוינע מעשים ווילן זיי אַריין אין דער „אייביקייט". וועט דען די אייביקייט זיך ניט נוקם זיין אין זייער וועלט און אויף שטויב זי צעדרויבלען און דעם שטויב צעשפּרייטן אין חלל?" מיט אַזעלכע געדאַנקען גייט בנימין, און ווי ער וואָלט פאַר זיך שוין קיינעם ניט געזען און קיינעם ניט געוואָלט זען.

גייענדיק אין דער ריכטונג צו זיין גאַס, לויפט אָן חיהלע אַ פאַר־פלאָמטע. ער דריקט איר די האַנט און זי, מיט אַ שמייכל אין ווינקלען פון איר מויל, איילט זיך אים צו זאָגן:

— איך בין געקומען אייך איינלאַדן צו אונדז, — אַ שעמעוודיקע לאָזט זי אַראָפּ די אויגן, שבת־צו־נאַכטס ווער איך אַ כלה.

— ווער איז דיין חתן? — אַן אָנהייב פון אַ שמייכל האָט אויפסניי אַ בלאַנדזשע געטאָן אין זיינע אויגן, וואָס האָבן זיך פאַרהילט אין טרויער.

— אַ סטודענט פון אַמעריקע.

— ווו וועט איר וווינען?

אויף דער פראַגע האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און בנימין האָט פאַרשטאַנען, אַז זי פאַרלאָזט דאָס לאַנד. איר שוויגן האָט נאָך טיפער איינגעריסן די ווונד, וואָס ער האָט באַקומען אינעם אמת פאַר איינערלעכע עניינים, פון וואַנעט ער קומט איצט.

— איר וועט איבערגעבן דער דודה טאַניאַ, איר וועט קומען, מיר וואַרטן אויף אייך. איך איל זיך צום אויטאָבוס, — האָט זי אים דערלאַנגט איר האַנט, און שמייכלענדיק צוגעגעבן — איך וואַרט נאָך אַלץ אויף אייער תשובה... איך בעט אייך קומען מיט דער דודה און מיט וואַליקן. איר ווייסט, וואַליק איז מיר עפּעס אַזוי נאָענט! ניט ווי אַ פריינד, נאָר מער, אַ סך מער...

בנימין איז געבליבן שטיין און מיט פייכטע אויגן האָט ער איר נאָכגע־קוקט, ביז זי האָט פאַרקערעוועט אויף אַ זייטיקער גאַס און אין האַרצן פילט ער אַ בלוטיקע ווונד...

*

דערזעענדיק בנימינען, האָט טאַניאַ זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן פון שרעק. די טרויעריקע בליקן זיינע, זיינען איר שוין גוט באַקאַנט. מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם פרעגט זי:

— וואָס איז שוין ווידער געשען מיט דיר?

— דאָס וואָס עס האָט ניט באַדאַרפט געשען, — האָט בנימין שטיל געענטפערט און גענומען זיך דרייען איבערן צימער.

— מוטשע ניט און זאָג! — האָט טאַניאַ ביי אים זיך געבעטן.

— חיהלע האָט חתונה מיט אַן אַמעריקאַנער סטודענט און פֿאָרט אַפּ קיין אַמעריקע. דאָס איז דער צווייטער קלאַפּ.

— וואָס איז דער ערשטער?

— זעסטו, מיינע ספֿיקות זיינען געווען באַרעכטיקטע. ניט אומזיסט האָט דאָס האָרץ מיר אונטערגעזאָגט: ניט פֿאָרן... מיר האָבן ניט באַדאַרפֿט קומען אַהער.

— דו ביסט דאָך געקומען אין דיין לאַנד. האָסטו דען ניט געוואָלט זען דאָס לאַנד און לעבן צווישן דייניקע? אמת, די מורא האָט דיך אָפּגעהאַלטן, אָבער דאָס טרעפֿט זיך מיט יעדן, וועלכער לאָזט זיך אין וועג. דו האָסט נאָך ניט דערציילט אין וואָס באַשטייט דער ערשטער קלאַפּ.

— עס ווייזט אויס, אַז דאָס לאַנד איז ניט פֿאַר אַלע יידן, און ניט יעדער ייד איז פֿאַרן דאָזיקן לאַנד...

בנימין וואַרפֿט אַוועק דעם ניט דעררויכערטן סיגאַרעט און פֿאַררייבערט אַ צווייטן, פֿאַרהוסט זיך. טאַניאַ שטייט אַקעגן אים אַ דערשלאָגענע, ווי זי וואָלט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, וואָס מיט איר קומט פֿאָר. זי גייט צו צו אים, און גיט אים אַ גלעט איבערן קאָפּ:

— נו, זאָג שוין, אין וואָס באַשטייט דער ערשטער קלאַפּ?

— דיך האָט מען פֿאַרשריבן אַלס רוסישע און וואַליק געהערט צו דיר. לויט די היגע געזעצן איז ער אַ קריסט.

— דאָס איז אין גאַנצן? אַבי ניט קיין ממזר.

— ער וועט ניט טראָגן מיין נאָמען...

— הייסט עס, ער האָט ניט קיין טאַטן? איז ער אַ... וואָס איז די עצה?

— זאָלסט זיך מגייר זיין.

— איך האָב גאָר ניט דאַקעגן, — האָט טאַניאַ זיך צעלאַכט, — ווי ווייט איז פֿונעם זון צום טאַטן?... וועל איך זיי צוליב טאָן. פֿאַר דיינעטוועגן וועל איך דאָס טאָן — זיך מגייר זיין און ווי איך בייג זיך ניט פֿאַרן זון, וועל איך, פּונקט ווי דו, זיך ניט בייגן פֿאַרן טאַטן...

— ניין, דאָס וועט ניט געשען! היפּאָקריטן זאָלן זיך שפּילן מיט מיינע געפֿילן? איך זאָל זיך אונטערוואַרפֿן דעם רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם פֿון אָפּגעשטאַנענע, פּרימיטיווע שבתי־צביניקעס?! ווי וואָלט איך געהאַנדלט, ווען

דיין פאָטער, ער איז דאָך אויך אַ גלויביקער און אַ פרומער, פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל זיך שמדן? דו וואָלסט דען מיט אים מסכים געווען? ווי קען איך דיך צווינגען אויפצונעמען אַ גלויבן, וואָס דו דאַרפסט ניט און ווילסט ניט? דאָס הייסט, אַז מ׳וויל זען ווי דו לאָכסט פון זיך אַליין...

— איז ווי אַנדערש? — האָט טאַניאַ זיך ביי אים ווי געבעטן.

— אַנדערש וועט מוזן זיין! בעת איך בין שטאָלץ מיט מיין שטאַם, פאַרוואָס זאָל איך אים פאַרפרעמדן פאַר מיין קינד?

בר־מצווה

אָן אויפגעלייגטער, גייט פּרויקע מינדל־העניעס אַרום איבערן חדר, רייבט איין האַנט אין דער צווייטער און ברומט אַ זמרל:

— שרקהלע, חיהניו, ווו ביסטו ערגעץ? דו הערסט מיך? מיר׳ן אם ירצה השם פּראַווען אונדזער שלומען אַזאַ בר־מיצווה, אַז עס זאָל מאַכן אַ רושם און שטעלן אויף רעדלעך די געסלעך, און איין שטיבל וועט הערן דעם וווּנדער, וואָס דערציילן וועט אַ צווייטס.

— אַ גדולה אויף דיין זיידן, — לויפט אַן פון קיך חיה־שרה אַן אומצו־פרידענע. — אויב רעדן, וויל איך, זאָל מען אין גרויסע גאַסן, און דווקא דאָרטן זאָל די בר־מיצווה עפּעס אויפטוען... מיך אינטערעסירן ניט די קליינע געסלעך. איך בין זאַט פון זיי איבערן קאָפּ. דו קענסט באַנעמען אַזאַ פּשוטע זאַך?

— אַז ס׳זאָל זיין ווי דו ווילסט, מ׳זאָל רעדן, הייסט עס, אין גרויסע הייזער פון אונדזער בר־מיצווה, קען דאָס הייסן — איך זאָל אַריין אין...

— אין לייטישע מיילער, — גיט צו חיה־שרה.

— הם... ס׳איז ניט אַזוי בדיוק, נאָר זאָל זיין „לייטישע" מיילער, ווי דו ווילסט. דו ווייסט דאָך, וואָס ס׳איז לייטיש און וואָס ס׳איז געמיין... מיינסטו אַוודאי, אַז דיינע „לייטישע" מיילער שטייען אין ביי די פּני העיר... זיי־זשע וויסן, אַז אַזאַ מאכל איז ניט פאַר מיין מאָגן געדאַכט. ניין, אַזאַ מאָגן ווי מיינער וועט ניט מסוגל זיין עס צו פאַרדייען...

— אין דעם ליגט טאַקע די חכמה, גערעטענער מיינער, — שמייכלט זי אים אַריין אין די אויגן, — אויב דו ווילסט וויזן דער וועלט, אַז דו

ביסט אַ מענטש מיט פּרעסטיזש, האַלט פון זיך און היט אָפּ דעם כבוד זײַנעם, דאַרפסטו אויסליידיקן די קעשענע דײַנע פונעם דלות, וועט אַוודאי ווערן אַ פּלאַץ אין איר פּאַר אַ גאָלדענער מטבע. ס׳איז שוין צייט! ביז ווען אַלץ זיך רײַבן ביי די ווענט מיטן עול אויף די פּלייצעס? — אַ טרער האָט אַ בלישטשע געטאָן אין חיה־שרהס אויגן.

— אָט קוק זי אָן, די חכמה מײַנע, ווי זי האָט זיך עס צעכליפּעט אין מיצקע דערינען!

חיה־שרה ווישט זיך אויס מיטן פאַרטעך די אויגן און פאַרפאַרט פרויקען מיטן דישל:

— אויב עס וועט גרייכן אין די גרויסע הייזער, און גרייכן וועט עס אַוודאי, אַז דו וועסט מיך פאָלגן, אַז אין אַן ערשטקלאַסיקן סאַלאָן מיט הונדערטער געסט ביי געדעקטע טישן, האָט פרויקע גאָטליב געפּראַוועט אַ בר־מיצווה, איז אויפן צווייטן טאָג ווערסטו דאָס, וואָס האָסט באַדאַרפט שוין לאַנג זײַן — אויס קבצן. ווײַל תיכף טאַקע וועט מען אָנהייבן אין דיר זען אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, צו וועמען מ׳קען האָבן צוטרוי. און וואָס ווילן מיר דען? צו וואָס דאַרפן מיר נאָך מער? בבקשה, פויגל מײַנער, לערן זיך פון משה־יוסף יענטע־דוואָשעס. היינט רופט מען אים מר. האַל־פּערן, די עשירות פון אַ בר־מיצווה זענען צו אים געקומען. מעגסט גראָד זיך מטריח זײַן און אַ קוק־טאָן. יאָ, יאָ, ס׳איז דאָ וואָס צו זען און פון וועמען זיך צו לערנען. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געגעסן אײַנגעהאַקטע צרות מיט ציבעלע און היינט, ברוך השם, עסט ער נאָך אײַנגעהאַקטע לעבערלעך און אָן ציבעלע. אַזוי ווי דו זעסט אים — שטיל, אָן רעש, ניט ווי דו, איז ער אַרײַן אין די גרויסע פענצטער. פאַרלאָז דיך אויף מיר. דאָ דערלייגט מען ניט. דאָ דאַרף מען נאָר וויסן, וויאַזוי צו לייגן אין די קעשענעס. איז קודם האָט ער טאַקע זיך דעם קאָפּ פאַרזעצט. אַ קניפּ זיך געטאָן די פאַרב זאָל זיך שטעלן, איז זי טאַקע פאַרבליבן לעולם ועד, די פאַרב, מיין איך, אָן דעם ער זאָל נאָך דאַרפן קנייפּן. נו, זאָג שוין דו, בעל מזל מײַנער, ביי וועלכן קבצן האָסטו געזען פאַרב אין די באַקן, בעל־מוח אײַנער. אַזוי טוט מען, אויב מ׳וויל איבערבײַטן קליינע פענצטערלעך אויף גרויסע. מיינסט, אַז

איך שטיי נידעריקער פון דער גבֿרת האַלפּערן, צי בין איך פון אַ קלענערן יחוס פון איר?

— ווער קען זיך גלייכן צו אַזאַ חכם בלילה, ווי משה־יוסף? ער האַלט זיך אַזוי גרויס, אַז דאָס היטל זיצט אים שוין אויפן שפּיץ קאָפּ. אַ קליי־ניקייט. איך קען דאָס ניט. אַזאַ מלאכה דאַרף מען קענען. ניט יעדער טויג זיך אויס, און ניט יעדער, איך ווייס, אפשר דאַרף מען זוכה זיין, און זכות אָבֿות לייגט מען מסתמא אויכעט אויף דער וואָג, ס'איז אַ גאַנצע פּראָצעדור...

— און ביי דיר איז, דאַכט זיך, זכות אָבֿות אויף אַ העכערער מדרגה, אַ קלייניקייט, אהרן הכהנס איניקל, און דיין נשמה איז דען ניט געשטאַנען אונטערן באַרג סיני?

— טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז יאָ געשטאַנען איז אין איר פאַרבליבן יראת שמים, זי קען ניט דרייען מיטן וועלטל ווי אַנדערע טוען דאָס... און ווייטער האַלט איך פון אַט אַ דעם פּסוק: אויב דו ווילסט וויסן ווי הויך דו שטייסט, טאָ קוק אַראָפּ... — ערנסט און מיט אַ צופרידענעם שמייכל. גלעט פרויקע דאָס בערדל, — און איך, שרהקעלע, טראַכט פון דיינע „גרויסע" און פון דיינע אויפגעקומענע גאָר אַנדערש. וויאַזוי דו ווילסט, מעגסטו יאָ און ניט מיר מוחל זיין, אָבער וויסן, וויל איך, זאָלסטו איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך, פרויקע הקטן, שפּיי אויף זיי! און אַזוי טו איך פון זינט כ'בין צו מיין שכל געקומען. וואָס ועסטו אויף דערויף זאָגן?

— ווייסטו דען ניט, בעל חלומות מיינער, וואָס אונדזערע חכמים זאָגן, — בייזערט זיך חיה־שרה, — אַז ווער עס שפּייט אין דער הייך, דער באַשפּייט זיך אַ פול פּנים?

— מיין שפּיי גרייכט אָבער ווו מען דאַרף און קלעפּט זיך צו צו יענע צופרידענע בלישטשענדיקע פּנימלעך, אַזוי אַז עס בלייבט ניט, וואָס ס'זאָל זיך צוריקקערן, מלאך מיינער.

— אויב אַזוי, טאָ זאָג־זשע מיר, מיוחס מיינער, פאַרוואָס העלפט דער רבונו של עולם אַזאַ אפּיקורס ווי משה־יוסף איז, און דיר, וואָס דו טראָגסט זיך אַרום מיט אַזויפיל יראת שמים, פון וועלכער מ'קען איינטיילן אַ גאַנצע שטאָט יידן, גיט ער ברויט ביזן מויל?

— קודם כּל, חיה־שרהניו, פֿאַרגעס ניט, אַז משה־יוסף דייַ־נער קען ניט זיין קיין אַפּיקורס, ווייל ער איז נעבעך אַן עם־הארץ. והשנית, איז מיין נאָמען קיין מאָל ניט געווען אויפֿן צעטל פֿון די, וואָס נייגן זיך צום גאָלדענעם קאַלב. און, והשלישית, איז שוין צייט מיך קענען, אַז איך בין אַ ייִד, קאַטאָרי עס אַרט ניט, וואָס אייניקע זען גאָר ניט אין זייער לעבן אַחוץ די מטבע, ווי דו רופֿסט זי אַן „גאָל־דענע". אויב איך וויל מאַכן אַ בר־מצווה, ווי מ'איז זיך נוהג דאָ: אין סאַלאָנען, מיט מוזיק, מיט הונדערטער געסט נאָענטע, ווייטע און אַפֿילו אומבאַקאַנטע, איז נאָר פֿאַרן קינד, אים ניט דערנידעריקן פֿאַר זיינע חברים, און ווייל ער קוקט אַרויס מסתמא דערויף מיט טויזנט אויגן. ווייטער וואָלט איך ניט אַזוי פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און ווער ווייסט וויפֿל יאָרן כ'וועל דאַרפֿן שוויצן דערפֿאַר. איך וויל ס'זאָל אַרייַן אין קאָפּ דייַנעם, אַז מיך אינטערעסירט ניט, צי מ'עט יאָ, צי ניין, הויך צי שטיל, גוט צי שלעכט, מיט ליבע צי מיט קנאה, רעדן פֿון דער בר־מצווה, און ווער ס'וועט רעדן — אַוודאי און אַוודאי ניט. פֿאַרשטאַנען? אויב ניט, טאָ שלינג אַראָפּ צו ביסלעך, קיי עס דורך, און ווען דער מאָגן דייַנער וועט עס דורכקאָכן, דעמאָלט וועלן מיר רעדן... דערווייל לאָז מיך גיין אין שטאָט אַ קוק טאָן, ווו ווער און וואָס, חוקר ודורש זיין, דאָס קען הייסן, ווי וויט דאַרף איך זיך פֿאַרבאָרגן און ווי טיף אין דער אדמה אַרייַן מאַכן חובות, וועגן אַזאַ מצווה.

פּרויקע גאָטליב, ווי מ'רופֿט אים שוין, זינט ער איז פֿון ראשון אַרי־בער קיין נתניה. זאָל אַ ראשונער הערן דעם נאָמען, וועט ער ניט וויסן װעמען איר מיינט, פּונקט ווי אַ נתניער וועט אייך פֿרעגן: „ווער איז ער, דער פּרויקע מינדל־העניעס". פּרויקע גאָטליב איז אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר און אַלס אַזעלכער זענען ביי אים די עלנבויגנס שטומפּיקע, איז דערפֿאַר יעדע לירה, וואָס ער ברענגט זיין חיה־שרהן, אַדורכגעווייקט מיטן שווייס זיינעם. פּרויקע האָט אַ טבע אָפּט איבערצוחזרן, אַז ער לויפֿט ניט נאָך דריי „גוטע זאַכן": כבוד, שיינע ווייבלעך און גאָלדענער מטבע. „וואָס מער דו וועסט נאָך זיי זיך יאָגן", זאָגט ער, „מער וועלן זיי פֿון דיר זיך דערווייַ־טערן, טאָ צו וואָס דאַרף איך עס? בעסער מאַכן אַן אָנשטעל, אַז איך בין

צו זיי גלייכגילטיק. דעמאָלט, ווער ווייסט, אפשר... אַז דער בורא אין הימל וויל, קען מען מיט אַ שטעקן דעם ים־סוף אויך שפּאַלטן, אפשר וועלן זיי זיך אַליין צו מיר דערנענטערן, און אויב ניט, איז אויך אַ קליינער אומגליק, איז ניט געטאַנצט מיטן בער. סוף כל סוף דאַרף אַ ייד פאַרשטיין", זאָגט ער, „אַז מיט כבוד לעבט מען ניט און פון אומכבוד שטאַרבט מען ניט, און וואָס איז שייך שיינע ווייבלעך — שטייט אין ערגעץ ניט געשריבן, אַז פון יעדן עפּעלע מוז מען אַ בייס־טאָן און פאַרזוכן, קודם כל ווערן איילּיק די ציין און עס קען נאָך עפּעס ווערן... און וואָס שייך די גרויסע אויגן, וואָס גלוסטן גאָלד און גאָלד, איז שוין כדאי צו וויסן, אַז תכריכים האָבן ניט קיין קעשענעס. איז אויב דער אמת איז אַן אמת, מעג ער זיין אַפילו אַ ביטערער, דאַרף מען אים אַראָפּשלינגען. טאָ צו וואָס־זשע זיך אַזוי אַוועקלייגן און וועלטן איינרייסן? עס לוינט זיך ניט, אומזיסט די טירחה".

פּרויקע גאָטליב קומט דיר תמיד אַקעגן מיט אַ שמייכל אין די אויגן, נאָר ווען דאָס האַרץ אין אים לאָזט אַ טרער, שווענקט ער זי אָפּ, ווערט דאָס לעבן אויף אַ רגע ביי אים אויסגעהוילט פון יעדן אינהאַלט... פּרויקע איז אָבער אַ ייד אַ בעל־חלומות, טראָגט ער זיך אַרום מיט זיינעם אַ חלום און צוליב אים הייבן די אויגן זיינע אָן אויפסניי צו שמייכלען. ניט תמיד איז דער שמייכל זיינער אַ גוטהאַרציקער. ווען עס גריבלט אַ פאַרדראָס אונטערן לעפעלע און רופט ביי אים אַרויס עגמת נפש, דעמאָלט ווערט דאָס שמייכעלע בייסיק, שטעכיק און גאַליק... פּרויקע גאָטליב האַלט ניט פון חסידות, ער איז קיינעמס ניט חסיד. ער טייטשט עס אויס אויף זיין אופן: „אַ מענטש", זאָגט ער, „וועלכער פאַרשטייט, וואָס עס ליגט אינעם אות פּונעם וואָרט און איז מסוגל אויפצונעמען דעם „מיין" און געפינען די חכמה אינעם פּסק — אַזאַ מענטש קען ניט און דאַרף ניט זיין קיין חסיד, מעג דער רבי זיין מיט אַ באָרד און פּאות, צי אַ רבי מיט אַ קורץ געשוירן בערדל, צי אַזוי פּשוט מיט אַ געגאָלטער מאָרדע און אויב ער איז אַ גאון — איז מהיכי תיתא, זאָל אים וויל באַקומען, אַזאַ רבי נייטיקט זיך ניט, איך זאָל אים זיין אַ חסיד, ער קען אַליין זיין שטעטל באַשטיין... אויב אָבער דער רבי איז, ניט דאָ געדאַכט, אַ קליינער למדן און אַ שטיקל עם־הארץ, נאָר ווי דען, ער טויג זיך אויס צו פּראַווען רבנישע טישן און מיט אַלע

פּיטשעווקעס פּירט ער דורך כל מיני שלוש־סעודותן — איז אַזאַ מאכל ניט פאַר מיר, איך וויל ניט זיין קיין בעלן, פאַרלירן צייט און געדולד און דערצו נאָך מיד מאַכן מיינע אויערן זאָלן ניט האָבן וואָס צו הערן און נאַשן שיריים פון אָרעמע טישן. ציבעלעס מיט קנאָבל, צו וואָס טויג עס מיר? ביי מיין טיש קען איך שוין געפינען עפּעס געשמאַקערס״...

פרויקע האָט נאָך אַ טבע פון וועלכער „לייטישע״ יידן האַלטן ניט: ער קען ניט ליידן קיין עוולות. אַ שלעכטע טבע ביי אַ יידן — אומעטום שטופּן די נאָז זיינע ווו מ׳דאַרף און ווו מ׳דאַרף ניט, און ווי אויף צו להכעיס כאַפּט זי אויף, ווי געווינלעך, ניט קיין גוטע ריחות. למשל: באַגעגנט אים אַ ייד, ווי מ׳זאָגט ביי אונדז, פון די „לייטישע״, מר יעקב דיאַמאַנט, אויב ער איז נאָך ניט פון די גאָר אַי־אַי־אַי, ווייל דעם מיזרח האָבן פאַרכאַפּט יידן געקומענע אין לאַנד נאָך פאַר אים, דאָך אַ ייד מיט שטיקלעך און מיט ביסלעך ווירדיקע מעלות: אַ שטיקל יחוס און אַ ביסל תורה, אַ שטיקל נאָמען (ניט פון הי, נאָר פון חוץ לארץ) און אַ ביסל שטי־מונג, אַ שטיקל ותיק און אַ ביסל גאווה, אַ שטיקל מפונק, פאַרליבט אין זיך, אַ שטיקל סנאָב און אַ ביסל מה־יפית און נאָך און נאָך, ס׳איז דען אויס־צורעכענען וויפל אַ מענטש פון העכערע פענצטער פאַרמאָגט? טראָגט ער אים אָקעגן אַ ברייטן „שלום־עליכם״. „עליכם שלום, מר דיאַמאַנט״.

— וואָס טוט אַ ייד? — פרעגט דיאַמאַנט.

— אַ ייד, — ענטפערט פרויקע, — טוט קיינעם קיין שלעכטס ניט, אפילו ווען ער וויל שוין מיט איינעם אַ טרייסל־טאָן.

זייער שיין, — מאַכט דיאַמאַנט — דאָס אַליין איז שוין, דאַכט זיך, אַ גוטע מעלה.

— אויב איר ווילט אַזוי מיינען, איז אייער זאַך, — שאָקלט צו פרויקע מיטן קאָפּ, — אָבער ס׳איז גאָר ניט אַזוי פויגלדיק... קוקט אייך צו צו דער היינטיקער וועלט, ווי זי איז אָנגעשפּיקעוועט מיט ערב־רב, פול מיט געמיינע נפשות, וואָס ווילן און טוען שלעכטס, איז וואָס? באַשטראָפט מען זיי דערפאַר? צווינגט מען, זיי זאָלן ענטפערן פאַר זייערע געמיינע טאָטן? הפקרות!...

— מר גאָטליב, עס לוינט זיך ניט נעמען צום האַרצן און זאָרגן פאַר

אַ וועלט, וואָס שטייט פאַרן אָפּגרונט. נו, זענען דאָ אַזוינע, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט חלומות. ווי גרויס איז די צאָל? זענען זיי דען בכוח איבער־צואַנדערשן די וועלט?

— הם... לאָמיר זאָגן, אַז ס׳איז נאָך ניט אַזוי ווי איר מיינט. אפשר וועלן מיר דעם ענין אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל און דערווייל אַ קוק־טאָן אין אונדזער אייגן וועלטל? האַ? ווי מיינט איר, מיר׳ן האָבן וואָס צו זען?... זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך, וווּהין איז אַנטרינען געוואָרן אייער רבקהלע? עפּעס איז זי גיך אויסגעוואַקסן די צייט, איך מיין זי איז נאָך צו יונג זי זאָל שוין אירע פליגל צעשפּרייטן?!

— זי איז זיך דורכגעפאָרן קיין אַמעריקע צו מײַנעם אַ ברודער, — ענטפערט מר דיאַמאַנט אַ ביסל שעמעוודיק.

— וואָס פּלוצים? ווער נאָך וועמען האָט זיך פאַרבענקט? דער פּעטער נאָך דער פּלימעניצע, אָדער להיפך?

אויף דער דאָזיקער פראַגע איז פון דיאַמאַנטן קיין ענטפער ניט געקומען.

— וועמען איז זי געפאָרן דאָרט זוכן? — קומט אַ צווייטע פראַגע מצד פּרויקען, און ניט באַקומענדיק קיין ענטפער, זעצט ער פאָר. „דאָרטן איז דאָך פון לינקאָלנס אויפטו קיין סימן ניט געבליבן, איז וואָס וועט זי געפינען? ווייסט זי כאָטש, אַז פאַר אַלע מלחמה־פאַרברעכערס און פאַר אַלע רוצחים איז אַמעריקע געוואָרן דער שמאַלצגרוב, כ׳מיין דער מקום־מקלט?

— זי קומט שוין, — מאַכט מר דיאַמאַנט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, דאָ וויל זי חתונה האָבן.

— וואָס־זשע, — ווערט פּרויקע שוין בייז, — ס׳איז שוין קיין בחורים ביי אונדז אין ישראל נישטאָ, און מ׳דאַרף לויפן אַזש קיין אַמעריקע אַ חתן זיך אויפזוכן? אַז ער זאָל איר זאָגן „אַי לאַוו יו“, און זי זאָל אים זאָגן „לא אכפת לי“? אַ ישראלי וועט זיך ניט ערגערן פון אירן אַזאַ ענטפער, ווייל ער אַליין האָט אויך אַזאַ טבע איבערצוחזרן דעם „לא אכפת לי“ סתם אַזוי, אַן אַ פאַרוואָס און אַן אַ פאַרווען, מ׳דאַרף צי מ׳דאַרף ניט, נאָך צוויי ווערטער קומט דאָס דריטע „לא אכפת לי“. אָבער דער אַמעריקאַנער איז

דאָך פרעמדט פון דער „לא אכפת״־פילאָזאָפיע, מיינט איר. ער וועט זיך לאָזן פירן ביי דער נאָז, אַז אַ ישראלין זאָל אים שפּייען אין דער קאַשע?

— מר גאָטליב, — פינטלט דיאַמאַנט מיט די אויגן, — געזונט זאָלט איר מיר זיין, טאַקע דאָס וויל איך אייך זאָגן, אַז דער חתן אירער איז פון חיפה, אַ חיפהער געבוירענער.

— דאָס געפעלט מיר, — צעשמייכלט זיך פרויקע, — צו וואָס־זשע איז זי געפאָרן קיין אַמעריקע?

— איך זאָג דאָך אייך, אַז דאָרטן האָט זי זיך מיט אים באַגעגנט.

— דאָס איז שוין גאָר שיין, — גלעט זיך פרויקע דאָס קורץ־אונטער־געשוירענע בערדל. — הייסט עס, זי האָט דאָרטן אויפגעזוכט אַ סאַברע, געכאַפּט אים ביים הענטעלע און אים אַריינגעזאָגט ווי מ׳דאַרף אַזוינע חברהלייט אַריינזאָגן: אַ היים, גענוג זיך געוואַלגערט אין דער פרעמד... ס׳איז באַקוועמער צו עסן פון אַ קליין טעלערל ביי זיך אין דער היים, איידער לעקן פון אַ גרויסן טעלער אין דער פרעמד״. אַזוי האָט זי אַוודאי אים אַריינגעזאָגט, האַ? הייסט עס צוויי הי געבוירענע האָבן זיך דאָרטן געפונען און אַ נעם געטאָן ביי די הענט און קומען אַהיים. שיין, זייער שיין! ווי זאָגן זיי, אונדזערע גאונים, „יוצא מן הכלל״.

— אמת, — פאַרפאַרט דיאַמאַנט פרויקען אין זיין עקסטאַז, — איר האָט אַוודאי רעכט... אָבער... — דאָ קען דיאַמאַנט ניט אַרויסזאָגן דעם „אָבער״, ווי אַ ביינדל האָט זיך אים אין גאָרגל געשטעלט פאָפּעריק.

— נו, זאָגט שוין, — טאָרעט גאָטליב דיאַמאַנטן אומגעדולדיק ביים לאַץ פונעם אויבערראָק, — מיט וואָס וואָרגט איר זיך, דער גוטער יאָר ווייסט אייך, אפשר מיט אייער טאָכטערס חכמה

— אָ..ב..ע...ר, — פאַרהיקעט זיך דיאַמאַנט, — זיי קומען אַהער נאָך חתונה האָבן.

— און דערנאָך?

— דערנאָך פאָרן זיי צוריק, — האָט מר דיאַמאַנט אַ פאַרשעמטער אַרויסגעזאָגט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

דער ענטפער איז אין פרויקעס האַרצן אַריין ווי אַ שאַרף מעסער. דאָס גוטהאַרציקע שמייכעלע אין זיינע אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן, די ציין

גראַבן זיך איין אין זיין הינטערשטער ליפּ, ווי ער וויל דערמיט שטילן דעם ווייטיק אין האַרצן. אויף אַ רגע האָט זיך צווישן זיי אַראָפּגעלאָזט אַ טויטע שטילקייט, דאַן האָט זיך אין די ווינקלען פון פּרויקעס מויל באַוויזן אַ שמייכעלע, בעת די פויסטן ביי אים עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך. ער ווייסט ניט וויאַזוי ער זאָל אַזאַ טאַטן וויי־טאָן: מיט די פויסטן איבער זיין פּנים, צי אַריינשפּייען אים צווישן די אויגן, צי מיט אַ פּאַסיק וואָרט אַ שטאָך־טאָן אין האַרצן זיינעם. אָבער ווי נעמט מען אַזאַ וואָרט טראַכט ער זיך

— זעסטו, בהמה, — האָט פּרויקע ווי אַ קריץ־געטאָן מיט די ציין, און אַריבער מיט דיאַמאַנטן אויף „דו" — אויפן נאָמען דיך אָנרופן ביסטו ניט ווערט, אַן עבירה וואָס דו טראָגסט אַ יידישן נאָמען. אָט דערפאַר, דערפאַר האָבן מיר צוויי טויזנט יאָר קיין היים ניט געהאַט, וווהין אַוועקלייגן דעם קאָפּ!

— ערגערט אייך ניט, מר פּרויקע, — פּרוּווט דיאַמאַנט אים באַרויקן, די טאָכטער מיינע טוט דאָרטן אויף גרויסע זאַכן פאַר אונדזער מדינה, פאַרן קיום פון יידנטום. ווי איר ווייסט, איז זי אַ לערערין, זי לערנט דאָרט יידישע קינדער העברעאיש. איר קלאָגט דאָך, מר גאָטליב, אויפן פאַרשניטענעם יידנטום, טאָ דאַרף מען כאָטש אויפהאַלטן דאָס פאַרבלי־בענע, עס זאָל ניט גיין צו גרונט.

— אויב אין דעם באַשטייט די רעטונג, וואָס סאַבּרעס מעגן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און פאַרן זוכן, דער רוח ווייסט, וועמען צו לערנען העברעאיש, איז ווי צו אַזאַ רעטונג און ווי איז דעם מוח, וואָס דענקט אַזוי, און נאָך מער ווי איז דעם האַרץ, וואָס פילט אַזוי. לויט אַזאַ בהמהשן שכל וואָלטן באַדאַרפט די צוויי מיליאָן ישראלים זיך אַ לאָז־טאָן אויף דער יידישער צעשפּרייטקייט. פע, איך שעם זיך! — פּרויקע האָט אַ שפּיי געטאָן אין דיאַמאַנטס ריכטונג און אָן אַ זיי־געזונט איז ער אַוועק מיט אַ האַרץ, וואָס האָט געזאָטן ווי אין אַ קעסל קאָכיק שטאָל.

*

— ווידער איז ער מיר שוין אַהיים געקומען אַ אָפּגעקאָכטער. וואָס איז געשען? דער חשבון שטימט ניט? צופיל מאָנט מען ביי דיר? איך האָב

דאָך דיר געזאָגט, שלימזל מיינער, אַז מ'מוז זיך געבן אַ קניפּ, מוז מען. — זאָגט חיה־שרה מיט איראָניע פּרויקען אין די אויגן אַריין, — דו לויבסט זיך תמיד, אַז דו ביסט ניט פון יענע, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר אַ גראָשן, טאָ וואָס־זשע מאַכסטו איצט אַזאַ זויערע צורה?

— וואָס וואָלסטו געוואָלט, נשמה טייערע, — בייזערט זיך פּרויקע, — דו זאָלסט מיך צורו לאָזן. נאָר וואָס אַ שפּיי געטאָן אויף אַ בהמה אין הויזן, אַז איצטער זאָל זי אַרויס פאַר מיר אין אַ קלײדל. האָסטו געזען אַזאַ אַנשי־קעניש? דו זוכסט נאָר דאָס טירל וויאַזוי זיך אַריינשפּאַצירן אין די גרויסע פענצטער. מיר חידושט נאָר איין זאַך: אַזאַ קליינע נאָז זאָל פאַרשטעלן אַזוינע גרויסע אויגן און דו זאָלסט קיין שענערס ניט זען!...

— קוק אים נאָר אָן, איך בעט דיך, ווי ער פליט אין די הימלען, געראָ־טענער מיינער, מיינסט אַוודאי, אַז דיינע וועגן ווילן דיך פירן אין דער אייביקייט?!

— איך מיין ניט און קיין מאָל ניט אָנגעהויבן צו מיינען, אַז מיינע וועגן דאַרפן מיך פירן ווהין? נאַ דיר גאָר אייביקייט, שמייביקייט. וועל־כער שוטה גלייבט אין דעם?־ והשנית, זיי רואיק, דער חשבון קומט מיר דווקא יאָ אַרויס, צי איך וויל יאָ, צי איך וויל ניט — מוז ער אַרויסקומען גוט, כדי נושא חן זיין אין דיינע אויגן. איך האָב עפּעס אַן אַנדערע ברירה? ס'מוז דאָך זיין ווי דו ווילסט!

— וואָס־זשע איז דאָך געשען? — טרעט חיה־שרה ניט אָפּ.

— ווייס איך, וואָס עס קען געשען ביי אונדז יידן — מאַכט פּרויקע מיט עקל אַוועק מיט דער האַנט, — אַוודאי וואָלט פיל שענער געווען פאַר לייטן און נאָך מער געזונטער פאַר אונדז, ווען מ'באַציט זיך ערנסטער און מיט מער ליבן צו איר.

— צו וועמען? — שלאָגט חיה־שרה אים איבער אַ דערשראָקענע.

— שרעק דיך ניט, ניט צו דיר, צו עפּעס טייערערס — צו אונדזער היימלאַנד. וואָס וואָלסטו געוואָלט זאָלסט מיך צורו לאָזן? האַ? עס טרעפט זיך אַ ייד איז אין אַ שלעכטער שטימונג, טאָ וואָס דאַרף מען אים אַזויפיל מוטשען? מיינסט אפשר, אַז ער וועט ניט קענען אַראָפּלאָזן אין מאָגן דאָס

ראָסל־פּליישעלע דיינס, וואָס לאָזט זיך הערן אויף צען מייל? און צי אַ שלעכטע שטימונג וועט דעם ניט לאָזן עס פֿאַרדייען?

זיצנדיק ביים טיש אַזוי שטיל, נאָר וואָס די ציינער אַרבעטן אין אַלע ריכטונגען, רייבנדיק דאָס פֿלייש, וואָס איז אַרויס ווי תמיד, נישט אויסגעקאָכט. אַלע ביים טיש שווייגן, ניט מחמת זיי זענען צווישן זיך ברוגז, נאָר ווייל זיי זענען פֿאַרטיפֿט אין זייערע מחשבות. חיה־שרה טראַכט, ווי אַזוי וועט אויסזען דער סאַלאָן, פֿונעם קלייד, וואָס זי האָט ספּעציעל באַשטעלט ביים שניידער צו דער בר־מיצווה. מ׳דאַרף, טראַכט זי, צופֿאַרבן די האָר און זיי פֿאַרקעמען לויט דער איצטיקער מאָדע — אין דער הייך. זי טראַכט אויך וועגן די איינגעלאַדענע געסט און צי אַלע וועלן קומען, מסתמא וועלן אייניקע דרייען מיט די נעזער — נישט אָנשטיין דער יחוס. אָט די אַלע מיוחסים ליגן ביי איר אונטערן האַרץ און נאַגן עס, ווי זיי קענען מיט זייערע שאַרפֿע אַריסטאָקראַטישע ציינער... ביי פּרויקען איז גאָר אַ קאַשע אין קאָפּ: ער טראַכט וועגן די סאַברעס, וואָס פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און פֿאַרן זוכן דער רוח ווייסט וועמען; ער טראַכט וועגן אַזוינע בהמות, ווי די־אַמאַנטן, וואָס מעלה־גרהן אָן אויפֿהער אַלע זייערע יאָרן, און זענען ניט מסוגל אַריינצומעלהגרהן אַ ביסל ליבע צו זייער היימלאַנד. דאָ מישן זיך אַריין טויזנטער וועקסעלעך מיט הונדערטער געסט, מיט, מיט... ביז די קאַשע הייבט זיך אָן דרייען און פֿאַרדרייט אים דעם מוח, אַזוי כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ געשטיקטן אָטעם פֿון אַ שווערן קאָשמאַר:

— חיה־שרה, איך בעט דיך, זוך ערגעץ אויס אַ יידיש לידל. פּרווו געפֿינען וואַרשע.

— ס׳איז דאָך אָפּן „קול ישראל“.

— פֿון „קול ישראל“ קען מען הערן פֿאָלקס־לידער פֿון דער גאַרער וועלט, פֿון אַלע פֿעלקער, נאָר ניט יידיש. מיט דעם שטיפֿקינד שעמט מען זיך. זוך, איך בעט דיך, איך פֿיל, אַז איך דאַרף הערן אַ יידיש לידעלע. שרהקעלע, וואָס וואָלט געווען ווען דו זאָלסט מיר זינגען?! אין דיין טאַטנס שטוב האָט מען דאָך אַלע יידישע לידער אויסגעזונגען.

שלמהלע רייסט אָפּ אויף אַ רגע די אויגן זיינע פֿון בוך, וואָס ער האַלט אין איין האַנט און מיט דער צווייטער שטעכט ער דעם טעלער

מיטן גאָפּל, אַרויפנעמענדיק שטיקלעך פלייש, וואָס ער טראָגט צו צום מויל. זיינע שמייכלענדיקע בליקן האָבן פּרויקען אויפגעפרישט, און ער פילט ווי עס ווערט אים לייכטער דער אָטעם, און ווי עפּעס איז אים פון האַרצן אַראָפּגעפאַלן.

שלמהלע גאָטליב איז אַ גוטער תּלמיד, נאָר ביי אונדז איז דער בן־יחיד אַ קליינער חריפות. גוטע תּלמידים זענען ברוך השם ביי אונדז דאָ ניט צום פאַרזינדיקן, אויף אַלע וועגן און שטעגן. און ווו זענען זיי ניטאָ? אין יעדער שול, סיי אין שטאָט, סיי אין דאָרף, באַגעגענען מיר זיי. שלמהלע איז פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, דערפאַר טרעפט זיך אָפט, ווען אַ געדאַנק רייסט איבער דעם פאָדעם פון דעם סיפּור־המעשה אין בוך, מוז ער זיך אומקערן צו די פריערדיקע שורות, כּדי אויפסנייַ אָנקניפּן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם און וויאַזוי זאָל ער רואיק לייענען, אַז ביים טיש דריקן אַלע אויס איין געדאַנק? איז שטעקט ער זיך אָן און טראַכט מיט. צו דעם געדאַנק וועגן דער בר־מיצווה, קומט ביי אים אונטער נאָך איינער, וואָס ער האָט מיט דער צייט פאַרטראַכט: — וויאַזוי אַרויסהעלפן אַ חבר זיינעם, וועמענס עלטערן זענען אָרעם ווי די נאַכט, און ער, בנימין, דער חבר זיינער, ליגט מיט צוויי געליימטע פיס און די הענט זיינע זענען שוין נישט בכּוח צו טראָגן דעם גוף זיינעם אַרויס אויף דער גאַס. איז בנימינס טרוים געוואָרן אויך זיינער...

פּרויקע גאָטליב איז שוין פאַרטיק מיט דער רשימה פון די געסט, וואָס וועלן איינגעלאַדן ווערן, און ער ווייסט שוין גענוי, מיט וואָס די שמחה שמעקט. און אויב ער איז ניט מסכּים מיט חיה־שרהן, וואָגט ער דען פאַר־קלענערן דאָס צעטל, צי ענדערן, אָדער חלילה אויסמעקן אַ נאָמען? אין דער אמתן, וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב שלום בית?

— נו זונעניו, — גייט פּרויקע מיט דער האַנט איבער שלמהס קאָפּ, — ריכט זיך, מיין קינד, אָט זענען מיר שוין אַריין אין דעם חודש, ווען מיר'ן אם ירצה השם פראַווען דיין בר־מיצווה.

— טאַטע!

— וואָס, קינד מיינס?

— איך האָב צו דיר אַ בקשה.

— לאָמיר הערן.

— זאָג, וועסט מיר ניט אָפּזאָגן?

— אויב עס איז נאָר אין מיינע כוחות.

— יאָ. איך בין זיכער.

— זאָג.

— קודם גיב מיר דיין וואָרט.

— וויאַזוי? סתם אין דער וועלט אַריין געבן אַ וואָרט, נישט ווייסנדיק פריער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

— יאָ נישט ווייסנדיק פריער.

— איז דען דאָס מעגלעך?

— אוממעגלעכס וועל איך ביי דיר ניט בעטן.

פרויקע קוקט דעם זון זיינעם אַריין אין זיינע ערלעכע קינדערשע אויגן:

— נו, זאָג שוין, לאָמיך שוין הערן.

— טאַטע, איך וויל...

— אַ שטייגער?

— דו זאָלסט מיין בר־מיצווה פּראַוועון ביי אונדז אין שטוב און איינלאַדן זאָלסטו דיינע און דער מאַמעס נאָענטע קרובים. איך וויל ס׳זאָל זיין אַן סאַלאָנען און אָן הונדערטער געסט. טוב? איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט באָרגן און זיך פאַרזעצן. ווער ווייסט וויפל יאָרן דו וועסט דאַרפן צאָלן און צאָלן און קיין מאָל זיך ניט אָפּצאָלן?

— עס איז ניט דיין זאַך, — האָט חיה־שרה אַ יעכץ געטאָן, — און דו האָסט ניט וואָס זיך אַריינצומישן אין אונדזערע געשעפטן!

— באַרואיק דיך חיה־שרהקע! מיט וואָס האָט דאָס קינד חוטא בעגל געווען פאַר דיר, זאָלסט אים אַזוי באַפאַלן? ער האָט אַרויסגעזאָגט ניט מער ווי זיין מיינונג, איז וואָס? דאַרף מען זיך אַזוי אויפרעגן?

— וואָס וועט די וועלט זאָגן? נאָך אַ מאָל „נעבעך". אַ בראָך צו מיינע יאָרן!

— וואָס וועט זי זאָגן? דו מיינסט, אַז די וועלט האָט טאַקע ניט קיין אַנדערע דאגות, נאָר דיר צושניידן אַ „נעבעך", נאָר דיך אין זינען האָבן?

— איך מיין, מיין וועלט, — פּיסקלט חיה־שרה און וואַרפט בייזע בליקן אויף איר זינדל.

— שאַ, באַרואיק זיך! עס לוינט זיך ניט נעמען צום האַרץ. קיינעם, אַבסאָלוט קיינעם, דאַרט ניט דער קאָפּ פאַר דיר. יעדער האָט זיך זיין אייגן פּעקל צרות און יעדער פרייט זיך נאָר מיט זיין אייגענער פרייד, טאָ וועמען וועט זיך לייגן אַ „נעבעך" אויפן האַרצן פאַר דיר, צו וועמען וועט הנאה טאָן, ווען דו וועסט זיך פרייען, בהמה מיינע? דער בחור אונדזערער האָט בפירוש רעכט, אַזאַ יאָר אויף זיין טאַטן וואָס פאַר אַ זון ער וואַקסט אויס.

— מעגסט זיך ווינטשן בעסערע יאָרן, חכם מיינער.

— דאָס איז גאָר, שלמהלע? — פרעגט פרויקע דעם זון זיינעם.

— הם... הם... הם... — שאָקלט שלמהלע מיטן קאָפּ און קלערט וויאַזוי צוצוטרעטן צו דער צווייטער טייל פון זיין בקשה.

— נו, וועגן אַ מתנה צו דיין געבורטס־טאָג האָסטו ניט געטראַכט?

— וואָס הייסט „ניט געטראַכט"? נאָך וויאַזוי געטראַכט און פון ווען, אויב דו ווילסט, טאַטע?

— אַוודאי וויל איך און די מאַמע וויל אויך. וואָס הייסט ניט וועלן? זי גייט אַריין אין חשבון, דאָס הייסט, אַרום איר דרייען זיך די איבעריקע הוצאות.

— איז ווען?

— אַפילו היינט.

*

פרויקע קען ניט פאַרשטיין ווהין דער זון פירט אים אַלץ אַרום. ער איז גאָר ניט קיין היימישער אין דער געגנט. ער האָט גאָר ניט געוווסט, אַז אין תל־אביב זענען דאָ אַזוינע פאַרדרייטע געסלעך און ליקלעך אַרום הערצל־גאַס. אָט גייען זיי רעכטס, פאַרקערעווען דערנאָך אויף לינקס, אַז מ׳זאָל נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל פאַרדרייען רעכטס און לינקס, אַזוי בלי סוף האָט זיך אים געדאַכט, ווען אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן טומלען. און בּועלן ביים זון וואָס פאַר אַ מתנה דאַרף ער אים קויפן, דאָס ניט. אַלע זיינע באַמיאונגען בלייבן אָן רעזולטאַט.

— טאַטע, ווי פילסטו זיך אויף אַט דער דאָזיקער גאַס? — פרעגט שלמהלע.

— אַקעגן וואָס פרעגסטו?

— פשוט. ווו איז בעסער, אין שטוב צי אין גאַס?

— עס איז אָפּהענגיק פונעם וועטער.

— נו, אַ שטייגער אין אַזאַ טאָג ווי היינט, אַ פרילינג־טאָג, צי אין אַ טאָג, ווען דער הימל איז אויסגעלייטערט און אונטער זיינע הייכן אָטעמסטו פריי, און דער פויגל מיט זיין געזאַנג רופט דאָס קינד אַרויס אין גאַס.

— דערפאַר קווטשען זיי אַזוי, דעם פויגלס געזאַנג איבערצושרייען?

— טאַטע, ווייסטו כאָטש, אַז ס׳זענען פאַראַן קינדער, וואָס הערן דעם פויגלס רוף, נאָר זיי קענען אים ניט נאָכפאָלגן?

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— זיי האָבן ניט נאָר מיט וואָס מיטצולויפן, נאָר אַפילו מיט וואָס מיטצוגיין...

פרויקע האָט שלמהן נישט פאַרשטאַנען, האָט ער אים געלאָזט אָן אַן ענטפער. אַלע פאַטשיילעכלעך אין קעשענע ביי אים זענען אויף אויסצודרייען פונעם שוויס, וואָס האָט אים באַגאָסן. „עפּעס אַן אָפּקומעניש", טראַכט ער און גייט. באַלד איז צום גייעניש אויך אַ סוף געקומען, ווי אויך צו זיין נייגיריקייט. שלמהלע איז אַריין אין אַ קלייט, און פרויקע נאָך אים. אַט ווייסט ער און זעט שוין די מתנה, וואָס דאַרף, לויטן מינהג, אַ בר־מצווהניק קויפן. וועליסאָפּעדן. צו וואָס־זשע אַזאַ סוד? טראַכט ער, אָבער פאַרנעפּלען זיך ווייטער ביי אים די געדאַנקען, ווען שלמהלע שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ וועגעלע, וואָס שטייט אויף צוויי גרויסע גומענע רעדער און פאַרנט ווי אַ פּוס־בענקעלע הענגט אין דער לופטן.

— טאַטע, — ווענדט זיך שלמהלע צום פאָטער, — קוק, דאָס איז די מתנה, וואָס איך וויל זאָלסט מיר קויפן.

פרויקע איז געבליבן שטיין, ווי צעמישט. טראָפּנס שוויס זענען ווידער אַרויס אויפן שטערן זיינעם. ער וויל עפענען דאָס מויל אַ פרעג צו טאָן, צו וואָס דאַרף ער עס? דאָס איז דאָך, טראַכט ער, אַ וואָגן פאַר אַ קאַליקע. אָבער דאָס מויל זיינס עפנט זיך ניט. ער פרעגט אים מיט די בליקן און

שלמהלע ענטפערט אים מיט אַ שמייכל און ווינקט מיט זיינע אויגן — ער זאָל באַשטעטיקן זיין אויסקלייב.

— נ... אָ... — פאַרהיקעט זיך פרויקע, — איך הייב ניט אָן צו פאַר־שטיין. צו וואָס, צו וואָס דאַרפסטו עס ? ביסט חלילה ניט אַראָפּ פון זינען, קינד מיינס ?

— ניין, טאַטע, ניט פאַר מיר דאַרף איך עס.

— פאַר וועמען דען ?

— פאַר מיין חבר. אויך ביי אים איז אין היינטיקן חודש זיין בר־מיצווה.

— וועמען מיינסטו ?

— בנימינען מיין איך !

— דער געליימטער אויף די פיס ?

שלמהלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ". פרויקע הייבט אָן שמייכלען בעת ער טראַכט : „אַזאַ יאָר אויף דיין טאַטן".

— און פאַר דיר ? איך וויל דאָך ד י ר קויפן אַ מתנה.

— דאָס איז די מתנה, וואָס דו וועסט מיר קויפן. איך דאַרף ניט און וויל ניט קיין אַנדערע.

— און די מאַמע דיינע וואָס וועט זאָגן ?

— די מאַמע ? וואָס קען אַ מאַמע זאָגן. ווייסטו וואָס, טאַטע, זאָל זי פאַר דיר זאָגן : — ברוך שפטרני...

אינהאַלט

ערשטער טייל

נעכטן

פראַגמענטן פון ראָמאַן „ביים פרוט״:	זייט
א.	7
ב.	12
ג.	18
ד.	24
ה.	31
דריי באַגעגענישן	
„ „ — די ערשטע	42
„ „ — די צווייטע	60
„ „ — די דריטע	68

צווייטער טייל

הייַנט

געמלט	87
אַ טאָג אין קופּת חולים	98
צו אַ פריינט	112
אויס גלות	120
אַ פאַרלוירענע מצווה	132
לשם שמים	136
צו וואָס דאַרף מען זיי	142
וועמענס אייניקל?	150
ווו נעמט מען אַ מיטל	164
וויאַזוי ווערט געבוירן אַ ליד?	168
ווי אַנדערש	184
בר־מצווה	251

ביכער פון זעלבן מחבר:

טונקל און ליכט (לידער), בוקאַרעשט 1948.

אויפן וועג (לידער), בוקאַרעשט 1950.

שפּורן (לידער), תל־אביב 1958.

לידער, תל־אביב 1962.